This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

2

1980

היימלאַנד

לייענט אינעם נומ. 3
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

צום 110־טן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין

י א. ג אָ ר ע ל י ק. אלפאַלקישע ליבע (לויט די בריוו צו לענינען).

וו. ק א מ י נ ס ק א י א, וו. י א ק י מ ע נ ק אָ. קעמפער פון דער לענינישער גווארדיע.

■

ווערק פון אויסלענדישע פּראָגרעסיווע ייִדישע שרײַבער

ד. ס ע ל צ ע ר (פשא). זילבערנע סאזשלקעס. ל י ד ע ר פון ע. רימער (בוענאָס־אײַרעס), ס. ליפּצין (ניו־יאָרק), ד. טייטעלבוים (פּאריזש), כ. שווארץ (לאָס־אנזשעלעס), ל. מילער (פּאריזש).

■

מ. ל ע ו ו. דער מישפּעט נאָכן אורטייל (ראָמאן).

לידער פון א. גאָנטאר, מ. מאָגילעוויטש.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון סססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

2

פעווראַל

1980

אינהאַלט

צום 110־טן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין

אזריעל ליבערמאַן. אין טאַווריִשן פּאַלאַץ . 3
רעוועקאַ נעמיראָווסקאַיאַ. איינער פון לע־ נינס גוואַרדיע 6

פאַרצייכענונגען וועגן מענטשן, זייער גורל און זייער צײַט. וועלוול ווערניק. שאָלעם לעוויט — דער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדיסט; פ. קאַגאַן, א. ראַבי־ נאָוויטש. טאָמיד אויף דער פאָדערשטער ליניע . 17
לעווקאָ פּאָמיאַנסקי. זון־בליקן (רעפּאָרטאַזש) 23
בראָכע און אַרן בורשטיין. כּימוניִע דער סאָלדאַט 28
ריווע באַליאַסנע (צום 70־טן געבורטסטאָג). אָפּשײַן פון זון און הימל (לידער) 41
געדאַליע קאָסאָי. מאַכלויקעס (דערציילונג). צייכענונגען פון נ. קאַפּראַנאָווא 44
טעוויע גען. די אַלטע שאַפע (דערציילונג) . . 70
אידע שולקינאַ. דרײַ נאָוועלן 78
מענדל ליפשיץ. ערד, מײַן מוטער (לידער) . 82

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס (מ. ליטוואַקאָוו, א. קושניראָוו, פּ. בינעצקי)

מוישע ליטוואַקאָוו. וועגן דעם ראָמאַן „נאָך אַלעמען" 85
אַרן קושניראָוו. פון די מילכאָמע־פאַרצייכע־ נונגען 86
פּייסעך בינעצקי. אויסדויער (לידער) . . . 91
פּובליציסטיק. נ. סלעפּאָוו. אין קאַמף פאַר שאָלעם, דעמאָקראַטיע און סאָציאַלן פּראָגרעס (צום 60־יאָריקן יובילעי פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִס־ ראָעל) 94
אַרן ווערגעליס. אין פּופצן יאָר אַרום (סאָף). . 101

ליטעראַטור־קריטיק, ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק. בלעטערנדיק דעם זשורנאַל „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" 114
געפונענע מאַנוסקריפּטן. נאָכעם אויסלענדער. יוגנט, יוגנט! ווי א שפּילנדיקע וועל 118
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. א. קאַנטאָר. דער קינסטלער אַלעקסאַנדער דובינטשיק 148
אונדזערע אויסלענדישע פרײַנט. טוישעווים פון ייִסראָעל 152
ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָ־ וועטיש היימלאַנד". א ריי אויף אויסשרייבן דעם זשור־ נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" 154
כראָניק 156, 158
דאָס איז טשיקאַווע. שאָלעם־אַלייכעמס עקסליבריס . 157
מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָ־ וועטישער ליטעראַטור 159
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 161, 162 163
פונעם פאָלקס־אוצער. שלאָף מײַן קינד, איך וועל דיך וויגן 164
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן.

צום 110־טן געבוירנטאָג פֿון וו. אי. לענין

אזריעל ליבערמאַן

אין טאַווריטשן פּאַלאַץ

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון יאַנוואַר 1918 (לויטן אַלטן סטיל) בין איך צופֿעליק געקומען פֿון אוקראַיִנע קיין פּעטראָגראַד. דאָ האָט מיר, דעמלט א יונגן זשורנאַליסט — א מיטאַרבעטער פֿון דער פּרעסע־ביוראָ באַם ראַט פֿון די פֿאָלקסקאָמיסאַרן, אָפּגעגליקט בײַצוזײַן אויף די זיצונגען פֿון דעם 3־טן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די אַרבעטער־פּויערישע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן און פֿיל מאָל זען און הערן דעם גענ‍יאַלן שעפֿער פֿון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, דעם גרינדער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פֿון דער סאָוועטישער מלוכה.

מיך האָט די פּרעסע־ביוראָ קאָמאַנדירט אויף דער זיצונג פֿונעם 3־טן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן מיט אַן אויפֿטראָג צו פֿאַרנאָטירן די רעדע פֿון וו. אי. לענינען. איך האָב, געוויינלעך, געלעכצט וואָס גיכער קומען אין טאַווריטשן פּאַלאַץ — כ׳בין ניט געגאַנגען, נאָר ממש געלאָפֿן אַהין: עפּעס א קלייניקייט — זען און הערן לענינען!

געקומען בין איך אין טאַווריטשן פּאַלאַץ באַצײַטנס — א סך פֿריִער פֿאַרן אָנהייב פֿון דער זיצונג. באַקומען אַן אַרײַנגאַנגס־שײַן פֿון די הענט פֿונעם קאָמענדאַנט פֿון טאַווריטשן פּאַלאַץ מאַיִסיי סאָלאָמאָנאָוויטש אוריצקי אין זײַן קוואַדראַטן קאַבינעטל, בין איך אָן שום מעניִעס אַרײַן אַהין, וווּ כ׳האָב פֿריִער אַריבערטרעטן די שוועל אַפֿילו טרוימען ניט געקאָנט. דער גרויסער זאַל איז געווען איבערפֿולט — אַלע ערטער זײַנען שוין געווען פֿאַרנומען. פֿיל מענטשן זײַנען געשטאַנען אין די דורכגאַנגען צווישן די רייען, אויף די דעפּוטאַטישע ערטער זײַנען געזעסן די אויסדערוויילטע פֿונעם האָרעפּאַשנעם פֿאָלק — די, וועלכע האָבן נאָך מיט א כּוידעש צוריק ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַפֿילו דורכגיין דורך דעם אײַזערנעם טויערל פֿונעם סקווערל לעם פּאַלאַץ. אויף די גאַלערייעס זיצן זייערע ווײַלער — אַרבעטער און פּויערים, אָנגעטאָנענע אין סאָלדאַטישע קליידער. איך בין געזעסן אין דער זשורנאַליסטן־לאָזשע, נאָענט צו דער טריבונע, און האָב דעריבער גוט געזען סײַ די רעדנער, סײַ די צוהערער.

פֿאַרנומען מײַן אָרט, האָב איך טייקעף אוועקגעלייגט פֿאַר זיך אויפֿן פּיופּיטער דעם בלאָקנאָט מיטן בלײַער, נאָר ביז עפּעס־וואָס אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם זאַל, די מענטשן און אַרײַנגעטאָן זיך אין קאָלערליי מחשבֿות.

פּלוצעם זײַנען מײַנע געדאַנקען איבערגעריסן געוואָרן — עס דונערן אָוואַציעס. דאָס האָט זיך באַוויזן לענין. זייער לאַנג האָט ער ניט געקאָנט אָנהייבן רעדן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עס ציטערן די ווענט. נאָך סאָפּקאָלסאָף איז געוואָרן שטיל, און ס׳האָט זיך דערהערט די ניט הויכע, נאָר דײַטלעכע לענינס שטים.

איך האָב ווי א פֿאַרקישעפֿטער געקוקט אויף זײַן געזיכט, אויף דער פֿיגור, אויף די זשעסטן. אין דער ערשטער מינוט האָב איך א טראַכט געטאָן: ס׳איז דאָך א פּאָשעטער מענטש, ענלעך אויף א סך אַנדערע! דערנאָך האָב איך גענומען נאָכשפּירן, וויאַזוי דער אוילעם רעאַגירט אויף דער באַגעגעניש מיט אים. אַזעלכס האָב איך ביז דאַן ניט געזען!

איך האָב פֿאַרגעסן וועגן אַלץ אין דער וועלט — כ׳האָב געהערט לענינען. פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון זײַן אַרויסטרעטונג האָב איך קימאַט זיך ניט צוגערירט צום בלאָקנאָט און צום בלײַער, וועלכע זײַנען געלעגן פֿאַר די אויגן אויפֿן פּיופּיטער. ס׳איז מיר ניט געקומען אויפֿן גע-

דאנק אזא „קלייניקייט״ — אז איך בין דאָ ניט גלאַט אַ צוהערער, אַז אַף מיר ליגט אַ פליכט פאַרנאָטירן לענינס רעדע. לענין האָט געפאַנגען די הערצער און געדאַנקען פון אַלע בײַוועזנדע.

מײַן פאַרגעבונג איז פאַרבליבן ניט אויסגעפּילט. קיין כּאַראַטע האָב איך ניט געהאַט, ניט דעמלט, ניט איצט.

ווען די צוהערער וואָלטן ניט געזען דעם ריידנדיקן לענינען, וואָלט זיך זיי געקאָנט דאַכטן, אַז ער לייענט אַ פאַרשריבענע אַף פּאַפּיר רעדע, אַזוי גלאַט איז געווען זײַן אַרויסרעדונג אָן אַ שום טאָעסל, אָן אַ שום שטרויכלונג.

לענין האָט זיך ניט באַנוצט מיט טעאַטראַלע עפעקטן, ניט אַרויסגעוויזן אפילו אָן אָנדײַט אַף דעם, וואָס ס׳רופט זיך פּאָזע. מיר דוכט, אַז פּראָסטקײַט איז געווען די איקערדיקע אייגנשאַפט פון זײַן אומפאַרגלײַכלעכן אָראַטאָרישן טאַלאַנט.

לענין איז געשטאַנען ניט בײַ דער טריבונע לעבן דעם טיש פונעם פּרעזידיום, נאָר עטוואָס רעכטס (אויב קוקן פון דעם אַרײַנגאַנג אין זאַל), אין די הענט האָט ער געהאַלטן טעזיסן. פון מאָל צו מאָל אַרײַנגעקוקט אין זיי. גערעדט האָט ער רויִק, נאָר מיט געפיל. דערבײַ איז ער די גאַנצע צײַט געווען אין באַוועגונג. זייער אָפט איז אים אויסגעקומען איבעררײַסן די רעדע מאַכמעס די אַפּלאָדיסמענטן.

ביכלאַל בייס זײַנע רעדעס פלעגט לענין קוקן אַף די צוהערער, און יעדן האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז גראָד צו אים זײַנען געווענדט די רייד. צוליב גרעסערער איבערצײַגעוודיקײַט פלעגט לענין אָפט צו אַ סובסטאַנטיוו צוגעבן צוויי־דרײַ און צומאָל אפילו פיר אַדיעקטיוון. דאָס פלעגט מאַכן ביז גאָר אָנשוילעך די זאַך אָדער די דערשײַנונג, וועלכע לענין האָט באַטראַכט אין געגעבענעם מאָמענט. ווען ס׳איז אויסגעקומען, לעמאָשל, דיסקוטירן אַרום דער פּראַגע וועגן בריסקער שאָלעם, אַף וועלכן די יונגע ראַטן־מעלוכע איז געווען געצוווּנגען מאַסכּים צו זײַן, קעדיי איבערכאַפּן דעם אָטעם, האָט לענין געזאָגט: „... אונדזער רעוואָליוציאָנערער כּיווּן איז אונטערשרײַבן כאָטש אָן אומגליקלעכן, אָן אַרכישווערן שאָלעם״, און דעם צוהערער איז געוואָרן קלאָר, ווי שווער און טרויעריק איז אָט דער שאָלעם־אָפּמאַך. דערבײַ האָט לענין דערקלערט, וואָס אַזוינס עס איז די רעוואָליוציע. ער האָט געזאָגט: „די רעוואָליוציע איז אַ קלוגע, שווערע און קאָמפּליצירטע וויסנשאַפט״. ווען ס׳איז געגאַנגען אַ רייד וועגן דעם גורל פון טאַלאַנטן בײַסן צאַרישן רעזשים, האָט וולאַדימיר איליטש געזאָגט, אַז זיי האָט דער קאַפּיטאַליזם געדריקט, געקוועטשט און געוואָרגן טויזנטערווײַז און מיליאָנענווײַז. דאָ האָט ער אויסגענוצט איינס נאָכן צווייטן דרײַ ווערבן, און דאָס האָט פאַרשטאַרקט די אָפּווירקונג פון זײַנע ווערטער, די צוהערער האָבן מאַמעש פּיזיש דערפילט, וואָס פאַראַ צאָרעס עס האָבן געליטן די פאָלקס־טאַלאַנטן אין דער צײַט פונעם צאַריזם, וועלכן מע האָט אָקאָרשט אַרויסגעוואָרפן אינעם היסטאָרישן מיסטקאַסטן.

אַף די זיצונגען אין טאַווּרישן פּאַלאַץ האָט אַ שאַרפע דיסקוסיע אַרויסגערופן די פּראָבלעם פון שליסן דעם שאָלעם־אָפּמאַך מיט דײַטשלאַנד, וועלכער האָט אין דער געשיכטע באַקומען דעם נאָמען „בריסקער שאָלעם״.

ו. אי. לענינס באַגרינדעטע מיינונג, אַז מע באַדאַרף טייקעף־אומיַיאַד מאַסכּים זײַן אַף די שווערע פּאַרהאַנאָכעס, וואָס עס האָבן אַרויסגעשטעלט די דײַטשן, האָבן אַרויסגערופן דערווײַ־דערונגען בײַ זײַנע קעגנער, באַזונדערס בײַ די „לינקע״, וועלכע האָבן געפּאָדערט אָפּוואַרפן דעם סוינעס פּאָדערונגען, דאָס הייסט פאָרזעצן די מילכאָמע. כ׳געדענק, ווי איינער פון אָט די „לינקע״, דער עסער שטיינבערג, וואָס האָט דעמלט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון פאָלקסקאָמיסאַר פאַר יוסטיץ, האָט, קלאַפּנדיק מיטן פויסט איבערן פּיופּיטער, געפילדערט: „מירן אוועק אַף יענער זײַט אוראַל״. ער איז געווען גרייט אוועק אין עק וועלט, נאָר ניט שליסן דעם אָפּמאַך. לענין האָט געמוזט אויסהאַלטן אַן אײַנגעשפּאַרטן קאַמף מיט די קעגנער און דערווײַזן, אַז מיט אָט די ביז גאָר ביטערע פּאַרהאַנאָכעס מוז מען מאַסכּים זײַן.

לענינען איז ביכלאַל געווען אייגנטימלעך די פייִקייט אָנצושטעקן זײַנע צוהערער מיט אַרויסגעבראַכטע עמאָציעס. ווען ער האָט, צום בײַשפּיל, געטאַדלט די בורזשואַזיע אָדער די ספּעציאַל־פּאַרטעער, האָבן זיך בײַ די צוהערער ניט ווילנדיק צונויפגעדריקט די פויסטן.

כ׳דערמאָן זיך, ווי א. וו. לונאַטשאַרסקי, וועלכער איז געזעסן אין דער לאָזשע פאַר פּרעסע־פאַרשטייער ניט ווײַט פון מיר, דערהערנדיק זײַן פאַמיליע בײַס דער אָפּשטימונג, האָט טייקעף הויך און קלינגעוודיק געענטפערט: „יאָ!״, דאָס הייסט, ער איז מאַסכּים, עס זאָל געשלאָסן ווערן דער שאָלעם־אָפּמאַך. דער בריסקער שאָלעם איז באַשטעטיקט געוואָרן. דאָס פאָלק האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט. ראַטן־רוסלאַנד איז אַרויס פון דער וועלט־מילכאָמע. דאָס לאַנד האָט באַקומען אַ פּאָזע, קעדיי איבערכאַפּן דעם אָטעם. אין דער נאָענטסטער צוקונפט זײַנען נאָך פאָרגעשטאַנען וויכטיקע געשעענישן. אין אַ געוויסער צײַט אַרום איז פון זײַן טראַ

אראָפּגעפּליגן ווילהעלם דער צווייטער, און דער בריסקער אָפּמאַך, וועלכן ער האָט אונדז אָנגעבונדן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיקל פּאַפּיר. דאָס גרעסטע פאַרדינסט דערין געהערט דעם געניאַלן וו. אי. לענין, זײַן ווײַטזיכטיקער פּאָליטיק, וואָס האָט געגעבן אונדזער יונגער ראַטן־רעפּובליק אַ מעגלעכקייט זיך אָנעמען מיט קויכעס, באַזיגן אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע סאָנים און אָנהייבן בויען אַ פרידלעך לעבן.

באַזונדערס דײַטלעך האָט זיך מיר פאַרגעדענקט דער טאָג, ווען לענין איז אַרויסגעטראָטן אויפן 3־טן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר מיט זײַן פאָרטראָג וועגן דער אַרבעט פונעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן. דאָס איז געווען דעם 11 (24) יאַנואַר 1918.

וולאַדימיר איליטש האָט אָנגעהויבן דעם פאָרטראָג מיט אַ מערקווירדיקן פאַרגלײַך. ער האָט געזאָגט, אַז אין נאָמען פונעם ראַט פון פאָלקסקאָמיסאַרן דאַרף ער צושטעלן אַ פאָרטראָג וועגן דער טעטיקייט פאַר 2 כאָדאָשים און 15 טעג, וועלכע זײַנען אַוועק זינט דער אויסבײַ־דונג פון דער סאָוועטן־מעלוכע אין רוסלאַנד. 2 כאָדאָשים מיט 15 טעג — דאָס איז בלויז אויף 5 טעג מערער פון יענעם צײַט־אָפּשניט, אין משך פון וועלכן עס האָט עקזיסטירט די מאַכט פון די פאַריזשער אַרבעטער בײַם דער פאַריזשער קאָמונע אין 1871.

אויף 5 טעג מער. דאַכט זיך, ניט אויף אַ סאַך. נאָר אין יענעם מאָמענט איז אַפילו אַזאַ קלײי־נער פאַרצוג געווען גענוג, אַז דאָס האַרץ זאָל דערפרייט ווערן. באַ מיר קלינגען נאָך אַצינד אין די אויערן איליטשס ווערטער. ער האָט דורכגעפירט אַ פאַראַלעל צווישן דער פאַריזשער קאָ־מונע און אונדזער ראַטנמאַכט.

וולאַדימיר איליטש האָט אונטערגעשטראָכן, אַז מיר געפינען זיך אין מער גינסטיקע אומשטענדן, ווײַל די רוסישע סאָלדאַטן, אַרבעטער און פּויערים האָבן געקאָנט שאַפן אַן אַפּאַ־ראַט — די סאָוועטן, די סאָוועטן־רעגירונג. אָט וואָס עס שיידט אונטער די מאַכט פון די רוסי־שע אַרבעטער און פּויערים אין פאַרגלײַך מיט דער מאַכט פונעם פאַריזשער פּראָלעטאַריאַט.

מער פון 60 יאָר שיידן אונדז אויף פון יענע אומפאַרגעסלעכע טעג. די פּראָגנאָזן פונעם גרויסן לענין זײַנען פולקום באַשטעטיקט געוואָרן. פּססר איז אַצינד אַ מעכטיקער אָנשפּאַר פאַר יענע פעלקער, וואָס זײַנען שוין געקומען צום סאָציאַליזם, און פאַר יענע, וועלכע געפי־נען זיך אויפן וועג צו אים. אַלס אַ מוסטער דינט זיי אונדזער גרויסע סאָציאַליסטישע מעלוכע.

לענינען, דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס איז אויסגעפאַלן די גרויסע מיסיע צו־גרייטן די ערשטע אין דער געשיכטע זיגרײַכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און שטעלן זיך בעראָש פון איר, פאַררייניקן די טעאָריע פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַ־ליזם מיט דער ברייטסטער פּראַקטיק פון די פאָלקסמאַסן.

פאַר מיליאָנען פאַרשקלאַפטע און עקספּלואַטירטע, פאַר אַלע אַרבעטנדיקע איז לעניניזם געוואָרן דער סימבאָל פון סאָציאַלער באַנײַונג פון דער וועלט, די רעוואָליוציאָנערע פאָן פון אונדזער עפּאָכע. מיט לענינס נאָמען, מיט זײַן לערע זײַנען פאַרבונדן אַלע אָנגעזעענע געשעענישן פונעם XX יאָרהונדערט. ס׳איז ניטאָ און עס קאָן ניט זײַן קיין מאַרקסיזם אָן יענעם נײַעם, וואָס עס האָט אַרײַנגעטראָגן אין זײַן אַנטוויקלונג לענין. לעניניזם — דאָס איז מאַרקסיזם פון דער הײַנטצײַטי־קער עפּאָכע, די איינהײַטלעכע פאַרגאַנצטע לערע פונעם צווישנפעלקערלעכן אַרבעטער־קלאַס, וועלכע אַנטוויקלט זיך אומופהערלעך.

(פון דער באַשטימונג פון צק קפּסס „וועגן דעם 110־טן יאָרטאָג זינט עס איז גע־בוירן געוואָרן וולאַדימיר איליטש לענין")

רעוועקאַ נעמיראָווסקאַיאַ

איינער פון לענינס גוואַרדיע

די געשיכטע האָט צוגעייגנט דעם ערשטן דאָר קאָמוניסטן פון אונדזער לאַנד א דערהויבענעם נאָמען: לענינס באָלשעוויסטישע גוואַרדיע.

וואָס מער מיר דערוויסן זיך וועגן יעדן קעמפער פון דער רומפולער לענינישער קאָהאָרטע, אַלץ בעסער פאַרשטייען מיר די גרויסקײַט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, די באַדײַטונג פון אירע ניצחונות.

איינער פון זיי איז זאַלמען ריווקין, א מיטגליד פון דער פאַרטיי פון יאַנוואַר 1903. געבוירן געוואָרן איז ער אין 1883 אין א קליין ווײַסרוסיש שטעטעלע וועליזש באַם טײַך מײַרעוו־דווינא. אין דער מישפּאָכע זײַנען געווען (ריכטיקער צו זאָגן, געבליבן לעבן) פיר קינדער. די עלטערע האָבן געמוזט דערציִען די ייִנגערע, די מאַמע האָט דערוף קיין צײַט ניט געהאַט: שלעפּן די כאַיונע אַף אָנהאָדעווען א גאַנצע מישפּאָכע פון א פּיצינק שטיקעלע ערד איז ניט קיין שפּילכל.

אַפילע ווען דער טאַטע האָט געלעבט, האָט מען ניט געהאַט גענוג אַף דער אויסקומעניש, ווײַל ער איז שטענדיק געווען ניט געזונט. אָבער נאָך זײַן טויט (זאַלמענען איז דעמלט געגאַנגען דאָס פערצנטע יאָר) איז דער דאַלעס שוין ניט אָפּגעטראָטן אַף קיין רעגע. אין שטוב איז געווען מאָלע־סימכע, ווען די מאַמע האָט צעטיילט איין האַרט איי אַף פיר און געגעבן צו איין שטיקל ברויט. און אַז עס איז ניט געווען אויך דאָס, האָט די מאַמע געפּרווט פאַריידן די קינדער די ציין: „וואָס זשע, איר זײַנט דען ראָטשילדס קינדער, קאָטלעטקעס דאַרפט איר?״. וואָס דאָס איז אַזוינס קאָטלעטקעס, האָבן די קינדער ניט אָנגעהויבן צו וויסן, און דאָס דאָזיקע סוידעספּולע געריכט איז געווען זאַלמענס טרוים. ערשט צו זיבעצן יאָר, ווען ער איז געוואָרן א סטאָליער און אָנגעהויבן אַליין פאַרדינען, האָט ער מיט זײַנעם א כאַווער באַשטעלט קאָטלעטן אין דער שטאָטישער גאַרקיך און איז געווען שטאַרק פאַרוואונדערט, זעענדיק, אַז דאָס איז ניט מער ווי געהאַקט פלייש.

פונדעסטוועגן זײַנען בא אים פון דער קינדהײַט פאַרבליבן ניט נאָר ביטערע דערינערונגען. די ערשטע און דערפאַר זייער טיפע פאַרשטעלונגען און געפילן פון איידלקײַט און יוישערדיקײַט האָט אין זאַלמענען אײַנגעפלאַנצט זײַן טאַטע. ריווקין האָט שפּעטער דערציילט וועגן אַזאַ עפּיזאָד:

„איך בין דעמלט געווען א יאָר פיר־פינף אַלט. אייגמאָל אין א זומערדיקן אינדערפרי האָב איך שפּאַצירט לעבן אונדזער קליין שטיבעלע און געפונען אין גראָז דרײַ רובל. ביז דאַן און אויך א לאַנגע צײַט שפּעטער האָב איך אַזאַ גרויסע קופּיורע ניט געזען. כ׳ווייס אַליין ניט, וויאַזוי איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז ס׳איז געלט. כ׳האָב אופגעהויבן דאָס דרײַערל און גענומען שרײַען, אַז כ׳האָב געפונען א קאָפּעקע. דער טאַטע האָט מיך דערהערט. „דאָס איז א גרויסע קאָפּעקע, זונעניו״, — האָט ער געזאָגט. אוועקגעלייגט דאָס דרײַערל אַפן טיש, האָט ער גענומען זיך באַטראַכטן, ריידנדיק מער צו זיך אַליין ווי צו מיר: „פאַר דער דאָזיקער קאָפּעקע קאָן מען קויפן מעל, פלייש, מילך...״ זײַנע געדאַנקען האָט איבערגעריסן א פרויס געוויין. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָט זי פאַרלאָרן דאָס געלט לעבן אונדזער שטוב. אין א פּאָר מינוט ארום האָט דער טאַטע איר אומגעקערט מײַן געפינס. שפּעטער איז די פרוי ווידער ארײַן צו אונדז

און מיר געבראַכט אַ גרויסן רויטן עפּל. דאָס איז געווען פאַר מיר מער ווי אַ נאַשעריַי, אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט: „זונעניו מײַנער, דו האָסט געטאָן דער פרוי אַ טױווע מיטן אומקערן איר די קאַפּעקע, און איצט קאָנסטו געוויס אופּעסן אַן עפּל. אָבער אויב דו וועסט אים נעמען, װעט דאָס הייסן, אַז דו האָסט געטאָן אַ טױווע יענעם און געמיינט אַ טױווע פאַר זיך. טו אַליין, ווי דו פאַרשטייסט". איך האָב דעם עפּל ניט גענומען...

און אָט טראַכט איך וועגן מײַן טאַטן: וואָסער גײַסטיקן קויעך האָט ער געדאַרפט פאַרמאָגן ניט צו געבן דעם הונגעריקן קינד אַן עפּל".

נאָבלקײַט איז געווען די הויפּט־אייגנשאַפט פון זאַלמען ריווקינס נעשאָמע, און זי האָט אים מיסטאָמע געבראַכט אין דער באַלשעוויסטישער פּאַרטיי.

אין שול האָט ער געלערנט בלויז דרײַ יאָר. די לערער זײַנען געווען געבילדעטע, פּאָרגעשריטענע מענטשן, מינאַסטאַם פון די אַרויסגעשיקטע. אַ סאַך שילער פון דער דאָזיקער שול זײַנען שפּעטער געוואָרן קאָמוניסטן.

דער טאַטע האָט געטרוימט געבן דעם זון אַ גוטע בילדונג, אָבער ס'איז ניט באַשערט געווען, אַז דער דאָזיקער טרוים זאָל מעקוייעם ווערן — צו דרײַצן יאָר האָט זאַלמען געמוזט אָנהייבן זײַן אַרבעטס־לעבן. די ווײַטערדיקע בילדונג האָט ער פּאָרגעזעצט אין די טורמעס, זײַנע לערערס זײַנען געוואָרן דאָס לעבן אַליין און די ביכער. ביז איצט געדענקט ער שיר ניט אָף אויסווייניק יענע ערשטע ביכער — ווילהעלם ליבקנעכטס „די שפּינען און די פליגן", „צוויי רעדעס פון פיאָטער אַלעקסייעוון", אַ. נ. באַכס „הונגער, דער קייסער", קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל", לאַפאַרגס „פּאַמפלעטן", פּלעכאַנאָווס ווערק. ביז איצט דערמאָנט ער מיט נעשאָמעציטער דעם טאָג, ווען ער האָט גענומען אין דער האַנט לעניניס אַ בראָשור.

צו נײַנצן יאָר ווערט זאַלמען ריווקין אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. זײַן איבערצײַגטקײַט, שאַרפער לעבעדיקער מויעך און זאַכלעכקײַט און אַ געוויסע לעבנס־דערפאַרונג האָבן אים שוין דאַן אויסגעטיילט צווישן פיל פון זײַן עלטער. זייער וואַרעם דערציילט וועגן אים טאַטיאַנאַ פיאָדאָראָװנאַ לידווינסקאַיאַ, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי זינט 1903. זי האָט זיך באַקאַנט מיט ריווקינען אין 1905, און שוין דעמלט האָט ער זי איבערראַשט מיט זײַן טאַלאַנט צו קאָנספּיראַציע.

אין יענע ווײַטע, איצט שוין קימאַט לעגענדאַרע יאָרן האָט ריווקין אָנטיילגענומען אין פאַרשפּרייטן לעניניס „איסקראַ". ער האָט מיר דערציילט, ווי מע האָט אים אַרעסטירט פּונקט אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט געלייענט די „איסקראַ" — ער האָט ניט באַוויזן צו באַהאַלטן די בלעטער. מער אָבער האָט שוין קיינמאָל די פּאָליציי ניט פאַרכאַפּט בײַ אים אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּליאַרן.

ריווקין האָט אַזוי אַפּט געביטן זײַנע דאָקומענטן, אַז ער פלעגט אַמאָל אַרײַנפאַלן אין אײַן און דער זעלבער טורמע אונטער פאַרשיידענע נעמען. אין וואָליזש, סמאָלענסק, וויטעבסק, מינסק, אָדעס, יעקאַטערינאָסלאַוו, טיראַספּאָל האָט די פּאָליציי געהאַט מיט אים פיל דײַגעס. וועגן די דאָזיקע שווערע יאָרן האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פּאַשעט: „אַזאַ אַרבעט איז דאָס געווען: קיין דאַך איבערן קאָפּ, קיין שטענדיקן נאָמען, קיין מישפּאָכע. ווען די יאַוועס פלעגן דורכפאַלן און די פּאָליציי האָט נאָכגעיאָגט פוסטריט, פלעגט מיר אויסקומען וואָכנלאַנג נעכטיקן אָף אַ באַנק אינעם סקווער". טאַקע אין יענע יאָרן האָט זיך אויסגעפאָרעמט און אויסגעשמידט די פלעיאַדע פון שרעקלאָזע קעמפער־לענינצעס.

אין די אַרכיוון האָבן זיך אָפּגעהיט מאַטעריאַלן, וועלכע דערציילן וועגן וויכטיקע דעטאַלן פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט אין ווײַסרוסלאַנד אין די יאָרן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון דער באַלשעוויסטישער פּאַרטיי. די מאַכט האָט שוין דאַן געציטערט פאַר די אונטערערדלער, און וועגן יעדער גרופּע האָט מען מיטגעטיילט דעם שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע. אין די אַרכיוון זײַנען איבערגעבליבן זייער פיל אַזעלכע מיטיילונגען וועגן רעוואָלוציאָנערע גרופּעס, סכאָדקעס און אַרעסטן, ווי אויך אַנקעטע־אָנגאַבן וועגן דעם עלטער, סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון די קרײַז־מיטגלידער.

ריווקין איז דעמלט שוין געווען ניט קיין פּאַשעטער מיטגליד פון דער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע. וועגן דעם זאָגט איידעס אַ קורצער באַריכט פון דער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג: „ריווקין איז פאַרהאַלטן געוואָרן דעם 30 מײַ 1904, בעשאַס ער איז צוזאַמען מיט מ. גאָרבונאָוון געגאַנגען צום אָרט פון דער סכאָדקע, דערבײַ איז בײַ דעם אויבנדערמאָנטן גאָרבונאָוו אין קעשענע געפונען געוואָרן די געשריבענע פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דורך גויִעס־איידעס פון זשוראַוולִיאָוון און פון גאַראַדאָוואַיען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דעם פאַרהאַלטן ווערן איז ריווקין דורכגעגאַנגען פון וואַלד צו דער שטאָט, און צוריק איז מיט אים צוזאַמען שוין געגאַנגען גאָרבונאָוו".

ריווקין איז געווען אַן אָרגאַניזאַטאָר אָדער אַ פאַרבינדלער: ער האָט בעסער פון די אַנדערע געוווּסט דעם וועג צום אָרט פון דער סכאָדקע און געוווּסט, וועמען ער דאַרף באַגעגענען. נאָך דעם דאָזיקן אַרעסט איז זאַלמען ריווקין באַפרײַט געוואָרן דעם 2 יולי 1904 אונטער אַ שטרענגן פּאָליציייִשן אויפזיכט. ער האָט אָבער ניט לאַנג געלאָזט נאָך זיך שפּירן. אין דעם אַנדערן דאָקומענט לייענען מיר: „די באַזונדערע אָפּטיילונג גיט דערמיט צו וויסן דער 7־טער איניאָנים־פירונג, אַז דער פאַרשוווּנדענער זאַלמען ריווקין וועט אַרײַנגעטראָגן ווערן אין דעם צירקוליאַר פון דער אַלרוסלענדישער נאָכפאָרשונג". ניט אַזוי גרינג איז אָבער גענאָענטסטן וועגן אָפּזוכן דעם יונגן באָלשעוויק.

מע האָט אים אַרעסטירט אין 1903 אין סמאָלענסק, אין 1904 אין וויטעבסק, אין 1905 אין מינסק, אין 1907 און 1909 אין אָדעס... נאָך יעדן אַרעסט איז ער אַנטלאָפן פון טורמע... הונדערטער ווייאָרסט איז אים אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ פאַרשמידטער אין קייטן.

ווי ריווקין האָט דערציילט, זײַנען די סאַמע שרעקלעכע געווען טראַנזיט־טורמעס, וווּ מע האָט אין איין קאַמער געהאַלטן סײַ פּאָליטישע און סײַ קרימינעלע. די אַדמיניסטראַציע האָט ניט געהאַט קיין האַרצווייטעק, אויב באַם איבערוף אינדערפרי האָט מען צווישן די אַרעסטאַנטן געפונען טויטע... ריווקינען האָט אָבער געראַטעוועט זײַן קלוגשאַפט, זײַן געפיל פאַר הומאָר, די געוווינשאַפט צו שווערער פיזישער אַרבעט.

פון ריווקינס אויטאָביאָגראַפיע ווייסן מיר, אַז ער האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, זײַענדיק אין אָדעס.

אין 1905 זײַנען אין אָדעס געווען 400 טויזנט אײַנוווינער, פון זיי בלויז 29—30 טויזנט אינדוסטריעלע אַרבעטער, די צאָל באָלשעוויקעס צווישן זיי — אַרום 350. מענשעוויקעס זײַנען געווען הויפּטזאַכלעך אינטעליגענטן. זיי האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אײַנפלוס, ווײַל אין שטאָט איז געווען אַ באַדײַטנדיקער קליינבירגערלעכער שיכט. די דאָזיקע האַפן־שטאָט האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל לומפּן־פּראָלעטאַריער, וועלכע די מאַכט האָט אָפט אויסגענוצט אין קאָנטררעוואָלוציאָנערע צוועקן. די כוואַליע פון דער רעוואָליוציע איז אין אָדעס אָנגעוואַקסן לאַנגזאַם. דער ערשטער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ שטרײַק אין יאַנוואַר 1905 איז געבליבן אָן דערפאָלג. אין פעוורואַל האָבן געשטרײַקט אינגאַנצן 300 אַרבעטער, אָבער אין מאַרט — שוין 1.400. עס מערקן זיך אָן די ערשטע ניט דרייסטע פּרוּוון אַרויסצוטרעטן מיט פּאָליטישע פאָדערונגען. די באַוועגונג ווערט קעסיידער פאַרשטאַרקט. אין אַפּרעל נעמען אָנטייל אין די דעמאָנסטראַציעס ביז 15.000 מענטשן, מערסטנטייל לערן־יוגנט. צום 6 מײַ שטרײַקן אין אָדעס, לויטן באַריכט פונעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, 10.000 מענטשן אויף 98 זאַוואָדן.

נאָך זײַן קומען קיין אָדעס, זומער 1905, ווערט זאַלמען ריווקין אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פונעם שטאָטישן קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. ער פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטן דרוזשיניקעס (מיטגלידער פון קאַמף־גרופּעס). די פּאָליציי גייט אַריבער צו אָפענעם טעראָר. עס ווערט אַרעסטירט (מיטן אויסנאַם פון צוויי כאַווײרים) דער פּאַרטיי־קאָמיטעט פון דאַלניצקער ראַיאָן, וווּ ס'איז געווען די סאַמע שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע.

דעם 14 יוני, ווען אין דער שטאָט איז פאָרגעקומען דער אַלגעמיינער שטרײַק, אַנקערט צו אין אָדעסער האַפן די רומפּולע פּאַנצער־שיף „קניאַז פּאָטיאָמקין טאַווריטשעסקי". אויפן אַנדערן טאָג אינדערפרי האָט די קאָמאַנדע מיטגעטיילט, אַז די שיף האַלט אונטער דעם אויפשטאַנד. די ידיעה האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט. צום האַפן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מאַסנעם אַרבעטער און יוגנטלעכע. אינעם פּילטויזנטקעפּיקן מיטינג האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט ריווקין.

קעדיי גויווער זײַן דעם אויפשוווּנג פון דער רעוואָליוציע, האָט די שטאָטישע מאַכט אײַנגעאָרדנט אַ פּראָוואָקאַציע — געמאַכט אַ סרייפע אין האַפן, קעדיי צו מאַכן אַ פּאָגראָם און רויִנירן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דער פּאָרט איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך מיליטער און פּאָליציי־אָטריאַדן. מע האָט צעשאָסן אַלעמען, ווער ס'האָט זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע — ניט באַוואָפנטע מענטשן, מערסטנטייל אַרבעטער. בעסאַכאַקל זײַנען אומגעקומען אַרום 2.000 מענטשן.

אין דעם דאָזיקן געגנעם איז שווער געווען ניט צו פאַרלירן די זעלבסטבאַהערשונג. ריווקין איז געבליבן קאַלטבלוטיק, געוויזן אַ בײַשפּיל פאַר אַנדערע. אים האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן זיך פונעם פײַער און נעלעם צו ווערן. אינגיכן האָט ער זיך באַוויזן אין מינסק און איז געוואָרן אַן אָנפירער פון אַ באָיאָווקע (קאַמף־גרופּע).

אין 1906 האָט ריווקין זיך אומגעקערט קיין אָדעס, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָ קען אים גוט די פּאָליציי, וועלכע איז געווען באַזונדערס אַכזאָריעסדיק נאָכן דעקאַבער־אויפשטאַנד. אָבער די רעוואָליוציע דויערט, און קיין אָפּפלוס מערקט זיך ניט. אין פרילינג 1906 קומען פאָר די וואַלן צום VI צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ. די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען ווערן דורכגעפירט לויט

די ראַיאָנען הינטער דער שטאָט, אונטערן אָפענעם הימל, אומלעגאַל. די שטרײַט־פראַגע איז געווען — דער בױקאָט פון דער ערשטער מעלוכישער דומע און די טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ט. לידווינסקאַיאַ דערציילט, אַז צוזאַמען מיט ז. ריווקינען האָט זי אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ. פאַר די דעלעגאַטן האָט מען פאַרגרייט קורצע פראָקלאַמאַציעס. אָט איז איינע פון זיי:

„רסדאַפּ
פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!
אָדעסער אַרבעטער!

א בױקאָט דער פּאָליטיק פון דער פּאַלסיפיצירטער מעלוכישער דומע. אָפּזאָגן זיך פון יעטווידן אָנטייל אין די פּאַלסיפיצירטע וואַלן לויטן געזעץ פון 11 דעקאַבער. באַשטייט אויף צוזאַמענרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויפן גרונט פון אוניווערסאַלער וואַל־רעכט, גלײַכער און געהיימער וואָטירונג.

אָדעסער פאַראייניקטער קאָמיטעט פון דער רסדאַפּ"

נאָך דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט זיך אויפגעהויבן א נײַע כוואַליע פון אַרעסטן. ריווקינען האָט זי דאָס מאָל אויסגעמיטן. די פּאָליציי האָט אים געכאַפּט ערשט אין 1907. נאָכן אָפּזיצן אין טורמע א געוויסע צײַט ווערט ער אַרויסגעשיקט קיין טיראַספּאָל אונטערן אויפזיכט פון דער פּאָליציי. אײַנגיכן קערט ער זיך אומלעגאַל אום קיין אָדעס, שטעלט ווידער אויף די נייטיקע פאַרבינדונגען און פירט א קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן און אָפּרופלער. אין 1909 האָט מען אים נאָכאַמאָל אַרעסטירט. דעם 1 אויגוסט באַפרײַט מען אים, און שוין דעם 2 אויגוסט איז ער פאַרזיצער פון דער אָדעסער באָלשעוויסטישער קאָנפערענץ.

דעם 10 יאַנואַר 1910 איז דער גאַנצער אָדעסער קאָמיטעט פון דער רסדאַפּ(ב) אַרעסטירט געוואָרן, און ז. אָ. ריווקין בעסוכעם. בײַ זײַן נאָמען שטייט א קורצע דערקלערונג: „פאַרשווונדן ערעוו דעם פאַרהער". שפּעטער ווערט זײַן פאַמיליע ניט דערמאָנט אין די דאָקומענטן, און אָנשטאָט איר טרעפן מיר דעם פּאַרטיי־פּסעוודאָנים „אַבראַם". מיט דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים באַנוצט ער זיך ביז דער סאַמע רעוואָלוציע.

אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן געפינען מיר א ריי דאָקומענטן, אין וועלכע עס ווערט דערמאָנט אָט דער פּסעוודאָנים. אָט, לעמאָשל:

„צוליב געשפּרעכן מיטן צק און אויך צוליב טראַנספּאָרטירן פון אויסלאַנד קיין אָדעס אומלעגאַלע ליטעראַטור האָט דער קאָמיטעט קאָמאַנדירט קיין אויסלאַנד דעם מיטגליד „אַבראַם", וועלכער האָט זיך ביז איצט ניט אומגעקערט קיין אָדעס. אָבער נאָך זײַן אַוועקפאָרן האָט אין אָדעס אָנגעהויבן זיך באַווײַזן אין א באַדײַטנדיקער צאָל די „פּראַוודאַ", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד. פון אויסלאַנד האָט „אַבראַם" מיטגעטיילט אַגיטיוון וועגן די דערגרייכטע רעזולטאַטן".

וועגן דעם, אַז זאַלמען ריווקין איז געווען צווישן די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע, זאָגט אײדעס אויך דאָס, וואָס בײַ איינעם פון די אַרעסטירטע האָט מען געפונען א פּאַפּירל מיט אַזאַ נאָטיץ: „נאָוואָריבנאַיאַ, אַבראַם אָדער וואָראָווסקי". איבער אָט דעם פּאַפּירל איז אויך וואַצלאַוו וואַצלאַוואָוויטש וואָראָווסקי צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט. עס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן די בולגאַרישע רעוואָלוציאָנערן — סטאָיאַנאָוו, דזשאָראָוו, ניקאָלײַ דימיטראָוו (געאָרגי מיכײַלאָוויטש דימיטראָווס ברודער).

די געפונענע אַרכיוו־מאַטעריאַלן העלפן אונדז פאָרשטעלן זיך די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען, אין וועלכע ריווקין מיט זײַנע קאַמפּס־כאַווײרים האָבן געפירט זייער טעטיקײַט אין אָדעס, ווי אויך די סיבעס פון ריווקינס אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד.

אין 1910 קומט ריווקין קיין פראַנקרײַך, וווינט אין פּאַריזש, און א ביסל שפּעטער באַזעצט ער זיך אין דער שווייץ. די שווייץ איז אין פיל הינזיכטן געווען באַקוועם פאַר די רוסישע רעוואָלוציאָנערן — א נייטראַל לאַנד און א געאָגראַפישער מיטלפּונקט צווישן די פײַנטלעכע לענדער. אויך וו. אי. לענין לעבט זינט האַרבסט 1914 אין דער שווייץ.

דעמלט האָט ז. אָ. ריווקין זיך פאַרזענלעך באַקאַנט מיט וו. אי. לענינען און געאַרבעט אונטער זײַן אָנפירונג. אין דער שווייץ האָבן געלעבט אַרום דרײַסיק עמיגראַנטן־באָלשעוויקעס. צווישן זיי אַזעלכע באַקאַנטע טוער פון דער פּאַרטיי, ווי אינעסאַ אַרמאַנד, מיכאַ צכאַקאַיאַ, גריגאָרי אַוסיעוויטש און אַנד.

די בורזשואַזע פרײַהײַט איז געווען א פיקטיווע. די עמיגראַנטן האָבן זיך געמוזט רעגיסטרירן אין דער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי נאָכגעשפּירט. דאָס האָט געצוימט די רעוואָלוציאָנערע טעטיקײַט. די מאַטעריעלע לאַגע איז אויך געווען זייער א שווערע. ריווקין האָט מיר דערציילט

אין א שפּאַס, אַז אין דער עמיגראַנטישער גאַרקיך „האָט מען געגעסן סוף מיט מאַרקסיזם, דאָס הייסט, אַז דאָס מאָגערע געקעכץ איז געווען גוט צוגעווירצט מיט שאַרפע פּאָליטישע שטרײַטן".

וו. א. קאַרפּינסקי שרײַבט וועגן די דאָזיקע שווערע יאָרן פון עמיגראַציע: „בלויז אײנצלנע מענטשן (הויפּטזאַכלעך קוואַליפיצירטע אַרבעטער) האָבן געקראָגן א מער־ווייניקער שטענדיקע אַרבעט... די איבעריקע האָבן בלויז צופעליק פאַרדינט אַלס דינסט־פּערסאָנאַל אין עמיגראַנטישע גאַרקיכן, ניאַניעס בא די בורזשואזע עלעמענטן פון דער עמיגראַציע, לוין־אַרבעטער בא שווייצאַרישע פּויערים, גאַסן־קערער, רעפּעטיטאָרן, איבערשרײַבער, נאַטורשטשיקעס, סטאַטיסטן אאַוו... פון אונדזער זשענעווער סעקציע האָט דער כאָווער סאַפּאַראָוו געטאָקט טײלן פון אַרטילעריע־סנאַריאַדן, וואַרבאַ, סאָקאָלינסקי און „פּיאַטער" האָבן געאַרבעט אַלס שנײַדער, דער כ' „אַבראַם" (ריווקין) איז געווען א סטאָליער".

די עמיגראַנטן־באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געהאַט א שטענדיקע אַרבעט, זײַענדיק אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט שווייצאַרישע אַרבעטער, האָבן פּראָפּאַגאַנדירט די באָלשעוויסטישע לאָזונגען. ריווקין איז געווען טעטיק אין דער שווייצאַרישער אַרבעטער־באַוועגונג. בעשאַס דעם שטרײַק פון די האָלץ־באַאַרבעטער איז ער געווען א מיטגליד פונעם שטרײַק־קאָמיטעט און איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס פּיקעטירער. אינטערעסאַנט איז אַזא פאַקט: ריווקין האָט אין דער שווייץ אַזוי גוט אויסגעלערנט פראַנצויזיש, אַז אַפילו אין 50 יאָר אַרום, ווען ער איז שוין אַלט געווען העכער 80 יאָר, האָט ער פרײַ זיך ספּראַוועט מיט דער ראָליע פון אַן איבערזעצער.

וו. אי. לענין האָט ברייט אַנטוויקלט די פּראָפּאַגאַנדע פון באָלשעוויזם. ער האָט אַנטיילגענומען אין דיספּוטן אין פאַרשיידענע שטעט, אַנטפּלעקט די פאַרטייִישע שטעלונג פון די סאָציאַל־שאָוויניסטישע לידערס פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. לויט דער איניציאַטיוו און מיטן פּערזענלעכן אָנטייל פון וו. אי. לענינען זײַנען צונויפגערופן געוואָרן אינטערנאַציאָנאַליסטישע קאָנפערענצן אין צימערוואַלד און קינטאַלא, וועלכע זײַנען געווען וויכטיקע עטאַפּן אָפּן וועג צו שאַפן דעם III קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין פעווראַל — מאַרט 1915 איז אין בערן פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע סעקציעס פון רסדאַפּ אונטער וו. אי. לענינס אָנפירונג. אָף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז ריווקין בײַגעווען אַלס פאָרשטייער פון דער זשענעווער סעקציע.

די בערנער קאָנפערענץ האָט באַשטעטיקט די טרײַהײַט פון די באָלשעוויקעס צו לענינס אידייען וועגן קריג און פרידן. די רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַן עפעקטיווע הילף פאַר דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט אין די מאַסן. זי איז פּובליקירט געוואָרן אינעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פאַרטיי און איז געוואָרן ברייט פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד.

אין יענע יאָרן איז ריווקין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער עמיגראַנטישער קאַסע. א הויכקוואַליפיצירטער סטאָליער, האָט ער געהאַט שטענדיקע אַרבעט אָף האָפמאַנס מעבל־פאַבריק אין זשענעווע. די כאַווירים האָבן געקענט ריווקינען אַלס א מענטשן פון אויסערגעווייִנלעכער ערלעכקייט און פּינקטלעכקייט, וואָס איז נייטיק פאַר פינאַנציעלע איניאַנים. זייער אָפּט, ווען די קאַסע איז געווען אויסגעליידיקט, האָט ריווקין אַליין אַרײַנגעטראָגן אין איר זײַן גאַנצן לוין. ווען וו. אי. לענין פלעגט קומען צו פאָרן קיין זשענעווע, פאַרשטייענדיק, פונוואַנען ס'איז דאָ געלט אין דער קאַסע, פלעגט ער אַרײַנקוקן ריווקינען אין די אויגן און זאָגן: „אַבראַם! איר האָט דאָך הײַנט גאָרנישט ניט געגעסן... כאַווירים, גיט אים עפּעס צו עסן!" (האַגאַם ריווקין האָט געלעבט אין דער שווייץ אונטערן נאָמען פון א רוסישן אַדלמאַן באָריס יעלטשאַנינאָוו און מיט דעם זעלבן נאָמען זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, פלעגן די כאַווירים אים שטענדיק אָנרופן „אַבראַם דער סטאָליער").

דער פאָסטן, וואָס די כאַווירים האָבן פאַרטרויט ריווקינען, איז געווען בעעמעס א פאַראַנטוואָרטלעכער. די מיטגלידס־אָפּצאָלן זײַנען געווען מערסטנטייל זייער קנאַפּע, ווײַל די מערהײַט עמיגראַנטן האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקן אַרבעטסלוין. א ביסל געלט האָט געגעבן ג. א. קוקלינס ביבליאָטעק. די שוועסטער פון ג. א. קוקלין, וועלכער איז געשטאָרבן אין דער שווייץ, האָט לויט דער צוואָע פונעם ברודער געשענקט דער באָלשעוויסטישער גרופּע זײַן ביבליאָטעק. דער פאַרוואַלטער איז געווען וו. א. קאַרפּינסקי. פאָרן באַנוצן זיך מיט איר האָט מען געצאָלט. צוזאַמען מיט די ביכער איז בעיערושע געבליבן א שרײַב־מאַשינקע, און וו. א. קאַרפּינסקי האָט אײנגיכן זיך אויסגעלערנט שרײַבן אָף איר. זײַן אַרבעט אַלס איבערשרײַבער האָט אויך געבראַכט געלט פאַר דער קאַסע.

וו. א. קאַרפּינסקי שטרײַכט אונטער אין זײַנע דערינערונגען, אַז „וולאַדימיר איליטש לענין האָט ניט געהאַלטן פאַר קיין דערנידעריקונג צו זײַן אײנער פון די פּונקטועלסטע אַבאָנענטן... ער האָט ניט „פאַרלייענט" קיין אײן בוך און שטענדיק געצאָלט פאָרן לייענען לויטן טאַריף". נאָך אײן קוואַל צו באַרײַכערן די פאַרטיי־קאַסע זײַנען געווען „בעלער". די שווייצאַריער

פלעגן אויסטיילן אַ זאַל (געוויינלעך אומזיסט), געגעבן אַף קרעדיט ניט זייער טײַערע זאַכן (שפּילכלעך, טיש־זייגערס) פאַר דער לאָטעריי. מע האָט געגרייט אַמאַטאָרן־ספּעקטאַקלען, צום בײַשפּיל, אַ. פּ. טשעכאָווס „דער בער". מע פלעגט אויך אָרגאַניזירן אַ בופעט. דאָס אויסגעלייזטע געלט פלעגט מען צעטיילן צווישן די עמיגראַנטישע גרופּעס, וועלכע האָבן אײַנגעאָרדנט דעם באַל. מער קיין אײַנקונפט פאַר דער קאַסע איז ניט געווען. און די הוצאָות?

וו. אי. לענין האָט קיינמאָל ניט גענומען פון דער קאַסע קיין איין גראָשן. אוליאַנאָווס מישפּאָכע האָט געלעבט פון דעם, וואָס לענין האָט באַקומען אַלס האָנאָראַר פאַר זײַנע אַרטיקלען. אין דער זעלבער צײַט האָט וו. אי. לענין זיך זייער געזאָרגט פאַר זײַנע כאַווייִרים.

באַזונדערס שווער איז געוואָרן צו געפינען זיך אין דער שווייץ נאָך דעם, ווי ס'איז אָנגעקומען די ידיִעות וועגן דער פעברואַל־רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. דערקלײַבן זיך אַהיים איז געווען ניט אַזוי גרינג. די ענגלישע און פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן, צוזאַמען מיט מיליוקאָוון, האָבן אײַנגעשטעלט אַן עמעסע פּאַסטקע פאַר די באָלשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן. האַגאַם וו. אי. לענין האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט פּעטראָגראַד און ער האָט, זינט דעם 6 (20) מאַרט 1917, יעדן טאָג געשריבן אין דער רעדאַקציע פון דער „פּראַוודאַ", איז אָבער זײַן גרעסטע זאָרג געווען — ווי אַזוי זיך אומקערן קיין רוסלאַנד.

סאָפּקאָלסאָף האָט מען אויסגעאַרבעט אַ רעאַלן און איינציק מעגלעכן פּלאַן — פאָרן קיין רוסלאַנד דורך דײַטשלאַנד לעגאַל, אין די ראַמען פון אויסבײַטן די רוסלענדישע בירגער, וועלכע זײַנען געבליבן שטעקן אין דער שווייץ, אַף די אינטערנירטע אין רוסלאַנד אונטערטעניקע פון דעם דײַטשישן רײַך. דעם דאָזיקן פּלאַן האָבן פאַרגעלייגט די מענשעוויקעס בעראָש מיט מאַרטאָוון, אָבער זיי האָבן זיך שפּעטער פון אים אָפּגעזאָגט, ווײַל פון פּעטראָגראַד איז ניט אָנגעקומען קיין דערלויבעניש צו פאָרן, און אַן דער הַאַסקאָמע פון דער בורזשואַזער רעגירונג האָבן די „סאָציאַל־פּאַטריאָטן" מוירע געהאַט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. פאַרשטייענדיק, אַז קיין אַנדער וועג אַף אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד איז ניטאָ, איז וו. אי. לענין באַשטאַנען אַף דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן. אַ גרויסע ראָליע אין העלפן די רוסישע רעוואָליוציאָנערן זיך אומקערן אַהיים האָט געשפּילט דער שווייצאַרישער לינקער סאָציאַליסט פריץ פּלאַטען (די דעטאַלן פון דער דאָזיקער אַקציע זײַנען ברייט באַקאַנט). וו. אי. לענין האָט זיך געזאָרגט, עס זאָלן אַרויספאָרן אַלע.

זאַלמען ריווקין, ווי די אַנדערע כאַווייִרים, האָט פעסט באַשלאָסן אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט לענינען. מע האָט גוט פאַרשטאַנען סײַ די פיזישע און סײַ די פּאָליטישע געפערלעכקײַט פון דעם פּלאַן. די ערשטע געפאַר איז געווען צו פאָרן דורך דער טעריטאָריע פון אַ פײַנטלעכער מעלוכע, די אַנדערע, אַ פּאָליטישע געפאַר, וואָס איז טאַקע מעקוייִעם געוואָרן — די בורזשואַזיע, צוזאַמען מיט אירע שוטפים „סאָציאַל־פּאַטריאָטן", האָט גענומען פאַרשפּרייטן בילבולים אַף די באָלשעוויקעס, אַז זיי זײַנען „דעם קייזערס אַגענטן".

אין דעם טאָג פון אָפּפאָר איז ריווקין בײַגעווען אַף אַ מיטינג פון די זשענעווער סאָציאַליסטן. ער אַליין האָט מיר דערציילט וועגן דעם. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן עולם רוסישע מענשעוויקעס, עסערן, שווייצאַרער אַרבעטער. ריווקין מיט נאָך כאַווייִרים האָבן קוים געפונען ערטער אין די הינטערשטע רייען. ווען מע האָט אַ פּרווו געטאָן צו ריידן וועגן דעם „באָלשעוויסטישן פאַראַט" און וועגן די „פאַרבינדונגען מיטן קייזער", האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַען: „ס'אַ ליגן! נידער מיט דעם רעדנער!". ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג, דאָס הויפּט־געוועזער זײַנען געווען ווינער שטולן... ריווקין האָט באַקומען אַ וווּנד אין קאָפּ און איז געקומען צו פאָרן קיין ציריך מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, ווען אַלע אוועקפאָרנדיקע זײַנען שוין געווען אַפן אָרט. לענין האָט באַמערקט ריווקינס פאַרבונדענעם קאָפּ און אַ פרעג געטאָן: „קעדײַ געווען צו שלאָגן זיך?" — „יאָ, — האָט געענטפערט ריווקין, — מיר האָבן צעשטערט דעם מיטינג!"

די נײַן טעג פון דער רײַזע ציריך — פּעטראָגראַד זײַנען אײַנגעקריצט געוואָרן אין ריווקינס זיקאָרן ביז די קלענסטע דעטאַלן. בוכשטעבלעך און פיגורעל איז ער אין די טעג געווען באַנאַנד מיט לענינען. דער געפערלעכסטער מאָמענט (פאַר אַלעמען, נאָר קוידעמקאָל פאַר לענינען) איז געווען באַם אַריבערפאָרן די דײַטשיש־שווייצאַרישע גרענעץ.

די דײַטשישע אָפיצערן און טשינאָווניקעס, וועלכע האָבן באַגעגנט אַף דער גרענעץ די רוסישע רעוואָליוציאָנערן, האָבן געוואָלט דערקענען וו. אי. לענינען (קיין דאָקומענטן האָבן זיי ניט קאָנטראָלירט), אָבער ס'האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. עפּשער האָט זיי אָפּגענאַרט לענינס „גלײַכגילטיקײַט" און רויִקײַט, און, מעגלעך, אַז ס'האָט געהאָלפן דאָס, וואָס פאָרן אוועקפאָרן האָבן אַלע מאַנצבילען אָנגעטאָן פּונקט אַזעלכע קאַפּעליושן און מאַנטלען ווי באַ לענינען.

פלוצעם האָט דער אָפּיצער געהייסן אַלעמען אַרײַנגיין אין וואַקזאַל. ס'איז מאָדנע: פֿאַר וואָס ווייסט מען דאָ ניט, אַז זיי האָבן אַ דערלויבעניש דורכצופֿאָרן? פּריץ פּלאַטען איז פֿאַרזאָרגט. די כאַווײַרים גייען לענגאויס דעם פּעראָן לאַנגזאַם, ענג אַרום לענינען, פֿאַרשטעלנדיק אים מיט זיך. דאָ געפֿינט זיך אויך ריווקין. ער און אַנדערע זײַנען געוואָרן לענינס לײַב־גוואַרדיע. פּלאַטען איז אַוועק זיך דערווּיסן, פֿאַרוואָס פֿאַרהאַלט מען, און די עמיגראַנטן האָט מען פֿאַרשלאָסן אין אַ קאַלטן און פֿינצטערן בופֿעט־צימער. איליטש ווערט אומרויִק, אָבער ער האַלט זיך אײַן — ניט אַריסטאָקראַטיש עס.

ענדלעך איז אַלץ אין אָרדענונג. מע קאָן גיין צום צוג. אַלע זײַנען אַרײַן אין וואַגאָן, אָבער דער צוג שטייט נאָך אַלץ. די מינוטן ציִען זיך ווי שאָען, אָבער סאַפּקאַלסאַף האָט דער צוג געריקט פֿון אָרט.

די דײַטשן האָבן אויסגעטיילט פֿאַר די עמיגראַנטן אַ וואַגאָן פֿון דריטן קלאַס, ניט פֿאַר אַלעמען האָבן זיך געפֿונען שלאָף־ערטער. וולאַדימיר איליטש מיט ריווקינען האָבן באַקומען איין שלאָף־פּליצע, האָט ריווקין געפּרוּווט אײַנריידן לענינען, ער זאָל אָפּרוען אָן איבערײַס ביז אינדערפֿרי, ווײַל ער, ריווקין, וויל ניט שלאָפֿן, ער לײַדט פֿון שלאָפֿלאָזיקײַט.

מ. כאַריטאָנאָוו דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„מיר אַלע האָבן זיך געסטאַרעט, אַף וויפֿל די באַדינגונגען אין וואַגאָן האָבן דערלויבט, ניט שטערן לענינען אין זײַן אַרבעט, אָבער ווען איינער פֿון די כאַווײַרים, אונטערגעהאַלטן פֿון אַנדערע, האָט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן פּלאַץ, קעדיי בעסער אײַנצואָרדענען וולאַדימיר איליטשן, האָט לענין געגנומען שטאַרק פּראָטעסטירן, און דערצו אין אַזאַ טאָן, אַז קיינער פֿון אונדז האָט מער אים ניט דערוווידערט".

סאַפּקאַלסאַף האָבן ריווקין מיט לענינען געוואָרפֿן גורל, און ס'איז אויסגעפֿאַלן ריווקינען צו שלאָפֿן פֿון 10 אָפּדערנאַכט ביז האַלב צוויי באַנאַכט, און לענין — פֿון האַלב צוויי ביז אינדערפֿרי.

ניט געקוקט דערויף, וואָס בעשאַס דעם גאַנצן וועג האָט וו. אי. לענין געוואָרט אַף עפּעס אַ פּלוצעמדיקער פּראָוואָקאַציע און ער האָט דערצו נאָך געגנומען אַף זיך די זאָרג פֿאַרן עסן, אָפּרו און זיכערקײַט פֿון די כאַווײַרים, האָט ער אָנגעשטרענגט געאַרבעט. דאַפֿקע אין דעם דאָזיקן וואַגאָן האָט ער אָנגעשריבן די באַוווסטע „אַפּרעל־טעזיסן". די ערשטע האָבן אויסגעהערט דעם געניאַלן פּאַרטיי־דאָקומענט די מיטפֿאָרער זײַנע. ריווקין האָט דערציילט, אַז אַ סאַך פֿון די כאַווײַרים זײַנען מאַמעש איבעראַשט געוואָרן פֿון דער נײַקײַט פֿון אייניקע פּונקטן, און זיי האָבן געגנומען דערווידערן. וולאַדימיר איליטש האָט ליב געהאַט אַ שטרײַט, ער האָט איבערצײַגט, באַשטאַנען און דערוויזן די גערעכטיקײַט פֿון די טעזיסן.

ריווקין האָט, צום בײַשפּיל, ניט באַלד מאַסקים געווען מיטן בײַטן דעם נאָמען פֿון דער פּאַרטיי. ער האָט שפּעטער דערציילט וועגן דעם:

„ס'דערמאָנט זיך מיר איין געשפּרעך מיט וולאַדימיר איליטשן. ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו מיר, און איך שווײַג — ניט געקאָנט ענטפֿערן, זיך פֿאַרלאָרן... ענדלעך האָט ער געפֿונען צו מיר אַ שליסל, און כ'האָב זיך צערעדט. „און וואָס, אויב מיר וועלן בײַטן דעם נאָמען פֿון דער פּאַרטיי? — האָט ער מיך אַ פֿרעג געטאָן. — וואָס אַזוינס זײַנען באָלשעוויקעס? געווען די מערהײַט, דערנאָך געוואָרן אַ מינדערהײַט, דערנאָך — ווידער די מערהײַט. מע דאַרף אָנרופֿן די פּאַרטיי אַ קאָמוניסטישע. דאָס וועט זײַן היסטאָריש ריכטיק". זאָג איך: „יאָ, היסטאָריש וועט דאָס זײַן ריכטיק, אָבער איך וואָלט געזאָגט, אַז איצטער טאָר מען דאָס ניט טאָן. ס'איז מעגלעך, אַז די אַרבעטער וועלן דאָס ניט פֿאַרשטיין". — „און וואָס וואָלט איר פֿאָרגעלייגט?" — פֿרעגט ער. — „איך ווייס ניט, — ענטפֿער איך, — מע דאַרף צוּוואַרטן, צוגרייטן"... געזאָגט דאָס, קוק איך אַף איליטשן — ער שמייכלט. האָב איך זיך פֿאַרלאָרן און אָנשוויגן געוואָרן. לענין האָט אַף מיר אַ קוק געטאָן און פֿרעגט: „נו, וואָס זשע שווײַגט איר?" — „אַזוי"... — ענטפֿער איך. וולאַדימיר איליטש האָט אַ שמייכל געטאָן און פֿאַרענדיקט: „אַוואַדע וועלן מיר צוּוואַרטן. און איר האָט געמיינט, אַז מיר וועלן קומען צו פֿאָרן און באַלד אָנרופֿן די פּאַרטיי אַ קאָמוניסטישע? מירן צונויפֿרופֿן אַ קאָנפֿערענץ, אַ צוזאַמענפֿאָר, דעמלט וועלן מיר אָנרופֿן „קאָמוניסטישע פּאַרטיי".

אינעם האַפֿן זאַסניץ זײַנען די עמיגראַנטן אַריבער אַף אַ פּאַראָם, וועלכער קורסירט צווישן דעם דײַטשישן האַפֿן און דער שוועדישער שטאָט טרעלעבאָרג, און פֿון דאָרט, באַגלייט פֿון די כאַווײַרים, וועלכע האָבן געלעבט אין שוועדן, זײַנען זיי אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם.

ס'איז באַקאַנט די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון די רוסישע עמיגראַנטן אַף די גאַסן פֿון שטאָקהאָלם. ריווקין איז אַף איר דער לעצטער פֿון לינקס. דער וועג פֿון שוועדן קיין פּעטערבורג איז אויך גוט באַוווסט.

וו. אי. לענין אין שטאָקהאָלם מיט א גרופּע רוסישע פּאָליטעמיגראַנטן (אינעם טאָג פון זייער אריבער־פאָרן דורך דער שוועדישער גרענעץ) אפן וועג פון דער שווייץ קיין רוסלאַנד, 31 מאַרט (13 אַפּרעל) 1917. דער ערשטער פון לינקס — זאַלמען ריוּוקין

זאַלמען ריוּוקין האָט אָנטיילגענומען אין דער זיצונג פון צק דעם 4 אַפּרעל באַנאַכט אין קשעסינסקעס פּאַלאַץ נאָך לענינס טריומפאַלער באַגעגעניש אפן פינלענדישן וואָקזאַל. ער דערמאָנט זיך וועגן דער היסטאָרישער נאַכט:

„אינעם פּאַלאַץ האָט מען געמאַכט א כאַווערישן טיי־אָוונט, די פּעטראָגראַדער האָבן גע־וואָלט פּײַערלעך באַגריסן לענינען, אָבער וולאַדימיר איליטש האָט זיי אָפּגעשטעלט: „פּריִער דאַרף מען באַטראַכטן זאַכלעכע פראַגן...” די באַגעגעניש האָט זיך פאַרצויגן ביז 4 אַזייגער באַנאַכט.

שליסנדיק די דיסקוסיע, האָט לענין געזאָגט אַזוי: „כאַווײרים! גענוג שוין מיט רעוואָ־ליוציאָנערער טעאַטראַלישקײַט. ס'איז צײַט נעמען זיך צו דער זאַך. מע דאַרף גיין אף די פאַבריקן און זאַוואָדן צו די אַרבעטער, אין קאַזאַרמעס צו די סאָלדאַטן און מאַטראָסן, דערקלערן זיי די באָלשעוויסטישע פּראָגראַם, דעמאַסקירן די פּאָליטיק פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. מ'דאַרף זיי דערקלערן, אַז די צײַטווײַליקע רעגירונג וועט ניט געבן דעם פאָלק ניט קיין שאָ־לעם, ניט קיין ברויט און ניט קיין פרײַהײַט. בלויז דאָס דעראָבערן די מאַכט מיצאַד די אַרבע־טער און פּויערים וועט געבן שאָלעם, ברויט און פרײַהײַט”.

די פּאַרטיי, באַגײַסטערט פון דער קלאָרער פּראָגראַם פון לענינס „אַפּרעל־טעזיסן”, האָט אָנגעהויבן א גראַנדיעזע לויטן מאַסשטאַב „דעראָבערונג פון די מאַסן מיט ווערטער פון עמעס”. ס'איז געווען א מאַנגל אין גענײַטע אַגיטאַטאָרן־באָלשעוויקעס אפילע אין די הויפּטשטעט, שוין אָפּגערעדט פון דער פּראָווינץ. דערפאַר איז ניט געווען צופעליק, וואָס גלײַך נאָכן אומקערן זיך פון דער עמיגראַציע ווערט ריוּוקין געשיקט אף פּאַרטיי־אַרבעט אין וויטעבסקער גובער־ניע, ווו ער האָט אַמאָל אָנגעהויבן זײַן רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט. לויטן באַשלוס פונעם וויטעבסקער גובקאָם קומט ער אָן קיין וועליזש, זײַן געבורטס־שטעטל, ווו מע ווײלט אים אויס אין מײַ 1917 פאַר שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם אָרטיקן סאָוועט.

וועגן די דאָזיקע טעג האָט זאַלמען ריוּוקין געשריבן אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע: „לויט דעם אויפטראָג פונעם וויטעבסקער באָלשעוויסטישן קאָמיטעט האָב איך געפירט אָן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָלדאַטן, אַרבעטער און פּויערים, אָנטיילגענומען אין די צוזאַמענ־פאָרן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן און אין באָלשעוויסטישע קאָנפערענצן אין וויטעבסקער גובער־ניע. ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט דער וויטעבסקער פּאַרטיי־קאָמיטעט מיך קאָ־מאַנדירט צוזאַמען מיט אַנדערע כאַווײרים אין שטעטל גאָראָדאָק, מיר זאָלן פירן אַן אַגיטאַציע

צווישן די סאָלדאַטן, וועלכע קערענסקי האָט אַרויסגערופן צו אונטערדריקן דעם באַוואָפנטן אופשטאַנד פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער"...

שפּעטער האָט ריווקין דערציילט, ווי ער פּלעגט, ניט באַוואָפנט, זיך אופהייבן אַף אַן אימפּראָוויזירטער טריבונע און, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון אומפּאַרטרויליכע, פאַרבלאָנדזשעטע און אָפט פײַנטלעך־געשטימטע סאָלדאַטן, גערעדט צו זיי. דאָס האָט באַטײַט טאָגטעגלעך ריזיקירן מיטן לעבן. אָבער די שטימונג פון די אַרמייען אַפן מײַרעוו־פראָנט איז געווען לעבנסוויכטיק פאַרן דערפאָלג פון דעם אופשטאַנד. אַף דעם האָט באַזונדערס געלייגט אַכט דער פּעטראָגראַדער רעוואָליוציאָנער־מיליטערישער קאָמיטעט. לעניִן האָט אונטערגעשטראָכן די באַדײַטונג פונעם מײַרעוו־פראָנט פאַרן ניצחון פון דעם אופשטאַנד. דער ניצחון איז דערגרייכט געוואָרן ניט בלויז מיט געווער, אין אַ ניט קלענערער מאָס — מיטן קויעך פון די באָלשעוויסטישע אידייען. און צווישן די אַגיטאַטאָרן איז אין דעם דאָזיקן פאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט פון דער געשיכטע געווען אויך זאַלמען ריווקין — אַ לײַדנשאַפטלעכער אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט געקאָנט פּאַשעט און פאַרשטענדלעך אופקלערן דאָס שווערסטע און דאָס וויכטיקסטע. ער איז געווען זייער פּאָפּולער בא די מאַסן, און מיסטאָמע דערפאַר איז ער אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער ליסטע פון די באָלשעוויסטישע קאַנדידאַטן פאַר די וואַלן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די באָלשעוויקעס זײַנען אין 40 באַצירקן געווען די ערשטע — סײַ אין די אינדוסטריִעלע צענטרען, און סײַ אין די פּײַפראָנט־ראַיאָנען. אין וויטעבסקער גובערניע איז אין סענטיאַבער 1917 נאָך זייער שטאַרק געווען דער אײַנפלוס פון די מענשעוויקעס און עסערן. אַף דעם צוזאַמענפאָר פונעם גובסאָוועט האָבן זיי געהאַט די מערהײַט. אָבער אין די וואַלן פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן שוין די באָלשעוויקעס באַקומען די מערהײַט שטימען. די צײַטונג „איזוועסטיאַ" האָט דעם 1 דעקאַבער 1917 מיטגעטיילט:

„לויט די באַריכטן, וועלכע עס האָט דערהאַלטן די וואַל־קאָמיסיע ביז דרײַ אַזייגער דעם 28 נאָיאַבער, האָט די שטימען־ציילונג אין וויטעבסק באַוויזן, אַז די באָלשעוויסטישע ליסטע איז דורכגעגאַנגען די ערשטע. אַלס מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זײַנען פון דער ליסטע אויסגעוויילט: קאַמענעוו, דזערזשינסקי, סאַרקיסיאַנץ, טשעשייקאָ, סאָכאַצקי, פּינסאָן, ריווקין..."

אין יאַנוואַר 1918 איז ריווקין אַלס דעפּוטאַט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געקומען צו פאָרן קיין פּעטראָגראַד. ס'איז באַקאַנט, אַז די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ראַטיפיצירן די דעקרעטן פון דער סאָוועטנמאַכט און דערמיט זיך אַליין פאַרורטיילט.

די צײַט איז געווען אַן אומרויִקע, די קאָנטררעוואָליוציע האָט געווילדעוועט. ריווקין, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספירקאָמיטעט, איז געשיקט געוואָרן אין דער הויפּט־אויספאָרשונגס־קאָמיסיע באַם רעוועטריבונאַל. אין דער דאָזיקער צײַט האָט ער זיך אָפּט געטראָפן מיט וו. אי. לעניִנען. שפּעטער האָט ער דערציילט אַזאַ פאַקט, וואָס שילדערט אילײַטשס פּראָסטקײַט.

אין דער גאַרקיק, בעשאַס מיטיק־צײַט, פלעגט זיך צונויפקלײַבן אַ גרויסער עולם. ס'האָבן זיך געשאַפן לאַנגע רייען. וולאַדימיר איליטש שטעלט זיך דער לעצטער. די כאַווירים ווילן אים דורכלאָזן פאָרויס, אָבער ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ. ער רעדט זייער וואַרעם און פרײַנטלעך מיט פאַרזענלעך־באַקאַנטע כאַווירים, דערמאָנט די צײַט פון אונטערערד, פון עמיגראַציע.

זאַלמען ריווקין האָט זעלטן דערמאָנט וועגן זײַן אַרבעט אינעם רעוועטריבונאַל. מיר האָט ער וועגן דעם דערציילט בלויז איין מאָל, און איך האָב פאַרשריבן אייניקע עפּיזאָדן.

עס האָט זיך געשאַפן אַ געפאַר פון אַ לינטש־געריכט איבער די געוועזענע מיניסטאָרן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג מיצאַד דעם טורמע־גאַרניזאָן, און מע האָט זיי געמוזט אַריבערפירן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. ריווקין האָט זיי באַגלייט אַהין און איז איבעראַשט געוואָרן פון זייער אויסזען: ציטערנדיקע הענט, דערדריקטקײַט, נערוועזקײַט. ער האָט דערציילט: „כ'האָב ניט איין מאָל געזען רעוואָליוציאָנערן אין טורמעס, אַפילע פאַרן טויט — דאָס זײַנען געווען שטאַרקע, שטאָלצע מענטשן, העלדן. אָבער אַזעלכע מינדערוווערטיקע מענטשלעך, ווי די געוועזענע צאַרישע מיניסטאָרן, האָב איך קיינמאָל ניט געזען צווישן מײַנע כאַווירים".

נאָך איין עפּיזאָד: ריווקין האָט זיך באַטייליקט אינעם פאַרהער פון דעם געוועזענעם יוסטיץ־מיניסטער אי. ג. שטשעגלאָוויטאָוו. דער דאָזיקער שוואַרצמייעניק, דער איניציאַטאָר פונעם שמוציקן ביילִיס־פּראָצעס, האָט באַם פּאַלק פאַרדינט אַ טרעפלעכן צונאָמען „וואַנקאַ־קאַין". און איצט איז אָט דער טאַליען אַליין אַף אַ פאַרהער און מאַכט אין דער נײַער ראַליע



ז. ריוויקין מיט זײַן זון (סאָף 20־ער יאָרן)

אן עקלהאפטן אײַנדרוק. ער בעט באַם אויספאָרשער מיט א קלאָגעדיקער שטימע: „גיט, ביטע, פאַרייכערן!”, און ווען ריוויקין דערלאנגט שטשעגלאָוויטאָוון זײַנע באליבטע פראנצויזישע פאפיראָסן „אָסמאן”, דאנקט אים שטשעגלאָוויטאָוו מאמעש דערנידעריקט...

ווען די שאָלעם־געשפּרעכן אין ברעסט זײַנען ארונטערגעריסן געוואָרן און דער פאָרמארש פון די דײַטשן האָט אופגעוועקט די האָפענונגען בא דער בורזשואזיע, האָבן דאָ און דאָרט אָנגעהויבן אופלאקערן קאָנטררעוואָליוציאָנערע אופשטאנדן. אזא אופשטאנד האָט אויסגעבראָכן אין דער אויעזדנער שטאָט טאָראָפּעץ אין פסקאָווער גובערניע, נאָענט צום פראָנט, און דאָס איז געווען באזונדערס געפערלעך. עס האָבן באומרויִקט סײַ די אקציעס פון דער קאָנטררעוואָליוציע, סײַ די אומגעניטקײַט פון די כאוויירים אין די סאָוועטן — א שטענדיקע שווערקײַט אין די ראיאָנען מיט א קליינער צאָל פראָלעטאריער.

זאלמען ריוויקין איז אין סאָף מארט 1918 קאָמאנדירט געוואָרן פון דער מאָסקווער טשעקא קיין טאָראָפּעץ, און דאָרט האָט ער זיך געשטעלט בעראָש פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. ער האָט פארשטאנען, אז די אופגאבע איז — ניט נאָר אופצושטעלן די אָרדענונג אין טאָראָפּעץ, נאָר, און דעריקער, העכערן דעם פּרעסטיזש פון דער סאָוועטנמאכט אין א שטאָט, וועלכע איז נאָך דעם ברעסטער שאָלעם־אָפּמאך געוואָרן פאקטיש א גרענעץ־פונקט.

די ווײַטערדיקע געשעענישן האָבן פארלענגערט זײַן קאָמאנדירונג קיין טאָראָפּעץ. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאר א מיטגליד אין אויעזדקאָם פון דער פארטיי און אין אויעזדאויספּירקאָם. א דערפארענער רעוואָליוציאָנער, געשיקט פון דער הויפּטשטאָט, האָט ער פארדינט זייער גיך גרויס אָפּשײַ און אוטאָריטעט בא די מאסן. א געוויסע ראָליע האָט דאָ געשפילט אויך דאָס, וואָס ער איז געווען א גוטער רעדנער. מיך האָט איבערראשט זײַן ארט ריידן. אפילע זײַענדיק שוין אין א גאָר בעקאָוועדיקן עלטער (ס'ווילט זיך ניט זאָגן „זײַענדיק אלט”), פלעגט ער ריידן מיט גרויסער קראפט און איבערצײַגעוודיקײַט. די טאָראָפּעצער טוישווים האָבן דערציילט, אז אף מיטינגען, וואָס מע האָט אײַנגעאָרדנט אינעם גרעסטן זאל — אין קינאָ־טעאטער „טיוואָלי”, — פלעגט ריוויקין מאמעש באצויבערן די צוהערער.

דער הויפּט־סעקרעט פון זײַן אָראטאָרישער קונסט איז געווען די קלאָרע אידייִשע פּאָזיציע. ער איז שטענדיק געבליבן א טרײַער לענינעץ, זיך פּינקטלעך אָריִענטירט אין פּאָליטישע פּראָבלעמען, קאָנסעקווענט פּארטיידיקט לענינס פּאָזיציע בענעגייע דעם ברעסטער אָפּמאך, וועלכער האָט אופגעשטורעמט דאָס לאנד, ווי אויך בענעגייע די פּראָפּאריינען און אין אנדערע פראגן.

ס'האָט זיך פארענדיקט דער בירגערקריג. אפן VIII אלרוסלענדישן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטן ווערט אָנגענומען דער אנטוויקלונג פאר דער וויכטיקסטער פון דער סאָציאליסטישער עקאָנאָמיק דאָקומענט — גאָעלראָ (דער מעלוכע־פּלאן פאר רוסלאנדס עלעקטריפיקאציע). אלס דעלעגאט פון דעם VIII צוזאמענפאָר פון די סאָוועטן אין מאָסקווע באקאנט זיך ריוויקין מיט די גראנדיעזע אופגאבן, וואָס די פארטיי שטעלט פארן פאָלק, און ער קערט זיך אום אין טאָראָפּעצער אויעזד, א בארײַכערטער מיט די נײַע לענינישע אידייען.

די פארטיי גייט אריבער צו דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. פאר פיל קאָמוניסטן קלינגט מאָדנע לענינס לאָזונג „לערנט זיך האנדלען!”. ריוויקין האָט די דאָזיקע ווערטער אופגענומען ניט פּאָשעט ווי א דיסציפּלינירטער פארטיי־מיטגליד נעמט אוף א דירעקטיוו. ער

וויַזט א מוסטער פון פאַרווירקלעכן לענינס פּאָדערונג. אַלס פאָרזיצער פון דעם וואַלד־קאָמיטעט און אַלס פאַרוואַלטער פון דער ראַיאָן־אָפּטיילונג „דווינלעס" נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאַמפּאַניע פאַר אָפּהיטן דעם וואַלד, דעם גרויסן אוצער פון רוסלאַנד. און ווען ער איז אין 1925 געוואָרן פאַראַרדענונגס־דירעקטאָר פון דער אַקציאָנערער געזעלשאַפט „דווינלעס עקספּאָרט לימיטעד", האַנדלט ער מיט די ענגלישע פירמעס זייער געניט, מיט גרויסע קענטעגישן אין די פינאַנץ־וויסנשאַפטן און מיט פאַרשטאַנד פון דעם פּאַרטנערס פּסיכאָלאָגיע.

ווער עס איז געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט זאַלמען ריווקינען, האָט פיל צו זאָגן וועגן אָט דעם דאָזיקן קלוגן, לעבנסלוסטיקן, גייַסטיק געזונטן מענטשן. זיַין באַציִונג צו אַנדערע איז געווען עכט לעניניש. ריווקין האָט געשטאַמט פון די סאַמע אונטערדריקטע שיכטן פונעם פאָלק. און וואָס פאַרא הויכע פּאָסטנס ער זאָל ניט פאַרנעמען, האָט ער שטענדיק זיך געצויגן צו פּאָשעטע אַרבעטער מיט גרויס דערעכערעץ, מיט גלויבן אין זייערע מעגלעכקייַטן. ער איז געווען זייער אַ גוטהאַרציקער און איבערגעגעבענער מישפּאָכע־מענטש, געקענט שעצן פריַינטשאַפט און אַפן גאַנצן לעבן געבליבן טריַי צו אַלטע פריַינט.

ער איז געווען וווּנדערלעך באַשיידן: עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער נאָענט געקענט וולאַדימיר איליטש לענינען און נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ, אַ סאַך אַנדערע אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער, אָבער קיינמאָל פלעגט ער זיך אין קיינע אומשטענדן ניט פאַרופן אָף די דאָזיקע באַקאַנטשאַפטן און ביכלאַל אָף זיַין רעוואָליוציאָנערער קעמפערישער פאַרגאַנגענהייַט.

איך האָב ניט איין מאָל זיך אָנגעפרעגט בא ריווקינען, פאַרוואָס ער שריַיבט ניט קיין זיכרוינעס וועגן לענינען. לויט זיַינע ענטפערס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער היט אָפּ זאָרגפעליק אין זיקאָרן יעדע מינדסטע דעטאַל פון לענינס לעבן, יעדעס וואָרט זיַינס, און ער האָט מוירע, טאָמער וועלן די ניט געלונגענע ווערטער פאַרענדערן לענינס אומענדלעך טיַיער געשטאַלט...

זאַלמען ריווקין האָט זייער ליב געהאַט ציטירן מ. גאָרקיס ווערטער וועגן וו. אי. לענינען: „פּאַשעט, ווי דער עמעס". שמועסנדיק וועגן נייַע פילמען אָדער ספּעקטאַקלען, געווידמעטע לענינען, פלעגט ער געוויינלעך זאָגן: „ער איז געווען נאָך פּראָסטער", און דערנאָך דערציילן אַן עפּיזאָד, אָדער ברענגען אַאוטענטישע ווערטער לענינס, ניט פון דער טריבונע געזאָגטע, און טאָן דאָס אַזוי וואָרהאַפטיק און פאַרביק, אַז מע האָט לייַכט געקאָנט זיך פאָרשטעלן דעם לעבעדיקן וולאַדימיר איליטש.

זאַלמען ריווקין האָט אָפּגעלעבט אַ לאַנג לעבן, און וועלכן ער האָט געהאַט סיַי טעג פון גרויסער פרייד, סיַי טעג פון ליידן. אַ גליקלעכער מענטש איז ער געווען דערפאַר, וויַיל זיַין דאָר געהערט צו די שעפער פון אונדזער עפּאָכע.

דאָס פאָטערלאַנד האָט הויך אָפּגעשאַצט ריווקינס פאַרדינסטן. ער איז באַלוינט געוואָרן מיט די אָרדענס „רויטע אַרבעטס־פאָן", „רויטער שטערן", „ערן־צייכן" און מיט מעדאַלן. אָבער ס'איז פאַראַן נאָך איין באַלוינונג — דאָס איז דער מענטשלעכער זיקאָרן, דער גוטער אָנדענק, די דאַנקבאַרקייַט פון דוירעס צו יענע ערשטע, וועמען די געשיכטע האָט אַ נאָמען געגעבן — לענינס באָלשעוויסטישע גוואַרדיע. ווי גרויס און ווי מעכטיק איז געווען די דאָזיקע גוואַרדיע, אויב יעדער איינער אין אירע רייען האָט געקעמפט מיט אַזאַ מעסירעסנעפעשדיקייַט, ווי זאַלמען ריווקין.

איבערגעזעצט פון רוסיש — אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו

1—1782

וועלוול ווערניק

שאָלעם לעוויט — דער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדיסט

פון ווען אָן געדענקען מיר אונדזערע קינדער־יאָרן? אייניקע געדענקען, ווען זיי זײַנען געווען גאָר קליינינקע. שאָלעם לעוויט געדענקט זיך, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו אכט יאָר העלפן דעם טאַטן זײַנעם, איציע דעם באַלעגאָלע, אײַנשפּאַנען און אויסשפּאַנען דאָס פערדל פון וואָגן, באַצײַטנס אונטערלייגן היי און האָבער פאַרן אויסגעמאָגערטן פערדל.

זײַן מישפּאָכע האָט דעמלט געלעבט אין סטאַווערישטשע — אַ שטעטל אַפּן וועג פון בעלאָצערקאָוו קיין אומאַן מיט אַ גאָר אינטערעסאַנטער געשיכטע, וואָס ציט זיך שוין פיל יאָרהונדערטער. גאָר אַמאָל האָט סטאַווערישטשע געהערט צום בעלאָצערקאָווער סטאַראָסטע ליובאָמירסקי און האָט געהייסן ליובאָמיר. סטאַווערישטשע ווערט דערמאָנט צום ערשטן מאָל אין די אַרכיוו־דאָקומענטן פונעם 17־טן יאָרהונדערט.

אין עק שטעטל איז געשטאַנען די כאַטע פונעם באַלעגאָלע, טיף אײַנגעזונקען אין דער ערד, געדעקט מיט שטרוי. דאָ האָט געוווינט די גרויסע מישפּאָכע לעוויט, געלעבט אין דאַכקעס און אין נויט. נאָך גאָר יונגע, פאַרלאָזן די קינדער סטאַווערישטשע, מע פאָרט זוכן אַרבעט.

שאָלעם לעוויט, וועגן וועמען מיר דערציילן, איז אין 1926 אַריבערגעפאָרן קיין בעלאָצערקאָוו אַרבעטן אין אַ לעדער־קאָמבינאַט. און אָט דאָ, באַגלײַך מיטן באַהערשן די נײַע פּראָפעסיע, ווערט ער אַן אַגיטאַטאָר, שליסט זיך אײַן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. מע ווײלט אים אויס אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע פונעם קאָמבינאַט. דער זיבעצניאָריקער לעוויט לערנט זיך אין די אָוונטן אין אַרבפאַק

אין מאַרט 1938, ווען אין קיִעוו ווערט אָרגאַניזירט דער פיליִאַל פונעם לענין־מוזיי באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון אוקראַיִנע, שיקט מען שאָלעם לעוויטן אַרבעטן אינעם דאָזיקן מוזיי. פון דעמלט אָן אַרבעט ער דאָ אַלס לעקטאָר, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער און, לעצטנס, אַלס פאַרוואַלטער פון אַן אָפּטייל.

הונדערטער שטעט און דערפער, פאַבריקן און זאַוואָדן, קאָלווירטן און סאָווירטן האָט שאָלעם לעוויט באַזוכט, אַרבעטנדיק אינעם מוזיי. ער האָט געלייענט לעקציעס וועגן לענינען, וועגן דער גרויסער קראַפט פון לענינס לערע, ניט איין מאָל אַרויסגעטראָטן פאַר פאַרטאָרגן אויף געגנטלעכע און שטאָטישע פּאַרטיי־אַקטיוון, אויף פּראָפּאַגאַנדיסטן־סעמינאַרן.

בײַס דער לאַנגיאָריקער אַרבעט אינעם לענין־מוזיי האָט לעוויט געהאַט אינטערעסאַנטע באַגעגענישן מיט אָנגעזעענע וועטעראַנען פון אונדזער פּאַרטיי. אים איז אויסגעקומען צו שמועסן מיט לענינס ברודער דמיטרי אוליאַנאָוו, מיט יעלענאַ סטאַסאָוואַ, ג. מ. קרזשיזשאַנאָווסקי, מיט די פּאַרטיי־וועטעראַנען פּ. נ. לעפּעשינסקי און אָ. ב. לעפּעשינסקי. באַזונדערס קאָן ער ניט פאַרגעסן די באַגעגעניש מיט נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ.

דאָס איז געווען אין יול 1938, ווען ער האָט פּראַקטיקירט אינעם מאָסקווער צענטראַלן לענין־מוזיי מיט אַ גרופּע קיִעווער פּראָפּאַגאַנדיסטן.

לעוויט דערציילט:

— אַנומלטן האָט מען אונדז, קיִעווער געסט, געמאָלדן, אַז עס וויל זיך מיט אונדז באַגעגענען נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ. די דירעקציע פונעם מוזיי האָט אונדז געוואָרנט, אַז קרופּסקאַיאַ איז שוואַך אין געזונט, און געבעטן, מיר זאָלן זי ניט פאַרהאַלטן מער פון דרײַסיק מינוט. נאָר באַקומען האָט זיך גאָר אַנדערש. דער אינטערעסאַנטער שמועס, וואָס איז פאָר־

נ. ק. קרופּסקאַיאַ מיט א גרופּע קיִעווער פּראָפּאַגאַנדיסטן אינעם צענטראַלן לענין־מוזיי, יול 1938

געקומען אין די מוזיי־זאלן, האָט געדויערט מער פון דריי שאָ.

ביז איצט געדענקט לעוויט אלע פראַטים פון אָט דער באַגעגעניש.

— נאַדעזשדא קאָנסטאַנטינאָווגא האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער לענין־מוזיי דאַרף זײַן ניט בלויז אַן עקספּאָנאַטן־אויסשטעלונג, ער דאַרף זײַן דאָס צענטראַלע אָרט אַף פּראָפּאַגאַנדירן לעניניזם. די אויפגאַבע פון פּראָפּאַגאַנדיסטן איז באַווײַזן לענינען אינעם קאַמף, אין דער אומופּהערלעכער פאַרבינדונג מיט די מאַסן...

די קיִעווער זשורנאַלן און צײַטונגען ווענדן זיך אָפּט צו לעוויטן מיט באַקאָשעס, ער זאָל אָנשרײַבן אַרטיקלען אַף דער לענין־טעמע. פאַר די יאָרן, וואָס ער האָט געאַרבעט אינעם מוזיי, האָט ער געהאַט העכער 300 פּובליקאַציעס, אייניקע אין באַזונדערע בראָשורן.

אין סענטיאַבער 1963 האָבן די צײַטונגען פאַרעפנטלעכט אַן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון דער אוקראַיִנישער ראַטן־רעפּובליק וועגן באַלוינען דעם וועטעראַן פאַרנעם לענין־מוזיי שאָלעם לעוויט מיט אַן ערן־גראַמאָטע. מיט זעקס יאָר שפּעטער אייגנט מען אים צו דעם ערן־טיטל — פאַרדינסטפולער קולטור־טוער פון דער אוקראַיִנישער ססר.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע, איז לעוויט שוין געווען א קאַדראָווער אָפּיצער. ער האָט געפירט פּאָליטישע אַרבעט דירעקט אין די אָקאָפּעס, אַף די פאָדערשטע פראָנט־פּאָזיציעס.

אין מיי 1945 האָט מען דעם מאַיאָר לעוויט אַרויסגערופן אין קאַדרען־אָפּטייל פונעם ערשטן ווײַסרוסישן פראָנט און פאָרגעלייגט בלײַבן אַף פּאָליטישער אַרבעט אין א פאַרייניקטער קאָמענדאַטור פון פיר דײַטשישע שטעט.

לעוויטן האָט געקימערט, וויאַזוי וועט ער שאַפן א נײַע אַטמאָספער צווישן די געוועזענע סאָנים. דעם פּאָלקאָווניק פונעם קאַדרען־אָפּטייל האָט ער געפרעגט:

— און אַן אינסטרוקציע, און וואָס עס באַשטייט מײַן פליכט, וועט איר מיר געבן?

דער ענטפער איז געווען אַן אומדערוואַרטער:

— פאַר מיר איז די דאָזיקע אַרבעט אויך א רעטעניש...

און דער פּאָלקאָווניק האָט צוגעגעבן:

— איינס ווייס איך געוויס: די סאָוועטישע קאָמענדאַטור וועט זיך מוזן פאַרנעמען מיט דעמיליטאַריזירן דײַטשלאַנד, מיט דעמאָקראַטיזירן דאָס געוועזענע נאַציסטישע לאַנד. מיר וועלן העלפן די דײַטשן אַריבערגיין צו א נײַ לעבן...

שווער, זייער שווער איז געווען צו פירן די פּאָליטישע אַרבעט אין דער קאָמענדאַטור. צוערשט האָט מען געדאַרפט אָנהאָדעווען די הונ־

געריקע מענטשן, אײַנשטעלן ריכטיקע קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט דער דײַטשישער באַפעלקערונג.

לעוויט דערמאָנט זיך אין יענע שווערע טעג און גיט צו:

— אָן דער הילף פון די אנטיפאשיסטן, פון דעם לעבנגעבליבענעם הײַפעלע דײַטשישע קאָמוניסטן, וואָלט די קאָמענדאטור ניט געקענט אויספילן אירע אופגאבן.

צוויי מאָל האָט זיך דער מאיאָר לעוויט באַגעגנט אין דער קאָמענדאטור מיט ווילהעלם פיקן, איינעם פון די אָנגעזעענסטע דײַטשישע קאָמוניסטישע פירער. לעוויט איז צוזאמען מיט אים געפאָרן איבער די שטעט און דערפער און אפן אָרט געלייזט וויכטיקע פראגן.

אין 1947 האָט דער מאיאָר לעוויט זיך דעמאָביליזירט פון דער ארמיי און איז ווידער געקומען אהיים קיין קיִעוו. געוויס האָט ער געקלערט, אז מער וועט אים שוין ניט אויסקומען צו זײַן אין דײַטשלאנד, נאָר ער האָט געהאט א טאָעס.

אין 1975, ווען אונדזער לאנד האָט פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם גרויסן ניצאָכן, האָבן דײַטשישע אקטיוויסטן אָפּגעזוכט לעוויטס קיִעווער אדרעס און אים אײַנגעלאדן צו זיך אפן יאָמטעוו. צוואנציק טעג איז ער געווען א גאסט בא די דײַטשישע פרײַנט, באזוכט ערטער, ווו ער האָט אמאָל געארבעט אין דער סאָוועטישער קאָמענדאטור. ער האָט ניט דערקענט די אפסנײַ אויסגעבויטע שטעט און דערפער פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק. דער סאָציִאליזם האָט אהער געבראכט דעם נײַעם מענטשן, דעם אינטערנאציִאָנאליסט. אף יעדן טריט און שריט האָט דער געוועזענער פראָנטאָוויק פונעם אנטיהיטלערישן קריג געפילט די גרויסע פרײַנטשאפט צווישן דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק און דעם סאָוועטנפארבאנד.

אין איינעם א זומער־טאָג פון אווגוסט 1976 איז צום הויז אף דער לײַפציג־גאס אין קיִעוו, ווו עס וווינט לעוויט, צוגעפאָרן א מאשין. צוויי מענטשן — א מאנצבל און א פרוי זײַנען געקומען מיט אן ענטפער־וויזיט צום געוועזענעם סאָוועטישן מאיאָר, וועלכער האָט גלײַך דערקענט דעם ערשטן סעקרעטאר פון שטאָטקאָם פון פארטיי פון דער דײַטשישער שטאָט שטאָלבערג וואָלפהאנג יאטקע און זײַן פרוי. לעוויט האָט מיט א שטאָלצן געפיל באוויזן זײַנע געסט די פראכטפולע אוקראַיִנישע הויפטשטאָט. פארן אָפפאָרן פון קיִעוו האָט וואָלפהאנג יאטקע אים געזאָגט:

— דו ווייסט דאָך, ברודערקע, איך בין א פארטיי־מענטש, און כ׳וואָלט זייער געוואָלט זיך באקאנען מיטן קיִעווער לענין־מוזיי. איך האָב געהערט, אז דו האָסט צו אים א שטיקל שײַכעס, וויל איך טאקע דיך בעטן, זאָלסט זײַן מײַן באגלייטער...

ווען זיי זײַנען געקומען אין מוזיי, האָט יאטקע זיך געווענדט צו די מיטארבעטער, וועלכע האָבן זיך פונקט צונויפגעזאמלט אף א קורצער באראטונג און אײַנגעלאדן אף איר די געסט:

— מיט מיר געפינט זיך דאָ דער מאיאָר, מײַנער א פרײַנט, אויך אײַערער א קאָלעגע — שאָלעם לעוויט. מעגלעך, אז ניט אלע ווייסן, אז לעוויט האָט פארדינסטן פאר דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפובליק. שוין אדורך אזויפיל יאָרן, נאָר עס געדענקען אים זייער גוט די אײַנוווינער פון אונדזער שטאָט שטאָלבערג, ווו ער האָט געארבעט אין דער סאָוועטישער קאָמענדאטור. די פארטייִשע און אָרטיקע אָרגאניזאציעס פון שטאָלבערג האָבן באשלאָסן צוייגענען דעם כאווער לעוויט דעם טיטל „ערן־בירגער פון דער שטאָט שטאָלבערג”. מײַנע לאנדסלײַט האָבן מיך געבעטן, איך זאָל איבערגעבן דעם ערן־צייכן דעם כאווער לעוויט. טו איך עס מיט גרויס פארגעניגן.

און דאָ טאקע, אינעם לאָקאל פונעם לענין־מוזיי, האָט וואָלפהאנג יאטקע איבערגעגעבן דעם צייכן לעוויטן.

אזא איז ער, דער אומדערמידלעכער פראָפאגאנדיסט, פארדינסטפולער קולטור־טוער פון דער סאָוועטישער אוקראַיִנע, דער באלוינטער מיט אן ערן־גראמאָטע פונעם אויבער־סאָוועט פון אוקראַיִנע, דער ערן־בירגער פון דער דײַטשישער שטאָט שטאָלבערג — שאָלעם לעוויט. ביז איצט זעצט ער פאָר די פראָפאגאנדיסטישע ארבעט אין דער אוקראַיִנישער הויפטשטאָט, אין די שטעט און דערפער פון דער קיִעווער געגנט.

פ. קאגאן, א. ראבינאָוויטש

טאָמיד אַף דער פאָדערשטער ליניע

אין דער מישפאָכע פונעם אָרעמען נאָוואָגראד־וואָלינסקער סטאָליער לייב כאראפינסקי האָט קיינער אפילע ניט געטראכט, אז יאנקעוו וועט באקומען הויכבילדונג: פארן קאפצאָנישן ייִנגל איז אפילע די טיר פון דער גימנאזיע געווען פעסט פארהאקט. דאָס יאטל אָבער האָט זיך פון קליינערהייט געצויגן צו קענטענישן, שטודירט זעלבשטענדיק, א סאך געלייענט, באזונדערס זיך אינטערעסירט מיט פילאָסאָפישע פראָבלעמען.

אן אכצניאָריקער, אין 1913, האלט ער עקסטערן עקזאמענעס, באקומט אן אטעסטאט פון מיטעלער בילדונג. עס געלינגט אים דורכצורייַסן דעם פינפראָצענטיקן באגרענעצונג־באריער פאר ייִדן און אָנקומען אין קיִעווער אוניווערסיטעט אַף דעם יורידישן פאקולטעט, וועלכן ער פארענדיקט אינעם שטורמישן 1917. מע מאָביליזירט אים גלייַך אין דער ארמיי, און ער דינט אינעם פערטן רעזערוו־פאָלק אין זשיטאָמיר.

יאנקעוו האָט דעמלט א סאך געטראכט וועגן גורל פון דער וועלט, וועגן דער רעוואָליוציע און דער קומענדיקער אייַנאָרדענונג פון דער געזעלשאפט, וועגן קריג און פרידן. ער זוכט ענטפערס אין פארשיידענע צייַטונגען, אין שמועסן מיט מענטשן, אין די ארויסזאָגונגען פון רעדנער אַף די מיטינגען. באקומען א ריכטיקע אָריִענטאציע גיט זיך אים אייַן ערשט דאן, ווען ער באקענט זיך מיט דער מארקסיסטישער ליטעראטור, מיט די באָלשעוויסטישע אידייען.

דער אינטערעס צו דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג, זייַן אקטיווע מיטארבעט אין סאָלדאטישן קאָמיטעט פורעמען אויס פון אים אן עכטן קעמפער. ער טרעט ארייַן אין דער באָלשעוויסטישער פארטיי, שליסט זיך אָן אין איר טאָגטעגלעכער, אומדערמידלעכער טעטיקייַט. ער ווערט א פארטייִשער פראָפאגאנדיסט.

דער יונגער כאראפינסקי איז נאָך אין יענע צייַטן געווען שוואך אין פראט פון טעאָריע. דאָס האָט זיך געלאָזט פילן באזונדערס דעמלט, ווען עס איז אויסגעקומען אַף מיטינגען צו דעמאסקירן די פאָליטיק און די פראָגראמען פון די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע פארטייען, וועלכע פלעגן, פלאפלענדיק וועגן די אינטערעסן פונעם פאָלק, פאקטיש פארטיידיקן די אינטערעסן פון די פארמעגלעכע קלאסן. כאראפינסקי פלעגט ווידעראמאָל און נאכאמאָל שטודירן די מארקסיסטישע ליטעראטור — ער האָט געשטרעבט אוועקשטעלן אַף א פעסטן פונדאמענט זייַנע באָלשעוויסטישע איבערצייַגונגען.

נאָך דער פעווראל־רעוואָליוציע איז די מיליטער־דינסט דורכגעגאנגען א סאך לייַכטער, איידער אין דער צארישער ארמיי. בלויז די ערשטע העלפט פונעם טאָג פלעגט פארנעמען די סאָלדאטישע לער. אין דער צווייטער העלפט האָט כאראפינסקי געשטרעבט צו זייַן צווישן די מאסן, זיך צוגעקוקט צום לעבן, געלייענט ביכער, באזוכט מיטינגען.

אויב פריִער פלעגט כאראפינסקי גלייַכגילטיק זיך באציִען צו דער מיליטערישער קונסט, האָט ער איצט, ווערנדיק א באָלשעוויק, פארשטאנען, אז די רעוואָליוציע קאן זיגן נאר דעמלט, ווען זי וועט באהערשן די מיליטערישע קענטענישן. ער שטודירט צוערשט די מיליטער־קונסט אין א לערן־קאָמאנדע, דערנאָך קומט ער אָן אין א שול פון פראפאָרשטשיקעס. אויך דאָ באקומט דער יונגער קאָמוניסט דערפארונג אין גאנג פונעם רעוואָליוציִאָנערן קאמף.

אינטערעסאנט איז אזא עפיזאָד: אין צוזאמענהאנג מיט דער ליקווידאציע פון דער פארשווערונג פונעם גענעראל קאָרנילאָוו זייַנען ארעסטירט געוואָרן זייַנע אָנהענגער־גענעראלן פונעם שטאב פון דעם דאָרעם־מייַרעוודיקן פראָנט, וואָס איז געווען דיסלאָצירט אין בערדיטשעוו. די אופרעגונג צווישן די סאָלדאטן פונעם גארניזאָן איז געווען גרויס, און מע האָט מוירע געהאט, אז די סאָלדאטן וועלן אליין זיך צערעכענען מיט די פארהאסטע גענעראלן. קעדיי דאָס ניט דערלאָזן, זייַנען ארויסגערופן געוואָרן די צוהערער פון דער שול פון די פראפאָרשטשיקעס. פאר כאראפינסקין, ווי פאר די אנדערע קורסאנטן, איז דאָס געווען אן אָנשוילעכע לעקציע פון אָרגאניזירטקייַט און באוווסטזיניקן, פארטייִשן צוגאנג צו קאָמפליצירטע פראָבלעמען.

כאראפינסקי איז ניט נאָר אן איידעס פון

היסטאָרישע געשעענישן, איז גיט זיך אײַן אופצושטעלן א פאַרבינדונג מיט דער בערדיטשעווער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע בעראָש מיט ראָזע סלאָמניצקע — א דערפאַרענער פאַרטיי־אָנפירערן און פלאַמיקער רעדנערן. אדאַנק איר און אירע כאַוויירים האָט דער יונגער קאָמוניסט באַקומען א מעגלעכקײַט צו דערלערנען אין די פרײַע פון קאַראַול־דינסט שאָען לענינס ווערק און אזויאַרום וויסן, וויאזוי אָפצושאַצן די געשעענישן אין דער וועלט.

נאָכן פאַרענדיקן די שול פון פראַפּאָרשטשיקעס געפינט זיך כאַראַפּינסקי א געוויסע צײַט אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק. דאָ טרעפט אים די גרויסע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ער ווערט אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פונעם קרײַז־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. אָבער ניט לאַנג קומט אים אויס צו אַרבעטן אין דער היימשטאָט. אין די יאָרן 1919—1920 נעמט ער אָנטייל אין די שלאַכטן מיט די פּעטליוראָווצעס און ווײַספּאָליאַקן. אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אַנטפּלעקט זיך מיט א באַזונדער קראַפט זײַן באַרוף פון א פּראָפּאַגאַנדיסט.

ווען עס ענדיקט זיך דער בירגערקריג, שיקט מען כאַראַפּינסקין אונטעריכטן מאַרקסיזם־לעניניזם אינעם מאָסקווער מיליטעריש־פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, ווו ער דינט ביז דער דעמאָבילִיזאַציע אין 1922.

שפּעטער אונטעריכט ער מאַרקסיסטיש־לענינישע פילאָסאָפיע אין דער אַקאַדעמיע פון קאָמוניסטישער דערציִונג, אינעם אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור. אַגעוו, אין דעם דאָזיקן אינסטיטוט, שוין א פּראָפעסאָר, באַגעגנט זיך כאַראַפּינסקי אין 1931 מיט ראָזע סלאָמניצקע. די רעוואָליוציאָנערקע, וועלכער ער איז זײַנערצײַט מעקאַנע געווען — איר פּאָליטישער אַנטוויקלונג, אירע פייִקײַטן אַרויסצוטרעטן פאַר מאַסן־צוהערער — זי איז געוואָרן איצט זײַן שילערן.

אָנהייבנדיק פונעם 1929 און ביז הײַנט־צו־טאָג איז יאַקאָוו לוואָוויטש פּראָפעסאָר אינעם אינסטיטוט פון פאָלקסווירטשאַפט אף ג. וו. פּלעכאַנאָווס נאָמען. אין מעשעך פון דרײַסיק יאָר האָט ער אָנגעפירט מיט דער קאַטעדרע פון פילאָסאָפיע. אויך איצט, א דרײַ־און־אַכציקיאָריקער, לייענט ער לעקציעס פאַר סטודענטן און אַספּיראַנטן. זײַנע געגנשטאַנדן זײַנען דיִאַלעקטישער און היסטאָרישער מאַטעריִאַליזם און עטיק.

פיל קויכעס און ענערגיע שענקט כאַראַפּינסקי דער דערציִונג פון יונגע געלערנטע. דרײַסיק זײַנע אַספּיראַנטן האָבן פאַרטיידיקט דיסערטאַציעס. צווישן זיי זײַנען פאַראַן מיטגליד־קאָרעספּאָנדענטן פון דער וויסנשאַפט־



פּראָפעסאָר יאַקאָוו לוואָוויטש כאַראַפּינסקי

אַקאַדעמיע פון פססר, אָנגעזעענע פאַרטייִשע און מעלוכע־טוער.

כאַראַפּינסקיס פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט איז טאָמיד געווען פאַרבונדן מיט זײַן וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז דער אַוטאָר פון העכער הונדערט פאָרשונגען. כאַראַפּינסקיס וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן זײַנען ביז גאָר פאַרשיידנאַרטיקע.

די לעצטע יאָרן פאַרנעמט ער זיך מיט פּראָבלעמען פון עטיק. אין 1971 פאַרעפנטלעכט ער א מאָנאָגראַפיע „מאָראַל און טראַדיציעס”. אין דער פאָרעדע צום בוך שרײַבט זײַן רעדאַקטאָר, דער פּראָפעסאָר פּ. נ. פּעטראָוו, א קאָמוניסט פון 1896 יאָר, לענינס א מיטקעמפער, צוויימאָל העלד פון סאָציִאַליסטישער מי, אַז דער לייענער האָט באַקומען „א ווערטפולע אַרבעט, וועלכע פאַרמאָגט א גרויסע דערציִערישע באַדײַטונג”.

דער מאַנוסקריפּט פון א לערנבוך וועגן מאָראַל פאַר יוגנטלעכע, אָן אָנגעשריבענער אין די שפּעטערדיקע יאָרן, באַקומט א פּרעמיע פון צענטראַלן קאָמיטעט פון קאָמיוג.

כאַראַפּינסקי זאָרגט זיך שטענדיק וועגן דעם, וויִאַזוי צו דערציִען די יוגנט אין גײַסט פון קאָמוניסטישער אידייִשקײַט, פון הויכער מאָראַל. ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען „דער קאָמוניסטישער מאָראַלישער אידעאַל”, „דער טאָך פונעם לעבן און דאָס גליק פונעם סאָוועטישן

מענטשן", „זײַן אַ סאָוועטישער פּאַטריאָט און אַן אינטערנאַציאָנאַליסט".

אינעם אַרטיקל „דער קאָמוניסטישער מאָראַלישער אידעאַל" קלערט אויף דער געלערנטער, פאַרוואָס די מאַרקסיסטישע עטיק דערקלערט דעם קאָמוניזם ניט נאָר אַלס מאָראַלישן אידעאַל, נאָר אַלס קריטעריע פון מאָראַלישקײַט. די האַנדלונגען, וועלכע העלפן דער באַוועגונג צום קאָמוניזם, דעם קאַמף פאַר אים, — זײַנען מאָראַלישע. פאַרקערט, יענע, וואָס שטערן אָט דער באַוועגונג, — זײַנען אַמאָראַלישע. די מאַרקסיסטישע עטיק באַשטעטיקט, אַז עס איז אוממעגלעך דערגרייכן מאָראַלישע צילן מיט דער הילף פון אַמאָראַלע מיטלען.

אין אַ צווייט אַרטיקל זעצט פאַר כאַראַפּינסקי צו פּראָפּאַגאַנדירן לענינס אידיי וועגן דעם, אַז אין יעסאָד פון דער קאָמוניסטישער מאָראַל ליגט דער קאַמף פאַר פאַרענדיקן די בויונג פון קאָמוניזם. ער דערקלערט דער יוגנט, ווי רעאַקציאָנער און ליגנעריש עס זײַנען די באַהויפּטונגען וועגן דעם, אַז די מאָראַלישע אויפפירונג פאַרמאָגט אַן איבערקלאַסאווען, אַלמענטשלעכן כאַראַקטער. די פּראָלעטאַרישע מאָראַל, זײַענדיק אַ קלאַסאווע לויט דער פאָרם, פאַרמאָגט אין טאָך שטריכן פון דער מאָראַל פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. דער העכסטער שטאַפּל פון דער מאָראַל איז די קאָמוניסטישע מאָראַל. מיט איר, ווי אויך מיט די פּרינציפּן פון אַלמענטשלעכער מאָראַל, איז דורכגעדרונגען די פּראָגראַם פון קפּסס, וועלכע דער מעכאַבער רופט מיט רעכט אַן קאָמוניסטישע מאָראַל אין איר גילטיקייט.

אַ היפּשן אינטערעס, אין דער שײַך פון די באַשלוסן פונעם 25־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועגן אַ קאָמפּלעקס־צוגאַנג צו דער דערציִערישער אַרבעט, שטעלט מיט זיך פאָר כאַראַפּינסקיס לעצטער בוך „פאַרצייכענונגען וועגן מאָראַל". בעלי־סאָפּעק, די „פאַרצייכענונגען" וועלן אויסנוצן ניט נאָר פּראָפּאַגאַנדיסטן, נאָר אויך פּובליציסטן און לעקטאָרן אין די לערנאַנשטאַלטן.

יאַקאָוו לוואָוויטש כאַראַפּינסקי טרוימט ניט וועגן אַ רויִק לעבן אַלס פּענסיאָנער. ער איז מונטער, פול מיט ענערגיע, אַרבעט אַן אויפהער, שרײַבט נײַע וויסנשאַפטלעכע ווערק, פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרטיקלען, אָפּרופן אויף דיסערטאַציעס פון זײַנע יונגע קאָלעגן. די ליבהאָבער פון סטאַטיסטיק האָבן אונטערגעפירט אַזאַ סאַכאַקל: דער פּראָפעסאָר כאַראַפּינסקי האָט אָנגעשריבן אָפּרופן אויף פיר הונדערט דיסערטאַציעס.

מיינט ניט, אַז כאַראַפּינסקי איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ קאַבינעט־מענטש. מע קאָן אים זען אָפט, לעמאָשל, אויף די אונטערנעמונגען פונעם מאָסקוואָרעצקער ראַיאָן. אינעם דאָזיקן ראַיאָן וועט איר ניט אָפּזוכן קיין איין זאַוואָד אָדער פאַבריק, ווו כאַראַפּינסקי זאָל ניט אַרויסטרעטן מיט לעקציעס. באַזונדערס שטאַרק איז בײַ אים די פאַרבינדונג מיטן קאָלעקטיוו פונעם זאַוואָד אויפן נאָמען פון וולאַדימיר איליטש. נאָך אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ער דאָרט געלייענט לעקציעס וועגן גערעכטע און אומגערעכטיקע מילכאָמעס, וועגן די סיבעס און דער געשיכטע פון מילכאָמעס אויף דער וועלט. די יוגנט באַזוכט גערן זײַנע אַרויסטרעטונגען, און ער גייט מיט פאַרגעניגן צו דער יוגנט.

דער געלערנטער, דער פּאַרטייִשער פּראָפּאַגאַנדיסט יאַקאָוו לוואָוויטש כאַראַפּינסקי איז טאָמיד אויף דער פאָדערשטער ליניע פון אונדזער אידעאָלאָגישן קאַמף.

● ● ●

לעווקאַ פּאַמיאַנסקי

זון־בליקן

1. שוועלבעלעך

אוי, וויפל שוועלבעלעך עס זײַנען דאָ אין וואָראָניעזש! און אַלע זינגען זיי און רעגן אויף ביז די נעשאָמע־טיפעניש אַן אָנגעפּאַרענעם אַהער מענטשן און טראָגן אים אוועק אינעם אַמאָל, אין דער קינדהייט.

איך ווין אינעם האָטעל „ראָסיאַ", און זיי — און זיי שוועבן און שוועבן בײַ מײַן אָפענעם פענצטער, טראָגן זיך דורך פאַרבײַ איינע נאָך די אַנדערע, ווי זיי זאָלן שפּילן אין כאַפּערלעך. נאָכדעם קערן זיי זיך אום צוריק. איך בין מיד געוואָרן פון דער היץ, פון דײַגעס, פון טראַכטעניש, פון דער אַרבעט און פון דער לאַנגער נעסיִע. עס ווילט זיך אַ וואַלגער טאָן זיך אָפּן געלעגער, נאָר עפּעס אַ קישעפדיקע קראַפט האָט צוגעשמידט מײַן בליק צום אָפענעם פענצטער. פון יענער זײַט פענצטער זײַנען די זעלבע ליבע און טײַערע שוועלבעלעך.

מײַן מידקייט ווערט צעוויִעט, ווי אַ דינער בלוילעכער רויך פון אַ טרוקענעם נעפּל, וועלכער וויגט זיך אום איבערן וואָראָניעזשער יאַם. איך הער זיך אײַן, ווי קלינגעוודיק און אויפגעלייגט עס זינגען די שוועלבעלעך, ווי זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז שטאַרק אָנגעלייגט איז בײַ מיר זייער געזאַנג, דעריבער הערן זיי ניט אויף פליִען בײַ מײַן פענצטער — אָט דערנעענטערנדיק זיך, אָט דערווײַטערנדיק זיך. די אומשולדיקע פייגעלעך טוען שטיפעריש אַ קוק אָפּן מענטשן, הייבן זיך גלײַך אויף אין דער הייך, צו דער העל־פיאַלעטאָווער הייכקייט פון די וואָלקנדלעך. עס גייט אָבער ניט דורך קיין מינוט, און איך דערזע זיי ווידער — זיי צעפּאַסעווען די גאָלדקאָליריקע פּאַסמעס בײַוול. זיי פאָכען מיט די פליגל גרינג און ענערגיש. נאָר אָט האָבן די דאָזיקע פליגל פאַרוואָרפן איין פייגעלע אָפּן שפּיץ פון אַ הייבקראַן, און דער רויטער אײַזערנער בושעל האָט גערן באַגעגנט די זינגערן, און אַ צווייט פייגעלע האָט געפונען פאַר זיך אַ מאָקעם אויף דער גלעזערנער קאַבינע פונעם שפּאַנענדיקן ריז, און די איבעריקע פייגעלעך האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אויף די טאָפּאָל־קרוינען.

פונעם אומופהערלעכן פליִען זײַנען די שוועלבעלעך, דאַכט זיך, מיד געוואָרן, און איך, קוקנדיק אויף זיי דורכן פענצטער פונעם האָטעל, האָב זיך אָפּגערוט.

אַ דאַנק אײַך, שוועלבעלעך פון וואָראָניעזש.

2. נאָקטיורן

אַ בלאַסער מוילעד האָט זיך צוגערירט צום פּאַלאַץ אין ליובאַרט און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, אוועקגעשווּמען ווײַטער. געשווּמען איז ער ניט געײַלט און הויך. ער שווימט, זע איך, איבערן קלויסטער, איבער די ווײַסע ווענט פונעם געוועזענעם מאָנאַסטיר, באַלײַכט קאַרשנדלעך־ווײַנשעלעך און לאָזט זיך ווײַטער, צום סטיר, וואָס רוישט, אַן אַרומגערינגלטער בײַ די ברעגן מיט נידעריק אָנגעבויגענע ווערבעס. אָט שווימט שוין דער מוילעד איבער לעסיע אוקראַינקעס בראָנזענעם דענקמאָל, ער כאַפּט אַרויס פון דער פינצטער די פרישע בלומען, וואָס שעמערירן מיט עמעסן גאָלד בײַ איר צופוסנס. לעסיע אוקראַינקע קוקט פאַרטראַכט אויף די בלויע ראַכוועסן פון וואָלין.

כ'גיי נאָענט צו צום דענקמאָל און ברענג דער דיכטערן באַשיידענע בלומען, וועלכע איך האָב ערשט אָנגעריסן אין וואַלד.

— אַ דאַנק, — הער איך לעסיעס קאָל.

— כ'האָב אײַך געבראַכט אַ גרוס פון גאַנדיאַטש, — ענטפער איך איר, — דער טײַך פּסיאָל רופט אײַך. דאָרט איז אײַער מוטער, דאָרט איז אײַער פאָטער, דאָרט קענען אײַך אַלע, פון קליין ביז גרויס.

— פּסיאָל... דאָרט זינגען אַזוי שיין די נאַכטיגאַלן... כ'האָב ליב זייער געזאַנג. און גאַנדיאַטש איז דאָך מײַן וויגעלע...

איך שטיי לעבן לעסיען און זאָג איר:

— אין מײַן האַרצן טראָג איך דײַנע לידער, די געבאָטן דײַנע...

— גוט, סינקו (זונעלע) לעווקאָ. וויִסטו גאָר וואָס — פאָר זיך דורך אין די צומאַנסקער וועלדער און גיב דאָרט איבער אַ האַרציקן גרוס פון מיר אָלעקסע פעליוקן, ער האָט אויך גע־

זונגען מײַנע לידער. פאַרייניוועגס פאַר אויך אין וואָלאַדימיר־וואָלינסקי, דאָרט ווייסט מען אויך וועגן לעסיע אוקראַיִנקע...

און איך פאַר אין די צומאַנסקער וועלדער, און איך פאַר אין וואָלאַדימיר־וואָלינסקי.

נאָך זײַענדיק אַ קאָמיוגיסט, האָט אַלעקסע פעליוק געקעמפט פאַר פאַרייניקן די אוקראַיִנישע ערדן, ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט און געהאָלפן בויען די ראַטנמאַכט אויף וואָלין. ווען די היטלעראָווצעס זײַנען אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָט פעליוק ווידער גענומען אין די הענט געווער. די פאַשיסטן האָבן געהאַרגעט זײַן פאָטער, דעם ברודער, און די טאָכטער — לעבעדיקערהייט אַרײַנגעוואָרפן אין גרוב און פאַרשאָטן מיט ערד.

אַלץ האָט איבערגעטראָגן פעליוק, באַזיגט זײַן אומגליק. איצט וווינט ער אין צומאַני, ער איז פאַרזיצער פונעם אויספּירקאָם פון דעם דאָרפסראַט.

איינעם גייען מיר אין וואַלד, אַ געדיכט פאַרוואַקסענעם מיט יעלן. פאַר מיר, אַ מענטשן פון סטעפּישע קאַנטן, איז דאָ כידעשדיק און נײַ. און פעליוק פילט זיך דאָ היימיש. מיר שמועסן וועגן יענער צײַט, ווען פעליוק האָט פּאַרטיזאַנעוועט — אין די מילכאָמע־יאָרן איז ער געווען קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

מיר שטעלן זיך אָפּ אויף יענעם אָרט, ווו עס איז אַמאָל געווען דער לאַגער פון מעדוועדעווס פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

ניט ווײַט פונדאַנען האָבן אונדזערע פּאַרטיזאַנער פאַרניכטעט אַן אָטריאַד פאַשיסטישע פּייניקער, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט דער גענעראַל פּיפּער. פונדאַנען האָט אָנגעהויבן זײַן רעיד אין ראַוונאָ דער לעגענדאַרער ניקאָלײַ קוזניעצאָוו.

איך האָב געטאָן, ווי עס האָט מיך געבעטן לעסיע אוקראַיִנקע, און געפאָרן אויך אין דער שטאָט וואָלאַדימיר־וואָלינסקי. דאָרט האָב איך זיך נידעריק פאַרנייגט פאַרן אויסגעצייכנטן דענקמאָל „דעם העלד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע", וועלכן די יונגע קינסטלער פון לוואָוו האָבן געשאַפן אויפן אָרט, ווו עס זײַנען העלדיש אומגעקומען זעקס און פופציק טויזנט סאָוועטישע שלאַכטלײַט. דער דענקמאָל איז געשטעלט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פונעם ראַיקאָם פון פּאַרטיי. געלט אויפן דענקמאָל האָבן לויט אַ ליסטע צונויפגעזאַמלט די טוישווים פון דער שטאָט.

איך שטיי אונטער די הייסע זון־שטראַלן, און אַרום און זינגען פייגלען, פאַרגייען זיך אין געזאַנג, עס האָווען בינען, עס פליִען אום בונטע שמעטערלינגען, עס וויגן זיך די צווײַגן פון די ביימער. די באַבלעטערטע צווײַגן שורשען שטיל, ווען עס קומט צו לויפן אַ ווינט.

איך גיי צו צו יעדן בוים, נעם אים אַרום, טוליע זיך צו צו זײַן שטאַם, און טרערן גיסן זיך פון מײַנע אויגן. טרערן אויס דאַנקבאַרקייט צו אַלע די, וואָס האָבן מיט זייערע לעבנס פאַרהאַלטן דעם טויט, געראַטעוועט פון אומקום אונדזער וווּנדער־שיינע וועלט.

אַ דאַנק דיר, לעסיע אוקראַיִנקע, אַ גרויסן דאַנק דיר אויך דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר אונטערגעזאָגט, איך זאָל קומען אין אָט די געבענטשטע ערטער.

3. מאָנאָליט

דרײַ זײַטלעך פון אַ טאָגבוך

1

שאַבעס פאַרטאָג זײַנען מיר אַרויסגעפלויגן קיין ניקאָלײַעוו. אין רעזערוו זײַנען בײַ אונדז געווען צוויי אָפּרו־טעג, און, אײַנאָרדענענדיק זיך אין האָטעל, האָבן מיר, איך און קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש מוראַשאָוו, גלײַך זיך געלאָזט צום בוג. דער פּליאַזש איז אַ גלענצנדיקער, די זון אַ מילדע און דער טײַך אַ ראַכוועסדיקער. אָבער נעמענדיק אין אַכט די וויכטיקייט פון אונדזער מיסיע, האָבן מיר פון מאָל צו מאָל ניט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם איניעז, צוליב וועלכן מיר זײַנען אַהער געקומען.

דינסטיק האָט דער געגנטקאָם פון פּאַרטיי אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס, וועלכער פאַרפליכטעט די אָרגאַניזאַציע, וואָס באַקומט אַרויס דעם גראַניט, באַוואָרענען דאָס צופירן אים צו דער אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרם ניט שפּעטער פונעם 12 סענטיאַבער. פון ניקאָלײַעוו פאָרן מיר קיין אָדעס, אין דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג, דורכקאָנטראָלירן, וויאַזוי עס ווערט אויסגעפילט דער באַפעל פונעם מיניסטעריום פונעם וועגפאַרקער פון פּסר וועגן דורכלייגן אַ דרײַקילאָמעטערדיקע צווײַג־ליניע, וואָס וועט פאַרייניקן דעם קאַריער מיט דער סטאַנציע. אַ שמאָלע אײַזנבאַן־ליניע איז פאַראַן, אָבער די מאָנאָליטן וועגן אַריבער 200 טאָן יעדערער, און מע קאָן ניט פאָרויסזען, וויאַזוי דער שמאָלער אײַזנבאַן־וועג וועט זיך ספּראַווען מיט אַזאַ אָנלאָדונג.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מיר דורכן טעלעפאָן געקלונגען דער פאַרטרעטער פונעם שעף פון דער פאַרוואַלטונג, דער כ' ליסאַקאָן, וועלכער פירט אָן מיטן גראַניט־קאַריער. ער האָט איבערגערעכנט די אויסשטאַטונג און מאַטעריאַלן, אין וועלכע די פאַרוואַלטונג פילט

א מאנגל: צוויי טראנספאָרמאטאָרן, בוי־מאטעריאַל, א באַזונדערן מין טראָס פון א ספּעציִעלן אָנשניט — דער טראָס, וועלכן זיי פאַרמאָגן, איז א דינער, און דעריבער רײַסט ער זיך קעסיידער. איך גיי אין געגנטקאָם פון פאַרטיי, צום סעקרעטאַר, און באַקום פון אים אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער:

— ווענדט זיך, ביטע, אין מײַן נאָמען, צו א באַליביקן אָפּטייל פון געגנטקאָם, וועט מען אײַך העלפן.

און טאַקע — אַלע זײַנען דאָ געווען פאַרטאָן אין דײַגעס, פאַרבונדענע מיטן גראַניט פאַר שושענסקאָיע.

די טעג פליִען. ס'איז שוין דורך א העלפט אווגוסט.

מיר זײַנען אין קאַריער. עס זײַנען אַהער געקומען אויך דער דירעקטאָר סימאָנענקאָ און זײַן פאַרטרעטער.

— ווי האַלט עס מיטן גראַניט?

— די אַרבעט גייט.

עס דאַכט זיך, אַז די צײַט פליט, ווי א פײַל פון בויגן. פון ניקאָלײַעוו — ווידער אין אָדעס, אין דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג, פונדאַנען — אין געגנטקאָם פון פאַרטיי. צײַט, צײַט, צײַט! אין קאַריער דאַרף מען האָבן נאָך מענטשן, עס פעלן אַרבעטס־הענט. אין דעם פּראַט האָט געהאָלפן דער אָדעסער מיליטער־קרײַז. אַף מיט־העלפן אין דער באַנאַכטיקער וואַכטע זײַנען אַהער געקומען 12 סאָלדאַטן — קאָמיוגיסטן.

מיט א וויבריִרנדיקער הודזשערײַ בײַסן זיך אײַן די שלאָגהעמערלעך אינעם גראַניט. מיט דער אַרבעט פירן אָן געניטע מײַסטערס. די פּראָזשעקטאָרן באַלײַכטן ענערגישע פּנעמער, ווענט פון גראַניט און טוען א וואָרף זייער אָפּשײַן אַף די כמאַרעס. אַלע באַוועגונגען פון די מענטשן זײַנען דאָ שטרענג אויסגערעכנט. זייערע שטאָלצע און רויִקע געזיכטער דריקן אויס דעם אינערלעכן צושטאַנד פון יעדן איינעם, וואָס מידט זיך דאָ: מונטערקײַט, זיכערקײַט, באַפרידיקטקײַט מיט דער אַרבעט. דער הויפּט־אינזשעניער, דער דירעקטאָר, מיר אַלע, געקומענע אַהער פון מאָסקווע, פון קיִעוו, נעמען אין די הענט קוואַלדעס און שליסן זיך אויך אײַן אין דער אַרבעט.

באַטאָג באַזוכן מיר דעם מעכאַנישן זאַוואָד, וועלכער אַרבעט אויס אײַזערנע שליטנס, אַף זיי וועט מען פירן דעם גראַניט. ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער צעך שטייט אָפּ, אַז ער וועט ניט קענען פאַרענדיקן די אַרבעט אין דער אָנגעמערקטער צײַט, האָבן די קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן באַשטימט אַרבעטן אויך אין די רו־טעג. צו זיי האָבן זיך פאַרייניקט פיל אומפּאַרטייִשע אַרבעטער, די, וועמען עס האָט אונטערגעזאָגט דאָס האַרץ אַזוי צו טאָן.

אָנהייב נאָיאַבער איז דער גראַניט־מאָנאָליט געווען פאַרטיק. מע האָט אים באַשטאַט אין אַן אײַזערנער וויג אַף גליטשערס און, דורכשלעפּנדיק איבערן אַספאַלטירטן שאָסיי, אויסגעלאָדן אַף דער פּלאַטפאָרם. מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם גייען מיר צו נעענטער צו דער נײַער אײַזנבאַן־ליניע. אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג. זאָל גליקלעך זײַן דער וועג.

אונטער די קלאַנגען פון זילבערנע טרומייטן האָט דער רויטער גראַניט זיך געלאָזט אין דער אַכרײַעספּולער רײַזע, איבער דער בליִענדיקער אוקראַיִנע, איבער די אָנברעגיקע ראַכוועסן פון רוסלאַנד, אינעם ווײַטן סיבירער קאַנט, ווו די ווײַסע בוראַנען האָבן אָנגעטאָן אין א בלענדיק־ווײַסן פוטער די טונקלע טײַגע.

דאָס געשאַנק פון דער רויטער אוקראַיִנע האָט, דורכמאַכנדיק א פילטויזנטקילאָמעטערדיקן וועג, געהאַט אָן אָפּשטעל, ניט אַף לאַנג, אין אַבאַקאַן, ווו די כאַקאַסצעס האָבן אים באַגעגנט מיט גרויס פרייד. קעדיי אַרופּנעמען דעם גראַניט אַפן אַנקער־פּלאַץ אינעם האַפן, האָט מען מאָביליזירט שיפן, קאַטערס, באַרזשעס. אַף וויפל די וואָג פונעם מאָנאָליט איז אויסערגעוויינלעך א גרויסע, איז אויסגעקומען אַרויסרופן פון אירקוטסק צוויי מעכטיקע הייבקראַנען, קעדיי אויסלאָדן אים פון דער אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרם. די דאָזיקע אַלע אָפּעראַציעס האָט מען געמוזט דורכפירן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט, מיט ווירטואָזישער געניטקײַט, קעדיי עס זאָל ניט אַראָפּפאַלן, ניט צעשעדיקט ווערן דער ביז גאָר טײַערער פּראַכט. אויספילן די דאָזיקע אַרבעט האָט מען אײַנגעלאַדן דערפאַרענע פאַכלײַט, גרויסע מײַסטערס, און דער שווערער מאָנאָליט האָט ניט געאײַלט און לײַכט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, פּונקט אַף יענעם אָרט, ווו ער דאַרף שטיין.

זומער — האַרבסט 1969

2

פליט דער צוג „ראָסיִא“, יעדע ווײַלע פאַרגיכערנדיק די שנעלקײַט. א גרין פײַערל באַדט זיך אין גרינע סטאַוון, אין פּיִאַלעט־בלויע טײַכלעך, אין גרינע קוסטעס און גראָזן, אין אַלץ אַרום, וואָס שווינדלט הינטער די וואַגאָן־פענצטער. מײַן מאַרשרוט: קראַסנאָיאַרסק, אַבאַקאַן, שושענסקאָיע, מינוסינסק.

פונעם צוג האָב איך זיך איבערגעזעצט אַף א שיף, און אָט שווים איך שוין איבערן יעניסיי. מיר שווימען צווישן די שטילע פעלדזיקע ברעגן. דער מעכטיקער טײַך האָט זיך ברייט צעגאָסן און פאַרטרונקען די בײַברעגיקע נידעריק ליגנדיקע פּאַסן ערד, די וועלדער. איך

קוק אַפּן לינקן ברעג, דאָרט הויכן זיך פּיל־
פאַרביקע פעלדזיקע אַנהויפונגען, און צווישן
די פעלדזן גרינען סעדער און ס׳כיינדלען זיך
ווייַסע הייַזלעך און באַגריסן אונדז פונדער־
ווייַטן. און אַף א היפשן אָפּשטאַנד, הינטער
פעלדער, זעט מען א געדיכטן וואַלד, און עט־
וואָס פון פאָרנט, ניט דערגייענדיק עטלעכע
שפּאַן צום וואַלד, שטייען, ווי סאָלדאַטן אַף
דער וואַך, עטלעכע יונגע דעמבלעך.

כ׳בין אַרויף אַף דער שיף־דעק. דורכן רע־
פּראָדוקטאָר הער איך טשייַקאָווסקיס „עס שאַ־
רי׳עט אין מאָסקווע״, און עס ווייַזט זיך מיר
אויס, אַז דעם דאָזיקן ניגן זינגען אויך די ביי־
מער און די וועלן, עס זינגט דער גאַנצער
אַרום.

איך בין אַוועק אין מייַן קאַיוטע. דורכן
אילומינאַטאָר הער איך ווידער, ווי עס רוישן
די כוואַליעס, און די דאָזיקע קלאַנגען זייַנען
מיט עפּעס ענלעך אַף קוילעס, וועלכע עס
ברענגען אַרויס אָדלערס, פליִענדיק הויך, הויך.
און גאָר אומגעריכט האָט עמעץ בישכיינעס
מיט מייַן קאַיוטע מיט א שיינער ברוסטיקער
שטים אָנגעהויבן זינגען „ס׳גייט אוף די זון
הינטער סיביר״. די ליד ווערט טייקעף אונ־
טערגעכאַפּט, און זי שווימט ראַכוועסדיק און
ניט געצווימט, ווי דער פרילינגדיקער יעניסיי.

די שיף גייט צו צו אַבאַקאַן. כ׳בין ווידער
אַפּן שיפדעק. א ווינט. ער צעפּאַטלט מייַנע
האָר און ברענגט מיר די רייכעס פון די כאַקאַ־
סער סטעפּעס.

די שטאָט איז פאַר מיר אַנטשטאַנען, א באַ־
לויכטענע מיט דער גאָלדענער שייַן פון דער
לעוואָנע. עטלעכע מינוט שטיי איך באַצויבערט
פון דער אויסערגעוויינלעכער שיינקייַט, און
איך פרעג באַם כאַווער:

— ווען וועט דער סקולפּטאָר ענדיקן זייַן
אַרבעט?

— שוין גיך, — הער איך דעם ענטפער.

און ווידער בין איך אין וועג.

דער קאַטער „אַטלאַנט״ פירט טויזנטער ליי־
דיקע הילצערנע פעסער. באַרזשעס, וואָס גייען
דורך ערגעץ ניט ווייַט, פירן דעטאַלן, צונויפ־
געשמאָלצענע פון אייַזן און בעטאָן. דער גאַנ־
צער פראַכט שווימט קיין שושענסקאָיע.

מייַנע מאַכשאָוועס האָט איבערגעריסן א לאַנ־
גער הודאָק. מיר שווימען צו צום שיף־האָפן
שושי. די שטימונג איז א פריידיקע, א יאָמ־
טעוודיקע, א דערהויבענע. איך שטיי לאַנג באַם
ברעג. דערנאָך בין איך מיד געוואָרן און זיך
צוגעזעצט אַפּן שטאַם פון אַן אומגעוואַלגערטן
בוים. אַן אופגערודערטער, א באַפליגלטער,
שפּיגל איך זיך אין דער אַרומיקער שיינקייַט,
און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך הער
אינעם רויש פון די שטילע, קאַלטע כוואַליעס א
געזאַנג וועגן דעם, ווי עס האָבן געטרוימט די
היגע טוישווים וועגן זון, געטרוימט וועגן א
גליקלעך לעבן.

זומער 1970

3

אַט אַזוועלכע זי איז, די ערד, וווּ עס איז
פאַרהאַרטעוועט געוואָרן לענינס ווילן, וווּ עס
זייַנען אופגעקומען גראַנדיִעזע פאַרטראַכטן
זייַנע, וועלכע האָבן מיט דער צייַט זיך פאַר־
וואַנדלט אין גוואַלדיק־גרויסע מייַסים.

גאַנצפרי, ווי נאָר איך בין אופגעשטאַנען,
בין איך גלייַך אַוועק צום מעמאָריִאַל. זיריאַ־
נאָווס הויז. פּעטראָווס שטוב. די טורמע.

דאָס אַלץ איז נאַטורעל, דאָס אַלץ איז אַזוי,
ווי ס׳איז געווען, בייס לענין האָט דאָ געלעבט.
פּונקט אַזוי ווי דאָס טייַכל שושע מיט די
בייַברעגיקע טאָפּאָלן האָט דעמלט אויך אַזוי
אויסגעזען.

אַף דעם אָרט ליגט אַן אָנדענק־שטיין. דאָ
וועט אופגעשטעלט ווערן פון רויטן אוקראַיִנישן
גראַניט א דענקמאָל איליטשן. דער מאָנאָ־
ליט איז געבראַכט געוואָרן אינעם טייַך־האָפן
פון אַבאַקאַן. דער סקולפּטאָר — וולאַדימיר ציִ־
גאַל. אין זיריאַנאָווס הויז זייַנען דאָ פיר צי־
מערן. דער קלענסטער, עטוואָס מער פון 14
קוואַדראַטע מעטער, ציט אַמערסטן צו די אופ־
מערקזאַמקייַט פון די באַזוכער. אין דעם צימער
האָט וולאַדימיר איליטש געלעבט העכער א יאָר
צייַט. אינעם הויז זייַנען פאַראַן צוויי אַרייַנ־
גאַנגען. „א „רויטער״ (די פאַראַד־טיר) און א
„שוואַרצער״, ווי עס האָט געהייסן אַמאָליקע
צייַטן די הינטער־טיר. דורכן „רויטן״ גאַנעק,
אַף רעכטס פונעם טויער, פלעגט מען גיין אין
די יאָמטויוים־טעג, ער האָט געפירט אין „זאַל״,
דער צווייטער אַרייַנגאַנג האָט געפירט אין קיך
אַרייַן — וולאַדימיר איליטש פלעגט מיט דעם
וועג גיין צו זיך אין צימער.

דער באַלעבאָס פון דער שטוב זיריאַנאָוו האָט
איבערגעלאָזט וועגן זייַן קוואַרטיראַנט דערי־
נערונגען: „פרילינג־צייַט, לויט דער רעקאָמענ־
דאַציע פונעם שרייַבער פון דער וואָלאָסט,
האָב איך גענומען צו זיך אַף קוואַרטיר א פּאָ־
ליטישן פאַרשיקטן, וועלכער איז דעמלט אַט
ערשט געהאַט געקומען אין שושענסקאָיע. דער
פּאָליטישער פאַרשיקטער, ווי איך האָב זיך
שפּעטער דערוווּסט, איז געווען וולאַדימיר
איליטש אוליאַנאָוו. די ערשטע טעג האָט וולאַ־
דימיר איליטש געוווינט איינייִנעם מיט אונדז,
לויטן דאָרפישן שטייגער געגעסן פונעם אַל־
געמיינעם טעפּל, דער ערשטער פאַרפירט גע־
שפּרעכן. אָפּט, בייס א געלעגנהייַט, פריילעך,
געשמאַק, מאַמעש אָנשטעקנדיק, געלאַכט. זיי־

ער א הארציקער, א ליבער מענטש געוועזן, א צוגעלאָזטער, א לעבנסלוסטיקער און א פריילעכער" („דערינערונגען וועגן לענינען", 1956, 1־טער טייל, ז. 173).

אינעם צימער, אין וועלכן עס האָט געוווינט איליטש, זיינען אלע זאכן און דאָס מעבל פארהיט פון יענער צייט. דאָ שטייט א הילצערנער טיש, א פארדעקטער מיט א ווייסן ליינענעם סערוועט, אפן טיש — א קעראָסין־לאָמפּ מיט א גרינעם אבאזשור, באם טיש — פיר בענקלעך. אף א הילצערנער פּאָליצע און אף צוויי טישלעך אין די ווינקלען פונעם צימער ליגן ביכער, זשורנאלן, צייטונגען. אף דער וואנט הענגט א באראָמעטער. אין ווינקל שטייט א בעט, געמאכט מיט די הענט פון א דאָרפישן מייסטער, אפן דיל — איינפאכע דאָרפישע טעפּיכלעך. דאָס איז דאָס גאנצע מעבל און די אלע זאכן, וועלכע זיינען געווען אינעם צימער, ווען ער האָט דאָ געלעבט.

זיי זיינען פארהיט געוואָרן נאָך פון יענער צייט.

אין די איבעריקע צימערן, וועלכע עס האָבן פארנומען די באלעבאטים, איז איצט איינגעאָרדנט די עקספּאָזיציע. דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס. מינוסינסק אין יענע צייטן, דאָס אלטע שושענסקאָיע.

ארויסגייענדיק פון זיריאנאָווס שטוב, האָב איך זיך ווידער אָוועקגעלאָזט צום טייך, קעדיי אָן אָטעם טאָן מיט זיין אָוונטיקער פרישקייט און זען, ווי די זון פארגייט אף נאכט. דער זון־פארגאנג האָט באגילדעט א שמאָל בריקל מיט דינע אייזערנע פּאָרענטשעס. ס'האָט מיך א צי געטאָן זיך אויסבאָדן, בין איך אריין אין טייך און זיך געלאָזט שווימען צום צווייטן ברעג, פונוואנען עס האָט זיך דערטראָגן א געזאנג. באם טייך, בא א שייטער, זיינען געזעסן מענטשן. איך בין צוגעגאנגען צו זיי. מיר האָבן זיך פאנאנדערגערעדט, און עס האָט זיך אויסגעקלאָרט, אז צווישן זיי זיינען דאָ פּאַלטאוועער טוישווים, און קיעווער, און דניעפּראָפּעטראָווסקער.

און דער פארנאכט איז א ווארעמער, א בלויער. און איך טראכט וועגן דעם, אז ניין, ניט קיין אומזיסטע זיינען געווען אלע באמיונגען, אלע איבערלעבונגען, די גאָר שווערע האָרעוואניע — סיי ווען מע האָט געהאקט דעם גראניט, סיי ווען מע האָט אים אזוי זאָרגעוודיק, מיט אזא ליבע געפירט אהער, און איך בין אים נאָכגעפאָרן אזוי ווייט. מיר איז איצט פריידיק און גוט צו וויסן, אז דער סקולפּטאָר וו. ציגאל איז שוין צוגעטראָטן צו דער ארבעט, און אז מיט יעדן טאָג וועט דער גראניטענער מאָנאָליט אלץ בוילעטער און אָנשוילעכער אָנעמען די פאָרם פונעם מאָנומענט, וועלכער ווערט געשטעלט דעם מענטשלעכסטן מענטשן — וולאדימיר לענינען.

איבערגעזעצט פון אוקראַיִניש

דאָרע כייקינע.

בראָכע און אַרן בורשטיין

כײַמוניע דער סאָלדאַט

א גרינער

אין א שיינעם ליכטיקן פרילינגדיקן טאָג, דעם 16־טן מײַ אין אָוונט, גייען מיר — דאָס גאנצע הויזגעזינד בעראָש מיט דער באָבע כאַנאָטשקען, ווי מע רופט זי בא אונדז אין דער מישפּאָכע, — צום פּריזיוו. אונדזער פּריזיוווניק איז זײַן בלויען בערעט איז עטוואָס גערעטן אין א דעסאַנטניק. צוויי מיידעלעך — דאָס שוועסטערל מיט א כאַווערטע — האַלטן אים ליב־לעך בא די הענט. די מיידעלעך זײַנען נאָך יונגיטשקע, ביידע מיט צעפּעלעך, און לויט דעם, ווי ווינציק ס׳שיידט זיך פון זיי אונטער דער פּריזיוווניק, ווי לעבעדיק ער פּלאַפּלט מיט זיי, איז צו זען, אז ער איז נאָך אויך שטאַרק יונג.

אָבער ווי קורץ איז דאָס שטיקעלע וועג פון דער שטוב ביזן זאַמלפּונקט... געציילטע עטלעכע מינוט גאַנג, איינגאַנצן א צוויי — דריטהאַלבן הונדערט שפּאַן, און אָט איז שוין דער ברייטער גרינער טויער מיט די צוויי גרויסע רויטע שטערנס אויף אים.

רויקער פון אַלעמען האַלט זיך לויטן אויסזען די באָבע. זי איז א געניטע. זי האָט, ניט היינט געדאַכט, באַגלייט אויף דער מילכאָמע דעם מאַן און האָט א גוטן באַגריף, וואָס עס הייסט וואַרטן. כײַמוניע האָט ניט געקענט דעם זיידן. ער האָט פאַרשפּעטיקט א ביסעלע מיטן געבוירן ווערן און טראָגט איצט מיט שטאָלץ דעם זיידנס, אַלעוואַהאַשאָלעם, נאָמען. נעכטן האָט ער מיט דער באָבען אַרויסגענומען פונעם שופלאָד דעם זיידנס מעלוכע־באַלוינונגען, און זיי האָבן לאַנג וועגן עפּעס זיך געשושקעט.

— גיי דיר געזונטערהייט, — שיקט אים אָוועק די באָבע אָן טרערן. — זאָל דיר גרינג זײַן די דינסט, ס׳זאָל נאָר שאָלעם זײַן אויף דער וועלט. קער זיך אום צו אונדז א געזונטער, מירן וואַרטן אויף דיר. — און זי בענטשט אים לויטן אַלטן שטייגער מיט די בעסטע ייִדישע בראָכעס. די באָבע רעדט דאָס אַרויס אַזוי איינפאַך און רויק, אז דער פּריזיוווניק, וועלכער האָט זיך שוין אָנגעקושט ווי א פּויק נאָך פאַרן אַרויסגיין פון שטוב, נאָר ס׳איז אים אַלץ ווינציק, האַלט זיך אויך איין פון לאָזן א טרער, גיט ווי א גרויסער יעדן די האַנט, אַפילע דעם שוועסטערל מיט דער כאַווערטע, טוט א וואָרף אויף אונדז דעם לעצטן קוק און ווערט פאַרשוווּנדן הינטער דעם הויכן טויער.

— מ׳קאָן זיי נאָך זען אויפן וואָקזאַל, — הערן מיר פון א זײַט. מיר לויפן אַרויס אויפן שליאַך, כאַפּן דאָרט א טאַקסי, פליִען צום וואָקזאַל. גאַטעניו, וואָס דאָרטן טוט זיך! נאָך קיינ־מאָל אין לעבן אַזוינס ניט געזען. אַפילע ניט פאַרגעשטעלט זיך. מאַמעס און באָבעס, טאַטעס און קינדער, כאַווײרים און כאַווערטעס, ווער פריילעך, ווער א ביסל פאַרטרויערט, מיט מוזיק אָדער אָן איר — אַלעמען האָט דאָ פאַראייניקט איין סיבע, איין בוילעט אויסגעדריקטער געדאַנק: ס׳זאָל נאָר שאָלעם זײַן אויף דער וועלט. אַלע וואַרטן אויף עפּעס. די כעווירע פּריזיוו־ניקעס זעט מען אין ערגעץ ניט. פּלוצעם באַווײַזט זיך אין דער ווײַט א קאָלאָנע. א לאַנגע, א בונטע, צעוואַקסט זי זיך, פאַרנעמט די גאַנצע ברייט גאַס און רוקט זיך געשווינד צום וואָק־זאַל. צענדליקער, הונדערטער פרעמדע פּענעמער שווינדלען דורך פאַר די אויגן. מיר באַווײַזן אַפילע ניט אײַנקוקן זיך אין זיי. ווו זשע איז אונדזער כײַמוניע? פאַרבײַ אונדז איז שוין דורכגעגאַנגען קימאַט די גאַנצע קאָלאָנע.

— מאַמע! — דערהערן מיר דורכן צוגעטושקעוועטן טומל א כ׳עסדיק אומגעדולדיק גע־שריי. אוי, הערצעלע טײַערס! אָט איז ער דאָך! סאַרא קלייניקער ער איז נאָך פאַרט, סאַרא דאַרינקער... אײַנגעבויגן, נעבעך, אונטער דער וואָג פונעם רוקזעקל...

(שפּעטער קומען אָן בריוו. ניט איבעריקס רעגולערע. אַמאָל אָפטערע, אַמאָל גאָר זעל־טענע צוליב עפּעס. און נאָך דער דינסט — מײַסעס אויפן גאַנצן לעבן. ביז די אייניקלעך און

אורייניקלעך וועלן סטײַען די מײַסעס מיט א פארכאפּנדיקן אָנהייב: ווען איך האָב געדינט אין דער ארמיי...)

...א גוטהעלף, מײַנע טײַערינקע! כ׳שרײַב אײַך פון וועג. דער וואגאָן טרייסלט שטארק, און דאָס איז צו זען אין מײַנע צעבראָכענע אויסיעס. די זון האלט באם פארגיין, און איך אײַל זיך ארײַנשיקן אײַך לויט אונדזער היימישן שטייגער א גוט שאבעס. מע פירט אונדז ערגעץ אין דער זײַט פון סיביר. דאָס הייסט, וועגן סיביר קאָן איך ניט זאָגן אָף זיכער, אָבער דערוויל פאָרן מיר אָף מיזרעך, געגנט ווייסן מיר נאָך ניט וווּהין. אָף די סטאנציעס שטעלן מיר זיך ניט אָפּ. באָכערים זײַנען דאָ בא אונדז ווילדע. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אז כ׳האָב מיט זיך ווינציק עסנווארג, האָדעווען זיי מיך אונטער. כ׳בין זאט איבערן האלדז. דאָ אין וואגאָן שטייען מיר אין דער וואכטע. כ׳בין שוין אויך א מאָל אָפּגעשטאנען.

...נאָכאמאָל א גוט שאבעס אײַך! אָט איז הײַנט ווידער פרײַטיק, דאָס הייסט פונקט א וואָך נאָך מײַן פאָריקן בריוו. כ׳בין שוין אפן אָרט. איך דין אין א בארימטער, פיל מאָל באלוינטער גווארדייישער דיוויזיע. אין וועג איז געווען אלץ קעשורע, איצט זײַנען מיר אין קאראנטין. אָבער שרײַבן איז ניטאָ וועו. כ׳האָב קיין צײַט ניט אפילע איבערצוּוויקלען די אָנעטשעס. האלב זיבן הייבט מען אונדז אוף, ווײַטער — א האלבע שאָ ספּאָרט. נעכטן זײַנען מיר געלאָפן אָף הונדערט און דרײַ טויזנט מעטער. דאָס באקומט זיך בא מיר שוואכלעך דערווײַל. מע קלײַבט אָפּ מענטשן אין א לערן־אָפּטייל. צי ס׳וועט דערפון עפּעס ארויסקומען, וועלן מיר שוין זען. די אָפּטיילונג איז בא אונדז א גוטע...

...מ׳האָט אונדז שוין ארויסגעגעבן די יאָמטעוודיקע מונדירן. מיר גרייטן זיך צו געבן די שוועו...

...דער וועטער איז דאָ א מאָדנער: אָט א געפערלעכע היץ, אָט א ווינט א ווילדער. קיין וואלד איז דאָ ניטאָ — הוילער סטעפּ און מאָגערע ביימעלעך, וואָס גיבן קימאט ניט קיין שאָטן. מיר גרייטן זיך צו די וואלן. איך וועל שטימען צום ערשטן מאָל. נעכטן האָט וועגן דעם געשמועסט מיט אונדז דער קאָמדיוו.

...ס׳ווייעט א שטויביקע זאווערוכע, איך קוק מיר אָף מײַרעוו און טרוים, ס׳בענקט זיך אהיים.

...31 מײַ, דער לעצטער טאָג פרילינג, דער לעצטער טאָג פונעם קאראנטין. הײַנט וועט מען אונדז שוין פארטיילן צווישן פארשיידענע אָפּטיילונגען; וווּהין איך וועל ארײַנפאלן, ווייס איך נאָך ניט. כ׳האָב שוין צונויפגענומען מײַן גאנצן מאיאָנטעק און בין גרייט איבערוואנדערן. אָט האלט איך אין האנט אײַער בילדעלע. די מאמע מיט דער שוועסטערקע קוקן אָף מיר עפּעס אזוי אומעטיק, אז עס גלוסט זיך מיר וויינען.

...ס׳איז שוין אָוונט. ענדלעך האָט מען אונדז אײַנגעאָרדנט. מיך, ווײַזט זיך ארויס, האָט מען טאקע איבערגעלאָזט אין דער לערן־אָפּטיילונג. אָט וועלן מיר אָפּעסן וועטשערע, וועל איך זיך נעמען פאר א נײַ שטיקל ארבעט. מ׳האָט מיך געבעטן אָנשרײַבן עטלעכע שורעס אין דער וואנט־צײַטונג „קורסאנט” וועגן די וואלן אין אויבערסאָוועט. באלד גיי איך א בלעטער טאָן די זשורנאלן. און נעכטן האָב איך ארויסגעלאָזט א „שלאכט־בלעטל”.

...אָט איז שוין ווידער זונטיק. דער פערטער זונטיק שוין... הײַנט בין איך, קאָן מען זאָגן, א לײדיקגייער: אויסגעוואשן דאָס אייבערשטע העמדל, וואָרעם איך זיץ אָף דער זון. נעכטן האָט מען אונדז געפירט אין באָד ארײַן, און הײַנט זײַנען מיר קימאט פרײַ. אזש ביז נײַנצן אזייגער. דערנאָך טרעטן מיר צו צו דער וואכטע אין קיך, און אינגיכן וועט מען אונדז שיקן אין קאראול...

...מיר האָבן געגעבן די שוועו. ס׳האָט זיך אויסגעשטעלט די גאנצע דיוויזיע. מע האָט ארויסגעטראָגן די פילצאָליקע פאָנען. מיר זײַנען געשטאנען מיט געווער אין די הענט, אין די יאָמטעוודיקע מונדירן.

איך האָב זיך א ביסעלע אָנגעריבן א פּוס. ניט געפערלעך, עס פארהיילט זיך שוין. אינגיכן וועט מען אונדז ארויסגעבן געווער. דער קאָמאנדיר אונדזערער איז מיר געפעלן. ער שרײַט ניט, באגייט זיך געלאסן, דערקלערט אלץ ווי ס׳דארף צו זײַן, באווײַזט וואָס מע דארף.

...זיידע! כ׳האָב דיר אזוי לאנג ניט געשריבן, אז כ׳ווייס ניט אפילע, מיט וואָס זיך פּארענטפערן. איך שרײַב דיר פון דער ארמיי. מיר זײַנען מיט דיר געוואָרן קאָלעגן, אלנפאלס לויט דער עמבלעם. די טעכניק איז, עמעס, הײַנט פיל נײַער, אונדזער דיוויזיע איז א גווארדייישע. דאָ בין איך אין א לערן־אָפּטיילונג. אין א האלב יאָר ארום וועל איך, מעגלעך, ווערן א סערזשאנט. הײַנט איז יאָמטעוו בא אונדז — די וואלן, און איך האָב שוין געשטימט. דאָס ערשטע מאָל! איצט גייען מיר אָנגעטאָן אין יאָמטעוודיקע מונדירן. ווען כ׳וועל זיך דעמאָביליי־

זירן, ווען איך מיסטאמע דאָס ערשטע פארפאָרן צו דיר, און דו וועסט זען, וויאַזוי איך טראָג די אוניפאָרם.

מיר דוכט, אז דער טאַטע און די מאַמע קלײַבן זיך צו מיר צוגאַסט. יאָ? זאָלן זיי קומען, מע וועט זיי אומבאַדינגט דורכלאָזן...

(מיר זײַנען זיך דורכגעפאָרן צו אים. פון דער נעסיע, פונעם קורצינקן — אינגאַנצן עטלעכע שאָ — קאַבאַלעס־פּאָנעם, שטייט אונדז פאר די אויגן אַדהײַעם א בוילעט בילד: איבער א גרויסן, פאַרגאָסענעם מיט פּלאַמיקער זון פּלאַץ לויפט אונדזער זון, אינעם יאָמטעוודיקן מונדיר. ער לויפט נאָך קונדייסיש פריילעך און דעריבער א ביסעלע לעפּיש. אָבער דערזעענ־מונדיר, האַלט ער זיך איַין און גייט איבער אף פעסטע ארמייַישע טריט, ווי ס׳פּאַסט פאר א סאָלדאַט.

— אָט איז ער, איַיער גוואַרדייעץ,— מערקט אָפּ מיט פאַרגעניגן דער וואַכטע־אָפּיצער..

דער ניַיער מאַלבעש איז אף כיַמוניען נאָך גרויסלעך, ערטערוויַיז האָט ער זיך אָנגעבלאָזן. אָבער דער זון איז געקומען א פריילעכער, מיט פאַרגעניגן געשפּיגלט זיך אין די ניַיע בגאָדים און שטאָלץ שפּאַצירט מיט אונדז איבערן יישעוו, וועלכן ער האָט איצט, גייענדיק מיט אונדז, אָנגעקוקט צום ערשטן מאָל. ער האָט זיך געקוויקט מיטן דופטיקן לימאָנאַד, און צעשיידט האָבן מיר זיך פריילעך, אָן איבערלעבונגען).

און ווידער א בריוו...

...א דאַנק איַיך א גרויסן פאר איַיער קומען צו מיר. איר האָט מיך שטאַרק מעכיַיע געווען. אצינד איז בא איַיך נאָך דער 30־טער יול, און בא אונדז איז שוין אוועק פינף מינוט פונעם 31־טן. איך שטיי אין קאַראַול. כ׳בין באַוואָפנט מיט אן אווטאָמאַט און מיט א באַגנעט!

(וועגן דעם דאָזיקן אָדער עפּשער וועגן אן אנדער פאַל פון זײַנע ערשטע קאַראַולן האָט ער שפּעטער דערציילט אַזאַ מיַיסע:

— שטיי איך מיר, הייסט עס, אין קאַראַול. דאָס געווער, די פּאַטראָנעס — אַלץ קעשורע. הינטער מיר איז א סקלאַד, אַרום — א פּאַרקן. ס׳איז שטיל, אומעטיק. דער קאָפּ איז פריַי, און ס׳טראַכט זיך וועגן קאָלערליי נאַרישקײַטן. אָט, אַשטייגער, ווען כ׳טרעף דאָ איצט אָן אף א פאַרברעכער. וואָלט איך אים באַפוילן: „שטיי! ווער איז דאָרט?!” און ער... כ׳פאַרענדיק ניט דעם געדאַנק: מיַין אויער כאַפּט פּלוצעם אוף א שטיל טרישטשען פון שטיינדלעך אף דער סטעזשקע באַם טויער. איך הער זיך צו. שווערע טריט... עמעצער קלײַבט זיך אונטער, שווער אָנגעלאָדן. פּאַמעלעך עפנט זיך אוף דאָס טירל אין פּאַרקן... „שטיי!” דאָס טירל צעעפנט זיך ברייטער... „שטיי, כ׳וועל שיסן!” — קיין שום רעאַקציע. דורכן טירל שטופּט זיך אַריַין א קאָפּ מיט א פּאָר אומגעלומפּערט גרויסע הערנער, און פּאַמעלעך, ווי א טאַנק, רוקט זיך אַריַין אפן שעטעך פונעם אָביעקט א גרויסע ראַבע קו. זי באַטראַכט מיך, איך — זי. וואָס האָט זי בעדייע צו טאָן? טאָמער וויל זי מיך נעמען אף די הערנער? איך שטיי אפן פּאָסט, היט אָפּ דעם אָביעקט. „היי, קו! בעסער פאַרנעם זיך פונדאַנען”, — פּרוּוו איך צו איר טיַינען. מיַין שטים איז שטרענג, נאָר זי מאַכט זיך דערפון א קליינעם צימעס. זי באַוויַיזט מיר די צונג, קלוימערשט זי לאַכט אויס מיַין באַפעל, באַלעקט זיך געשמאַק און שפּאַנט וויַיטער אין הויף אַריַין, אין מיַין זיַיט. וואָס זאָל איך טאָן? טריַיבן זי פון זיך? — ווייס איך ניט וויאַזוי. רופן צו הילף? — פּוסטע כאַלוימעס: אינדערנאָענט איז קיינער ניטאָ. אַרויסרופן א נאַריאַד קאָן איך אויך ניט — די קו שטייט מיר אפן וועג צום טעלעפאָן. און זי קלײַבט זיך גאָרניט אוועקצוגיין, שטשיפּעט זיך דאָס זאַפטיקע גראָז, ווי אף פּאַשע. געפונען דאָס אָרט! און דאָ קומט אָן איר באַלעבאָס. דאָס הייסט, צי ער איז בעעמעס דער באַלעבאָס, קאָן איך ניט וויסן. און טאָמער איז ער גאָר א פאַרברעכער, און די קו האָט מען אומיסטן פאַרטריבן אַהער, קעדיי זיך דורכריַיסן צום אָביעקט?

— צוריק! — באַפויל איך שטרענג.

........—..לאָז נאָר פאַרנעמען די קו. — בעט ער זיך און שטופּט זיך אין טירל.

— צוריק! — קאָמאַנדעווע איך נאָכאַמאָל און הייב אוף דאָס געווער.

אף א רעגע פאַרגעס איך גאָר אין דער קו, נאָר זי דערמאָנט מיר טייקעף אין זיך מיט א הילכיקן מוקען. הור־ראַ־אַ! די קו האָט מיר באַפריַיט דעם וועג צום טעלעפאָן. איך רוף אַרויס הילף. זי קומט אָן אין א מינוט פינף אַרום. דער נאַריאַד פאַרהאַלט זיך מיטן מאַנצבל באַם טויער, און די בריַיע ווערט אומגעריכט ווי מעשוגע. זי בייגט אָן דעם קאָפּ צו דער ערד, שטעלט אף מיר אָן ביידע פאַכעדיקע הערנער און גיט זיך א ווילדן יאָג אין מיַין זיַיט. איך באַוויַיז אָפּ־שפּרינגען הינטער א סטויפּ און אָנשטעלן אף דער כיַיע דעם אווטאָמאַט, זי יאָגט דורך פאַרביַי מיר...

דערנאָך האָבן אַלע ביז בויכווייטעק געלאַכט פון מיר איבער אָט דער מיַיסע, אָבער א פרעמדן האָב איך צום אָביעקט ניט דערלאָזט!).

אין יאָמטעוודיקן אָנצוג

...איצט שיקט מען מיך אָפּט אין נאַריאַד. מײַן מיליטער־דינסט גייט גוט.

איך האָב אויסגעפּילט די נאָרמעס פאַר דער דריטער ספּאָרט־קאַטעגאָריע. אין אַלגעמיין איז דאָס אַ פּאַשעטע זאַך — דו זיצסט אין אַ שוץ־גרובן מיט דער גאַנצער אַמוניציע, דערנאָך שפּרינגסטו אַרויס, לויפסט ניט שטאַרק ווײַט, קלעטערסט אַרויף אַף אַ לייטער, פאַרקריכסט אַף אַ פּאַס, שפּרינגסט זי אַריבער, לויפסט אַף אַ שמאָל ברעטל, שפּרינגסט אַראָפּ, לויפסט ווײַטער, פליסט איבער אַ צוויימעטערדיק וועגנטל, הייבסט זיך אוף מיט טרעפּ ערגעץ אַרויף, שפּרינגסט אַרײַן אין אַ ליוק, כאַפּסט אונטער אַ זאַק, וואָס וועגט אַ פּוד, קריכסט מיט אים אַרויף זעקס מעטער די הייך, לאָזסט אַראָפּ דעם זאַק, שפּרינגסט אַראָפּ אַף דער ערד, גיסט אַ וואָרף צוויי גראַנאַטעס, שפּרינגסט איבער אַ נידעריק וועגנטל, וואַרפסט זיך אַרײַן אין אַ טראַנשיי, כאַפּסט אין די הענט אַ שווערן קאַסטן (קלוימערשט מיט פּאַטראָנעס), גייסט מיט אים דורך אונטער דער ערד, וואַרפסט אים אַרויס אַפן באָדן, שפּרינגסט צו אים אַרויס — און ביסט פאַרטיק. דאָס אַלץ טוסטו אָפּ ווינציקער ווי פאַר צוויי מינוט.

צו די וואָרמעסן האָט מען אונדז אָנגעהויבן געבן קאַווענעס. די צײַט לויפט, ניין — זי פליט. כ'געדענק נאָך, ווי, דאַכט זיך, אָט ערשט האָב איך אײַך געשריבן וועגן סאָף פרילינג, און אָט אין אַ וואָך אַרום פאַרענדיקט זיך שוין דער זומער אויך. באַ אונדז הייבן זיך אָן די פאַרהערן (עקזאַמענעס), הייסט דאָס, איך האַלט באַ פאַרענדיקן אויך אָט דעם לערן־אַנשטאַלט...

...הײַנט איז זונטיק. דער ערשטער טאָג פון האַרבסט. איר שרײַבט, אַז באַ אײַך רעגנט אָפּט, און דאָ איז שוין עטלעכע טעג אַ ביטערע קעלט, פונעם מויל שלאָגט אַ פּאַרע. צײַטנווײַז גייען רעגנס, אין דרויסן איז גרוי, מיר גייען נאָך אינעם זומערדיקן אָנטאָן און כאַפּן יענעם ציטער. און ווי אַפּצולאַכעס, קומט פאַר אונדזער לער גאַנץ אָפּט אינדרויסן. אייערנעכטן האָבן מיר געמאַכט אַ „מאַרש־שפּרונג” אַף זעקס קילאָמעטער. מע דאַרף לויפן מיט דער גאַנצער אַמוניציע: באַוואָפנט מיטן אויטאָמאַט, מיט דער גאַז־מאַסקע, מיט אַ רענצל אַף די פּלייצעס, און אין גאַנצן אָנטאָן, און דער מאַרש דאַרף פאַרנעמען ניט מער ווי 32 מינוט.

אַמאָל ווײַזט זיך מיר אויס, אַז אָט פאַרענדיקט זיך באַלד דער לימעד, און איך וועל זיך גיין אַהיים. אָפּטמאָל כאָלעמט איר זיך מיר, אַפילע דער זיידעניו און אַלע אייגענע צוזאַמען. צײַטנווײַז, בײַס דעם איבעררייס, דוכט זיך מיר, אַז כ'בין מיט אײַך אין וואַלד, איך צעעפן די אויגן — ווידער די כעוורע סאָלדאַטן...

...נעכטן באַקומען אײַער פּעקעלע. אַ גרויסן דאַנק. עמעס, כ'האָב ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואָס עפּעס האָט איר מיר צוגעשיקט אַ גאָל־מאַשינקע, דערפאַר אָבער האָב איך זיך מעכײַע געווען מיט אַלע געשמאַקע זאַכן. באַזונדערס האָב איך האַנאָע געהאַט פונעם לעקעך. און ניט בלויז איך אַליין. ער האָט אַזוי אויסגענומען באַ אַלעמען, אַז אייניקע סערזשאַנטן בעטן אַפילע, איר זאָלט צושיקן דעם רעצעפּט.

אַ באַזונדערן דאַנק אײַך פאַרן „קלייניקן פּרינץ”. כ'קוק אין אים שוין אַרײַן.

לאַנג שרײַבן האָב איך קיין צײַט ניט, איז בעקיצער: נעכטן האָט מען אונדז איבערגעטאָן, און אין די נאָענטסטע עטלעכע שאָ פאָרן מיר אָפּ אַף פעלד־אַרבעט, אַף קאַרטאָפל. אַ גוטן אײַך...

...איך באַגריס אונדזער באָבעניו מיטן יויוול. געוויס וועט זײַן זייער פּײַערלעך און יאָמטעוודיק. אַ ראָסלפלייש, לעקעך. 76 ליכטלעך. און אינמיטן אַן אופשריפט.

...הײַנט איז שוין דער 137־טער טאָג פון מײַן דינסט. די עקזאַמענעס האָב איך אויסגעהאַלטן גוט, איצט בין איך אַן אויסגעצייכנטלער פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אויב עס וועט נאָך אַ האַלב יאָר גיין ניט ערגער, וועט מען מיר אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן צייכן. כוץ דעם, האָט מען מיר צוגעאייגנט אַ קלאַסנע קאַטעגאָריע, און פאַר דעם קומט מיר אויך אַ צייכן, אַ באַזונדערער. נאָך האָט מען מיר אויסגעשריבן אַ באַשטעטיקונג אַף אַ צייכן פון אַ ספּאָרטסמען און אָפּגעשאַצט מײַנע דערגרייכונגען לויט דער צווייטער ספּאָרטיווער קאַטעגאָריע. אַזוי, אַז אינגיכן וועל איך אַרומגיין באַהאַנגען מיט אויסצייכענונגען.

...הײַנט איז ווידער דאָנערשטיק. אלע מערקווירדיקע פּאסירונגען טרעפן מיך אין אָט דעם טאָג. דאָנערשטיק בין איך געבוירן געוואָרן, דאָנערשטיק האָט מען מיך גערופן אין ארמיי... און, ענדלעך, פארלאָז איך הײַנט דעם יִשעוו, קעדיי פאָרזעצן ווײַטער מײַן דינסט שוין אין אן אנדער אָפּטיילונג. מ'האָט אונדז ארויסגעגעבן אלצדינג, וואָס עס קומט, אלץ איז שוין פארפּאקעוועט. כוצן באקומענעם, נעם איך מיט זיך מיט בלײַערס, פארבן און... שפּראָטן. ס'איז א געשמאק מײַכל. אגעוו, מ'האָט מיר פארשריבן אין דינסט־ביכל זיבן דאנקבארקײַטן און ארויסגעגעבן זייער א פײַנע כאראקטעריסטיקע.

אָף א נײַ אָרט

...אופמערקזאם אויסגעפאָרשט די געאָגראפישע מאפּע, בין איך געקומען צום אויספיר, אז ווען איר פארמאָגט עטלעכע פרײַע טעג, קאָנט איר צו מיר זיך אראָפּכאפּן. איך האָב אײַך באשריבן דעם וועג מיט אלע פּראָטים. ווו ס'איז א שטערנדל — דאָרט בין איך. באהאנדלט אלזײַטיק מײַן פאָרשלאָג און שרײַבט מיר אָן, צי ס'געפעלט אײַך מײַן פּלאן.

די פארגאנגענע עטלעכע טעג האָבן מיר זיך געייסעקט מיטן איבערפירן קארטאָפל. מיט וואָס זשע, מיינט איר, נעמט מען קארטאָפל פון די בורטעס? אנו, טרעפט. אן אומזיסטע טירכע, איר'ט סײַווי ניט טרעפן. מיט היי־גאָפּלען! כ'בין זיכער געווען, אז גאָפּלען האָבן שטענדיק שארפע שפּיצן, און בא אָט די זײַנען גאָר די שפּיצן אומיסטן פארטעמפּט. אין די טעג האָב איך געגעסן קארטאָפל מיט ציבעלע. זיך אָנגעגעסן פאר פרי׳ער און פאר שפּעטער. און פאר דער ארבעט האָבן מיר, איך אויך בעסויכעם, פארדינט א דאנקבארקײַט.

...הײַנט שרײַבט דאָס שוועסטערל, אז עס וועט מיר נאָך געפעלן דאָס נײַע אָרט. ווי קאָן אָבער געפעלן ווערן דאָס אינדזעלע פון ציוויליזאציע, א פארוואָרפנס שיר ניט הינטער די האָרייכוישעך אין א קאנט, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון א טײַכל, וואָס טריקנט אלע יאָר אויס ביזן סאמע גרונט? און וואָס איז דאָס פאר א „קראך" פון קנאפּע דרײַסיק טויזנט נעפאשעס? צײַטנווײַז בושעווען דאָ ווילדע ווינטן, און ס'איז שוין געוואָרן קאלט.

...מא־א־מע! איך וואַרט אָף דיר. דעם וועג האָב איך אויסגעמאָלט ריכטיק — שוין באלד ווי אן עכטער שטורמאן. אזוי, אז קיין טאָעס וועסטו ניט האָבן. פונדעסטוועגן איז דאָ אין שטעטל פאראן א האָטעל „ליוקס", אזוי אז מיר וועלן האָבן אלע באדינגונגען און באקוועמלעכקײַטן. שרײַבט כאָטש אנערעך, ווען קאָן דאָס פּאָרקומען. מיר זײַנען שוין איבערגעגאנגען אָף ווינטערדיקע מונדירן. באטאָג איז נאָך ווארעם...

...הײַנט איז זונטיק, דער 17־טער נאָיאבער. דאָס פאָריקע מאָל האָב איך אײַך געשריבן דעם 7־טן, און איך פארשטיי ניט, וואָס באקלאָגט איר זיך, אז איר האָט פון מיר גאָרנישט. אָף יעדן פאל באגריס איך נאָכאמאָל מײַן טײַערינק שוועסטערל מיטן געבורטסטאָג. הײַנטיקס יאָר איז בא אלעמען א יויוול: בא דער באָבעניו, באם שוועסטערל (צו 16 יאָר באקומט זי דעם פּאס), אויך בא אײַך, מײַנע קעצעלעך, און בלויז בא מיר איז ניט אהער, ניט אהין: 19 יאָר. פארדראָסיק אפילע...

...דער קאלענדאר איז מיר געפעלן, א דאנק. אגעוו, מײַן קאָמאנדיר אייסעקט זיך מיט אויסשניצן אָף האָלץ, אויסקלאפּן אָף קופּער אוקעדוימע, אזוי, אז ווען איר קאָנט פאר אים ערגעץ קריגן א בוך וועגן דעם מין קונסט, וואָלט געווען זייער וווּיל. ער איז א גוטער מענטש. און נאָך איז דאָ א באָכער פאראן, וואָס האָט ליב אסטראָנאָמיע. איז אויב ס'וועט זיך אײַך מאכן א האנטבוך פאר ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אסטראָנאָמען, אָדער נאָך עפּעס אזוינס, וואָלט אויך קעדײַ געווען צושיקן....

...כ'האָב זיך פארשריבן אין ביבליאָטעק און איבערגעלייענט „קאָמאנדארם יאקיר". נאָר אָף לייענען בלײַבט דאָ קימאט קיין צײַט ניט. נאָכן איבערפּעקלען זיך אין דער נײַער קאזארמע טוט זיך כוישעך, ס'קאָכט און ס'בורעט: אינעם זומערדיקן צימער האָבן מיר אָפּגעריבן די פארב פון די ווענט און אויסגעווײַסט זיי אָפּסנײַ, די דילן אויסגעשאָבן מיט גלאָז, געמאכט נײַע סטענדן, איבערגעפארבט אלע טירן. דאָס זעלבע מיט די געהילפס־צימערן.

...ווידער א גרוס אײַך. ווי כ'האָב טאקע פאָרויסגעזען, האָט זיך מײַן שרײַבן פארצויגן. אין דער נײַער קאזארמע איז אָן א שיר ארבעט. מיר האָרעווען טאָג און נאכט. איצט זעט זי שוין אויס א סאך בעסער. דער קאָמאנדיר האָט מיר געהייסן פארנעמען זיך מיט קאָלערליי שרײַבערײַען פארן לענין־צימער, ער האָט בעדייע פארפעסטיקן אים פאר מיר, „ווי די ערד פאר די קאָלווירטן — אָף אייביק"...

...איצט, מאַמע, אָט וואָס. אַז דו׳סט קומען צו פאָרן, דאַרפסטו בא זיך האָבן דעם פאַס, וועט מען דיך אײַנאָרדענען אינעם אָפיצערן־האָטעל. ווען זשע וועלן מיר זיך באַגעגענען! (דאָס שרײַ איך אַזוי). כ׳קוק שוין זייער אַרויס אַף דיר, יעדן טאָג...

(דער דאָזיקער לאַנגדערוואַרטעטער טאָג איז ענדלעך געקומען. ער איז אויסגעפאַלן אַפן 1־טן דעקאַבער, ווען דער זון איז אַלט געוואָרן נײַנצן יאָר. געפאָרן זײַנען מיר ביידע. פון דער נעסיע האָט זיך אונדז פאַרגעדענקט אַ הילכיקער, ווי פון לויטערן גלאָז, פראָסט. אַפן פראָסט האָבן אַלע קאָלירן אויסגעזען וווּנדערבאַר קלאָר, ריין, מיט אַ זילבערנעם אָפשײַן. שיין איז דאָס געווען אויסערגעוויינלעך. און די סאָלדאַטן, באַזונדערס אין קאַראַול, מיט די אַראָפגעלאָזענע אויערן פון די ווינטערדיקע היטלען, מיט די מעגושעמדיק־גרויסע שאָפענע פעלצן, אָנגעטאָנענע אַריבער די שינעלן, אין ריזיקע וואָליקעס, האָבן אויסגעזען לעפיש און קאָמיש. זיי זײַנען ענלעך געווען אַף אַלטיטשקע שאָמרים פון קינדערשע ביכלעך. אַף אָט דעם פאָן איז אונדז זייער געפעלן געוואָרן דעם זונס קאָמאַנדיר: אַ פעסטער, מיט פאַרוויטלטע פון פראָסט באַקן, אין אַ פוטערנער קורטקע. אַזאַ בראַווער, קרעפטיקער יאַט, וועלכער דאַרף אַלץ טאָן ראַיעל, אָן איבעריקע כקירעס און אַזוי, אַז ס׳באַקומט זיך בא אים ווי ס׳דאַרף צו זײַן — געשטעלט, גוט און זיכער. זײַן מונדיר איז געווען אַף אים פונקט צוגעפאַסט, ווי אויסגעגאָסן. ער איז צוגעגאַנגען צו אונדז נאָך איידער מיר האָבן דערזען אונדזער זון, צוגעגאַן מיט זײַן זיכערן, עטוואָס וואַקלענדיקן באַלעבאַטישן גאַנג, און שוין פון זײַן אויסזען אַליין איז גלײַך רויִקער געוואָרן אַף דער נעשאָמע.

— אַ ווילער באָכער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ וואַרעמען ליבלעכן טאָן און האָט דערבײַ אין זײַן טיף רוסישן לאָשן שטאַרק געקוועטשט אַפן „אָ”, ווי די טוישווים פון בײַוואָלגע. — ווען אַלע זײַנען אַזעלכע, ווי אײַער זון, וואָלט איך פון קיין זאָרג ניט געוווּסט.

וואָס זשע הייבן מיר אָן פונעם קאָמאַנדיר, און וועגן דעם זון ערשט דערנאָך? מאַכמעס דעם קאָמאַנדירס טאָן האָט פון אָנהייב אָן געמאַכט די גאַנצע שטימונג. צי דער זון האָט אים שוין אַ ביסעלע נאָכגעטאָן, צי די שטימונג האָט זיך באַקומען אַזאַ, נאָר כײַמוניע איז געווען רויִק, געשטעלט, קיינע פרעטענזיעס, קיינע קינדערשע שטיק.

— לעבן קאָן מען, — כאַזערט ער איבער ניט איין מאָל.

אין אָוונט האָט מען אים אָפגעלאָזט מיט אונדז אין האָטעל. ער האָט זיך אָנגעפרעגט וועגן דער היים, זיך מעכײַע געווען מיטן היימישן קיבעד, שלאָפן איז ער געגאַנגען באַצײַטנס, און מיר האָבן זיך געפרייט, וואָס אַדאַנק אונדז קאָן ער זיך אויסשלאָפן וויפל ער וויל. אינדערפרי זײַנען מיר אַוועק מיט אים אינעם אָפיצערישן עס־זאַל. פרעמדע פאַר אונדז אָפיצערן האָבן גוטפרײַנטלעך אים אונטערגעוווּנקען, עמעצן האָט ער אונדז פאָרגעשטעלט. און פון וואָס מיר זײַנען גאָר ניספאָעל געוואָרן, איז הערט ווײַטער.

— איך שפאַצירט זיך דאָ דורך, — זאָגט אונדזער כײַמוניע אומגעריכט, — און איך וועל אַ לויף טאָן נאָך מײַנע כאַוויירים.

ער איז אַוועקגעלאָפן, און אונדז האָט אַוואַדע פאַרדראָסן, וואָס ער האָט מיטן אייגענעם ווילן פאַרקירצט די געציילטע עטלעכע שאָ, וואָס מיר האָבן געקענט זײַן איניינעם. פאַרלענגערן דעם וויזיט איז ניט שײַעך. זײַנע כאַוויירים האָט מען אויך טייקעף אָפגעלאָזט. זיי זײַנען געקומען, ווילד־פרעמדע פאַר אונדז יונגעלײַט, געשמועסט מיט אונדז אַ ביסל, זשעדנע אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. די זאַך איז געווען ניט אינעם קיבעד — אַזוינס באַקומען זיי אויך פון דער היים, און מע עסט דאָס קעסיידער אַלע איניינעם, — נאָר פאַר זיי איז געווען זייער וויכטיק, אַז אַ פרעמדער מענטש דערפרעגט זיך מיט פאַרינטערעסירטקײַט, ניט אַלפי כויוו, וויִאַזוי עס גייט בא זיי דאָ דאָס לעבן, צי עס פעלט זיי דאָ עפעס אויס, און ער הערט אויפמערקזאַם אויס אויך פון זיי, אַז די דינסט גייט דורך ווי ס׳דאַרף צו זײַן, זיי נייטיקן זיך אין גאָרנישט ניט. אַזוי באַקומט זיך, אַז בא זיי זײַנען אויך געווען געסט. דער קאָמאַנדיר האָט דאָס, אָפנעם, פאַרשטאַנען, גערן זיי אָפגעלאָזט צו אונדז. און מיר האָבן טאַקע געשמועסט מיט זיי, זיך איניינעם פאָטאָגראַפירט און דערנאָך אין די בריוו געשריבן זיי גרוסן, פונקט ווי מיר וואָלטן געווען בא זיי אויך צוגאַסט. אינדערעמעסן איז עס דאָך טאַקע אַזוי פאָרגעקומען, ווײַל זיי דינען איניינעם מיט אונדזער זון, זיי זײַנען זײַנע כאַוויירים.

מיר זײַנען אָפגעפאָרן פונעם פיצעלע וואָקזאַלכל שפעט אין אָוונט. דער פראָסט האָט געליטערט די שטערן. זיי האָבן געשײַנט העל און קאַלט, ניט ווי אין שטאָט, אַפילע דער מילך־וועג האָט זיך צעפלאָסן, ווי אַ טײַך אַפן הימל. און מיר האָבן לאַנג נאָך געזען דערנאָך אַפן פעראָן די קליינינקע פיגור פון אונדזער בעניאָכיד אין אַ מעגושעמדיק־גרויסער שינעל, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אָנשטאָט זײַנער, צו אים צוגעפאַסטער. זײַן אייגענע שינעל האָט ער אָנטליִען אַ כאַווער, וועלכער איז געפאָרן אין אורלויב. און דאָס פעדעמל, וואָס האָט אונדז פאַרבונדן, האָט זיך אָנגעצויגן אַלץ שטאַרקער, צעצויגן אַלץ דינער, ביז ס׳איז געוואָרן אינגאַנצן ניט אָנזיכטיק, דורכגעוואָרפן איבער טויזנטער קילאָמעטער...).

...באַ אונדז איז געוואָרן אַ ביסעלע קעלטער, ווי ווען איר זײַנט געווען, נאָר לויט די היגע מאָסן הייסט דאָס נאָך וואַרעם. האַלעווײַ דעם גאַנצן ווינטער ניט ערגער. הײַנט איז באַ אונדז אַ טאָג פון פּאָליטישע לימודים. מיך האָט מען געשטעלט פאַר אַ באַהעלפער זיי דורכצופירן. איצט איז אַ שאָ פון אַזויגערופענער זעלבסטלער — „סאַמאָפּאָדגאָטאָווקאַ". און נאָך האָב איך פאַרגעסן אײַך שרײַבן, אַז מ'האָט מיך אויסגעוויילט פאַר אַ קאָמסאָרג. מיט קאַלי (דאָס רופן מיר אַזוי צווישן זיך דעם קאָמאַנדיר, מיט וועלכן כ'האָב אײַך באַקאַנט) קום איך אויס. ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם גוטן אײַנדרוק, וואָס ער האָט אויף אײַך געמאַכט, איז ער געווען זייער צופרידן...

...כ'האָב, דוכט זיך, פאַרגעסן אײַך צו באַדאַנקען פאַרן יאָלקעלע. יאָלקעס האָט מען פאַר אונדז, פאַרשטייט זיך, געבראַכט, אָבער דאָס איז אַ היימישס, אַ פײַנינקס, אַ שיינס. ווי אַ קאַלע. אַלע האָבן געלאַכט און געקוועלט, און קאַלי מיטן זאַמפּאָליט האָבן אײַך געלויבט. און ווען איר זײַנט אוועקגעפאָרן, האָב איך נאָך לאַנג געקוקט נאָך אײַער צוג, ביז ער איז ניט אוועק גאָר־גאָר ווײַט.

געוואָלט שוין פאַרענדיקן דעם בריוו, און שיר ניט פאַרגעסן: איך באַגריס אײַך מיטן נײַעם יאָר. זאָל דאָס נײַע יאָר זײַן בעסער פונעם פאַרגאַנגענעם, איך זאָל זיך דורכפאָרן צו אײַך אין אורלויב. לאָמיר אַלע זײַן געזונט און גליקלעך, און זאָל זײַן אויף דער וועלט שאָלעם.

...דאָס בין איך ווידער. כ'בין ערשט געקומען פון קאַראַול. ס'איז טאַקע גאַנץ קאַלט דאָרטן, אָבער דער ווינט איז הײַנט שטיל. די זון שײַנט העל, דער הימל איז לויטער־לויטער. האַקלאַל, אַ מעכײַע. באַטאָג וואַרעמט אַפילע אַ ביסעלע. זאָגט אויף דעם אונדזער קאַלי, אַז דאָס איז אַ שטילקײַט פאַר אַ שטורעם.

...נו אָט, הײַנט פאַלט שוין אַ שניי. און אַ ווינטל אַ שאַרפס. מאָרגן ווערט זיבן כאָדאָשים, זינט כ'בין אוועקגעפאָרן פון דער היים. ס'גלייבט זיך אַפילע ניט, אַז איר זײַנט געווען באַ מיר.

...הײַנט האָט מען געוויזן אַ דאָקומענטאַלן פילם מיט סערגיי אָבראַזצאָוון. ס'איז וועגן די קאָנטראַסטן באַם קאַפּיטאַליסטישן לעבנסשטייגער. אַ סאַך פאַרשיידנס איז באַוויזן געוואָרן, לעמאָשל, ווי דער אוילעם אין אויסלאַנד איז פאַרכאַפּט מיט צוזען אַ געשלעג, אַ קאַטאַסטראָפע אַאַוו. הייסט עס, אַז מע מעג דאָס מאַכן אומיסטן, צוליב פּאַרנאָסע? און אָט איז די „שפּיל" קעטש. נו, דאָס ווייסט איר מיסטאַמע, וואָס עס באַטײַט — אַ ווילד שלעגערײַ אָן קלאָלים. נאָר דאָס מיִעסטע איז דער ווײַבערישער קעטש. כ'קאָן ניט באַגרײַפן, וויִאַזוי נעמען דאָס פרויען — אַזעלכע איידעלע אין טאָך און גוטהאַרציקע — און שלאָגן איינס דאָס אַנדערע אַזוי אַכזאָריעסדיק. אַפן עקראַן זײַנען באַוויזן געוואָרן פאַרליבטע פון דער גאָרער וועלט און די, ווער עס פאַרקויפט אָט די ליבע, אויך נאַרקאָמאַנען. באַזונדערס טרויעריק איז דער גוירל פון מענטשן, וועמענס מעלאָכע ס'איז ריזיקירן און באַווײַזן געפערלעכע קונצן פאַר געלט. מיר האָבן געזען אַ משוגענע יאָגערײַ מיט אַן אַוואַריע. מאָדנע איז דאָס בוקן זיך צו אָפּגעטער און דאָס פאַרגעטערן מענטשן. די יאַפּאָנער קאָמיקאַדזעס זײַנען אָפּשטויסנדיק. מ'האָט באַוויזן עפּעס אַן אידיאָט, וואָס האָט זיך דורכגעלעכערט דעם האַלדז, דורכגעלאָזט דורך אים אַ דראָט און געשלעפּט פאַרן דראָט אַן אויטאָמאָביל. וויעטנאַם האָט מען אויך געוויזן, און צום סאָף — אַפן גאַנצן עקראַן — אַ וויינענדיק וויעטנאַמער יִנגעלע...

...דער „שײַטאַן" איז געקומען. דאָס איז דער היגער ווינט. אַוואַדע איז דאָס ניט קיין שטורעם, און ס'איז ניט זייער קאַלט, נאָר עס וויעט און ס'דרייט די עמעסע זאַווערוכע. אין דער ווײַט זעט מען גאָרניט, די וועגן זײַנען פאַרטראָגן.

אײַער פּעקלעך האָב איך באַקומען, אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען, און איך וויל נאָך. ס'גלוסט זיך עפּעס געשמאַקס. באַ מיר האָבן זיך געענדיקט די העפטן, און דעריקער — די ביכער. מ'דאַרף דאָך אָנקומען אין אַ הויכשול. מיר גרייטן זיך שוין...

...אַ גוטהעלף, מײַנע טײַערינקע! כוץ, דוכט זיך, אַ קאַרטל צום 8־טן מאַרט, האָב איך אײַך שוין גאָר לאַנג ניט געשריבן. דער טערעץ איז הויפּטזאַכלעך אין דעם, וואָס די גאַנצע צײַט האָבן זיך דאָ געטרייסלט „ערדציטערנישן". מײַן דינסט דאָ וואָלט מען געקאָנט פאַרשטעלן מיט אַ ווײַז־ליניע, וועלכע האָט ביז אַהער לאַנגזאַם, נאָר זיכער זיך געהויבן אַרויף און דערנאָך שאַרף אַראָפּגענידערט אַראָפּ. איך האָב שוין געהאַט זיך דערשלאָגן גאַנץ מאַמאָשעסדיקע דערפאָלגן: געוואָרן קאָמסאָרג, אַגיטאַטאָר, געהילף פונעם אָנפירער פון דער גרופּע אויף די פּאָליטישע לימודים. פאַר דער לעצטער צײַט איז באַ אונדז צוויי מאָל געווען אָן אַליאַרעם, און אונדזער מאַסקירונג האָבן די גענעראַלן אָפּגעשאַצט אויף „אויסגעצייכנט". יאָ, און ס'איז שוין פרילינג באַ אונדז, דער עמעסער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשיידענע פרילינגדיקע אַרבעטן. מ'האָט גענומען אין די העענט די זומערדיקע מאַכשירים פאַר ערד־אַרבעט: לאָפּעטעס, גראַבליעס, און פלוצעם... יעדן פרילינג גייט מען באַ אונדז דורך אַ מעדיצינישע קאָמיסיע.

אלע דאָקטוירים האָבן באַשטעטיקט: „געזונט”, און נאָר דער נעווראפאַטאָלאָג — א הונט מיט אויערן — האָט זיך צוגעטשעפּעט. ער האָט לאַנג מיר געקוקט אין די אויגן, ביז ער האָט עפּעס דאָרט אויסגעזוכט. דאָס, זאָגט ער, איז ניט געפערלעך, נאָר פון מײַנע פּליכטן האָט מען מיך טײקעף באַפרײַט. דעם 10־טן מאַרט האָט מען מיך אַרויסגערופן אין שטאַב און געמאָלדן, אַז מע פירט מיך איבער אין אַן אַנדער באַטאַליאָן. א וואָכן אָנדערהאַלבן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן זיך אויסדרייען, אָבער דעם 19־טן האָט מען מיך געפּאַקט.

...מײַן איצטיקע אָפּטײלונג האַלט מען אין דער דיוויזיע פאַר דער אַמווײַניקסטן אינטע־רעסאַנטער. לויט ס'איז צו הערן, איז דאָ קיין טעכניק ביכלל ניט פאַראַן. אָן אומעט — א שרעק, כאַטש נעם זיך דאָס לעבן.

...אַגעוו, איר באַמערקט מיסטאמע, אַז בא מיר איז עטוואָס צעבראָכן דער קסאַוו. דאָס איז גאָרנישט. פּאַשעט באַם אַריבערפאָרן האָב איך געכאַפּט א צוקילונג. מע האָט מיר געמאָסטן די היץ — 39,8 גראַדוס. בין איך אַצינדער אין לאַזאַרעט, אין דער אַנשטעקונג־אָפּטײלונג. דאָ איז ביטאָ קיין קינאָ, קיין טעלעוויזאָר. דערפאַר אָבער אײַנשפּריצונגען — אפילו ווען מע בעט ניט, יעדן טאָג. אָט דאַרף זי באַלד אויך קומען, די שוועסטער, און זי וועט אַרײַנשטעקן מיר די נאָדל. אײין פאַרגעניגן — מע האָדעוועט גוט. ס'טרייסט מיך דאָ נאָר דעם טאַטנס קאָמענדיקער וויזיט. אָ! אָט גייט שוין דער שטאָך... אָט איז זי שוין אַוועק, און ביזוואַנען ס'האַלט זיך די היץ, האָט מען מיר צוגעזאָגט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן טאָגטעגלעך. נאָך גוט, וואָס ס'טוט ניט זײער וויי.

אָט האָב איך ווידעראַמאָל איבערגעלײענט דעם טאַטנס בריוו. טשיקאַווע. אונדזערע יידי־שע אויסיעס זײַנען ענלעך צו גריכישע און צו לאַטײַנישע אײינצײַטיק.

כ'באַגריס הערצלעך מײַן שוועסטערל מיט די גרויסע דערפאָלגן אין לערנען, אַף די אָלימ־פּיאַדעס און מיט דעם, וואָס אין שול האָט מען זי אויסגעוויילט פאַרן הויפּט־אידעאָלאָג. מײַן דערצויגלינג (איך קלאַפּ זיך פון צופרידנקײַט אין ברוסט). עמעס, איך גופא בין שוין אויס „קאָפּעליושמאַכער”...

...א גוטער אײַך, מײַנע פייגעלעך! לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלײַבן א ביסל. אָט האָב איך, הייסט עס, אַרײַנגעטראָפן אין לאַזאַרעט. כ'מוז זיך אײַך מודיע זײַן, אַז דאָס איז ניט פון די אָנגענעמע זאַכן. דעם 24־טן איז געקומען א דאָקטער און האָט געמאָלדן, אַז בא מיר איז א לונגען־אָנצינדונג. ער האָט מיר צוגעשריבן אײַנשפּריצונגען פון פּעניצילין מיט סטרעפּטאָמי־צין אין איך בעט אײַך איבער... אַמאָל, דערציילט מען, איז פּעניצילין געווען פון די יעקאַר־האַמצינסן, אָבער איצט ווייסט מען, ווײַזט אויס, ניט וווהין אים אהינצוטאָן: מע שטעכט מיר אַרײַן זעקס מאָל אין מעסלעס צו צוויי גראַם — אַלע פיר שאָ, אפילו באַנאַכט וועקן זיי מיך, די רשעים.

אין די פּאַלאַטעס ליגן מיר דאָ אינפּינפטן. די היץ איז געפאַלן, דער קאָפּ טוט ניט וויי. אין די ערשטע טעג אפּרעל דאַרף אַרויס א באַפעל וועגן „דעמביל” (אַזוי רופט מען אָן די דע־מאָביליזירונג) און וועגן א נײַעם פּריזיוו. אין 366 טעג אַרום וועט אַרויס א באַפעל וועגן מיר אויך.

א מעכײַעדיקער פויגל — פּאַזאַן

...אַ־אָ! שוין דער 1־טער אַפּרעל — דער טאָג, ווען מע קאָן אַלעמען אָפּנאַרן. נאָר ס'וועט אויסקומען שרײַבן דעם עמעס: אין דרויסן איז וואַרעם געוואָרן, עס שמעלצט זיך דער שניי. די טראָטוואַרן זײַנען טרוקן. בעקיצער, דער פרילינג גייט פאָלנים כאַדאָם.

...הײַנט איז מיטוואָך, דער דריטער טאָג שוין, זינט איך בין אַרויס פון שפּיטאָל. כ'בין דאָרט געלעגן, האָט מען מיך ווידער איבערגעפירט אין אַן אַנדער אָפּטײלונג. איך מאַך עס הײַנט בעקיצער. דערפאַר שיק איך אײַך אײנעם בריוו אונדזער ערשטן טױלפּאַנטשיק, א בליי־מעלע...

...איך בין שוין געקומען פונעם נאַריאַד, זיך אויסגעוואַשן אין באָד; געזען אין קינאָ־זאַל דעם פילם „זאָלסט דײַן נאָמען געדענקען”. וועגן דעם, ווי מ'האָט אין אָשווענטשים צעשיידט א מוטער מיט א זון, און אין א סך יאָרן אַרום האָט זי אים צופעליק געפונען. אין שײַכעס מיטן פילם האָב איך א טראַכט געטאָן וועגן פאַשיזם: צי קאָן ניט געמאָלט ווערן, ער זאָל זיך, כאַלילע, אומקערן צוריק?

...א גוט יאָמטעוו אײַך, טײַערע! הײַנט איז דער 9־טער מיי, דער טאָג פון ניצאָכן. בא אונדז איז געווען א פײַערלעכער פּאַראַד, א מיטינג. אײנעם לענינישן סובאָטניק איז דאָ

געגרינדעט געוואָרן אַ פּאַרק פון ניצאַכן, און היינט האָבן מיר פאַרלייגט אַ דענקמאָל די געפאַלענע סאָלדאַטן. מ׳האָט אונדז אויך אויסגעשטעלט אַף אַ מינוט פון שטילשווייגן און געגעבן אַ סאַליוט. צום דענקמאָל האָט מען אוועקגעלייגט ערד פון דער פעסטונג אין ברעסט און פון דער קורסקער דוהע. ווען דאָס איז געטאָן געוואָרן, האָט מען געשאָסן פון אויטאָמאַטן. דערנאָך איז געווען אַ געשמאַקער וואַרמעס...

...איך האָב אַ ניַיעם פריַינט — סאַשע לאַשקאָוון, ער האָט צוויי יאָר געלערנט אין אַ הויכשול אין מאָסקווע, און איצט, נאָך דער דינסט, קלייַבט ער זיך אַפּסניַי אָנקומען אין אינסטיטוט, נאָר אין אַן אַנדערן. ער אינטערעסירט זיך מיט הימל־מעכאַניק. ווויהין אײַנגעבן די פּאַפּירן, האָט ער נאָך ניט באַשטימט, נאָר ער טראַכט וועגן דעם אוניווערסיטעט אין קאַזאַן, ווו ס׳זיַינען נאָך פריש די טראַדיציעס פון לאָבאַטשעווסקין...

...היינט איז שאַבעס, דער 17־טער מיַי. נעכטן איז געוואָרן אַ יאָר, זינט איך בין אין דער אַרמיי. מיַין מאַיאָר פּאַגאַסיאַן האָט געהאַלטן וואָרט, און היינט בין איך צום ערשטן מאָל אין אַ זעלבשטענדיקער וואַכטע, אַפן אָביעקט, וואָס הייסט „דאַרעמדיקער״. דאָ איז שטיל, רויק, אַ טיַיכל פּליסט. באַלד דאַרף מען שוין קומען מיך ביַיטן...

...היינט איז דער לעצטער טאָג פרילינג, מאָרגן וועט שוין זיַין זומער. איך שטיי אַף דער וואַך, דער קאָפּ ווערט צעשפּאַרט פון געדאַנקען, און כ׳ווייס ניט, ווי „ביַיסט״ מען זיי איַין. די טעג האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט מיַין פריזערדיקן מאַיאָר. ער האָט מיך אונטערגעפירט מיט זיַין מאַשין. מיר האָבן געשמועסט. איך האָב זיך אָנגעפרעגט, ווי גייט עס אין מיַין געוועזענער גרופּע. כ׳האָב געוואָרט אַף אַן ענטפער, אַז אַן מיר איז אַלץ שלעכט, אַלץ גייט קידער־ווידער, ניטאָ קיין קאָמסאָרג, קיין אַגיטאַטאָר, קיין געהילף אַף די פּאָליט־לימודים, ניטאָ קיין געניטער מענטש באַ דער טעכניק... טוט דער מאַיאָר אַ שמייכל צו מיר אַזוי פריַינטלעך און צופרידן, וואָס איך געדענק זיי, און זאָגט, אַז אַלץ גייט דאָרט גוט. איך האָב זיך באַליידיקט, וואָס זשע הייסט דאָס: אַזוי הויך מיך אָפּגעשאַצט, פאַר אַלעמען מיך געלויבט. און ס׳באַקומט זיך, אַז איצט באַגייט מען זיך גרינג אָן מיר, קיינער דאַרף מיך ניט האָבן. איך האָב אים, דעם מאַיאָר, אַזוי ליב געהאַט, און אים אַרט גאָר ניט, וואָס איך בין אוועק צו אַן אַנדער מאַיאָר. אָך, עס גלוסט זיך אַזוי ניט אַנטוישן זיך אין אים!..

...אָט האָב איך אַ וואָכן צוויי שוין איַיך ניט געשריבן. אוואדע בין איך אַ שלעכטער, נאָר די צייַט לויפט צו גיך. מ׳האָט מיך ווידער אויסגעוויילט פאַר אַ קאָמסאָרג. דער טאַטע שרייַבט אין אַ בריוו וועגן מיַין לערנען. שטייט דאָך אַ פראַגע: ווו לערנען, אין וועלכן געביט? נו, די אוטשילישטשע וועל איך איצט פאַרענדיקן (אַפן אָוונט־קורס אָדער עקסטערן). וויַיטער, אין הויכשול, דאַרף מען, אַפּאָנעם, אויך גיין אַפן אָוונט־פאַקולטעט אָדער עקסטערן. ס׳גלוסט זיך ניט זיַין אַ שילער ביז 25 יאָר. און איך ווייס נאָך ניט גענוי, מיט וואָס איך זאָל זיך פאַרנעמען. ס׳איז מיר אינטערעסאַנט צו אַרבעטן איבער ניַיע מינים שיפן. עס געפעלן מיר אויך עלעקטרע־ספּעציאַליטעטן. ביז דער אַרמיי האָב איך די ראַדיאָטעכניק אויך זייער ליב געהאַט. אַזוי, אַז איך ווייס נאָך דערוויַיל ניט, אַף וואָס זיך אָפּשטעלן. און אין אַלגעמיין גייט די אַרמיי־דינסט דורך נאָרמאַל...

...שוין האַרבסט. מיַין צווייטער האַרבסט אין אַרמיי הייבט זיך אָן. שרייַבט מיר, וואָס האָט איר געשענקט אונדזער באָבעניו צום געבורטסטאָג. מיַין כיילעק איז דאָרט אויך פאַראַן.

„זקיינים״

...איר קלאָגט זיך, אַז איך שרייַב איַיך שוין ניט זעקס וואָכן. לויט מיַינע כעזשבוינעס — ניט מער ווי דריַי.

אין געדאַנק שמועס איך מיט איַיך זייער אָפט, נאָר מיַינע פּאָלעמיקעס זיַינען אַזוינע פאַרצויגענע, אַז שרייַבן דערפון איז ניט שייַעך, און איך שמועס זיך דורך אין זיך. אָט, לעמאָשל, אַזאַ מין וויקועך: וואָס פאַר אַ הויכע בילדונג איז בעסער — די אַקאַדעמישע, צי די טעכנישע? דאָס קלייַבן מיר זיך פאַנאַנדער מיט סאַשע לאַשקאָוון, איר געדענקט אים געוויס. ער וויל זיַין אַ „ריינער״ וויסנשאַפטלער און ניט קיין טעכניקער. און נאָך האָב איך זיך באַפריַינדעט מיט איינעם אַ גוטן באָכער. ער איז אַ סערזשאַנט, קאַמאַלאָוו כאַמיט, פון אופאַ. אַ באַשקיר. הויך געבילדעט איז ער אויך ניט, נאָר מיר האָבן שטענדיק וועגן וואָס אַ שמועס צו טאָן. אַמאָל שטיפן מיר. דאָס פאַרברענגען מיט אים פּילט מיך אָן מיט לעבנספרייד אַפן גאַנצן טאָג. און ווען איך האָב צו טאָן מיטן אינטעליגענטן לאַשקאָוון — פאַרקערט, מאַכט עס מיך מיד.

...כ׳בין ערשט געקומען פון דער נאַכט־וואַכטע. ווידער שיקט מען מיך אַף מײַן דאָרעמדיקן אָביעקט. דער טײַך איז פון לאַנג שוין פאַרפרוירן. מע שפּאַנט און מע פאָרט און מע גליטשט זיך אַף אים. ס׳איז ניט זייער קאַלט. שנײ איז נאָך ווינציק. אין אַלגעמיין איז דאָ גוט. עמעס, ביז מע ברענגט אונדז צו פירן אַהער מיט דער מאַשין, ווערן פאַרפרוירן די פיס, נאָר דאָס איז אַ קלייניקײַט.

בענעגייע דעם אוניווערסיטעט לאָזט זיך אויס אַזוי, אַז סאַשע לאַשקאָוו וויל טאַקע באַהערשן די „ריינע״ וויסנשאַפט. דאָס אימפּאָנירט אים בעסער, און ער איז פאַרכאַפּט פון דער פונדאַמענטאַלער לער, אַ מין הימל־מעכאַניק. און וואָס איז שײַעך צו פאַרקלאַפּן אַ טשוואָק אין וואַנט, וואָס ער קען דאָס בעפיירעש ניט אויספּילן, וועט ער, זאָגט ער, „דינגען אַ טעכנאָקראַט״, נו, ווי געפעלט אײַך? איך האַלט זיך מיט אים אין איין אַמפּערן, אָבער דערווײַל אָן דערפאָלג.

איר פרעגט זיך אָן וועגן כאַמיטן. ער האָט פאַרענדיקט 10 קלאַסן, ריכטיקער 8 מיט אַ מיטלער טעכנישער שול, און ווײַטער געאַרבעט אַף אַ גרויסן זאַוואָד. דערנאָך די אַרמיי. וואָס שפּעטער צו טאָן האָט ער נאָך ניט באַשטימט.

שרײַבט מיר וועגן אַלץ, ווײַל עפּעס אַנטוויין איך זיך פונעם ציווילן לעבן...

...עפּעס האָב איך זיך גאָר צו אָפט צעשריבן. דאָס צאָל איך מײַנע כויוועס. אייגנטלעך, קיינע נײַס האָב איך אײַך ניט צו מיטיילן. גלאַט, איך קלאָר פאַר זיך אויס פאַרשיידענע פּראַגעס. אָט זיץ איך, אַשטייגער, און טראַכט וועגן פרײַנטשאַפט, וועגן פאַשעטער פרײַנטשאַפט. באַקומט זיך טשיקאַווע: פרײַנטשאַפט, שטעלט זיך מיר פאָר, איז אַן אַבסטראַקטער באַגריף, וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע נוץ קאָן זי ברענגען? קומט אָבער אויס אַזוי, אַז אַ מענטש, וואָס פאַרכאָווערט זיך, נאַטירלעך, ווי ס׳דאַרף צו זײַן, ווערט אין אַ גרויסער מאָס שטאַרקער — באַזונדערס אין מאָראַלן זין — איידער אַ מענטש, וועלכער פאַרמאָגט דאָס ניט. און די לעצטע צײַט האָב איך זיך דערקונדיקט, אַז דער פיזישער צושטאַנד איז שטאַרק אָפּהענגיק פונעם מאָראַלישן. עס גייט געבונדן איינס מיטן צווייטן. פאָרסט, לעמאָשל, מיט אַ מאַשין. דער פראָסט ברענט — אַ שרעק, די קעלט דערלאַנגט ביזן פּופּיק. דו זיצסט דאָרט אויבן און כאַפּסט דעם עמעסן ציטער. כאָטש שרײַ כײַוועקײַעם (איאָ, באָבעניו, כ׳האָב ריכטיק פאַרגעדענקט?). נאָר אויב דו פאָרסט ניט אַליין, מיט דיר איז דײַן כאַווער, האַלטסטו זיך אײַן. דו פילסט, אַז אַרויסווײַזן שוואַכקײַט איז אַ ביזאָיען. און דו ווערטלסט זיך, שמייכלסט און טראַכסט בעשאַסמײַסע: „צי דען איז דער כאַווער אַן אײַזערנער? אַ סוואָרע, אים איז ניט קאַלט?״ דערנאָך קלאָרט זיך אויס, אַז ער האָט געפילט און געטראַכט פונקט דאָס זעלבע, וואָס דו, און אויך זיך געשטאַרקט ניט אַרויסווײַזן די שוואַכקײַט. אָדער אַן אַנדערס מאָל זעסטו, באַם כאַווער גייט ניט די אַרבעט. עפּעס באַקומט זיך דאָרט ניט, איז כאָטש צוליב זיך אַליין דאַרפסטו די אַרבעט אַף „טישטשע קאַפּאָרעס״, לייגסטו אַוועק אַלע קויכעס אַף אַרויסהעלפן אים. און דו ביסט זיכער, אַז טאָמער קומט אויס דיר צו אים אַמאָל אָנקומען, וועט ער אויך זיך ניט רעכענען און העלפן באַצײַטנס. וויל איך זיך קלאָר מאַכן, וואָס זשע איז דאָס אַזוינס — אַ פרײַנט? איך ווייס ניט, צי ס׳איז פאַראַן דערויף אַ דײַטלעכע פאָרמולירונג, נאָר איך וואָלט געזאָגט, אַז אַ פרײַנט איז אַ מענטש, אַף וועמען מע קאָן זיך פאַרלאָזן, וועמען מע מעג אַלץ פאַרגלייבן און ווער עס ענטפערט דיר מיטן זעלבן. דאָס ערגסטע געוויס איז — טאָמער קומט אויס זיך אַנטוישן אינעם כאַווער. באַגלייבטע גוטעפרײַנט זײַנען פאַראַן ווינציק. אָט איך, לעמאָשל, פאַרמאָג בלויז פיר. דאָס זײַנען די באַקאַנטע אײַך לויט מײַן באַשרײַבונג קאַמאַלאָוו מיט לאַשקאָוון, אויך פּאַשקע דימין, מיט וועמען מיר האָבן געאַרבעט אין שטאַב, און נאָך סײַדן מישקע פּעטראָוו — אויך אַ ווילער יאַט, אַ סערזשאַנט. קומען מיר איצט צו דעם וויכטיקסטן, וואָס איך מוז פאַר זיך קלאָר מאַכן: אין וואָס פאַר אַ סיידער שטעלט מען זיי אויס, ווער איז בילכער? און צי דאַרף מען ביכלאַל זיי אויסשטעלן לויטן סיידער?

...אָט גייט שוין פּאַמעלעך צום סאָף אויך דער דעקאַבער. מאָרגן ווערט 19 כאַדאָשים, זינט איך בין פון דער היים. פאַרבליבן אינגאַנצן פינף כאַדאָשים. איך האָב זיך, ווײַזט אויס, צוביסלעך צוגעוווינט צו דער דינסט. איז, אַפּאָנעם, פאַראַן דרײַ סיבעס. ערשטנס, וואָס די מערסטע טייל צײַט גייט אַוועק אַפן אָביעקט, צווייטנס, וואָס כ׳בין שוין אין דער דינסט אַ וועטעראַן, און, דריטנס, וואָס כ׳האָב דאָ גוטע כאַווײרים...

...דאָס איז מײַן ערשטער בריוו אינעם „דעמביל״־יאָר. איר פרעגט, וואָס געפין איך אין מײַנע כאַווײרים, מיט וואָס נעמען זיי באַ מיר אויס. דאָס איז גרינג צו דערקלערן. סאַשע לאַשקאָוו געפעלט מיר מיט זײַן אינטעליגענטישקײַט, מיט דער געבילדעטקײַט. פּאַשקע דימין דעריקער מיט דעם, וואָס ער האָט אַ קלאָרן ציל — ער וויל ווערן אַן אינספּעקטאָר פון קרימינעל־אויספּיר (ער האָט געדינט אין מיליציע, שפּילט גוט אַף אַ גיטאַרע). און פאַרוואָס ציט

מיך אזוי צו כאמיטן, ווייס איך אליין ניט. איצט ווײַזט זיך מיר אויס, אז די סיבע איז זײַן אָרנטלעכקײַט. אייגנטלעך, אָרנטלעך זײַנען זיי אלע, מײַנע כאווירים, אָבער אף אים קאָן מען זיך פארלאָזן. כ׳בין זיכער, אז ער וועט מיך קיינמאָל ניט אונטערפירן, שטענדיק קומען צו הילף.

...נעכטן האָב איך באקומען אײַער בריוו פארן 1־טן יאנוואר. א גרויסן דאנק. נאָר איך האָב ניט ליב קיין געהויבענע ווערטער, ווי „ליבער זון, טײַערער מענטש מײַנער". אלע זײַנען מיר מענטשן, און מע מעג דאָס ניט אקצענטירן.

איצט נאָכאמאָל וועגן פרײַנטשאפט. איך האָב מיט סאשקען זיך פאנאנדערגעקליבן וועגן דעם. ווי נעמט זיך אזויפיל מיסט אין איין קאָפּ? כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אין אזא וועלט־אָנשויונג, וואָס עס איז ניט צו באשרײַבן. זעט איר, ער האלט גאָר ניט פאר נייטיק אוועקשטעלן די באציִונגען צווישן מענטשן אף צוטרוי. דאָס באהאנדלען די פראגע מיט די איבעריקע כאווירים האָט ארויסגעוויזן, אז ער איז פולקאָם ניט גערעכט.

אייגנטלעך, ביזן באפרײַנדן זיך מיט כאמיטן האָב איך געהאלטן מײַנע באציִונגען מיט לאשקאָוון פאר גוטע — אזוי ווי ס׳דארף צו זײַן. איצט הייב איך אָן טראכטן אנדערש. אלץ ווערט קלאָר אין א פארגלײַך. איך בין אָבער ניט מאסקים, אז עס וועט זיך ניט אײַנגעבן איבערצײַגן לאשקאָוון אין אונדזער מענטשלעכן עמעס.

...הײַנט איז שוין דער 17־טער יאנוואר. איך און כאמיט זײַנען אין נאריאד. טשיקאווע באשעפענישן זײַנען פונדעסטוועגן מענטשן. וויפל אומזיסטע טירכע מיר פאטערן ביידע אף דערקענען איינער דעם אנדערן!

...איך מיט כאמיטן און מיט מישקע פעטראָוון באזוכן איצט אָפט די ביבליאָטעק, דעם לייען־זאל. ניט לאנג צוריק האָב איך אָפּגעפרישט דאָרט אין זיקאָרן סטאדניוקס ראָמאן „מילכאָמע", דורכגעקוקט אפסנײַ. דאָרט זײַנען פאראן גלײַכע געדאנקען, נאָר ווי דויבעט מען זיי אײַן לאשקאָוון? מיר האָבן מיט אים איבער דעם א מאכלויקעס.

צײַטנווײַז שמעקט שוין באַ אונדז דאָ מיט פרילינג. נאָר הײַנט איז נאָך קאלט. איצט זיץ איך אין ביבליאָטעק און לייען נאסיבאָווס בוך „א לאנגער וועג אין לאבירינט". וועגן אויסשפירער. אין דער היים האָב איך, געדענקט זיך, ניט ליב געהאט קיין דיקע ביכער, און דאָ איז עס גאנץ נישקאָשע. כאמיט מיט מישקען זײַנען אין ביבליאָטעק, נאטירלעך, צוזאמען מיט מיר.

נאָך דעם, ווי איך האָב זיך באפרײַנדעט מיט כאמיטן, האָבן זיך באַ מיר געביטן די פאָרשטעלונגען וועגן אייניקע זאכן. פריִער האָב איך מוירע געהאט, ס׳זאָל עפעס ניט פאסירן אומגעריכטס, איצט האָב איך פאר גאָרנישט ניט מוירע. איך כידעש זיך אף זיך אליין. כאמיט זאָגט, אז אצינד פעלט אונדז נאָר אויס גוט זיך צעפאטשן. דערנאָך, זאָגט ער, וועל איך שוין טויגן, מע זאָל קענען בײַשטיין מיט מיר באליביקע ניסיוינעס...

...מיט א וואָך צוריק האָט מען מיך געשטעלט ארבעטן מיט א באלמעלאָכע א סווארטשיק, איך האָב זיך דערוווּסט באַ איינעם א קענער, אז אף יידיש זאָגט מען — שווייסער. מיר האָבן געארבעט א גאנצע נאכט, און איך האָב, דאכט זיך, אָפּגעסאמט זיך מיט אצעטילען. א ביסל האָב איך זיך דערשראָקן, אָבער אויסגעזאָגט וועגן דעם בלויז כאמיטן. ער האָט מיך אויסגעהערט צעשטרײַט, כ׳האָב זיך אפילע פארכידעשט און עטוואָס זיך באליידיקט. איך האָב דאָך ארויסגעקוקט אף מיטלײַד, מע זאָל אף מיר האָבן ראכמאָנעס, און ער... נאָר אז ס׳איז געקומען צו פארזעצן די ארבעט (דער קאָמאנדיר האָט דאָך גאָרניט געוווּסט), האָט כאמיט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, נאָר זיך טאקע דערשלאָגן, מע זאָל מיך פון דער ארבעט באפרײַען. ווי האָט זיך דאָס אים אײַנגעגעבן, איז פארבליבן א סאָד, וואָרעם מײַן סאָד האָט ער, אפּאָנעם, ניט אויסגעגעבן. א גוטער כאווער...

...דאָס אמערסטן אינטערעסאנטע אין קאמאלאָוון איז, וואָס די גאנצע צײַט זאפט ער אײַן אין זיך וואָס מער. יעדן טאָג לייענט ער איבער די צײַטונגען, שטודירט דורך די מאטעריאלן פונעם לעצטן פארטיי־צוזאמענפאָר. איך בין זיך מוידע, אן אנדערש מאָל נעם איך די בלאט אין האנט בלויז אדאנק אים. אגעוו, איז אין דער „קאָמסאָמאָלקע" פארן 18 — 21 פעווראל געווען א פארצייכענונג „גענוג פונמײַנעטוועגן" — א מײַסע וועגן ציִעניסטן. גאנץ אינטערעסאנט. און כוץ דעם, איז קאמאלאָוו אמאָל פונקט ווי מײַן לעבעדיקער געוויסן. איך ווייס ניט, ווי דאָס אָנצורופן, נאָר ס׳געפעלט מיר. וויפל מאָל האָבן מיר געשמועסט וועגן דעם ווײַטערדיקן לעבן! הייבסט אים אָן מאָלן פארשיידענע פערספעקטיוון, ער הערט דיך אויס אופמערקזאם און פרעגט: „אָט זאָג, דיר איז אינדערעמעסן אינטערעסאנט אָט די ארבעט, צי דו ווילסט גלאט אָפּלעקן א ביינדל?" איך ענטפער: „אינטערעסאנט!" בלײַבט ער דאָן רויִק. אָדער מיר ריידן וועגן אָנקומען אין א הויכשול. פרעגט ער זיך אָן ווידעראמאָל, צי הויכע בילדונג איז פאר

מיר אן איניען אין טאָך, אָדער סע שטופּט מיך אונטער די פאַלשע בושע פאַר ניט האָבן קיין דיפּלאָם מיט אן אויסצייכענונג.

די זעלבע פראַגעס שטעלט פאַר מיר אָפּט מײַן אייגענער געוויסן, און ס׳איז פּאָשעט א וווּנדער, ווי בײדע פאַלן רופן זיך איבער. אָפּטמאָל דערציילט מיר כאַמיט וועגן זייער דאָרף. וועגן היי־שניט, וועגן דער קו, וועגן וואַלד. זייער פאַרכאַפּנדיק! אויב כ׳וועל האָבן א מעגלעכקײַט, וועל איך איבעראיאָר אומבאַדינגט צו אים זיך אַראָפּכאַפּן...

...און נאָך וויל איך פאַרשטיין: פרײַנטשאַפט און ליבע איז דאָך ניט איינס און דאָס זעלבע? און אונדזער זאַמפּאָליט סונדוקאָוו האָט געזאָגט, אַז אויב כ׳וועל אַזוי ליב האָבן מײַן קומענדיקע פרוי, ווי קאַמאַלאָוון,.. וועט זײַן ניט שלעכט. איך האָב זיך צעלאַכט, און ער האָט געזאָגט, אַז איך בין נאָך פּאָשעט א קינד. ווי)האָט ער זיך דערוווּסט וועגן אונדזער פרײַנטשאַפט, איז פאַר מיר א רעטעניש. נאָר ביכלאַל איז מיר זייער א שאָד מיט כאַמיטן זיך צעשיידן. אָף מײַן ערן וואָרט. . .

כײַמוניע (אין צענטער) מיט זײַנע כאַווייריםֿ כאַמיט קאַמאַלאָוו און מישע פּעטראָוו

און מיט סאַשע לאַשקאָוון האָבן מיר זיך, ווי מע זאָגט, פאַנאַנדערגעקליבן. ער האָט טאַקע ערנסט מוירע פאַר א וואָסער־ניט־איז פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. כ׳ווייס שוין גאָרניט, וו?אַזוי מע ברעכט אים איבער.

איצט ווייס איך געוויס, אַז כאַמיט בעסערט אויס מיר דאָס לעבן. איך קאָן דאָס ניט אויסדריקן מיט ווערטער, נאָר עס איז עפּעס אָן א שיר גרעסערס. אָט דאָס גרעסערס, אייגנטלעך, טיילט אים אויס און שטעלט אים פיל העכער פון, אַשטייגער, לאַשקאָוון. כאַמיט טרײַבט אַמאָל איבער אין זײַן פון אָנטרויען מיר. דאַן קומט אויס צו עפּעס דערגרייכן אַזעלכס, וואָס עס איז אין אַלע אַנדערע פאַלן ניט מעגלעך. אַשטייגער, אַלע ווייסן, אַז מער פון פיר מאָל נאָכאַנאַנד קען איך זיך ניט אונטערציִען און זיך איבערקערן אויפן טורניק. נעמט כאַמיט און גייט אין א געוועט מיט די יאַטן, אַז איך וועל דאָס אויספּילן זעקס מאָל. פונוואַנען האָט זיך בא מיר גענומען דער קויעך, דאָס קאָן איך ניט זאָגן, נאָר אונטערגעפירט האָב איך אים ניט! און ער בענעגייע מיר האַנדלט אויך אַזוי.

כ׳וויל שוין זייער זיך אומקערן צו אײַך, כאָטש אין דער לעצטער צײַט פון מײַן דינסט איז מיר די אַרמיי באַזונדערס צום האַרצן. איך בין בעעמעס צופרידן מיט מײַן לעבן דאָ. וואָס שרײַבן אײַך נאָך וועגן דער דינסט, ווייס איך ניט...

(ס׳איז געשען אַזוי, אַז דער שניי־שטורעם האָט געווייט און צעבושעוועט זיך ביז גאָר. אין א ווילד געדריי האָט ער געהויבן אינדערלופטן, געשמיצט, געדרייט און איבערגעוואָרפן בערג מיט שניי. מיט פּראַסטיקע שטעכלקעס האָט ער געשאָסן אין די פּענעמער, ניט געלאָזט עפענען די אויגן. אין איינעם אָן אָוונט, ווען ס׳האָט געווילדעוועט דער שניי־געוויטער, איז כײַמוניע אוועק אין נאַריאַד. ער האָט באַגלייט א מאַשין, וואָס האָט געפירט פּראָכט און א וואַכטע סאָלדאַטן אָף א דערווײַטערטן אָביעקט. אַרײַנשנײַדנדיק זיך אין פרישׂ אָנגעוואָרפענע שניי־בערג, איז דער מעכטיקער „אוראַל״ אַרויסגעפאָרן פונעם ייִשעוו. אין סטעפּ איז דער שטורעם זיך צעגאַנגען ניט אָף קאַטאָוועס. ער האָט צעאַרבעט אַזעלכס, אַז אַפילע די שאַרפע שײַן פון די אווטאָמאָביל־פאַרעס איז ניט בעקויעך געווען דורכצושלאָגן דעם שניי מער ווי אָף עטלעכע טריט. אַלע וועגן זײַנען פאַרטראָגן געוואָרן מיט שניי. די

מאשין איז אוועק גלײַך איבערן פעלד. וואָס א מאָל, איז זי מער אײַנגעזונקען געוואָרן. די סאָלדאטן פלעגן אראָפּשפּרינגען — אָפּגראָבן און ארויסשטופּן זי און פאָרזעצן די נעסיע. ווי קומט אהינצו, אינמיטן דעם גלײַכן פעלד, א גרוב, איז אדהײַעם געבליבן א רעטעניש, נאָר די גרוב איז געווען א גרויסע, א טיפע, א פארפאָראַשטעטע מיט שניי. און אז ס׳איז באשערט, ווערט זי צוגעשיקט. קורץ, די מאשין האָט געטראָפן פּינקטלעך אין גרוב אריין. ארויסברענגען זי פון דאָרטן מיט די אײגענע קויכעס איז געווען אומעגלעך. א ביסל דערוואַרעמען זיך האָט מען געקאָנט בלויז אין קאַבינע. אף קיין הילף האָט מען ניט געוואַרט: קיינער ווייסט אפילע ניט, ווו מע זאָל זיי זוכן. דער פראָסט איז בא דרײַסיק, מע וועט אלע פארפרוירן ווערן. **און די** וואכטע דארף מען דאָך בײַטן. בלײַבט, קומט אויס, איין אויסוועג:

— מע מוז גיין צופוס ביזן נאָענטסטן פּאָסט און ארויסרופן הילף, — האָט באשטימט דער עלטערער פונעם נאריאד.

פרוון טרעפן צום פּאָסט אין דער פינצטערניש, אָן אָריענטירן, האָט פון זיי אלעמען גע־קאָנט בלויז דער „אלטיטשקער“ — כײַמוניע. בא אָט אזא מין כאשכעס איז ער זיכער געווען בלויז מיט איינס: אויב גיין מיטן פּאָנעם צום ווינט, קאָן מען ארויסגיין צום טײַך, און דאָרט, ערגעץ באם ברעג, דארף שטיין דער פּאָסט. זינקענדיק ביז די קני אינעם שניי, האָט ער ארויסגעקלעטערט פון גרוב און איז אוועק קעגן ווינט. די שײַן פון די פארעס האָט זיך ווי א פעטער פלעק צעשוווּמען אין שנייִיקן נעפּל. ער האָט זיך ארומגעקוקט אפן פלעק, און דער פלעק האָט זיך אים ארויסגעוויזן פאר זייער א היימישן און ווארעמען. אין א צען שפּאַן ארום האָט מען זיך שוין געקאָנט נאָר דערמאָנען אין אים.

— האָסט מוירע געהאַט? — האָבן מיר אים געפרעגט.

— וואָס האָב איך געהאַט מוירע צו האָבן? בא אזא געוויטער שטעקן אפילע די וועלף די נאָז ניט ארויס.

— האָסט דאָך אָבער געקאָנט זיך פארבלאָנדזשען...

— פארבלאָנדזשעט ווערן האָב איך ניט געקאָנט, — האָט ער געענטפערט זאכלעך.

יאָ, ער האָט ניט געקאָנט, גלײַכער איז זאָגן: ער האָט ניט געטאָרט. **דאָן וואָלטן דאָך פאר־**פרוירן געוואָרן די יונגע סאָלדאטן, וואָס זײַנען פארבליבן אין דער מאשין. לויט זײַנע אויס־רעכענונגען האָט זיך באקומען, אז גיין צום טײַך וועט דויערן לעבערך א שאָ. דער ווינט האָט געוואַלגערט פון די פיס, דער שניי האָט פארשאָטן די אויגן. אים האָט זיך געדוכט, אז ער גייט שוין אָן א שיר לאנג, אז דער ווינט דרייט אים אף איין אָרט. דאָס פּאָנעם איז אָנגע־פרוירן געוואָרן מיט אײַז. אז ער טאָר זיך ניט אָפּשטעלן, האָט ער געוווּסט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום ווינט, קעדיי איבערכאַפּן דעם אָטעם, געמאַכט אזוי עטלעכע שפּאַן אפּהינטן און איז שיר ניט אומגעפאלן. זײַן פוס האָט זיך אָנגעשפּארט אין עפּעס הארטס. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אינדערפינצטער צעשאַרט מיט די הענטשקעס דעם שניי: א שיפל. נאָך איינס! דער טײַך!!! אָבער ארום איז קיין סימען ניט פון א וווינונג. קיין פײַערל, קיין שמעק פון א רויך. הייסט עס, ניט אומזיסט טראָגט דער ווינט דעם נאָמען „שײַטאָן“ (אף טיורקיש „דער רוועך“), און ער האָט אים טאקע אָפּגעטאָן א שיין שפּיצל, אָפּגעפירט פונעם אָביעקט אין א זײַט. אָבער וווהין, אף רעכטס אָדער אף לינקס? צי די געניטקײַט פון א שיפער האָט אים געהאָלפן, צי מיר האָבן פּאָשעט זויכע געווען צו האָבן דאָס מאזל, נאָר אין א מינוט צוואנציק ארום האָט ער, אינגאנצן א דורכגעפרוירענער, זיך טאקע ארײַנגעוואלגערט אין קאראול־צימער פונעם אָביעקט און זיך געכאַפּט צום פעלד־טעלעפאָן.

— איך האָב ניט געטאָרט פארבלאָנדזשען...).

...טײַערע מײַנע, די דינסט אין דער ארמיי איז פארענדיקט. מאָרגן פאָר איך ארויס צו אײַך...

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באגריסן הארציק די דיכטערן ריווע באַליאַסנע מיט איר 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן איר געזונט, אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

ריווע באַליאַסנע

אָפּשײַן פון זון און פון הימל

פון קאָסמאָס ביז דײַן טיר

ס'איז אלץ אין דער נאטור
געבויט אף גלײַכגעוויכט,
אף שאָטן און אף שײַן,
אף פינצטערניש און ליכט.
מיט מענטשן אויך אזוי:
נאָך צאָרעס קומט די פרייד,
נאָך שנייען בליט דאָס פעלד
און די נעשאָמע קוועלט.
ערשט נעכטן — שניי און פראָסט,
סע פארעט שוין די ערד.
איר הערט? איר הערט? איר הערט?
די זון איז אײַך באשערט!
די אויגן לעבן אוף,
די פיס באקומען קראַפט,
און עפעס מאָנט און רופט,
דו ביסט פארליבט, פארגאפט.
דײַן האנט איז ווי א בלום,
זי לויכט אינמיטן נאכט,
ווײַל אלץ אין דעם ארום
איז צוועקמעסיק פארטראכט.
דײַן שמאָלע צארטע האנט
קען טאָן אין לעבן אלץ —
ארומנעמען מײַן האלדז
און מויערן א וואנט
און שנײַדן ווייץ אין פעלד,
און שפילן אף קלאַוויר,
אַך, ווי ס'קלוג די וועלט
פון קאָסמאָס ביז דײַן טיר!

שטאַרקע ביימער

שטאַרקע ביימער וואַקסן לאנגזאם,
זאמלען יאָרנלאנג די קרעפטן.
אויב זיי שטייען עטוואָס איינזאם —
וואָרצלען טוען זיי באהעפטן.
דעמבן זײַנען שטיל, באשיידן
אין די פריידן און די ליידן.

נעענטער צו מאַרס און צו ווענערע

מײַן מאַמע האָט געטײַנעט:
פֿלי ניט אין די הימלען,
שטיי בעסער מיט די פֿיס אַף אונדזער ערד...
און מיר איז אומעטיק אָן שטורעם, אָן געווימל,
אָן סאָסנעס, אָן ברעזעס אַף די בערג.
פֿון דאָרט איז נעענטער
צו מאַרס און צו ווענערע,
פֿון דאָרט איז די לעוואָנע אין דער האַנט,
דאָרט ווערן גרעסער, היימישער די שטערן,
די זון איז גרינגער אָנכאַפּן באַם ראַנד.
מיר דאַכט: עס הוידען מיך, עס טראָגן מיך די ווינטן,
אָן אויסגעוואָרעמט פֿייגעלע — כ׳בין גרינג און פֿרײַ,
ניטאָ אַזאַ מין קראַפֿט,
וואָס זאָל די פֿליגל בינדן,
כ׳וועל שטאַרקער טאָג נאָך טאָג,
בין יונג אַפֿסנײַ,
ווײַל מיך געקנאָטן האָט די ערד,
געפֿאָיעט מיך מיט זאַפֿטן,
געגנערט מיט האָניק און מיט זאַלץ.
אין מײַנע קאַנטן וואַקסן קאָסמאָנאַווטן,
פֿאַרליבט, ווי איך, אין לידער ביזן האַלדז.
מײַן ייִכעס שטאַמט דאָך אויך פֿון יונגע פּיאָנערן,
איז דען אין מײַנע טרוימען מיר פֿאַרווערט
זיך אופֿהייבן ביז מאַרס און ביז ווענערע —
פֿאַרברידערן לעוואָנע מיט דער ערד!

מײַן שפּראַך איז געלײַטערט

מײַן שפּראַך איז געלײַטערט אין דײַנע, אוקראַיִנע, פֿעלדער.
אין הילכיקן אָפּהילך פֿון העק און פֿון לויטערע קוואַלן.
פֿון קינדווײַז ביז עלטער כ׳האָב זיך ניט געקוטעט אין שאַלן,
געטעמט מיט פּראָסט און געקלעטערט אַף בערג און געפֿאַלן.

געוואַשן דאָס פּנים מיט שווײס און מיט ראָסע פֿון גראָזן,
די אויגן געעפֿנט באַגלײַך מיט באַגינען מיט ראָזן,
באַגלײַך מיט די גערטנער געפֿלאַנצט און געכאָוועט אַף בייטן
אי וואָגיקע אויבסטן, אי זוניקע זאַרגלאָזע קווייטן.

דערפֿאַר עפּשער שרעקט מיך ניט שרעק
פֿון באַנאַכטיקע שאָטנס אין וועלדער
אין שפּעטיקע האַרבסטן, ווען ס׳ווערן די פֿאַרבן אַלץ קעלטער
און ס׳נעמען די ווינטן אין רינוועס, ווי כײַעס צעבייזערטע, וואָיען,
און ס׳נעמען פֿאַרצויגענע ווונדן שוין נאָכאַמאָל נאָיען.

אָט דאַן מײַן געוויסן איך לײַטער אין פֿײַער פֿון האַרצן,
איך טרײַב פֿון מײַן שטערן די קאַרבן — די וואָלקנס די שוואַרצע,
עס זאָלן אין אויגן אין מײַנע נאָר פֿרילינגען גרינען —
דער אָפּשײַן פֿון זון און פֿון הימל פֿון מײַן אוקראַיִנע.

קאָן זיך פרייען

קאָן זיך פרייען!
ארום דיר — די שיינקייט.
ערד און הימל,
בלומען אינעם וואלד.
קאָן זיך פרייען
פונעם טיפן הארצן,
ווען א רעגן גייט,
א דונער שאלט!

שטעל די דלאָניעס אונטער.
ערשטע טראָפּנס פאלן,
טראָג זיי, ווי די בעכער,
פול מיט ווײַן.
קאָן זיך פרייען!
זעסט, ווי טויזנט שטראַלן
צינדן די לאַמטערנדלעך
מיט שײַן?

קאָן זיך פרייען!
האָסט צוויי שארפע אויגן,
פלינקע פיס און צוויי געניטע הענט,
יעדן פעדער זעסטו בא דעם פויגל
און עס כידעשט דיך ניט,
ווען א רעגנבויגן ברענט.

און אלץ, וואָס כ׳וויל...

איך דארף קיין סאך ניט. איך פארדייע
דרײַ שטיקלעך ברויט א טאָג מיט טיי,
נאָר ווינטער — דארף איך זען דעם שניי,
און פרילינג — רעגנס צום פארזיי,
און וואָס מער בלוי, און וואָס מער זוו,
און וואָס מער בלומען אָנהייב יון.

ס׳זאָל שמעקן אף מײַן טיש מיט גראָז.
מיט לאַנקע, ווען א ווינטל בלאָזט.
מיט קינדהייט לעבן שמאָלן טײַך.
איך דארף ניט מער. כ׳בין סײַווי רײַך.
מײַן ליד האָט ליב נאָר גיין צופוס,
מײַן צארטע ליד, מײַן ערד־געגנוס.

זי האָט איר וועג, איר גלײַכן וועג,
און אלץ, וואָס כ׳וויל — איך קאָן און מעג.

געדאליע קאַסאי

מאַכלויקעס

ווען איזראַיל בענציאַנאָוויטש איז מיטן האַנטעך אין די הענט אַרײַן פֿון דער קיך אין עס־צימער, האָט ער אויפֿן סערווירטן טיש באַמערקט די וואַזע מיט דער יויך, וואָס ציפּע, די אַל־טיטשקע, טויבלעכע קרויווע, האָט געהאַט אַרײַנגעטראָגן. די געדיכטע פּאַרע, וואָס האָט זיך געקנוילט לעבן דער הויכער, געמאָלטער סטעליע, האָט דורכגעדרונגען אַ שטראַל פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון און זי באַפֿאַרבט, די פּאַרע, מיט אַלע פֿאַרבן פֿון רעגנבויגן.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט, אויסווישנדיק די הענט, זיך געקוויקט מיטן שמעקנדיקן געריכט און בייסמײַסע אונטערגעוווּנקען צו דער מיזינקע זײַנער, וועלכע איז אויך ערשט ניט לאַנג געקומען פֿון דער אַרבעט און שוין געזעסן באַם טיש.

דאָס ווונקען האָט געזאָלט באַטײַטן:

— אָט, טאָכטערקע, וועלן מיר אַרײַנכאַפּן אַ מאָלצײַט!

איזראַיל בענציאַנאָוויטש איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ווי אים האָט זיך גע־דאַכט, איז די לעקציע, וואָס ער האָט הײַנט געלייענט, שטאַרק געפֿעלן געוואָרן די סטודענטן.

ער האָט געגומען די לעפל, נאָר ניט ער און ניט דאָס מיידל האָבן ניט אָנגעהויבן צו עסן. מע האָט געוואַרט אָף דער באַלעבאָסטע.

נאָר די באַלעבאָסטע האָט זיך ניט באַוויזן.

— ווי געפעלט דיר, — בערטעטשקע: אינמיטן שטוב אַ רעגנבויגן! אַ גוטער סימען, האַ? — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן. אָט די עטלעכע ווערטער האָבן אין אַ געווויסער מאָס באַדאַרפט פאַרמינערן דעם שווערן געמיט.

טרויעריק שמייכלענדיקע בלויע אויגן האָבן געוואַרט אָפן מיידלס אָן ענטפער. נאָר אָנ־שטאָט דעם האָט בערטעטשקע געוואָרפן אַ בייזן בליק אָף דער טיר, הינטער וועלכער די מו־טער האָט זיך פאַרשפּאַרט.

דער שמייכל באַ איזראַיל בענציאָנאָוויטשן אין די אויגן האָט מיטאַמאָל זיך אויסגעלאָשן. און ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטויס געטאָן, האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן.

אָט דער טרייסל האָט אַ הייב געטאָן דאָס מיידל פון אָרט. איר איז שוין גוט געווען באַ־וווּסט, וואָס דאָס באַטייט.

— פּאַ! — מיט אַ נאַקעטער האַנט האָט זי אַרומגענומען דעם פאָטער און מיט דער דלאָניע אים אַ גלעט געטאָן דאָס פּאָנעם. — דו קענסט דאָך די מאַמע...

באַם פאָטער אין די אויגן האָט זיך ווידער באַוויזן אַ שמייכל.

— יאָ, קינד מײַנס, איך קען די מאַמע, און דיך אויך. — „די זעלבע כיין־גריבעלעך, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — נאָר די נאַטור האָסטו, טאָכטער, געיאַרשנט באַ מיר״.

— דו שטעלסט זיך פּאָר, בערטעטשקע, — האָט דער פאָטער געזאָגט, — איך האָב דיך הײַנט דורכן אינסטיטוט־פענצטער געזען אָפן פערטן שטאָק. עס באַקומט זיך באַ דיר גאָר ניט שלעכט — אין דער רעכטער האַנט די קעלניע, אין דער לינקער אַ ציגל. אַ שמיר אַהער, אַ שמיר אַהין, און סע וואַקסט דער בנין.

— און עמעס, פּאַפּאַ?

— און ווער זײַנען עס די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט? און אָט יענער באָכער, וואָס איז לעם דיר געשטאַנען און געמאַכט מיט די הענט, ווי גלײַך ער וואָלט דירי־זשירט מיט אַן אָרקעסטער?

די טאָכטער האָט זיך פאַרויטלט:

— אַלץ באַמערקסטו! אָט די מענטשן זײַנען די ראַזריאַד־קאָמיסיע, און דער באָכער איז אַרקאַדי בעלאָוס, אונדזער בריגאַדיר, לערנט אָפן לעצטן קורס.

— אַזוי האָב איך טאַקע געטראַכט.

די זון האָט פון לאַנג זיך געזעגנט מיטן פענצטער, און דער פאָטער מיט דער טאָכטער האָבן אַלץ געוואַרט אָף דער באַלעבאָסטע. נאָר פּלוצעם האָט זיך די טיר פון דער זאַל אָנ עפן געטאָן. פון דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצער קאָפּ האָר, אָנגעשפּיקעוועט מיט שפּילקעס. אַ שטרענג פּאָנעם, שוין ניט קיין יונגס, נאָר ס׳האָט נאָך פאַרמאָגט קראַפט און אַפילע כיין. צוויי בייזע, שוואַרצע אויגן האָבן באַקוקט דעם טיש, דעם מאַן מיט דער טאָכטער, וועלכע זײַנען לעם אים געזעסן.

— פּעסטאַלאָצי...

און ווידער פאַרהאַקט די טיר.

און דעמלט האָט עס געטראָפן. די קאָנטוזיע, וואָס דער געוועזענער פּאָדפּאָלקאָווניק איז־ראַיל בענציאָנאָוויטש כאַיטמאַן האָט באַקומען הינטער בערלין, האָט זיך געלאָזט וויסן. ער האָט עפּעס אַ מעשונעדיקן איכץ געטאָן. דער געדיכט־באַוואַקסענער בלאָנד־גראָוער קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דאָס מיידל האָט שוין געוווּסט, וואָס מע דאַרף אין אַזעלכע פאַלן טאָן: זי האָט אַרויסבאַקומען פונעם פּאָטערס זשילעט־קעשענע די פּיל און אים אין מויל אַרײַנגע־לייגט אַ ווײַס קײַלעכל.

אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך מיט אַ סאַך יאָרן צוריק.

ווען מע וואָלט קאָנען דורך אַזאַ שפּאַקטיוו אַ קוק טאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָלט מען געזען דאָס שטעטל כאַשמאַנקע, אין דער געוועזענער פּאָדאָליער גובערניע. אַ שטעטל, ווי אַ סאַך אַנדערע אַמאָליקע שטעטלעך, מיט אַ שול, אַ בעסמעדרעש פאַר גווירים, „שיינע״ ייִדן און „פּײַנע״ באַלעבאַטים. אַ קלויז, קלײַזלעך פאַר באַלמעלאָכעס. יעדער צעך האָט זיך געהאַט זײַן קלײַזל. כאַשמאַנקע האָט אויך פאַרמאָגט אַ מאַרק־גאַס מיט עטלעכע ציגלנע מויער־לעך, מיט קלייטן און קלייטלעך, שטעלן און שטעלעכלעך. אַרום מאַרק האָבן זיך געקלעפּט גאַסן און געסלעך, ליקן און ליקלעך. יעדער גאַס האָט זיך געהאַט איר נאָמען און איר אָפּ־שטאַם: די העקדעש־גאַס, די קאָוועל־גאַס — מאַכמעס פון דאָרט האָט זיך שטענדיק איבערן

שטעטל געטראָגן אַ קלאַפּעריי פֿון האַמערן. כּאַשמאַנקע האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ קלויסטער־גאַס. דער קלויסטער אין כּאַשמאַנקע איז געשטאַנען אין עק, ווי אַ מעכוצע צווישן שטעטל און דאָרף. אַ הויכער, אַ גרויזאַמער, האָט ער געהאַט פֿינף טורעמס מיט גרויסע און קליינע גלעקער.

האקלאַל, כּאַשמאַנקע איז געווען אַ שטעטל מיט אַלע מײַלעס — אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

איז אָט, אַף דער קלויסטער־גאַס האָט געוווינט בענציע שנײַדער מיט זײַן ווײַב באַסיע און מיט זײַן בעניאָכיד ייִסראָליקל. בענציע איז געווען ניט פֿון די געהויבענע שנײַדער: אַזוי זיך, איבערניצעווען אַ קאַפּאָטע, אויספּרעסן אַ פּאָר הויזן, אין אַ נויט אופּנייען אַ פּאָר טאַכריכים. איז טאַקע די פּאַרנאָסע געווען אַ געלאַטעטע, אַ געמוטשעטע. ניט איין מאָל פֿלעגט באַסיע קומען פֿונעם מאַרק מיטן ליידיקן קאָשעק און זיך שעלטן מיט טויטע קלאָלעס. דאָס גאַנצע גליק איז געווען, וואָס פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט עפּעס אַ סאַרווערן נעמען זי, באַסיען, פֿאַר אַ געהילף אַף אַ בריס אָדער אַף אַ כּאַסענע. דעמלט פֿלעגט זי זיך אָפּגעבן קאָנטעט — אליין אָפּעסן און עפּעס אָפּשפּאָרן פֿאַר ייִסראָליקלען. בענציע איז געווען אַ קראַנקער מענטש, אַ נויטע־לאַמוס, מיט אַ שטיל הייזעריק הוסטעלע, מיט קליינע רויטע אייגעלעך, אָנגעפּילט מיט עפּעס אַ מאַטעריאַל, ווי שאַבעסדיקע פּעטשאַ.

געוווינט האָט די מישפּאָכע אין אַ שטיבל, ווי עס וואָלט געשטאַנען אַף מיליצעס, אונטערגעשפּאַרט מיט דראָנגעס פֿון אַלע זײַטן. און ווי אַלע שטיבלעך אין דער קלויסטער־גאַס, זײַנען די שטרויענע דעכער געווען איינס אין צווייטן אַרײַנגעוואַקסן.

בענציעס שאָכן פֿון רעכטס איז געווען וועלוועלע סטאָליער — אַ נידעריק, ברייטביינערדיק ייִדל מיט אַ שוואַרצער באָרד. אויסגעזען האָט ער, ווי אַ קונדעס, וואָס וויל איבערשרעקן די מאַמע און טשעפּעט זיך צו אַ באָרד. געווען איז ער אַ מענטש אַ שטילער, אַ גאָטספאַרכטיקער, אופּשטיין פֿלעגט ער מיט די הענער, אָפּגיך אָפּדאַווענען און זיך נעמען צו דער מעלאָכע. אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט ער שטילערהייט מורמלען עפּעס אַ טפֿילע.

געווען איז וועלוועלע אַן איינפּאַכער סטאָליער — געמאַכט טישן, בענק, פּויערשע קאַסטנס. נאָר די הויפּט־זאַך, מיט וואָס ער האָט זיך קוינע־שעם געווען, זײַנען געווען מאַצייוועס. וועלוועלעס פּוי־ניקבאַרס, וואָס ער האָט אויסגעשניצט אַף די מאַצייוועס, האָבן געשעמט אינעם גאַנצן אַרום. איבערהויפּט די גווירישע פּוי־ניקבאַרס מיט גאָלדענע אויסיִעס און מיט מעשונעדיקע מאַניפאַרגעס.

גאַגע דער באַגרעבער, אַ קלײַנעדיקער ייִד מיט אַ פֿליכעוואַט רויט בערדל און מיט שטענדיק פֿאַרקאַטשעטע פּאָלעס, טאָמיד גרייט אוועקצוטראָגן אַ מעס, פֿלעגט זאָגן, אַז בייס טכּיאַס־האַמייסים וועט קיין איין גוויר ניט וועלן אַרויסקריכן פֿון אונטער וועלוועלעס ראַכוועסדיקער מאַצייווע. דערפֿאַר טאַקע איז וועלוועלע שטענדיק געווען פֿאַרוואַלגערט מיט אַרבעט און פֿון פֿאַרטאָג ביז אין דער נאַכט געטעסעט, געזעגט, געקלאַפּט מיטן האַמער. בענציע שנײַדער, וועלכער פֿלעגט מערסטנטייל זיצן אָן אַ שטאָך אַרבעט און האָט ניט געהאַט צוליב וואָס אופּשטיין פֿאַרטאָג, פֿלעגט זיך אָפּט קלאָגן:

— אַז וואָס האָט ער צו מיר, וועלוועלע! געגנוג, וואָס סע ניטאָ וואָס צו פּיקן, וועקט ער נאָך אוף פֿאַרטאָג. אַ מין קלאַפּן, אַ מין סטוקען, מע זאָל באַהיט ווערן!..

נאָר אויב דאָס קלאַפּן מיטן סטוקען האָט נאָר אַרויסגערופֿן אומצופֿרידנקײַט, האָט מאַלקע די קורעלאַפּניטשקע, וועלוועלעס ווײַב, אַרויסגערופֿן מיט אירע אופֿטוען אָפּטע מאַכלויקעס. מאַלקע איז געווען אַ באַסיעכידע באַם געקרוינטן קורעלאַפּניק אין כּאַשמאַנקע — איצי־מוישע יאַקלס. וואָס האָט אַליין אויך געשטאַמט פֿון דוירעסדיקע קורעלאַפּניקעס, וועלכע פֿלעגן אופֿקויפֿן אין די אַרומיקע דערפֿער אויפֿעס און זיי אָפּליפֿערן קיין אָדעס.

שײַעך צו זאָגן, וועלוועלע האָט איר מיט די מאַצייוועס געגעבן די וועלט צו זען. און גאַנץ מעגלעך, אַז מאַלקע וואָלט גאָר קיין קורעלאַפּניטשקע ניט געוואָרן, ווען איר טאַטע, איצי־מוישע יאַקלס, טוט ניט אינמיצקעדרינען אַ שטאַרב. און דעמלט טאַקע האָט מאַלקע, קעדיי די דינאַסטיע קורעלאַפּניקעס זאָל ניט אונטערגיין, איבערגענומען די כּאַזאָקע אין אירע הענט.

דאָס אַלץ, פֿלעגט מאַלקע טײַנען, טוט זי ניט צוליב דעם פֿאַרדינסט, ווײַל, מישטיינסגעזאָגט, אַ שיין פֿאַרדינסט קאָן זײַן באַ האָדעווען געענדז. איין לײַטישע מאַצייווע גיט מער פֿאַרנאָסע, ווי אַ מייע געענדז. זי טוט דאָס צוליב איר טאַטנס אָנדענק. ער זאָל דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן.

אָט די געענדז זײַנען געווען די סיבע פֿון די ערשטע מאַכלויקעס צווישן די שכיינים. מאַכמעס מאַלקע האָט ניט געפֿונען קיין פּאַסיקער אָרט פֿאַר די געענדז, ווי אין ליקל, וואָס איז בײַשכיינעס מיט בענציע דעם שנײַדער, האָט זי באַפֿוילן וועלוועלען פֿאַרקלאַפּן דאָס ליקל פֿון

ביידע זײַטן מיט שטאכעטן, אזוי אז ס'האָט זיך באקומען ווי א שטײַג. אהינצו פלעגט מען ארײַנלאָזן די גענדז, זיי געבן עסן און טרינקען.

מאלקעס גענדז פלעגן בענציען ארויסברענגען פון די קיילים. גאנצע מעסלעסן אין הינטער זײַן איינציק פענצטער געוועזן הימל עפן זיך, קוילע־קוילעס. א כוצפע פון גענדז: זיי האָבן גאָר ליב געהאַט זיך אופשטעלן לעבן בענציעס פענצטער און ניט נאָר ארײַנקוקן, ווי ער נייט, נאָר אלע מאָל פלעגט אן אנדער גאנדז א גראגער טאָן, ווי מעווינעס זאָגן אף זײַן ארבעט.

אָפטמאָל פלעגט בענציעס הויזגעזינד ארויס אין דרויסן אף א דיספוט מיט ווענלעס הויזגעזינד.

— גוואלד, וואָס האָבן זיי צו מיר? — פלעגט בענציע טײַנען פאר די שכיינים. — גאנצע טעג נאָר מע קלאַפּט און מע סטוקעט. גאנצע מעסלעסן שרײַען די גענדז. מע מאכט מיך טויב און מעשוגע.

יעכיעל דער שוסטער, בענציעס שאָכן פון דער לינקער זײַט, א ייִד מיט א לעוואָנע־פּאָ־נעם, א לאָכנדיקער, א לעצאָנעס־טרײַבער, פלעגט זיך אָפּט ארײַנלייגן אין שאָלעם.

— וואָס ווילסטו, בענציע? — פלעגט ער זאָגן. — ווענלוועלע מאכט פון מאציייוועס א קוגל, און מאלקע מאכט פון גענדז שמאלץ, ווערט איינעם א קוגל מיט שמאלץ.

ווענלוועלע פלעגט ביכלאל שווײַגן, נאָר פון מאָל צו מאָל עפּעס א מורמל טאָן. און מאלקע? מאלקע פלעגט לאָזן א טרער און זיך צעשרײַען:

— וואָס זשע, מע וויל מײַן טאטנס נאָמען אָפּמעקן? קיין קאדיישים האָט ער נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט. און ווו זאָל איך האָדעווען די גענדז?

ייִסראָליקל, א ווּוקסיקער, מיט רויטע פולע באקן, וועגן וועלכן יעכיעל שוסטער פלעגט זאָגן: „באסיע האָט דעם גאנצן צימרינג ארײַנגעלייגט אין איין שטיקל פלאָדן", איז געשטאנען לעבן פאָטער א פארשעמטער, געקוקט מיט האס און קינע אפן נידעריק־ווּוקסיקן גראָבן פעמי־פּיק לאָזערן, ווענלוועלעס זון, און יענער האָט אפצולאָכעס געגומען אין מויל ארײַן א גערגעלע פון א געקוילעטער גאנדז און ארויסגעלאָזט אזעלכע מעשונעדיקע קוילעס, אז אלע צונויפגע־זאמלטע פלעגן קײַקלען זיך פון געלעכטער.

קיילע, ווענלוועלעס מיזינקע, כאָטש זי איז נאָך גאָר א קינד געווען, איז אויך געווען א ווּוקסיקע, א שטאלטנע, מיט לאנגע שווארצע צעפּ און גלי׳ענדיקע אויגן, מיט א קיין־גריבל אפן בערדל. נאָר א פּיסקעלע האָט זי געהאַט ווי אף שרײַפּעלעך. זי פלעגט טאָמיד שטיין לעבן מאלקען, זיך אָנהאלטן אין איר קליידל און איבערכאַזערן יעדעס וואָרט, וואָס די מאמע האָט ארויסגעזאָגט:

— וואָס זשע, זאָלן זיי אויך האָדעווען גענדז?

אָט די דאָזיקע מאכלויקעס האָבן געדויערט יאָרנלאנג, ביז באסיע האָט זיך אָפּגעבריט ביידע הענט און מער קיין געהילף בא קיין סארווערן ניט געקאָנט זײַן. א סאך רעפועס האָט זי אויסגעפּרוווט, נאָר די הענט האָבן איר ווי געטאָן. און ווער וועט עס נעמען א מענטשן מיט קראנקע הענט? אזויארום איז ייִסראָליקל געבליבן אָן א געשמאקן ביסן. און געווען איז ער א געזונט קינד און געפאָדערט עסן, דעריבער האָבן טאטע־מאמע באשטימט אָפּנעמען ייִסראָליק־לען פונעם כיידער און אָפּגעבן צו א באלמעלאָכע מיט קעסט.

לאנג האָבן טאטע־מאמע געכקירעט, צו וואָסער באלמעלאָכע אָפּגעבן דאָס קינד, ער זאָל א מעלאָכע זיך לערנען און ניט זײַן הונגעריק, ביז מע איז געקומען צום באשלוס, אז דאָס בעסטע אָרט פאר אים וועט טאקע זײַן בא ווענלוועלע סטאָליער. ערשטנס, האָט בענציע גע־זאָגט, איז א סטאָליער א גוטע מעלאָכע, צווייטנס, האָט באסיע אונטערגעהאלטן, פּירט זיך בא ווענלוועלען א זאַטע שטוב: גענדזן־פליייש, שמאלץ, גריוון — ברויט מיט שמאלץ, סופּאָניע מיט שמאלץ, באלאבעשקעס מיט קנאָבל און מיט שמאלץ, א פּידפּאָלעק מיט שמאלץ... ניט איין מאָל איז בא איר, באסיען, דאָס הארץ צעגאנגען געוואָרן, ווען לאָזער פלעגט אפצולאָכעס ארויס אין דרויסן מיט א גרויסן פּידפּאָלעק מיט שמאלץ, זיך אוועקשטעלן קעגן ייִסראָליקלען און מיט גרויסן אפּעטיט אופּעסן.

און באסיע האָט דורכן שאָכן פון דער לינקער זײַט, דורך יעכיעל דעם שוסטער, אָנגעג־הויבן פּירן אונטערהאנדלונגען מיט ווענלוועלע סטאָליער, אז יענער זאָל נעמען אין דער לער ייִסראָליקלען.

אין פלוג איז ווענלוועלע גאָר ניט געווען קעגן צו נעמען ייִסראָליקלען אף דרײַ יאָר אין דער לער, אָבער נאָך פאר קעסט מאכמעס ייִסראָליקל איז געווען א קרעפּטיק קינד און שוין איצט געווען העכער מיט א קאָפּ פון אים, פון ווענלוועלען. נאָר מאלקע האָט זיך געגאנערט, ניט געוואָלט אָנטאָן די טויווע די שנײַדערוקעס. אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט מאלקע געגעבן די האסקאָמע.

דאָס מאַכלויקעס האָט איצט ניט נאָר זיך אײַנגעשטילט, נאָר באַסיע מיט בענציען האָבן אַלץ געטאָן, אַז די געגנדז אין ליקל זאָל זײַן באַקוועמער און אַז דער שוואַרצער קאָטער זאָל זיך צו זיי ניט אַרײַנכאַפן און זיי ניט שרעקן. צו דער צײַט איז ייִסראָליקל אַלט געוואָרן עלף יאָר. טאַקע דאָס יאָר האָט מאַלקע אָפגענומען איר דרײַצניאָריקן לאָזערן פונעם כיידער, אים אָנגעהויבן אַרומפירן אַפן מאַרק און גענומען אים לערנען כאָכמעס האַקורעלאָפניקערײַ.

דאָס צווייטע מאָל האָבן די מאַכלויקעס צווישן די דאָזיקע צוויי מישפּאָכעס זיך אָנגעהויבן אין יאָרן אַרום, באַלד נאָך דער רעוואָליוציע. ניט מאַכמעס ייִסראָליק האָט אָנגעהויבן גיין אין שלעכטע וועגן, פאַרקערט, עס האָט זיך אָנגעהויבן גאָר פון אַן אַנדער זײַט. פון אַזאַ זײַט, וואָס ניט וועלוועלע סטאָליער, ניט ייִסראָליקל, ניט מאַלקע און אַ סאַך אַנדערע איז כאַשמאַנקע האָבן זיך אָף דעם גאָר ניט געריכט — עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פראָפאַרײַנען.

צו דער צײַט איז ייִסראָליקל אַלט געווען גאַנצע פופצן יאָר. געווען איז ער הויד, שייַן, אויסגעזען עלטער פון זײַנע יאָרן. די מעלאָכע האָט ער געקענט ניט ערגער פון די, וואָס אַרבעטן צענדליקער יאָרן. פון מאַכן אַ מאַציײווע איז ניט געווען וואָס צו ריידן. אַפילע צווישן די פויי־ניקבאַרס אָף די דעמבענע ברעטער, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט, איז אויך קימאַט קיין כיילעק ניט געווען. איז אָט האָט אין כאַשמאַנקע זיך צווישן אַ סאַך אַנדערע פראָפאַרײַנען אַרגאַניזירט אויך אַ פראָפאַרײַן פון סטאָליער־אַרבעטער.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט זיך צו וועלוועלען אין וואַרשטאַט אַרײַנגעשטעלט אַלטערל אָקס ביכווידוי־אוועאַצמוי — אַ מענטש נאָך די דרײַסיק, אַ גוואַר, אַ רירעוודיקער, מיט גרויסע שוואַרצע וואָנצן און צוגעזשמורעטע דורכדרינגעוודיקע אויגן. אַ סאַך יאָרן האָט ער אָפּגעאַרבעט באַ פאָדריאַדטשיקעס, וואָס פלעגן בויען פאַר פּריצים מאַיאָנטקעס, מילן אוכדוימע. ער האָט געהאַט אַ שעם אין גאַנצן אַרום פאַר זײַן שטעל און גוורע. ניט איין מאָל גענעכטיקט אין פאָליציי פאַר מעוואַזע זײַן אַ פאָרעץ, פאַר אונטערהעצן צו אַ שטרײַק. פון כאַשמאַנקע איז ער נעלעם געוואָרן ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז ער איז פאַרבונדן מיט די רעוואָליוציאָנערן און האָט געמוזט אָפּציִען.

אָט דער אַלטערל אָקס האָט זיך באַלד נאָך דער רעוואָליוציע אַראָפּגעיאַוועט קיין כאַשמאַנקע אַלס פאָרשטייער פונעם אויעזד אָף צו אָרגאַניזירן פראָפאַרײַנען. וועלוועלע האָט אים ניט דערקענט. אַ צײַט האָט ער מיטן הובל אין די הענט געקוקט אָף דעם גוואַר, אָף יענעמס לעדערנעם פידזשאַק, אָף די כראָמעווע שטיוול, אָף די פאַרדרייטע וואָנצן. אויך ייִסראָליקל, אין אַ צעכראַסטעטע העמד, אין אַ פאַרטעך פון אַ זאַק און אין שקראַבעס אָף די באַרוועסע פיס, איז געבליבן מיט דער דאָלאָטע אין די הענט, ווי פאַרשטיינערט.

— אַרבעט, אַרבעט, זונעניו, — האָט דער אַרײַנגעקומענער שמייכלענדיק זיך אָנגערופן, — איך וויל אָקאָרשט זען, וואָס דו קענסט. צוליב דעם בין איך עס טאַקע געקומען.

און ווען ייִסראָליקל האָט זיך גענומען אַרבעטן, האָט אַלטערל זיך אָנגערופן:

— אַ־אָ! ביסט טאַקע אַ באַלמעלאָכע, דער פויי־ניקבאַר באַקומט זיך באַ דיר גאָר ניט שלעכט. איך האָף, אַז דו וועסט די בורזשויען ניט איין מאַציייווע מאַכן.

— איז וויפל זשע שאָ אַרבעט אָט דער יאַט אין אַ מעסלעס? — האָט ער זיך געווענדט צו וועלוועלען. נאָר יענער איז אַ דערשראָקענער געשטאַנען, ווי אַ גוילעם.

— ווער זײַנט איר, און וואָס איז אײַער אייסעק, וויפל ער אַרבעט? — האָט זיך פלוצעם דערהערט מאַלקעס קאָל. — ער עסט אוף מער, וויפל ער פאַרדינט.

— אָ־אָ! אַ פרעסער! — האָט זיך אַלטערל צעלאַכט. — ער מאַכט אײַך פאַר קאַפּצאָנים. און וויפל פאַרדינט באַ אײַך אָט דער פרעסער אַ כוידעש?

— וויפל ער פאַרדינט, איז צו פיל, — האָט מאַלקע, מײַסע באַלעבאָסטע, צונויפגעלייגט די הענט אָף דער הויכער ברוסט.

— נו, איז וויבאַלד אַזוי, זאָל דער אַרבעטער אַליין זאָגן, וויפל שאָ אין מעסלעס ער אַרבעט און וויפל ער פאַרדינט אַ כוידעש.

און ייִסראָליקל האָט געזאָגט, אַז ער אַרבעט פון זעקס אינדערפרי ביז אַכט אָפדערנאַכט, און אַז ס'איז דאָ אַ סאַך אַרבעט, אַרבעט ער פון פיר פאַרטאָג ביז צוועלף באַנאַכט. און פון די פיר יאָר, וואָס ער אַרבעט באַ וועלוועלען, האָט ער דרײַ יאָר אָפּגעאַרבעט נאָר פאַר קעסט, און נאָר הײַנטיקס יאָר נעמט ער אַ פינף־און־צוואַנציקער פאַר אַ גאַנץ יאָר.

— זאָל זשע וועלוועלע וויסן זײַן, — האָט זיך דער פרעמדער אָנגערופן, — אַז ער איז אַלטערל אָקס, דער געוועזענער סטאָליער־יונג; אַז די ראַטנמאַכט האָט אים אַראָפּגעשיקט קיין כאַשמאַנקע אָרגאַניזירן פראָפאַרײַנען, און דערווײַל לאַדט ער אײַן וועלוועלען מיט ייִסראָליק־

לען זיך הײַנט יאָוועז אין שטעטלדיקן ראַט אויסהערן א פּאָרטראָג בענעגייע ארבעטער און ארבעטסלוין.

אָט פון יענעם טאָג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א נײַ מאכלויקעס צווישן די צוויי מישפּאָכעס. די סיבע איז געווען דאָס, וואָס ייִסראָליקל איז געוואָרן א מיטגליד פון פּאַריין און זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט פּריווילעגיעס — אכט שאָ ארבעט אין א מעסלעס, אָן אָנשטענדיקער ארבעטסלוין, סטראַכאָוואַניע. דעריבער איז מאלקע אָפּטמאָל אָנגעפאלן אָף אים און ניט נאָר אָף אים, נאָר אָף בענציען און באַסיען.

— האַיִטאָכן, ווו איז יוישער? — פלעגט זי טײַנען. — אים אויסגעלערנט ארבעטן, אים געמאכט פאר א מענטשן, און איצט רײַסט ער די הויט, צען קערבלעך א כוידעש. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?

וועלוועלע האָט זיך ניט געמישט, אָדער ער האָט אינגאנצן געשוויגן, אָדער ער האָט עפּעס געמורמלט. דערפאר האָט דער גראָבער לאָזער, וועלכער האָט צו יענער צײַט אויסגעלערנט אלע כאָכמעס האקורעלאפּניקערײַ און פלעגט שוין אליין אָף די יארידים קויפן ניט נאָר גענדז, נאָר אויך הינער און אינדיקעס, ווי ווײַט נאָר ער האָט געקענט זיך נויקעם געווען אין בענציעס הויזגעזינד. ער פלעגט אַזויפיל אויפעס ארײַנוואַרפן אין ליקל ארײַן, אז בענציען איז אינגאנצן פינצטער געוואָרן אין שטוב און מע האָט געמוזט באטאָג אָנצינדן א לאָמפּ.

און אין איינעם א טאָג האָט ייִסראָליקל געוואָרנט מאלקען מיט לאָזערן, זיי זאָלן באַפרײַען דאָס ליקל.

מאלקע האָט זיך דעמלט אָנגעצונדן:

— איצט, אז ער איז געוואָרן א יא טעבע דאָם, וויל ער, מע זאָל אוועקוואַרפן דאָס קורעלאפּניקערײַ און אָפּמעקן איר טאַטנס נאָמען. ניין, און נאָכאמאָל ניין!

דער נידעריק־וווקסיקער לאָזער פלעגט זיך ארײַנמישן:

— אויב ער, ייִסראָליקל, איז אזא יאכסן בא סאָוועטסקי וולאסט, טאָ זאָל ער זיך אויסטארען פאר די אויפעס אן אנדער אָרט.

נאָר איין קיילע, וועלכע איז געוואָרן א וווקסיק, שיין, שווארצכיינעוודיק מיידל און האָט אָנגעהויבן ווארפן אייגעלעך אָף ייִסראָליקלען, איז געשטאנען בא דער זײַט מיט א פינגער אין מויל און געשוויגן.

האָט אין כאַשמאַנקע איינעם אָן אינדערפרי געטראָפן אַזוינס, וואָס יעכיעל דער שוסטער האָט עס צוגעגליכן צום קאַמף פון שימשן־האגיבער מיט די פלישטים. ייִסראָליק איז צו דעם ליק, אָפּגעריסן די שטאכעטן און ארויסגעטריבן אלע אויפעס. דאָס מאכלויקעס האָט געדויערט לאנג און אקשאָנעסדיק, ביז ס׳איז אָנגעקומען דאָס 1919 יאָר און אָף כאַשמאַנקע האָבן אָנגעהויבן אָנפאלן אטאמאנען מיט זייערע באנדעס. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן האריגעס, רויבערײַ און סרייפעס. מענטשן זײַנען כאַדאָשימווײַז געלעגן אין די גריבער, זיך מוירע געהאט באַווײַזן אָף דער ליכטיקער שײַן, בעסויכעס ייִסראָליקל. ער האָט דערפון פיל געליטן. און איינמאָל, ווען א רויטגוואַרדייִשע טייל בעראָש מיט אלטערל אָקס האָט זיך געיאָגט נאָך א באנדע און איז אדורך כאַשמאַנקע, האָט ייִסראָליקל זיך אָפּגעזעגנט מיט די עלטערן און איז אוועק מיט די רויטגוואַרדייער.

אין איינעם א פרילינגדיקן טאָג פון 1923 יאָר האָט אין שטעטל זיך אראָפּגעיאָוועט א רויטארמייער. זײַן הויכער וווקס, זײַן טראָט, דער שפּיציקער העלם אפן קאָפּ, דער שינעל מיט די דרײַ רויטע פּעטליעס האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די פאַרבײַגייער. ער האָט לאנגזאם דורכגעשפּאנט די קאָוועל־גאַס, זיך געגריסט מיט די פּארסאזשעטע און פּארשוויצטע באלמעלאָכעס. זיי האָבן אים געענטפערט מיט א שאָקל פונעם קאָפּ, נאָר ניט געוווּסט, ווער דער מענטש איז. ער איז אדורך די סטעלמאַך־גאַס, און ווידער האָבן מענטשן זיך געבראָכן די מויכעס: ווער זשע קאָן דאָס זײַן?

כאַשמאַנקע האָט גענוג רויטארמייער אָפּגעגעבן דער רעוואָליוציע. מערסטנטייל האָבן זיי זיך ניט אומגעקערט. נאָר די, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט, האָט מען באלד דערקענט, נאָר אָט דעם — קיינער ניט.

דער רויטארמייער, ווי עמעצער וואָלט אים אונטערײאָגן, האָט אפגיך דורכגעשפּאנט די מארק־גאַס, קרעמער און קרעמערלעך פון נאָרוואָס געבוירענעם נעפּ האָבן אים באטאַפּט מיט די אויגן פון אלע זײַטן, נאָר ער האָט אָף קיינעם ניט געקוקט, מיט קיינעם זיך ניט געגריסט און זיך גלײַך אוועקגעלאָזט צו דער קלויסטער־גאַס. דאָ האָט ער פארהאלטן דעם שפּאַז, ווי ער וואָלט גיין נאָך א לעווײַע: אָף די ערטער, ווו אמאָל זײַנען געשטאנען שטיבער, זײַנען איצט געלעגן רויִנעס, און די הײַזקעס, וואָס זײַנען געבליבן, האָבן זיך קוים געהאלטן אָף די

אונטערגעשפּאַרטע דרענגלעך. לעם יעדער כּוֹרוּוע האָט דער רויטאַרמייער זיך אָפּגעשטעלט: אָט דאָ איז געווען יודל דעם גלעזערס שטוב, בישכיינעס — מייער דעם פעלצנמאכערס, ווײַ־טער — לייווי דעם פּאָסטעלעמאכערס, און העכער — קיווע באַנדערס, און נאָך העכער — יעכיעל דעם שוסטערס, און אָט איז שוין די כּוֹרוּוע פון בענציע שנײַדערס שטוב. דאָ האָט דער רויט־ארמייער זיך אָפּגעשטעלט אַ לענגערע צײַט. ער איז געשטאַנען ווי אין ערד־קאַראָול. דערנאָך, ווי ער וואָלט זיך שיווע זעצן, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די שוין מיט גראָז באַוואַק־סענע ליימענע וואַלקעס און פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם.

אַ צײַט איז ער אַזוי געזעסן. נאָר אָט האָט פון ווערלוועלע סטאָליערס אָפּגעברענטער שטוב זיך אַרויסגעיאָוועט אַ מיידל מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ. זי האָט אַ צײַט געקוקט אַפן רויטאַר־מייער, און ווען יענער, דערשפּירנדיק, אַז עמעצער שטייט לעבן אים, האָט אופגעדעקט דאָס פּאָנעם, האָט דאָס מיידל אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריִען:

— ייִסראַליקל!

טאַקע דאָ, בײַ די רויִנען, האָט אים קיילע דערציילט, אַז דער אומגליק אין דער קלויס־טער־גאַס איז געווען גרעסער, ווי אין אַנדערע גאַסן, מאַכמעס דעם גאַלעך פון היגן קלויסטער האָט זיך פאַרוואָלט אַליין ווערן אַן אַטאַמאַן. ער האָט צונויפגענומען אַ באַנדע, אַ שטיק צײַט כאַשמאַנקע ניט געטשעפּעט, פלעגט נאָר אָנפאַלן אַף די אַרומיקע שטעטלעך, נאָר דערפאַר האָט ער דערלויבט אַטאַמאַנען פון אַנדערע שטעטלעך אָנפאַלן אַף כאַשמאַנקע. און אָט איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ ביסל פריילעך מאַכן. צום אַלעם ערשטן האָט ער באַפוילן אונטערצינדן „זײַן" גאַס, דאָס הייסט די קלויסטער־גאַס, און ווער נאָר ס'וועט אַרויס אין דרויסן, זאָל מען שיסן. און קעדיי די „סימכע" זאָל זײַן גרעסער, זאָל מען קלינגען אין אַלע גלעקער. אָט אין דער דאָזיקער נאַכט זײַנען די גרעסטע טייל מענטשן פון דער גאַס אומגעקומען, בעסויכעם זײַנע, ייִסראָליקס, עלטערן. זייער, ווערלוועלעס, מישפּאָכע וואָלט אויך געוויס אומגעקומען, זייער שטוב האָט שוין געברענט, נאָר צו דער צײַט זײַנען אָנגע־לאָפן די קאָוועלעס מיט די סטעלמאַכער, ווער מיט העק און ווער מיט האַמערס, און זיך גע־וואָרפן אַף די באַנדיטן. פיל פון זיי זײַנען אומגעקומען, נאָר די באַנדיטן האָבן אויך באַקומען זייערס. צווישן זיי דער גאַלעך אַליין.

נאָך האָט אים קיילע דערציילט, אַז די מאַמע אירע, מאַלקע, איז דעמלט פאַר שרעק גע־ליימט געוואָרן און שלעפּט נאָך אַ האַנט מיט אַ פוס, און אַז דער טאַטע אירער איז געשטאָרבן. דעם ברודער אירן, לאָזערן, האָבן די באָלשעוויקעס אײַנגעזעצט אין טורמע אַף גאַנצע צוויי יאָר פאַר טרײַבן סאַמאַהאָן, און זי אַליין, קיילע, אַרבעט בײַ אַ טאַנדעטנע שנײַדער. בײַ זיי אין וואַרשטאַט, האָט זי דערציילט, שטייען אַ סאַך ניט־פאַרענדיקטע מאַציייוועס און ס'איז ניי־טאָ ווער עס זאָל זיי פאַרענדיקן. איז אויב ער, ייִסראָליקל, וויל, זאָל ער ווערן באַלעבאָס פונעם וואַרשטאַט און אַפילע פון דער גאַנצער שטוב.

קיילע האָט זיך צעוויינט, זיך אַ וואָרף געטאָן ייִסראָליקן אַפן האַלדז און אים גענומען קושן...

ס'איז אוועק אַ פּאָר יאָר, און ווידער האָבן זיך אין דער מישפּאָכע אָנגעהויבן מאַכלויקעס — ווידער איבער קורעלאַפּניקערײַ. דאָס מאָל איבער לאָזערן. ווען ער איז אָפּגעזעסן זײַנס און האָט זיך אומגעקערט פון דער טורמע, האָט ער מאַלקען שוין ניט געטראָפן. אַף ייִסראָליקן האָט ער געקוקט קרום, אים מעקאַנע געווען אַף זײַן וווקס און גוורע. אים אָפּט גגעבן אָנצו־הערן, אַז כאָטש ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר קיילען, נאָר באַלעבאָס פון דער דירע איז ער, לאָזער. אַ שטיקל צײַט האָט ער זיך אַרומגעדרייט און געשלאָגן בײַדעקעס, ביז ער האָט ווי־דער זיך גענומען צו קורעלאַפּניקערײַ. ניט נאָר ער אַליין, נאָר אַ צענדליק מענטשן זײַנען אַרומגעפאָרן אַף די יאַרידים און געקויפט פאַר אים אויפעס. דאָס גאַנצע פלאַץ פון בענציעס און יעכיעל שוסטערס צעוואַלגערטע שטיבער האָט ער אַרומגענומען מיט שטאַכעטן, דאָרט אוועקגעשטעלט גרויסע שטײַגן און גענומען פונדאַנען זיי אָפּשיקן קיין אָדעס אַפן מאַרק.

— זאָל דער זיידע איצי־מוישע מיט דער מאַמע מאַלקע דאָרטן האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן און טאַנצן איניינעם אַ פריילעכס! — פלעגט דער בײַכיקער לאָזער זאָגן בייסן מאַכן אַ לע־כאַיִם. — זאָלן זיי זען, אַז די כאַזאָקע שטייט אײַן אין גוטע הענט און קיין שום סאָוועטסקע וולאַסט וועט דאָ גאָרניט אופטאָן. קורעלאַפּניקערײַ איז געווען, איז דאָ און וועט זײַן. אָמיין סעלאָ.

ייִסראַליק בענציעס איז געוואָרן אין כאַשמאַנקע אַן אָנגעזעענער מענטש. ער האָט פּאַ־רענדיקט אַן אוּנט־שול און שוין אַליין אָנגעפירט מיט אַ ליקבעז. זײַנע טאַלמידים — באַיאַרטע מענטשן — האָבן אים מיט אָפּשײַ גערופן איזראַיִל בענציאַנאָוויטש. ער איז געווען דער איני־

צ׳אטאר פון אָרגאניזירן דעם סטאָליער־אַרטעל אין כאַשמאַנקע און טאַקע געוואָרן זײַן פּאַר־זיצער. צו דער צײַט האָט אים קײלע, אָדער יעקאַטערינאַ וואַלפאָוונאַ, ווי זי האָט זיך געהייסן רופן, אים געבוירן אַ זון — אַ טונקעלן, אַ געראַטענעם אין איר, און מע האָט אים אַ נאָמען גע־געבן ווילי׳ס (נאָך וועלוועלען). ס׳איז בעפיירעש פאַרגעקומען אַ סיכסעך צווישן מאַן־און־ווײַב, נאָך ווען מען אַ נאָמען געבן. ייִסראָליק האָט געטײַנעט, אַז זײַן טאַטע איז געפאַלן אַ קאָרבן פאַרן קלאַל און איז באַלמעצער, נאָר קײלע האָט דערוויזן, אַז, ערשטנס, איז דאָס קינד גע־ראָטן אין זייער מישפּאָכע, און, צווייטנס, וויל זי ניט, אַז ער זאָל זײַן אַזאַ שלימאַזלניק, ווי דער טאַטע זײַנער, בענציע שנײַדער, איז געווען.

איזראַיל בענצ׳יאָנאָוויטש האָט איר אויך דאָ, ווי אַלעמאָל, נאָכגעגעבן. דער אויספּירקאָם האָט אויסגעטיילט פאַר דער מישפּאָכע כאַ׳טמאַן אַ פײַנע דירע אין דעם גווירישן מויער, וווּ ס׳האָט זיך געפונען דער אַרטעל. און כאָטש ער, ייִסראָליק, האָט געהאַט פיל אויסצושטיין פון זײַן קײלען, ווײַל זי האָט געהאַט אַן אָפן מויל, ניט געקענט ניט לייענען און ניט שרײַבן און זיך ניט געוואָלט לערנען, וואָלט ער דאָך געווען צופרידן מיט זײַן לעבן, ווען ניט אָט דער לאָזער, קײלעס ברודער.

גאַגע דער באַגרעבער, וועלכער האָט ביז איצט געוואַלטיקט אויף דעם בייס־האַקוואָרעס, האָט מאַוטיעד געוואָען לאָזערן, אַז אויב ער, גאַגע, וועט דערלעבן אים מעקאַבער זײַן, וועט ער באַ אים אָפּ דער מאַצייווע אוועקשטעלן אַ האָן און אָפן פוירניקבאַר אָנשרײַבן: „פּ. נ. האַ־גאָדל האַמופלעג בעקורעלאַפּניקער לאָזער בען וועלוועלע״, אַז דויר־דוירעס זאָלן עס געדענ־קען.

די כאַשמאַנקער האַרעפּאַשניקעס האָבן אויסגעוויילט איזראַיל בענצ׳יאָנאָוויטש פאַר פּאַר־זיצער פונעם שטעטלדיקן ראַט. און ס׳איז געקומען אַ צײַט, ווען דער פּאָרזיצער האָט אַרויס־גערופן אָף אַ שמועס לאָזערן. ייִסראָליק האָט אים געוואָרנט, אַז ער, דער שוואָגער זײַנער, זאָל זיך גוט באַטראַכטן, וואָס ער טוט. צײַט אַ טראַכט טאָן פון טאַכלעס. די ראַטנמאַכט וועט דער־שטיקן דעם נעפּ. וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער איבערוואַנדערן אָף ערד, אָדער אַרײַנטרעטן אין אַ היגן קאָלווירט, אָדער גאָר גייען אין אַרטעל.

לאָזער האָט זיך צעלאַכט:

— ער, לאָזער, זאָל גיין אַרבעטן. מויכל! זײַן טאַטע האָט שוין פאַר אים אָפּגעאַרבעט. קאַלזמאַן עס גייען אַרום אויפּעס אָף דער ערד, מעג דער שוואָגערוק זײַנער זײַן זיכער, אַז ער, לאָזער, וועט אין ערגעץ ניט גיין אַרבעטן.

און ווידער האָבן די מאַכלויקעס זיך צעוואַקסן. ס׳האָט זיך אַרײַנגעמישט קײלע:

— וואָס זשע וויל ער, איר מאַנדעלע? אומברענגען איר אייניציקן ברודער? און פאַרוואָס באַדאַרף איר באַשערטער זיך אָנעמען די קריוודע פאַר דער סאָוועטסקע וולאַסט? אַ ייִד האַנדלט, זאָל ער האַנדלען.

קײלע האָט געדראָעט, אַז זי וועט זיך געטן, אויב מע וועט ניט לאָזן צורו איר ברודער, נאָר דער ראַט איז ניט געגאַנגען אָף קיין האַנאַכעס. נאָך מער, מע האָט באַפוילן לאָזערן אָפּ־ראַמען דאָס פּלאַץ פון די אויפּעס — אָף דעם אָרט וועט מען בויען אַ פּראָמקאָמבינאַט.

האַקלאַל, לאָזער האָט זיך אין איין שיינעם טאָג אָפּגעטראָגן. וווהין ער איז אַהינגעקומען, האָט קיינער ניט געוווּסט. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיך געמאַכט אַ פאַלשן פּאַס און דרייט זיך ערגעץ אַרום אין אָדעס, אַנדערע — אַז ער האָט געגאַנוועט די גרענעץ און איז אַריבער קיין רומעניע. עמעצער האָט אַפילע געטײַנעט, אַז לאָזער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ טערק און איז אָף אַ טערקישער שיף אוועק קיין סטאַמבול...

מענטשן האָבן כווּשעד געווען, אַז קײלע האָט יאָ געוווּסט פונעם סאָד, נאָר מע האָט ניט געוואָלט זי פרעגן, ווײַל קיינער האָט ניט געוואָלט צו איר אין מויל אַרײַנפּאַלן.

איינמאָל איז איזראַיל בענצ׳יאָנאָוויטש געקומען אַהיים און געמאָלדן, אַז דער ראַיקאָם פון פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אים שיקן זיך לערנען.

קײלען איז דער פּלאַן ניט געפעלן געוואָרן:

— וואָס וויל מען פון איר, צונעמען דעם מאַן? זי מאַכן פאַר אַ לעבעדיקער אַלמאָנע, איבערלאָזן מיט אַ פּיצל קינד?.. ס׳איז איר גאָר ניט שלעכט, אַז איר מאַן זאָל בלײַבן דער פּאָרזיצער פון ראַט. און כוץ אַלעמען, ווייסט זי זײַנע גערדאַנקען. ער האָט זי קיינמאָל ניט ליב געהאַט, כאַסענע געהאַט פאַר איר איבער אַ נויט, און איצט וועט ער האָבן אַ מעגלעכקײַט זי איבערצולאָזן. אָבער ניין, זי וועט לויפן צום סעקרעטאַר, זי וועט רײַסן קוואָרים.

האַקלאַל, געבליבן איז, אַז קײלע זאָל אַרויספּאָרן אײַנעם מיטן מאַן אין געגנטלעכן צענטער.

...עס זיינען אוועק א סאך יאָרן. א סאך וואַסערן, ווי מע זאָגט, זיינען פאַרלאָפן... דער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, אין וועלכן ס'האָט געאַרבעט דער אַספּיראַנט כאַיטמאַן, האָט זיך עוואַקוירט אַף אוראַל און זיך דאָרט גאַנץ פיין איינגעאָרדנט. אלץ איז פאַר קיילען, ס'הייסט פאַר יעקאַטערינא וואָלפאָוונא געווען ווי געוווּנטשן: ווײַטער הינטערלאַנד, א נישקאָשעדיקער צימער אין צוזאַמענוווינונג. עמעס, פונעם נאָך גאָר יונגן ווילינן, וועלכער איז נאָך פון מיט וועג א פרײַווילינער אוועק אַפן פראָנט, האָבן אופגעהערט אָנקומען בריוו און אַף אלע אָנפראַגן האָט מען געענטפערט, אַז דערווײַל ווייסט מען נאָך ניט, ווו ער איז. נאָר אין אַלגעמיין האָט יעקאַטערינא וואָלפאָוונא זיך ניט געהאַט אַף וואָס צו קלאָגן. נעמט אָבער איזראַיל בענציאַנאָוויטש זיך אַרײַן א געדאַנק אין קאָפּ אַרײַן, אַז אויך ער דאַרף גיין פרײַווילינ אַפן פראָנט.

— ער איז פון זינען אַראָפּ! — האָט יעקאַטערינא וואָלפאָוונא זיך געקלאָגט. — וואָס זשע, מע וועט זיך דאָרט ניט באַגיין אָן אים? און וואָס הייסט, ער וויל זי איבערלאָזן מיט א דרײַיאָריק קינד אַף די הענט און מיט א קינד אונטערן האַרצן? ס'איז דען ניט גענוג, וואָס ווילינע איז אַפן פראָנט?

האָט אָבער איזראַיל בענציאַנאָוויטש דעם ווײַב דערוויזן, אַז ער, ייִסראַליק בענציאַס, מוז גיין אַהין שטעלן די דײַטשן א מאַצייווע מיט אַ גרויסאַרטיקן פּוי־ניקבאַר. און וויפל קיילע האָט ניט געוויינט און געלאָפן צום רעקטאָר פונעם אינסטיטוט, האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן: דער מאַן איז טאַקע אוועק אַפן פראָנט.

צו דער צײַט, ווען בענטשיק איז געבוירן געוואָרן, האָט שוין דער עלטערער זון, ווילינע, פאַרשאַפן דעם טאַטן פיל פאַרגעניגן: זיך גוט געלערנט, געהאַט א גאָלדן האַרץ און גוטע מידעס. אָבער דאָס מאָל האָט די נאַטור א מיעס שפּיצל אָפּגעטאָן כאַיטמאַנען: דער צווייטער זון, בענטשיק (נאָך בענציע שנײַדער), איז בלויז אויסערלעך ענלעך געווען אַפן טאַטן, אָבער דאָס אינעווייניקסטע, דעם כאַראַקטער, האָט ער אינגאַנצן גענאַשט בא דער מוטער. נאָך א פּיצל, זינט ער האָט זיך געשטעלט אַף די פיסלעך און זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט קינדער, האָט ער גלײַך אָנגעהויבן צו כאַפּן בא זיי דאָס שפּילצײַג, און טאָמער האָבן די קינדער ניט געגעבן, האָט ער זיי געשלאָגן, געדראַפּעט די פּענעמער.

כוץ ווילינען, וואָס איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אַף דער מילכאָמע, האָט זיך די מישפּאָכע אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע אין דער זעלבער שטאָט, פון וועלכער זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן. איזראַיל בענציאַנאָוויטש, כאָטש ער האָט נאָך פיל געליטן פון דער קאָנטוזיע און בעיאַד געהאַט צוואַרטן מיט אַרבעט, האָט דאָך ניט אויסגעהאַלטן און איז אוועק אין אינסטיטוט. ער האָט פאַרשטאַנען — אָן ווילינען און אָן אַרבעט וועט ער ניט אויסהאַלטן.

שוין פונעם ערשטן קלאַס האָט דער קלענערער, בענטשיק, אַרויסגעוויזן א נייגונג צו קרומע גענג: זאַמלען געלט, טרײַבן טויבן, זיך שלאָגן, איזדיעקעווען זיך איבערן שוועסטערל, דער קלענער בערטע, אָבער לערנען — דאָס ניט. שוין פונעם ערשטן קלאַס אָן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן אין שול כאַיטמאַנען און אים איידל אָנגעוויזן, אַז זײַן קינד איז אָן אָזעספּאָנעם, גרייט ניט די לימודים און וואַקסט א פּוליאַק. א דערשלאָגענער און פאַרשעמטער, פלעגט ער צוזאָגן אָנעמען מיטלען, אָבער אינגיכן האָט מען אים ווידער אַרויסגערופן.

דער מוטער זײַנען גאָר געפעלן געוואָרן בענטשיקס טאַטן. באַזונדערס זײַן פּושקע מיט געלט:

— א קינד באַדאַרף וויסן די פּרײַז פון געלט, — האָט זי געטײַנעט.

איבער די טויבן איז בענטשיק געזעסן צוויי יאָר אין זעקסטן קלאַס, מאַכמעס ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט צו מאַכן קיין לימודים. און פאַר אָפּטאָן דער לערערן א מיעס שפּיצל האָט מען בענטשיקן אויסגעשלאָסן פונעם זיבעטן קלאַס. די דאָזיקע געשעעניש האָט געקאָסט כאַיטמאַנען צוויי כאַדאָשים שפּיטאָל. דער קאָנטוזיטער קאָפּ זײַנער האָט בעשום־אויפן זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן און געהאַלטן אין איין אַרומטאַנצן פון אויבן אַראָפּ און פון לינקס אַף רעכטס. אויך דאָ איז קיילע געבליבן זיך געטרײַ:

— וואָס הייסט אויסשליסן א קינד פון א שול? א גרויסע צאַציע, די לערערן. טאָמער האָט בענטשיק זי איבערגעשראָקן, שליסט מען אויס פון שול א קליין קינד.

אויך בערטעטשקע, וועלכע האָט זיך געלערנט אין דער זעלבער שול, האָט געהאַט גרויס אַגמעסנעפעש פון איר ברודער, זיך געשעמט פאַר די לערער און פאַר די קינדער. און טאָמער האָט זי אים געמאַכט א באַמערקונג, פלעגט ער זי שלאָגן. ער האָט גוט געוווּסט, אַז זי וועט אים ניט פאַרקלאָגן פאַרן פאָטער, ער זאָל ניט שלאָף ווערן...

דעם טיטל דאָצענט האָט כאַיטמאַן דערוואָרבן נאָך א לאַנגער אַקשאָנעסדיקער פאָרשערישער אַרבעט. אָנגעהויבן האָט ער אָט די אַרבעט טאַקע באַלד נאָכן אומקערן זיך קיין אָדעס.

ניט איין נאַכט איז ער ניט דערשלאָפן, ניט איין פּעקל פּילן האָט ער אײַנגעשלונגען, קעדיי דער קאָפּ זאָל אים דינען. ניט געקוקט אָבער אויף צעשטערטן שאָלעם־באַיִס, האָט ער דאָך גלענצנד פּאַרטיידיקט די דיסערטאַציע און באַקומען די קאַטעדרע פון פּעדאַגאָגיק און פּסיכאָלאָגיע. ניט נאָר די מאַטעריעלע זײַט האָט זיך בײַ אים פאַרבעסערט, ער איז נאָך מער געשעצט און געאַכטעט געוואָרן פון זײַנע קאָלעגן און סטודענטן, מאַכמעס ער האָט דערוויזן, אַז כאָטש ער איז אַ קאַנטוזיטער און שוין קיין יונגערמאַן, האָט ער דאָך דערגרייכט צו דעם, וואָס ער האָט געשטרעבט.

בענטשיק האָט דאָך פאַרענדיקט דעם צענטן קלאַס. צו יענער צײַט איז ער שוין געווען אַ הויכער שיינער באָכער מיט אַ געקרײַזלטן קאָפּ בלאָנדע האָר און ליכטיק־בלויע אויגן. ער האָט געהאַלטן פון „וועלטלעכע" מאַנירן, געטאַנצט אַלע „הײַנטצײַטיקע" טענץ, געווען אָנגעטאָן לויט דער „לעצטער" מאָדע. די מוטער האָט אים געקעכלט, געזונגען, ער זאָל האָבן אַ קאָפּעקע אין קעשענע.

די מיינונג בײַ די עלטערן וועגן בענטשיקס ווײַטערדיקן גורל זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ איז באַשטאַנען, אַז איזראַיִל בענציאָנאָוויטש זאָל אָנווענדן זײַן גאַנצן אויטאָריטעט און באַקאַנטשאַפט, קעדיי זייער זון זאָל אַרײַנטרעטן אויב ניט אין אוניווערסיטעט, איז אין אַ טעכנישן אינסטיטוט. ער איז דאָך אַ קראַסאַוועץ!

נאָך אַזעלכע טײַנעס פלעגט איזראַיִל בענציאָנאָוויטש לאַנג קוקן אויף זײַן פרוי און זיך כידעשן, ווי אָפּגעשטאַנען זי איז, און דאָס האָט בײַ אים אַרויסגערופן אַ גיפל פון ראַכמאָנעס. יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ איז ניט אַראָפּגעפאַלן בײַ זיך. לעכאָלעהאָפּאַכעס, האָט זי באַשלאָסן, וועט בענטשיק זײַן אַ לערער.

איזראַיִל בענציאָנאָוויטש איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. ער האָט געקוקט אויף ווײַב, געוואָלט באַנעמען, צי מיינט זי דאָס אַפּאַנעמעסן, און פאַרשטאַנען, אַז זי איז אין דעם זיכער. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און באַמערקט:

— ס'וועט פון בענטשיקן גאָרנישט ניט זײַן, ביז ער וועט ניט גיין אַרבעטן. איך וועל אין ערגעץ ניט גיין און קיינעם ניט בעטן. פעסטאַלאָצי זאָגט, אַז...

— אײַ, די סאָנים וועלן ניט דערלעבן אײַניינעם מיט פעסטאַלאָצין, אַז מײַן זונדעלע זאָל גיין אַרבעטן, — איז קיילע אַרויס פון די קיילים, — איך וועל אַליין, איך וועל קוואָרים רײַסן, כ'וועל לויפן צו אַלע דירעקטאָרן און דערציילן, וואָס פאַר אַ מאַן איך האָב. אַ מעלאַמעד האָב איך פאַר אַ מאַן, וועל איך זאָגן.

און קיילע האָט „געריסן קוואָרים", אויסגעלאָפן אַלע אינסטיטוטן, אַלע סעקרעטאָרן אויסדערציילט, וואָס פאַר אַ שיינער איר יינגל איז, און אַלע סעקרעטאַרן, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַקענט מיט בענטשיקס דאָקומענטן, האָבן געעצעט שיקן דאָס „יינגעלע" אַרבעטן, זיך לערנען אַ מעלאָכע.

יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ איז געווען אויסער־זיך. זי איז כוישעד געווען דעם מאַן, אַז דאָס האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט אַלע סעקרעטאַרן, מע זאָל בענטשיקן שיקן אויפן זאַוואָד.

פאַר איזראַיִל בענציאָנאָוויטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אומרויִקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. אים איז געווען קלאָר, אַז נאָר אַרבעט קאָן ראַטעווען זײַן קינד, און ער האָט אויסגענוצט זײַן גאַנצן אויטאָריטעט, זײַן באַקאַנטשאַפט מיט מענטשן, ער האָט געקלונגען אין זאַוואָדן, אין פאַבריקן, אין אַנשטאַלטן, געבעטן נעמען זײַן זון אויף עפּעס אַן אַרבעט.

בענטשיק האָט זיך גיך אײַנגעאָרדנט, נאָר אָפּגעאַרבעט אַ טאָג אָדער צוויי, איז ער ווידער אַוועק שלאָגן בײַדעקעס.

איצט, אַ פרײַער פון דער שול, איז ער געשלאָפן ביז האַלבן טאָג. אָפּטמאָל אינדערפרי, ווען כאָטמאַן איז אופגעשטאַנען צו דער אַרבעט און געוועקט דעם זון, ער זאָל צוגיין אויף אַ געוויס אָרט, ווו מע האָט אים צוגעזאָגט נעמען אויף אַרבעט, האָט קיילע זיך אַרײַנגעמישט:

— וואָס וועקסטו דאָס קינד? ער וועט נאָך באַוויזן זיך אָנאַרבעטן אויף זײַן לעבן.

נאָכן איבערבײַסן פאַרמאַכט בענטשיק די טיר, גייט צו צום טעלעפאָן און הייבט אָן קלינגען די כאַווײרים זײַנע:

— מישע! ווו וועלן מיר זיך הײַנט באַגעגענען? — ער הערט, וואָס מישע ענטפערט אים, און צעלאַכט זיך. — אויסגעצייכנט! דײַן פערד פאָרט הײַנט אַוועק? וועלן מיר קאָנען אַ הוליע טאָן בײַ אײַך.

נאָר פלוצעם ווערט בענטשיק ערנסט, קראַצט די פּאָטיליצע: דער כאַווער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז עס וועלן הײַנט זײַן „גײַרלס" און מע וועט באַדאַרפן מילך, ס'הייסט טרינקעכץ.

— איך וועל פּרוּוון אַ מעלק טאָן די קו, — ענטפערט בענטשיק, — זי איז בא מיר אַ ווילע, זי בריקעוועט זיך ניט.

דאָס האָט געזאָלט באַטײַטן, אַז די מאַמע זאָגט אים ניט אָפּ אין קיין געלט.

ווי נאָר עס נעמט אָן שאַריען, יאַוועט זיך פון ערגעץ בענטשיק, ניט ער גייט, נאָר ער שוועבט, די פיס זײַנען גרינג, די געדאַנקען זאָרגלאָז. ער עפנט שטיל אויף דעם געהיימען שלאָס, גאַנוועט זיך אַף די שפּיץ פינגער אַרײַן אין גרויסן זאַל, כאָטש היטן האָט ער זיך ניט וואָס: דער פּאַטער שלאָפט בא זיך אין קאַבינעט און ווייסט אפילע ניט, צי דער זון איז די נאַכט אין דער היים ניט געווען. פאַר דער מוטער האָט ער ניט וואָס זיך אויסבאַהאַלטן...

ווען כאַיטמאַן האָט זיך דערוווּסט פון אַזעלכע הוליאַנקעס, פלעגן אין שטוב פּאַרקומען שרעקלעכע מאַכלויקעס. דער פּאַטער האָט איצט אונטערגעהאַלטן די טאַכטער בערטעטשקע.

— ס'איז מיר אַ ביזאָיען, — האָט זי געטײַנעט, — מײַנע כאַווערטעס סוידען זיך: מע זעט בענטשיקן אָפּט אַ שיקערן.

אַפן פּאַרוווּרף, האַלעמײַ קיילע גיט אים געלט, האָט זי געענטפערט, אַז זי גיט אים זײַן אָפּגעשפּאָרטס, און ביכלאַל איז גאָרניט שרעקלעך, אַז אַ קינד מאַכט זיך פריילעך.

איינמאָל האָט איזראַיל בענציאָנאָוויטש אַרײַנגערופן בענטשיקן צו זיך אין קאַבינעט, אים אוועקגעזעצט אַף דער קאַנאַפּע, לעבן זיך, אים דערציילט, ווי איינמאָל ווינטער האָבן אים געפּאַקט די דעניקינצעס, מע האָט אים פּאַרמישפּעט אופצוהענגען און גענייט אַליין זיך אַ טליע מאַכן. דאָס טעסען מיט דער האַק און דאָס זעגן מיט דער זעג איז שטאַרק געפעלן גע־וואָרן דעם אָפּיצער, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן מישפּעט.

— עד! ביסט דאָך אַ באַלמעלאָכע. סט'מיר פריער מײַן שליטן צורעכט מאַכן, און דערנאָך וועל איך דיך הענגען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

נאָר דעם שליטן האָט יִסראָליק געענדיקט צורעכט מאַכן, ווען די רויטע זײַנען צוריק אַרײַן און ער איז אַף דעם שליטן אוועק צו זיי.

בענטשיק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ פּאַרשעמטער, זיך געדרייט און איינ־מאָל אַ זאָג געטאָן:

— פּאַפּאַ, איך ווייס. צוליב וואָס דו זאָגסט מיר דאָס. ווילסט מיר אײַנריידן, אַז אַ מע־לאָכע קאָן ראַטעווען אַ מענטשן. אָבער איך קאָן ניט אַרבעטן, עס עקלט מיר. איך בין ניט געווינט.

איזראַיל בענציאָנאָוויטש האָט פּאַרשטאַנען, אַז אָנעמען צוואַנגס־מיטלען צו בענטשיקן קאָן ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפע. בלויז אַרבעט, אָן אַרבעט, וואָס זאָל אים פּאַרכאַפּן, קאָן אים אָפּקערעווען פונעם שעדלעכן וועג. נאָר ווי נעמט מען פאַר אים אַזאַ אַרבעט? ער האָט נאָכאַ־מאָל געקלונגען אין זאַוואָדן, לאַבאָראַטאָריעס, געבעטן ראַכמים אים העלפן ראַטעווען זײַן בעניאַכיד.

ס'האָבן זיך אָפּגערופן אַ סאַך גוטע מענטשן, געהייסן צושיקן דעם זון. יענער איז געגאַנ־גען, אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל צײַט און ווידער אַנטרונען געוואָרן.

איזראַיל בענציאָנאָוויטש האָט איצט געהאַט טײַנעס צו די גרעסטע פּעדאַגאָגישע אויטאָרי־טעטן — צו פּעסטאַלאָצין און אויך צו מאַקאַרענקאָן האָט ער געהאַט טײַנעס. יענער האָט זיך פּאַרנומען נאָר מיט היימלאָזע, און פּאַרוואָס האָט ער גאָרניט אָנגעשריבן וועגן אַזעלכע צאַצ־קעס, ווי זײַן זונדעלע? נאָר דאָס זײַנען נאַרישקײַטן, וואָס פּאַרא טײַנעס קאָן ער האָבן צו מאַקאַרענקאָן? צו יענער צײַט זײַנען אַזעלכע, ווי זײַן זון, גאָרניט געווען, און אויב זיי זײַנען געווען, זײַנען דאָס געווען קינדער פון נעפּמאַנעס און ספּעקוליאַנטן, און מאַקאַרענקאָן זײַנען זיי אין דער לינקער פּיאַטע ניט אָנגעגאַנגען. וואָלט איצט מאַקאַרענקאָ לעבן, וואָלט ער, מעג־לעך, גאָר אַנדערע פּרוּוון געמאַכט מיט אַזעלכע, ווי זײַן זונדעלע איז.

עמעס, איזראַיל בענציאָנאָוויטש האָט געטראַכט אויך וועגן דעם, פּאַרוואָס זאָל ער, דער דאָצענט, דער אָנפירער פון דער קאַטעדרע פון פּעדאַגאָגיק, אַליין זיך ניט פּאַרנעמען מיט פּרוּוון איבערדערצײַען פּוסטעפּאַסניקעס, פּוליאַקעס. אָט די געדאַנקען זײַנען פון אים ניט אָפּגעטראָטן ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט. נאָר פון וואָס הייבט מען אָן?

דער לעצטער בענטשיקס אופּטו — אַ הוליאַנקע אַפן בייס־האַקוואָרעס — האָט אַף אַ צײַט אוועקגעלייגט דעם פּאַטער אין שפּיטאָל.

ווי עס טרעפט אין שפּיטאָלן, ווערן ווילד־פרעמדע מענטשן נאָענט, ווי אייגענע, מע טיילט זיך איינער מיטן אַנדערן מיט די ליידן און פריידן, מע רעדט אויס דאָס האַרץ, און אַפילע דער, וואָס האַלט זײַן ווייטעק טיף באַהאַלטן, ווערט אָפּנהאַרציק און דערציילט אויס, וואָס בא אים

טוט זיך אַף דער נעשאָמע. איזראַיִל בענציאַנאָוויטש האָט אויך אויסדערציילט די צווײ שכיי־נים זײַנע פֿון דער פּלאַטע דאָס ביטערע האַרץ.

— יאָ,— האָט זיך אָנגערופֿן סעמיאָן קאַרפּאָוויטש, דער, וואָס איז געלעגן באַם פֿענצטער, א געוועזענער מאַיאָר מיט א פּאַרבליבענעם שפּליטער אין שאַרבן,— אוואַדע אַן אומגליק. שווער צו ריידן, קיין גרעסערע צאָרע קאָן גאָר ניט זײַן.

— איינער ווייגט, אַז די פּערל זײַנען אים שיטער, און א צווייטער, אַז דער זופּ איז אים ביטער,— האָט זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס דער צווייטער שאָכן זײַנער, דער געוועזענער פּאָלקאָווניק, אַבראַם מאָיִסײעוויטש קאַמינסקי, וועלכער איז געקומען היילן דעם דורכגעשאָ־סענעם האַלדז־און־נאַקן.— און איך וואָלט געוועזן גליקלעך, ווען מײַן אַראָנטשיק וואָלט כאָטש אַף מיליצעס געקאָנט אַרומגיין... ער האָט א טיפֿן זיפֿץ געטאָן און געגומען דערציילן.

געבוירן איז ער, אַראָנטשיק, אין יאָר פֿון דער מילכאָמע. דאָס ווײַב האָט זיך מיט אים עוואַקויִרט. פֿײַן, וויל, זיך געראַטעוועט פֿונעם סוינע. ער, קאַמינסקי, איז געווען איבערגליק־לעך. און אין א צײַט אַרום, ווען מע האָט שוין דעם סוינע אַרויסגעטריבן אויסער די גרענעצן פֿון סאָוועטנפאַרבאַנד, קומט אים אָן פֿון קאַזאַכסטאַן א בריוועלע: אַראָנטשיק איז געוואָרן שלאַף אַף פֿאָליִעמיליט און די פֿיסלעך האָבן זיך בא אים אָפּגענומען. און פֿאַרפֿאַלן, ביז הײַנ־טיקן טאָג...

דער געוועזענער פּאָלקאָווניק האָט זיך באמת אופֿהייבן דעם קאָפּ, נאָר ס׳האָט זיך גאָר־ניט באַקומען, און ער האָט בלויז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— איך וואָלט אַזאַ יאָט, ווי אייערן, אַלע טאָג אַרײַנגעצײלט פֿינף און צוואַנציק הייסע שמיץ, וואָלט זיך אים ניט געגלוסט הוליען אַפֿן בעסאַלמען!

א צײַט האָבן אַלע געשוויגן.

— ניין, קיין שמיץ וועלן שוין ניט העלפֿן,— האָט איבערגעריסן די שטילקײַט סעמיאָן קאַרפּאָוויטש,— עפּעס אַנדערש, עפּעס אַנדערש...

און מער האָט מען שוין אין יענעם טאָג ביכלאַל פֿון גאָרנישט ניט גערעדט.

צו איזראַיִל בענציאָנאָוויטשן אין שפּיטאָל איז קימאַט יעדן טאָג געקומען עמעצער פֿון זײַנע קאָלעגן. צוגלײַך מיט פֿרייד האָט ער אויך געהאַט פֿיל אָגמעסנעפֿעש. ער האָט זיך גע־שעמט קוקן מענטשן אין די אויגן אַרײַן.

בערטעטשקע, ווי נאָר זי האָט געהאַט א פֿרײַע מינוט, איז גלײַך געלאָפֿן צום פֿאָטער, אים אויסדערציילט אַלע געשעענישן. אין אַן אָפּרו־טאָג פֿלעגט זי ביכלאַל פֿון אים ניט אָפּטרעטן, זי פֿלעגט מיט די לערנביכער זיצן בא א טישל צווישן די ביימער, מאַכן די לימודים אָדער לייענען דעם פֿאָטער עפּעס אַן אינטערעסאַנטן אויסצוג פֿון א ביכל.

יעקאַטערינאַ וואָלפֿאָוונאַ איז בעפּיירעש א סאַך מאָל געקומען געווירע ווערן צום מאַן, נאָר יעדעס מאָל אונטערן אויסרייד, אַז ער, איזראַיִל, דאַרף גיין נעמען א פּראָצעדור, פֿלעגט זי אוועקגיין, און אָט אין איינעם אַן אינדערפֿרי, ווען ער האָט אַרומגעשפּאַצירט איבערן קאָ־רידאָר, האָט ער דורכן פֿענצטער באַמערקט בענטשיקן. יענער איז געשטאַנען לעבן א בוים, פּונקט אַזוי ווי צוריק מיט יאָרן אין געבורט־הויז, ווען ער, איזראַיִל בענציאָנאָוויטש, האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען דורכן פֿענצטער.

כאַיִטמאַן האָט ניט אויסגעהאַלטן, זיך א צי געטאָן צום פֿענצטער און אויסגעשריגן:

— בענטשיק!

נאָר דאָס פֿענצטער איז געווען צוגעמאַכט און דער זון האָט דעם רוף ניט געהערט.

א צײַט איז דער זון געשטאַנען און זיך געקווענקלט. ער האָט עטלעכע שפּאַן געמאַכט פֿאָרויס צום שפּיטאָל־צו, נאָר באַלד זיך אומגעקערט צוריק. אויך כאַיִטמאַן האָט עטלעכע מאָל זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, נאָר זיך צוריק אומגעקערט: ניין, ניין, ער טאָר איצט ניט. אַן אַנדערשמאָל.

אין אָט דעם טאָג האָבן זיי זיך טאַקע ניט באַגעגנט. און אַף מאָרגן און ווײַטער איז בענ־טשיק, צו כאַיִטמאַנס גרויס אַגמעסנעפֿעש, מער ניט געקומען.

נאָכן אויסשרײַבן זיך פֿונעם שפּיטאָל האָט איזראַיִל בענציאָנאָוויטש זיך גע׳אוועט אין אינסטיטוט און מיט שלאַבעריקע, דריבנע טריט, מיט א געבויגענעם רוקן אַרײַן צום רעקטאָר אין קאַבינעט. ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש האָט נאָר איין סעקונדע באַטראַכט דעם אַרײַנגעקומע־נעם, דערנאָך מיט אַלע זײַנע פֿופֿציק יאָר פֿלינק זיך א הייב געטאָן פֿון שטול, אַרויס אַנטקעגן איזראַיִל בענציאָנאָוויטשן, אים אָפּגעגעבן א ברייטהאַרציקן שאָלעם־אַליײכעם און אים באַגריסט מיטן געזונט ווערן. דער רעקטאָר האָט געגומען דעם גאַסט אונטערן אָרעם, אים צוגעפֿירט צו

א שטול און זיך אלץ־פאַרענטפערט, האַלעמײַ ער איז ניט געקומען אין שפּיטאָל זיך זען מיט אים: ער אַליין איז געווען ניט געזונט, די לעבער דערקוטשעט אָפּט.

ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש האָט א טאָפּ געטאָן דאָס אָרט, ווו עס טוט אים וויי, און זיך צע־שמייכלט.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט זיך אויך צעשמייכלט און מיט דאַנקבאַרקייט א קוק געטאָן אַפן רעקטאָר.

— איז ווען זשע טראַכט איזראַיל בענציאַנאָוויטש צוטרעטן צו דער אַרבעט? אָט־אָט הייבן זיך אָן די לימודים, — האָט ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש א קעם געטאָן די שוין גראָוולעכע האָר, וועלכע זײַנען געוואַקסן קימאַט פונעם מיטן שטערן.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש, ווי מע וואָלט אים אָנרירן א ווייטעקדיק אָרט, האָט א זיפץ געטאָן, אַרויסבאַקומען פון בוזעם־קעשענע א צוגעגרייטע מעלדונג, זי אַוועקגעלייגט אַפן טיש און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש האָט פרעגנדיק א קוק געטאָן אַף כאַיטמאַנען, גענומען אָנטאָן די ברילן און א זאָג געטאָן:

— איזראַיל בענציאַנאָוויטש, אויב איר נייטיקט זיך נאָך אין אָפּרו, איז ביטע...

נאָר ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פון דער מעלדונג, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אַפן אָנשפּאַר פון דער שטול און זיך גענומען טרייסלען פון געלעכטער:

— אַזוי, אַזוי, דאָס וונדעלע אַפן בייס־האַקוואַרעס, אָן אייביקע פּראָבלעם: עלטערן און קינדער. אײַ, עלטערן... אײַ, קינדער...

נאָר א ביסל זיך באַרויִקט פונעם געלעכטער, האָט ער געזאָגט:

— אויב אַנאַליזירן די אופטועכצן פון די קינדער און די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון די עלטערן, וואָלטן א סאַך עלטערן זיך באַדאַרפט זעצן אין טורמע. נאָר דאָס גליק איז אין דעם, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן אַזעלכס, וואָס קיין פּעדאַגאָג האָט עס ניט געקאָנט פּאָרויסזען אַלס היילמיטל. אָט די, דוכט זיך, פּאַרפאַלענע פּוסטעפּאַסניקעס, מערסטנטייל, פאַרשטייט זיך, אונטער דער ווירקונג פון אומגעריכטע פאַקטאָרן, וואַקסן איבער זייער ווילדקײַט. זיי ווערן אַליין עלטערן, גיבן איבער בעירושע א מין אימוניטעט צו אָט דעם שלאַפקײַט, אָדער, לע־כאַלהאַפּאַכעס, פאַרמאָגן געבנוג אייגענע דערפאַרונג אַף צו דערציִען זייערע קינדער.

ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש האָט אויסגעטאָן די ברילן, אָפּגערוקט די שטול און גענומען אַרומ־שפּאַצירן איבערן צימער, ווי ער וואָלט לייענען א לעקציע:

— זאָל נאָר דער הויכגעשעצטער דאָצענט זאָגן, ווען באַדאַרף דער זון זײַנער גיין אין אַרמיי? וואָס פאַר א שײַכעס עס האָט? א גרויסן שײַכעס. אָט אַזעלכע יונגע באָכערים מיט ברויזנדיקע נעשאָמעס האָבן אַף די פראָנטן באַוויזן העלדנטאַטן און געקומען אַהיים גאָר אַנ־דערע, גאַנץ רײַפע מענטשן.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— א סאַך מײַנען אַזוי. גיין אין אַרמיי באַדאַרף בענטשיק הײַנטיקס יאָר, אָבער האָפענונג אין פאַראַן זייער ווייניק. די פּעדאַגאָגיק זאָגט, אַז פון אַזעלכע איבערגעזעטיקטע לײדיקגייער וואַקסן קיין העלדן ניט אַרויס. פאַרקערט, דאָרטן, אין אַרמיי, ווערן זיי פּאַכדאָנים און ניי־טיקער.

ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש האָט איראָניש א פיר געטאָן מיט דער האַנט:

— די פּעדאַגאָגיק... אַלץ קאָן מען אויסטײַטשן, ווי עס לוינט. ווײַט דאַרף מען ניט גיין זוכן, מעגלעך, ווען איך זאָל צו יענער צײַט ניט געווען אוועק אַף מיליטער־דינסט, וואָלט איר דאָ געוויס געשמועסט איצט מיט אַן אַנדער רעקטאָר. ער, ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש, איז זיכער, אַז אויב מע וועט דעם בייס־האַקוואַרעסניק אַף א צײַט אָפּרײַסן פון זײַנע כאַווײרים, פון דער סוויווע, שאַפן א שטרענגע דיסציפּלין, איז ער זיכער, אַז דאָס אַלץ וועט פון זײַן טאַכשיט מאַכן א לײַט. וואָס איז שײַך דער מעלדונג, זאָל איזראַיל בענציאַנאָוויטש זי צערײַסן און צוטרעטן צו דער אַרבעט.

כאַיטמאַן האָט זיך אופגעכאַפּט פון שטול, ברייט צעעפנט די אויגן, זיך אײַנגעקוקט אינעם רעקטאָר, אים אויסגעשטרעקט די האַנט און מיט טרערן אין די אויגן א זאָג געטאָן:

— מעגלעך. א דאַנק.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָט געטראָגן דאָס מאַכלויקעס, וואָס איז פּאָרגעקומען צווישן דעם פּאַרפאַלק אין יענעם זומער. דאָס מאָל שוין ניט איבער בענטשיקן. בענטשיק איז שוין דעמלט אין דער היים ניט געווען, געדינט אין פלאָט. דאָס מאָל איז דאָס מאַכלויקעס פּאָרגע־קומען איבער בערטעטשקען.

ווען בערטעטשקע האָט פֿאַרענדיקט די שול, האָט די מוטער זיך גענומען באַרימען פֿאַר אַדעליע אַרנאַלדאָוונען, אירער אַ כאַווערטע, אַז מע לאָזט זיי ניט רוען — מע קלינגט פֿון אַלע אינסטיטוטן, יעדערער בעט זי צו זיך. און וואָס איז דער כידעש, זי איז דאָך אַזאַ קראַסאַוויצע — פּונקט אַזאַ, ווי זי, קיילע, איז געווען מיידלווײַז. און מאַטעמאַטיקע ווייסט זי, ווי אַ וואַסער. אָט די, ווי הייסן זיי דאָרט, די איקסן מיט די איגרעקן, זײַנען מיט איר אַ גאַנצער שמעלקע. אָך איר טוען זיי קיין טראָט ניט: אַן אינזשעניער־סטראָיטעל וויל זי זײַן, זאָגט זי.

— זאָל אײַך וווּל באַקומען, זאָל אײַער בערטעטשקע געזונט זײַן, — האָט אַדעליע אַרנאַלדאָוונע געשמייכלט. — מײַן פּימקע זוכט טאַקע אַן אינזשעניער. וואָס זשע, ער איז אַ שפּעטנער באַכער? ער איז דאָך עפּעס אַ טאָוואַראָוועד, פֿאַרענדיקט דעם האַנדלס־טעכניקום, פּירט דאָס גאַנצע אייסעק אין דער פּאָטרעבקאָאָפּעראַציע. אַלע טעלעוויזאָרס, אַלע כאָלאָדילניקעס מיט אַלע טעפּיכער גייען דורך זײַנע הענט. טאָמער וויל זי, יעקאַטערינאַ וואַלפֿאָוונאַ, עפּעס באַקומען אָדער בײַטן דעם טעלעוויזאָר, איז ביטע — די גאַנצע קאָאָפּעראַציע איז פֿאַר איר אָפֿן.

נאָר בערטעטשקע האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער פּלאַן. נאָכדעם ווי זי האָט מיטן פֿאָטער געהאַט אַ לאַנגן שמועס, האָבן זיי באַשטימט, אַז זי גייט אַרבעטן אין אַ בוי־אָרגאַניזאַציע, גיט אָפּ די דאָקומענטן אין הינטער־אויגיקן אינסטיטוט, און ערשט אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום וועט זי אַוועק אין אַ סטאַציאָנאַרן אינסטיטוט.

קיילע האָט געזאָגט, געוויין אויסער־זיך. קריגערײַען זײַנען פֿאַרגעקומען באַטאָג און באַנאַכט.

וואָס הייסט, איר קינד וועט גיין קנעטן ליים און אַרבעטן מיט דער קעלניע! בערטעטשקע איז דאָך קימאַט אַ פּראָפֿעסאָרס אַ טאָכטער! וואָס טראַכט ער זיך, דאָס מאַנדעלע אירס. מע וועט זי דאָך, די פּראָפֿעסאָרשע, אויסלאַכן, און וואָסער יינגל וועט וועלן אוכאַזשעווען נאָך אַזאַ מיידל?

נאָר קיילען האָט גאָרניט געהאָלפֿן. איזראַיל בענציאָנאָוויטש און בערטעטשקע זײַנען באַשטאַנען אויף זייערן.

געוווינט האָט די פֿאַמיליע אויף צווייטן שטאָק פֿון אַ פּירשטאָקיק הויז, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן „דאָס הויז פֿון דער פּראָפֿעסור". די קוואַרטיר איז באַשטאַנען פֿון פֿינף צימערן, פֿון אַ גרויסן הויכן פּירעקיקן זאַל מיט קינסטלעריש געקלעפּטע קאַרניזן און געמאָלטע ווענט און סטעליעס. דער גאַנץ געראַמער שלאָפֿצימער האָט מיט זײַנע צוויי פֿענצטער אַרויסגעקוקט צו אַ סקווער. דער עס־צימער איז געווען ווי אַ גרויסער האַלבקײַלעך, די וואַנט — אײַנגאַנצן אַ גלעזערנע, אַ מין לאַמטערן. פֿונדאַנען האָט מען געזען אַ סאַך רוישיקע גאַסן און אַפֿילע אַ שטיק יאַם. אַלע שיפֿן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעקומען אָדער אַרויסגעגאַנגען פֿון שטאָט, האָט מען געקאָנט איבערציילן. דער צימער, וואָס האָט זיך אַמאָל אָנגערופֿן „דער קינדער־צימער", איז אויך געווען אַ היפּשער, דאָ האָבן אַ סאַך יאָרן זיך געפֿונען דער ברודער מיט דער שוועסטער. נאָר זינט בערטעטשקע האָט זיך אָנגעהויבן אָנפֿילן מיט מיידלשאַפֿט, האָט מען בענטשיקן פֿונדאַנען געבעטן מעכילע, און קיין באַשטימט אָרט האָט ער שוין ניט געהאַט. אייגנטלעך, האָט ער זיך אין דעם ניט גענייטיקט, ווײַל לאַנג זיצן אָף איין אָרט האָט ער ניט געהאַט קיין געדולד. און צום סאָף, דער פֿינפֿטער צימער — דעם דאָצענטס קאַבינעט. כוץ דעם, האָט די דירע פֿאַרמאָגט אַן אַלקערל פֿאַר דער טויבער קרוווע, ציפּע, וועלכע האָט מיטגעהאָלפֿן קיילען פּירן די באַלעבאַטישקײַט. אויך אַ גרויסאַרטיקע קיך און אַלע באַקוועמלעכקײַטן, אין וועלכע אַ מענטש קאָן זיך נייטיקן.

דעם דאָצענטס קאַבינעט איז געווען גאַנץ באַשיידן אויסגעשטאַט. דאָס איז געווען אַ צימער מיט צוויי פֿענצטער, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ שטיל געסל. בײַ איין וואַנט איז געשטאַנען אַ קאַנאַפּע. געדעקט מיט אַ טונקעלער צעראַטע. אַ גרויסער אַרבעטס־טיש מיט שרײַב־געצײַג, ביכער און זשורנאַלן. אויף דער וואַנט, איבער דער קאַנאַפּע, זײַנען געהאַנגען עטלעכע פּאָרטרעטן פֿון באַוווּסטע פּעדאַגאָגן. לעבן דער אַנדערער וואַנט איז געשטאַנען אַ סטאָליער־ווערקשטעל. אויף דער וואַנט לעבן דעם ווערקשטעל — אַ ספּעציעלע פּאָליצע מיט געצײַג: אַ זעג, הובלס, דאָלאָטעס, סטאַמעסקעס, האַמערס און אַן עלעקטריש איי־ווועלע אויף צעוואַרעמען קליי. קימאַט אַלע טאָג האָט איזראַיל בענציאָנאָוויטש אָנגעטאָן דעם פֿאַרטעך און זיך געשטעלט צום ווערקשטעל „אויסגלײַכן די ביינער", ווי ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן. אַרבעט האָט זיך געפֿונען. כוץ דעם, וואָס ער האָט פֿאַרן אייגענעם געברויך געמאַכט אַלערליי שאַפֿקעלעך, טאַבורעטקעס, האָט ער נאָך בײַ די שכיינים פֿונעם הויף אויסגעקליאַנטשעט עפּעס אַרבעט. מע האָט אָפּטמאָל געקאָנט זען איזראַיל בענציאָנאָוויטשן מיט דער זעג און מיטן הובל פּראָוון אַ פּרעמדע טיר אָדער אַ פֿענצטער.

דאָס אַרומיקע יונגוואַרג פֿלעגט פֿרײַ אַרײַנגײן אין זײַן וואַרשטאַט. קײן שום קלאַפּן, זאָגן און הובלען האָבן ניט געשטערט כאַיִטמאַנען זיך גרײטן צו די לעקציעס. — זעגן און הובלען, — פֿלעגט ער זאָגן, — איז אַזאַ מוזיק, אין װעלכן מײַנע געהירן און געשאָמע נייטיקן זיך זייער.

אויך איבער דעם פֿלעגט אַפּטמאַל אויסברעכן אַ קריגערײַ צווישן איזראַיל בענציאָנאָ־וויטשן און יעקאַטערינאַ וואַלפֿאָוונאַ. סע איז איר אַ ביזאָיען, — האָט זי געטײַנעט, — זי איז קימאַט אַ פּראָפֿעסאָרשע, און דער מאַן גייט אַרום בעטן אַרבעט אין די הײַזער, ווי גלײַך ער וואָלט שטאַרבן פֿופּצן מאָל אַ טאָג פֿון הונגער. און די קינדער, וואָס שליאַנדערן זיך אַהער, טראָגן די בלאָטע אין שטוב אַרײַן. אַזוי אַז איזראַיל בענציאָנאָוויטש האָט געמוזט עפּענען אַ באַזונדערן אַרײַנגאַנג צו זיך גלײַך פֿונעם פֿאָדערהויז.

כאַיִטמאַנען האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז אַלץ ווערט שטילער, גלאַסענער. עמעס, פֿון בענטשיקן קומען זייער זעלטן אָן בריוו. דערפֿאַר דערהאַלט ער בריוו פֿון בענטשיקס קאָמאַנ־דיר, מיט וועלכן איזראַיל בענציאָנאָוויטש שרײַבט זיך די גאַנצע צײַט איבער. יענער לאָזט וויסן, אַז בענטשיק איז ווי אַ נאַראָוויסטע פֿערד הינטער אַ באַרג: אָדער ער שלעפּט ווי צען רוכעס, אָדער ער בונטעוועט זיך און באַקומט אַפּטמאַל צו עטלעכע מעסלעס האָופּטוואַכטע. נאָר ער האָפֿט, דער קאָמאַנדיר, אַז פֿון בענטשיקן וועט סאָפּקאָלסאָף ווערן אַ מענטש.

בא בערטעטשקען איז אויך אַלץ געוועזן אין אָרדענונג. זי האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן דער אַרבעט. ס'איז איר געפֿעלן געוועזן די פּראָפֿעסיע און דער אינסטיטוט. נו, און קיילע? זי איז אויך געוואָרן שטילער, זי האָט זיך געגומען פּוצן: געקרײַזלט די האָר, אונטערגעהאַלטן די מאָדע. עמעס, פֿון מאָל צו מאָל האָט זי געמאַכט גוואַלדן, האַלעמײַ אין שטוב. כאַפּט זיך אַפּט־מאָל אַרײַן אַרקאַדי בעלאָוס, בערטעשטשקעס בריגאַדיר, ניט געוואָלט לײַדן, וואָס זיי שפּאַ־צירן, גייען אין טעאַטער. נאָר אין אַלגעמײַן האָט דער דאַצענט אָנגעהויבן פֿרײַער אָטעמען. אפֿילו פֿאַרטראַכט אָנשרײַבן אַ ווערק אַף דער טעמע: „שאָלעם־באַיִס אַלס פֿאַקטאָר אין פּע־דאַגאָגיק”. נאָר ניין, ס'איז ניט באַשערט געוועזן כאַיִטמאַנען רויק צו לעבן.

אין איינעם אַ שיינעם פֿרילינגדיקן טאָג קומט אָן אַף כאַיִטמאַנס נאָמען אַ בריוו פֿון אַמע־ריקע בעזוּר־האַלאָשן:

„ליבע און טײַערע שוועסטער קיילע און הויכגעשעצטער שוואָגער ייִסראָליק! לעבט גליק־לעך צוזאַמען מיט אײַערע ליבע קינדער. צום אַלעם ערשטן וויל איך אײַך לאָזן מעלדן, אַז איך און עוועלין, דאָס הייסט מײַן ווײַב כאַווע, און מײַנע קינדער און אייניקלעך וווינען אין אַמעריקע און מיר זײַנען אַלע, גאָט צו דאַנקען, אָלרײַט, גיב גאָט דאָס זעלבע פֿון אײַך צו הערן, אָמיין סעלאַ. צווייטנס, וויל איך אײַך לאָזן וויסן, אַז שוין לאַנגע יאָרן זוך איך אײַך אַרום. שוין געמיינט, אַז מע האָט אײַך דאָרט אַלע אויסגעהאַרגעט, נאָר פֿון כאַשמאַנקע האָט מען מיר געהאַט געענטפֿערט, אַז דאָרטן האָבן די דײַטשן טאַקע אַרויסגעפֿירט אַלע ייִדן אין דער לינעשטשע און זיי דאָרטן צעשאָסן, נאָר אַז איר זײַנט צווישן זיי ניט געווען, מאַכמעס איר זײַנט נאָך צוריק מיט יאָרן אַרויסגעפֿאָרן פֿון דאָרט, אָבער וווהין ווייסן זיי ניט. און בלויז נאָכדעם, ווי אַ ניו־יאָרקער אָפּיס האָט בא מיר צוגענומען אַ שיינע מאַטמוינע, אַ קרענק זיי אין די זײַטן, האָבן זיי אײַך אופֿגעזוכט און מיר געלאָזט וויסן, אַז איר וווינט טאַקע אין אָדעס, און אַז איר האָט צוויי בייביס, אַ באָי מיט אַ גיירל, אַז ייִסראָליק איז קימאַט אַ פּראָ־פֿעסאָר. פֿאַרשטיי איך עפּעס ניט, וואָס עס באַטײַט, מאַכמעס אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין סטאָליערס קיין פּראָפֿעסאָרן.

און איצט וועל איך אײַך אײַנקורצן באַשרײַבן מײַן לעבן אין אַמעריקע. איך וווין אין דער קאַנטרי, אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון ניו־יאָרק, האָב מיר מײַן אייגן ביזנעס. איך מאַך אויפּעס. מײַנע הינער און מײַנע אייער שעמען אַף גאַנץ ניו־יאָרק. עמעס, עס זײַנען דאָ גרעסערע קאָנאַקערס פֿון מיר, וואָס ווילן מיך אײַנשלינגען, נאָר ווען די מאַמע מאַלקע און דער זיידע איצי־מוישע יאָקלס שטייען אוף און טוען אַ קוק אַף דער כאַדגאַדיע הינער, וואָס דרייען זיך אַרום אַפֿן הויף, וואָלטן זיי שוין מער שטאַרבן ניט געוואָלט.

און נאָך קאָן איך אײַך שרײַבן, מײַן ליבע שוועסטער און מײַן טײַערער שוואָגער, אַז איך האָב זיך יענע וואָך אַרײַנגעשטעלט אַ קאַסטן גאָלדענע ציין, און אַז מײַן עוועלין האָט זיך פֿאַרגלוסט ווערן אַ לעדי, דאָס הייסט זי האָט געוואָלט ווערן דאַר, האָט זי זיך געלאָזט מאַכן אַן אָפּעראַציע און מע האָט איר פֿונעם בויך אויסגעשניטן צען פֿונט שמאַלץ. און נאָך וויל איך אײַך שרײַבן, אַז מײַנע צוויי באָיעס האַלטן אין ניו־יאָרק אַ בילליאַרד בעשוטפֿעס, נאָר סע גייט זיי מיט דער פֿוטער אַראָפּ און נאָך אַ היגדל קומט מען אָן צום טאַטן. און צום סאָף וויל איך אײַך לאָזן מעלדן, מײַן ליבער שוואָגער ייִסראָליק און טײַערע שוועסטער קיילע, אַז מירצע־

שעם נאָך שוועס טראַכט איך מיט מײַן ווײַב מאַכן אַ רײַזע קיין ראַסיי זיך זען מיט אײַך און איבערװעגס זיך אָראָפּכאַפּן קיין כאַשמאַנקע אַף קיווער־אָװעס. אויב ייִסראַליק װיל, װעל איך צושיקן געלט צושטײַער, און לאָז ער צו יענער צײַט מאַכן דער מאַמען אַ נײַע מאַצייווע, אַזוי װי ער קען. און אַז איך װעל קומען, װעל איך אײַך אַלעמען ברענגען פּרעזענטן, און דיר, מײַן ליבע שוועסטער, װעל איך ברענגען אַזעלכס, װאָס דו האָסט זיך אַפילו אין כאָלעם ניט געריכט.

נו, מער האָב איך אײַך ניט װאָס צו שרײַבן. פאַרבלײַבט געזונט און גליקלעך, פון מיר, אײַער געטרײַען ברודער לאָזער. אַ ליבלעכן גרוס פון מײַן ליטוועטשקע, עווע־לין, און פון מײַן גאַנץ הויזגעזינד. אַדיע״.

אָט דער בריוו איז געוועזן די סיבע פון נײַע מאַכלויקעס. דער דאָצענט כאַיִטמאַן האָט געלאָזט וויסן דער פּרוי זײַנער, אַז דער געטרײַער ברודער אירער לאָזער מעג זיצן מיט זײַנע היגער און מיטן גאָלדענעם קאַסטן צײַן דאָרט, װו מע קען אים, אין אַמעריקע, און אויב ער װיל מאַכן אַ רײַזע קיין ראַסיי, לאָז ער זי מאַכן, נאָר צו זיי האָט ער ניט װאָס צו קומען. און אויב ער װיל יאָ קומען, זאָל זי, קיילע, די ליבע שוועסטער, לאָזן וויסן באַצײַטנס דעם ליבן ברודער אירן, אַז ער זאָל ניט דערוועגן איבערטרעטן די שוועל פון זײַן, איזראַיִל בענציִאָנאָ־וויטשעס, שטוב, ווײַל ער האָט מיט אים, מיט לאָזערן, אַן אַלטן כעזשבן, װאָס קאָן ברענגען צו אומאָנגענעמלעכקײַטן.

דאָס האָט אויפגעבראַכט יעקאַטערינאַ וואַלפּאָוונען און, ווי ס׳וואָלט אויסגעבראָכן אַ וואול־קאַן, האָט זי געגומען שיטן אַפּן מאַן פעך און שוועבל.

— וואָס זשע, — האָט זי געשריגן, — ווו שטייט עס געשריבן, אַז דערפאַר, װאָס איר ברוי־דער האָט אַ שאָק מיט יאָרן צוריק אָנגעזעצט דער סאָוועטסקי וולאַסט עטלעכע קראַפּוצן, טאָר ער ניט קומען זיך זען מיט אַ שוועסטער? ניין, זי וועט לויפן צום רעקטאָר, זי וועט פרעגן מענטשן, האַיִטאַכן!

אין שטוב האָט ווידער אָנגעהויבן זידן. קיילע האָט זיך געטשעפּעט צו יעדער מינדסטער זאַך, געזוכט מיטלען אַף דערצאָרענען די בניי־באַיִס: קוים האָט זי דורכן פענצטער דערזען, אַז קינדער גייען צום מאַן, האָט זי זיי דורכגעטריבן. פיל מאָל אָפּגענאַרט אַרקאַדי בעלאָוסן, אַז בערטעטשקע איז ניט געזונט און וועט אין ערגעץ ניט גיין. די ווײַטע קרויווע, די טויבע ציפע, האָט אַף די אויגן זיך ניט געטאָרט ווײַזן. אַפילו דאָס שטילע ווײַסע קעצל, אַז עס האָט דער־הערט דער באַלעבאָסטעס טריט, האָט זיך עס באַהאַלטן אונטער דער קאַנאַפּע.

מיט איזראַיִל בענציִאָנאָוויטשן האָט קיילע ביכלאַל אופגעהערט צו ריידן. און אויב זי האָט שוין יאָ גערעדט, האָט זי זיך געווענדט צו אים אין דער דריטער פּערזאָן, ווי לעמאָשל:

— ער, איר מאַנדעלע, מעג הײַנט גיין שלאָפן צו זיך אין קאַבינעט. דער קאָפּ טוט איר ווי, און זי קאָן ניט לײַדן, ווי ער כראָפּעט. אָבער לאָז ער מאָרגן אַרויסנעמען געלט פון דער שפּאָרקאַסע, מאַכמעס זי האָט זיך שוין צונויפגערעדט מיט באַלמעלאָכעס אַף צו מאַכן אַ נײַעם טראַפּאַרעט, אַזאַ ווי בײַ אַדעליע אַרנאַלדאָוונען.

איזראַיִל בענציִאָנאָוויטש האָט אויסגעפּילט אַלע אירע קאַפּריזן, געליטן און געשוויגן.

דעמלט האָט זי זיך דערטראַכט: אַוועקשטעלן דאָס עסן אַפּן טיש, ווי זי וואָלט זאָגן: „נאַ, פרעס״, און אַליין זיך באַהאַלטן אין צווייטן צימער און געקוקט דורכן שלאָס־לעכל, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס מאַכט אַפּן מאַן.

און דאָ, קאָן מען זאָגן, האָט קיילע דערגרייכט איר ציל. דעמלט טאַקע האָט געטראָפן דער צופאַל מיטן קאָפּוואָרפעניש בײַ איזראַיִל בענציִאָנאָוויטשן, און בערטעטשקע האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט.

דעם גאַנצן סאָף טאָג און ביז שפּעט אין דער נאַכט איז דעמלט בערטעטשקע ניט אָפּגע־טראָטן פונעם פאָטער. זי האָט זיך צוגעזעצט צו אים און מיט באַגײַסטערונג אים דערציילט, ווי גליקלעך זי איז, וואָס זי אַרבעט אַף אַ בויונג. אָט נעכטן האָט זי אַ גאַנצן טאָג אַף דער אַרבעט געזונגען. דאָס געזאַנג האָט זיך בײַ איר פאָשעט געגאָסן פונעם האַרצן. און וויִאַזוי זאָל זי ניט געווען זינגען, אַז פאַר אַזאַ קורץ שטיקל צײַט האָט זי אָפּגעגעבן עקזאַמען און באַקומען דעם פּערטן ראַזריאַד. דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג איז זי געקומען ווי אַ שילערין, אַלץ האָט זיך איר אויסגעוויזן ניט דערגרייכבאַר, אַלץ איז בײַ איר געפאַלן פון די הענט, נאָר דער קאָ־לעקטיוו האָט זי אַזוי האַרציק אופגענומען, און דער בריגאַדיר...

דאָס מיידל האָט צוגעזשמורעט די אויגן און זיך צעשמייכלט:

— נעכטן גייט צו אַ יונג פּאַרפּאָלק צו דער בויונג און ביידע שרײַען צו מיר אַרוף, צום פערטן שטאָק: „היי, מאַכט עס גיכער, ניטאָ קיין געדולד צו וואַרטן, מיר דאַרפן גיין אין זאַגס!״

נאָר מיטאמאָל, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנען, איז דאָס מיידל אומעטיק געוואָרן, גענומען פלעכטן אירע לאנגע צעפּ און מיט אַ ציטעריקער שטים אַ זאָג געטאָן:

— עך, ווען די מאמע זאָל דאָס פאַרשטיין...

דעם בריוו, אַף וועלכן איזראַיִל בענציאַנאָוויטש האָט אזוי לאנג געוואַרט, האָט בערטעטשקע אים הײַנט דערלאנגט, בײַס ער איז געקומען פון אינסטיטוט. שוין פיר כאַדאָשים, אז ניט פון בענטשיקן און ניט פון זײַן קאָמאנדיר איז ניט געווען קיין אײַנגעטונקטע פּען. בענטשיק האָט געשריבן, אז פיר כאַדאָשים זײַנען זיי געווען אויסער די גרענעצן, אַרומגעפאָרן מיט פרײַנטלעכע וויזיטן פון איין האַפן אין אנדערן, אויסגעווען קימאַט אַלע סאָציאַליסטישע לענדער. ס'איז אויך אויסגעקומען צו זײַן אין אייניקע קאַפּיטאַליסטישע פאָרטן. ער האָט געזען אַזעלכעס, וואָס האָט זיך אים קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט. ער האָט געזען מענטשן אויסגעצערטע, הויט און ביין, קויטיקע, באָרוועסע, אין טראַנטעס אַף די קרעציקע לײַבער, וועלכע זײַנען גרייט פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער פאַר אַ מאַטבייע אָפּטאָן די שווערסטע ארבעט. דאָרט האָט ער געזען דעם כילעק פון די, וועלכע קומען אין ראַטנפאַרבאַנד אַף עקסקורסיעס און שטעלן זיך אָפּ אין די בעסטע האָטעלן, און זייערע אָרעמע לאַנדסלײַט באַ זיי אין דער היים. נאָך האָט בענטשיק געשריבן, אז צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָט די קאָמאַנדשאַפט אים אַרויסגעטראָגן אַ דאַנק פאַר גוטער דינסט.

כאַיִמאַנס אויגן זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן פון פרייד. מיט אימפּעט איז ער אַוועק צו קיילען און אַף אַ קאָל נאַכאַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו:

— אָט זאָל זי, יעקאַטערינא וואַלפאָוונא, זען, וואָס הייסט דערציִונג, וואָס איז אַזוינס מיליטער־דיסציפּלין: ער, כאַיִמאַן, האָט ערגעץ באַגעגנט אין די ווערק פון אַ באַוווּסטן פּעדאַגאָג, אז דיסציפּלין דערציט אויך דעם מענטשנס גײַסט, זײַן וועלט־אָנשויונג.

איזראַיִל בענציאַנאָוויטש האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ווײַב, וועלכע איז אַ שטרענגע און ברוגעזע געשטאַנען לעם שפּיגל און זיך געשמירט די האָר מיט עפּעס אַ שמירעכץ. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אז איצט וואָלט ער געווען איבערגליקלעך, ווען קיילע זאָל אים ניט דערגיין די יאָרן מיט אירע קליינבירגערלעכע זיטן, אים ניט מעווײַעש זײַן פאַר מענטשן. ער האָט איר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אז כאָטש ער האָט אַזויפיל יאָרן פון איר געהאַט גרויסע ביזיוינעס און געליטן פּיל שמערצן, האָט ער דאָך ער קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן פאַרלאָזן זי, ער האָט אַלץ געטאָן צוליב שאָלעם־באַיִס.

ער האָט געמאַכט אַ שפּאַן, געפרוווט אָנעמען די פּרוי פאַר דער האַנט, נאָר זי האָט מיט קאַס זיך אַרויסגעריסן — לאָז ער זי ניט טשעפּען. ער האָט זי סײַווי ניט ליב. ער מיינט, אז מיט אָט די כאַניפעלעך וועט ער זי קויפן, זי אײַנשפּאַנען, ווי מע האָט איר זונדעלע דאָרט, אַפן יאַם, אײַנגעשפּאַנט? שטייט, נעבעך, באַנאַכט איינער אליין אַפן יאַם, ווי אַ סטרוזש. דיסציפּלין, דיסציפּלין! לאָז ער, איר מאַנדעלע, וויסן, אז זי שטאַמט פון די קורעלאַפּניקעס, זי איז אַ פרײַער פויגל, און קיינער וועט זי ניט אײַנשפּאַנען.

באַ איזראַיִל בענציאַנאָוויטשן האָט דער קאָפּ זיך געטאָן אַ וואָרף, נאָר ער האָט באַוויזן אָפּגיך אַרײַנכאַפּן אין מויל אַרײַן אַ פּיל און איז אַרויס פון צימער.

אין איינעם אַ שיינעם זומערדיקן טאָג קומט אָן אַף כאַיִמאַנס נאָמען אַ טעלעגראַמע. שײַעך צו זאָגן, ווען איזראַיִל בענציאַנאָוויטש זאָל געווען באַקומען אָט די טעלעגראַמע, וואָלט דער קאָפּ באַ אים געוויס געווען אַוועק אין אַ טאַנץ, נאָר דאָס גאַנצע גליק איז געווען, וואָס די טעלעגראַמע האָט אָפּגענומען די טויבע ציפּע און די באַלעבאָסטע איז אין שטוב ניט געווען.

ווען בערטעטשקע איז געקומען פון דער ארבעט, האָט איר ציפּע דערלאנגט די טעלעגראַמע. דאָס מיידל האָט זי דורכגעלייענט און מיט עקל אַ וואָרף געטאָן דאָס פּאַפּירל, ווי גלײַך אַ שפּין אָדער אַ מויז וואָלט איר אַף די הענט אַרויף. פון די פּילצאַליקע סיכסוכים צווישן די עלטערן האָט זי, בערטעטשקע, גוט געקענט דעם פעטער אירן, לאָזערן, וועלכער האָט אַ גרויסן כײַלעק אין די לײַדן פון איר פאָטער. לעכאַטכילע איז איר דורך אַ געדאַנק, אז זי זאָל אינגאַנצן ניט אָפּגעבן די טעלעגראַמע דער מוטער, נאָר באַלד געביטן איר מיין. זי וועט די טעלעגראַמע אָפּגעבן, זאָל זי, די מאַמע, פאָרן, נאָר זי וועט הײַנט מיט איר האָבן אַן ערנסטן שמועס. זאָל זי וויסן, אז אויב זי ברענגט אַראָפּ דעם ברודער אירן, קאָן עס קאָסטן דעם טאַטן דאָס לעבן. דעמלט וועט זי, בערטע, זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון איר, פון דער מאַמען, און אַוועק פון דער שטוב. און זאָל זי ניט מיינען, אז בענטשיק וועט זי שוינען. בענטשיק איז איצט שוין ניט דער, וואָס איז געווען.

אף מאָרגן, נאָך דעם ווי קיילע האָט ארויסגענומען פון שפּאַרקאַסע דאָס גאַנצע געלט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, און אײַנגעקויפט, לויט איר פאַרשטאַנד, די געהעריקע מאַטאַנעס, איז זי ארויסגעפלויגן קיין מאָסקווע.

א צײַט האָט מען אין שטוב גאָרנישט ניט געהערט פון דער באַלעבאָסטע. קיין אײַנגעטונקטע פען, קיין שום יעדיִע. מעגלעך, אז בערטעטשקעס וואָרענונג איז געווען די סיבּע דערפון. איזראיִל בענציִאַנאָוויטש, כאָטש ער איז געווען קעגן דער גאַנצער מײַסע מיטן פאָרן קיין מאָסקווע, האָט דאָך ניט אויסגעהאַלטן און אָנגעשריבן אין האָטעל „אינטוריסט", זיך נאָכגעפרעגט אפן ווײַב. פון דאָרט האָט מען געענטפערט, אז לאָזער מיט זײַנע אייגענע זײַנען שוין לאַנג ארויסגעפאָרן פון מאָסקווע.

מיט יעדן טאָג איז כאַיִטמאַן געוואָרן אַלץ אומרויִקער. נאָך דעם ווי ער האָט זיך געהאַלטן אָן אייצע מיט דער טאָכטער, האָט ער אָנגעשריבן א בריוו קיין כאַשמאַנקע. פון דאָרט האָט מען אויך געענטפערט, אז נאָך צוריק מיט א וואָך זײַנען קיילע מיט איר ברודער געווען אין כאַשמאַנקע, אָפּגעווען א טאָג און אוועקגעפאָרן.

טיף אין מויעך איז בא איזראיִל בענציִאַנאָוויטשן אדורך א ווידערשפעניקער געדאַנק: עפּשער איז ער ניט גערעכט דערמיט, וואָס ער האָט זיך קעגנגעשטעלט לאָזערס אראָפּקומען קיין אָדעס? פאַרקערט, זאָל ער, לאָזער, געוועזן קומען צו אים אין שטוב, זען, ווו ער לעבט און וויִאַזוי ער לעבט. זאָל ער, ווען ער וועט קומען צוריק קיין אַמעריקע, דערציילן, וויִאַזוי אין ראַטנפאַרבאַנד קאָן פון א סטאָליער־יונג ווערן א געלערנטער.

נאָר א צווייטער געדאַנק האָט זיך קעגנגעשטעלט: לאָזער איז אַזא טיפּ, וואָס וועט אַף טאָג זאָגן נאַכט און אַף ווײַס — שוואַרץ. זאָל ער, לאָזער, בעסער זײַן ווײַט אָפּגעשיידט. אָבער ווו איז קיילע? פאַרוואָס לאָזט זי פון זיך גאָרניט הערן? עפּשער איז זי אין וועג קראַנק געוואָרן אָדער כאַלילע אומגעקומען? נאָר זיך אַליין בארויִקט: ווען עס טרעפט מיט איר עפּעס, וואָלט מען אים צו וויסן געגעבן.

אין א כוידעש אַרום האָט יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ זיך אומגעקערט. א צוגעפּודערטע, מיט אָנגערויטלטע באַקן, אָנגעטאָן אין א מאָדנער שטרויענער שליאַפּע און אין א ליכטיקן טײַערן מאַנטל. אין האַנט האָט זי געהאַלטן א רעגנצל און זייער עס אָפּגעהיט, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, עס זאָל זיך אופרײַסן. זי האָט זיך מיט קיינעם ניט געגריסט, נאָר באַפוילן דער טויבער ציפּע ארויס נאָך אירע זאַכן, און איז אוועק צו זיך אין שלאָפצימער.

ווען די אַלטיטשקע האָט זיך א לאָז געטאָן אין דרויסן, איז איזראיִל בענציִאַנאָוויטש, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען פון דער ארבעט, איר פאַרלאָפן דעם וועג און ארײַנגעטראָגן די פּעק.

אין שטוב האָט ער א צײַט געטראַכט און סאָפּקאָלסאָף זיך געלאָזט מיט די זאַכן צום שלאָפצימער.

יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ איז איצט, ווי דעמלט, ווען ער איז צו איר ארײַן מיט בענטשיקס בריוו, געשטאַנען קעגן שפּיגל. ווי איר וואָלט געווען דרײַסיק יאָר, האָט זי קאָקעטיש אויסגעטאָן די מאָדנע שליאַפּקע און צוגעגלעט די אומגעלומפּערט פאַרקעמטע האָר.

יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ, כאָטש זי האָט אים גאַנץ גוט געזען אין שפּיגל, האָט זיך ניט געריִרט פונעם אָרט און זיך געטאָן דאָס אייִקע.

איזראיִל בענציִאַנאָוויטש איז איבערגעטראָטן פון איין פוס אפן צווייטן, דערנאָך דרייסט א שפּאַן געטאָן פאָרויס און זיך ווידער אָפּגעשטעלט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ווי א שילער, וואָס פאַרלירט זיך, ניט געוווסט פון וואָס צו אָנהייבן. קיילע האָט איראָניש און גיפטיק אונטערגעשמייכלט און ניט אופגעהערט זיך פּוצן.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געשריבן? — האָט איזראיִל בענציִאַנאָוויטש סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאַלטן און נאָך א שפּאַן געטאָן פאָרויס.

— וואָס זשע, דו האָסט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך מיר? — האָט יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ זיך האַסטיק א דריי געטאָן און פאַרלייגט די הענט אף די היפּטן. — האָסט מיך שטאַרק ליב, קענסט אָן מיר ניט לעבן? וואָס זאָל איך דיר געווען שרײַבן, אז מײַן ברודער, וועלכן דו האָסט אזוי געוואָלט זען, האָט א כוידעש צײַט מיט מיר זיך געניאַנטשעט, ווי מיט א קליין קינד, אויסגעווען מיט מיר א וועלט, מיך געפירט אין די בעסטע קוראָרטן, געהאָדעוועט מיט די בעסטע מײַכאָלים.

— וואָס זשע, ביסט דען קיינמאָל אין קיין סאַנאַטאָריע ניט געווען? — האָט כאַיִטמאַן באַמערקט.

— אויך מיר קוראָרטן — לערמאָנטאָווקע, ארקאַדי, קויאַלניק, — האָט קיילע זיך צעהיצט. — אָט סאָטשי, גאַגרע. באָדסט זיך אָפּ אין מאַצעסטע־וואַנע, ווערסטו יונג און פריש. די קניִיטשן

אויפֿן פּאָנעם פֿאַרשווּנדן... אַפֿילו לאָזער האָט געזאָגט, אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ אַזעלכע קוראָרטן מיט אַזעלכע וואַנעס. הײַנט די רעסטאָראַנען! — קײלע האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי אַן אויסגעדרעסירטע אַפּיציאַנטקע, זיך פֿאַרנײגט פֿאַרן מאַן: — „פּליעס, מיסטער, וואָט דו יו וואַנט?”. אָ, נײן, כ׳וועל שוין ניט זײַן אַזאַ נאַר. כ׳וועל, אימירצעשעם, אַלע יאָר פֿאָרן אַהין, אויף די קוראָרטן.

איזראַיִל בענציאָנאָוויטש האָט ווידער איבערגעטראָטן פֿון אײן פֿוס אויפֿן צווײטן און טיף אַ זיפֿץ געטאָן.

— וואָס זיפֿצט ער אַזוי, איר מאַנדעלע? — האָט קײלע זיך אָפּגערופֿן. — עפּשער האָט ער אַ פֿאַרדראָס, האַלעמײַ איר ברודער איז קײן אָדעס ניט פֿאַרפֿאָרן זיך זען? ער וואָלט געוועזן אַראָפּגעפֿאָרן, נאָר דאָס ביזנעס, די הינדעלעך, — האָט ער געזאָגט, — וועלן נאָך אים בענקען. נאָר אַ מאַטאָנע האָט ער סײַווי געשיקט. — קײלע איז צו צום טשעמאָדאַן, מיט ראַש אים אויפֿגעעפֿנט, אַרויסגעכאַפּט פֿון דאָרט אַן אַלטמאָדישן זײגער מיט אַן אָפּגעגילדט קײטל און אונטערגעטראָגן דעם מאַן: — נאַ, נעם, לאָזער האָט געזאָגט, אַז ער קאָסט גאַנצע צען דאָלאַרן, און אָט די בראַסלעטן האָט ער געשיקט בערטעטשקען.

איזראַיִל בענציאָנאָוויטשן איז ניט גוט געוואָרן, און ווי עמעצער וואָלט אים פּלוצעם אַ רוף געטאָן, האָט דער קאָפּ זיך בײַ אים אַ וואָרף געטאָן. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אָפּגעגיך אָנגעהויבן זוכן די פּילן און איז אַרויס פֿונעם שלאָפֿצימער.

אויף מאָרגן האָט קײלע זיך אויפֿגעכאַפּט מיטן טאָגליכט, אײַנגעשלאָסן די שײַן און אַ קוק געטאָן צום רענצל, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש. אַ צופֿרידענע איז זי אַראָפּ פֿונעם בעט, אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך דעם שלאָפֿראָק און אַוועק אין וואַנע־צימער. נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אײַנגעוואַשן און געמאַכט דעם טואַלעט, האָט זי זיך אָפּגיך אָנגעטאָן, געכאַפּט דעם קאָשעק, פֿאַרשלאָסן די טיר פֿונעם שלאָפֿצימער און איז אַוועק פֿון שטוב.

אומגעקערט האָט זיך יעקאַטערינאַ וואָלפֿאָוונאַ ערשט אַרום אַ האַלבן טאָג. אין די הענט

האָט זי געהאַלטן אַ ווײַסע הון, וועלכע האָט אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, ווי זיך געבעטן ראַכמים, מע זאָל זי צעבינדן.

די באַלעבאָסטע האָט באַפוילן דער טויבער ציפּע ברענגען דעם מעסער, אָפּגיך צעבונדן די הון. די הון האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און מײַסע גאַסט זיך געגומען אַרומקוקן, ווו זי איז אין דער וועלט.

קיילע האָט געהייסן אַרײַנטראָגן פון קיך די גרויסע זיפּ, אַרויסבאַקומען פונעם קאָשעק אַ זשמוט מיט פריש היי, אויסגעבעט די זיפּ, צוגעגאַנגען צום רענצל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, זייער געהיט עס אויפגעעפנט. מיט טרייסלענדיקע הענט האָט זי אָנגעהויבן אַרויסבאַקומען קליינע פּעקלעך. פון יעדן פּעקלע האָט זי אַראָפּגענומען עטלעכע שיכטן ווייך גראַפירט פּאַפיר, אַ שיכט וואַטע, און ערשט דערנאָך האָט זיך פון דאָרט באַוויזן אַן איי, אַ פּאָשעט הינערש ווײַס איי. אויף יעדן איי איז געשטאַנען אַ שטעמפּל.

יעדער איי האָט זי זייער געהיט אײַנגעמאָסטעט אין דער זיפּ. אַזאַ מין אָפּעראַציע האָט זי דורכגעמאַכט צוועלף מאָל. לויט דער אַמעריקאַנער צאָל איז דאָס אַ דאָזן, אַ טוץ הייסט דאָס, ווײַל אין אַמעריקע פאַרקויפט מען אייער אויפן טוץ, ניט אויפן צענדליק.

ווען קיילע איז געוואָרן פאַרטיק מיטן אויסמאָסטען די אייער, האָט זי די זיפּ אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, זי פאַרשטעלט מיט אַ שירמע, דערנאָך געכאַפּט די הון, זי לאַנג געגלעט איבערן קעפּל און גערעדט צו איר, ווי מע רעדט צו אַ מענטשן:

— און איצט, טײַערע מײַנע, זאָלסטו וויסן זײַן, אַז דו האָסט די זכיה צו זיצן אויף אַמעריקאַנער אייער, אויסוואָרעמען הינדעלעך און פאַרלענגערן אונדזער דאָר קורעלאָפּניקעס.

די הון האָט אַ קוואָקע געטאָן, ווי זי וואָלט זאָגן, אַז זי וועט איר כּיוון אויספילן, זיך אַ ציִ געטאָן צו די אייער, מיט כשאַד אַ קוק געטאָן אויף די מאָדנע שטעמפּלעך, אַ צײַט זיך געקווענקלט און מיט אַ קרעכצן זיך באַזעצט אויף דער נאַסידעלע.

די טויבע ציפּע, וועלכע האָט די ערשטע זיך דערוווּסט פונעם גאַנצן סאָד מיט דער מאַטאָנע, וואָס קיילע האָט באַקומען פונעם ברודער, האָט מיט איר פּאָשעטן מויעך ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט אָט די אייערדיקע מאַטאָנע צו קיילעס כאַראַקטער. פּונקט ווי זי האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט אַ שטיקל דראָט, אַז מע טשעפּעט עס צו צו אַ קוימען, שלינגט עס אײַן אַ דונער, אָדער צו אַ טראָפּן קאַמפער, אַז מע שפּריצט אים אַרײַן אַ גויסעס, פאַרטרײַבט ער דעם מאַלעכאַמאָוועס. ניסים־וועניפלאָעס! קיילען האָט מען ווי איבערגעביטן. זינט זי האָט אַוועקגעזעצט די קוואָקע אויף די אייער, איז זי אַן אַנדער מענטש געוואָרן. אויפגעהערט שרײַען, זיך זידלען. ציפּען רופט זי מער ניט „אַלטער שקראַב” אָדער „טויבער מאַלעך”. גאַנצע טעג איז קיילע געזעסן לעבן דער קוואָקע, זי ניט אָפּגעלאָזט פונעם אויג. ווען דער הון פלעגט אָנהייבן בריִען און זי פלעגט אַראָפּ פון דער נאַסידעלע מיט אַ געשריי און געפילדער, זיך אַ ביסל אָפּקילן, פלעגט קיילע, ווי אַ געטרײַע באָבע, איר אונטערטראָגן אַ טרונק וואַסער, אויסשיטן פּראָסע אָדער פּאַפּשויעס, זי בעטן:

— טרינק, נארישע, טרינק, איך ווייס, אַז סע בריט דיך. עס, עס, וועסטו קויעך האָבן איבערצוטראָגן.

עס פלעגט אָפּטמאָל טרעפן, אַז די קוואָקע האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט און בעשום־אויפן ניט געוואָלט זיך צוריק זעצן אויף די אייער, דעמלט איז קיילע געוואָרן אויסער־זיך.

— האיטאָכן? — פלעגט זי טײַנען. — גאַזלענטע, ווילסט מיך אומגליקלעך מאַכן. קריך אַרוף, בעט איך דיך, קריך, טײַערע, די אייער וועלן פאַרקילט.

צו ציפּען פלעגט זי איצט ניט שרײַען, קעדיי ניט שרעקן די קוואָקע, איר אַלצדינג ווײַזן אויף שטומלאָשן אָדער אויפן ווונק, און יענע האָט געדאַנקט גאָט פאַר דעם כעסעד, וואָס ער טוט מיט איר.

צו בערטעטשקען איז די מוטער ווידעראַמאָל גוט געוואָרן, ווײַל ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָט זי זיך מיט איר צעקריגט, האַלעמײַ בערטע האָט זיך אויסגעלאַכט פונעם פּעטערס מאַטאָנע און אָפּגעגעבן די בראַסלעטן ציפּען. אַפילע אַרקאַדי בעלאָוס האָט אויך באַמערקט, אַז יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. נעכטן, ווען זי האָט אים דורכן פענצטער באַמערקט גיין, איז זי אַליין געלאָפן אים באַגעגענען און מיט ביז גאָר אַ העפלעכן טאָן אים פאַרבעטן אין שטוב אַרײַן.

שוין אָפּגערעדט פון איזראַיל בענציאָנאָוויטשן. ער, אַלס פּעדאַגאָג און פּסיכאָלאָג, האָט געהאַט אַלע מעגלעכקײַטן צו באַאָבאַכטן אַ פּסיכאָלאָגישע דערשײַנונג און עס אויסגעטײַטשט לויט זײַן אייגענעם פאַרשטאַנד. אַזוי ווי יעדער זאַטער און באַגרענעצטער מענטש זוכט עפּעס אַן אינטערעס אין לעבן, איינער האָדעוועט קעץ, אַ צווייטער הינט, אַזוי אויך זי, קיילע. און

דאָס, וואָס זי האָט זיך גראָד גענומען צו אויפעס, איז אין דעם גאָר קיין וווּנדער ניט, מאַכמעס דער ברודער אירער האָט געוויס דערוועקט אין איר די אַלטע פאַמיליען־קרענק. איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט גלײַך אויפן צווייטן טאָג נאָך איר אַהיימקומען דערהערט אין שטוב אַ קוואָקען און אַפילע זיך צעבייזערט, נאָר באַמערקנדיק קיילעס פאַרענדערונג צום בעסערן, האָט ער זיך באַטראַכט, אַז די קוואָקע קאָן אַמאָל זײַן אַ מיטל צו שאָלעם־באַיִס.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט גאָר ניט געקאָנט כוישעד זײַן, אַז די אייער, אויף וועלכע סע זיצט די קוואָקע, זײַנען אַמעריקאַנער, ווײַל פון דעם סאָד האָט נאָר געוווּסט ציפּע, און זי האָט דעם סאָד נאָר פאַרטרויט בערטעטשקען. בערטע האָט שטרענג געוואָרנט, אַז דער פאָטער טאָר פון דעם בעשום־אויפן ניט וויסן.

איין זאַך האָט אין קיילעס פלוצעמדיק שטיל ווערן געשראָקן כאַיִטמאַנען: צי איז זי באַ אַלע געדאַנקען, צי האָט זי עפּעס ניט גענאַשט פון איר פאָטער וועלוועלען, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שווײַגער און דערנאָך געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון גײַסטיק קראַנקע. נאָר אויף מאָרגן האָט ער געהאַט די מעגלעכקײַט זיך איבערצײַגן, אַז זײַן פרוי איז באַם פולן געדאַנק. דער מאָרגעדיקער טאָג איז געווען זונטיק, דער זעקסטער טאָג, זינט קיילע איז אַהיימגעקומען. נאָר אָט די אַלע טעג, כאָטש זי האָט געהאַט וויכטיקע גענג צו מאַכן אין שטאָט, איז זי דאָך פון שטוב ניט אָפּגעטראָטן, מאַכמעס זי האָט אַלץ מוירע געהאַט, עס זאָל עפּעס, כאָלילע, ניט געשען. נאָר ווען זי האָט זיך איבערצײַגט, אַז די קוואָקע איז צוגעוואַקסן געוואָרן צו די אייער, אַז מיט קיין אָפּצוועגנעס וועסטו זי ניט אָפּרײַסן, האָט יעקאַטערינאַ וואָלפאָוונאַ באַשטימט זיך דורכגיין אין שטאָט.

נאָך באַנאַכט, בייס קיילע האָט זיך דורכגעוואָרפן פונעם שלאָף, האָט זי זיך צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן אויפן קומענדיקן טאָג. צום אַלעם ערשטן באַדאַרף זי צוגיין צו דער מאַניקיורשע, דערנאָך צו דער פּריוואַטער מאַסאַזשיסטקע, מאַכמעס אַ נײַער קנייטש האָט זיך איר געיאַוועט אויפן שטערן. פון דער מאַסאַזשיסטקע וועט זי צוגיין אין „אינדפּאָשיוו”, זיך באַשטעלן אַ פּאָר טופליעס מיט לאַנגע נעז, ווי איר אַמעריקאַנער שוועגערן טראָגט. וואָלט איר שוועגערן געטראָגן אַ נײַן־און־דרײַסיקטן נומער, וואָלט קיילע געקאָנט באַ איר צונאַשן אַ פּאָר טופליעס, נאָר די צאָרע, וואָס עוועלין טראָגט אַן איין־און־פערציקטן אָדער טאַקע אַ גאַנצן צוויי־און־פערציקטן נומער.

— אַ פוס, ווי באַ אַ העלפאַנד, — האָט זי זיך געקלאָגט פאַר ציפּען, — מע זאָל באַהיט ווערן!

און נאָכן „אינדפּאָשיוו” דאַרף זי צוגיין צו איסאַק באָריסאָוויטשן, געוווירע ווערן, וואָס הערט זיך מיטן טעלעוויזאָר־קאָמבײַן.

אין יענעם אינדערפרי האָט קיילע לאַנג זיך געדרייט לעם שפּיגל, בעשום־אויפן זיך ניט געקאָנט צוקלײַבן קיין קלייד, אויף שטומלאָשן זיך אַפילע געצײַטעט מיט ציפּען, און ווען זי איז סאָפקאָלסאָף פאַרטיק געוואָרן מיטן טואַלעט, איז זי צו צו דער קוואָקע, זי גענומען גלעטן, אײַנריידן, זי זאָל זיך פירן לײַטיש, און אויב זי וועט וועלן אַראָפּ פון דער נאָסידעלע, זיך אַ ביסל אָפּקילן, זאָל זי זיך לאַנג ניט אַרומדרייען. ציפּען האָט זי אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל די קוואָקע ניט אַרויסלאָזן פונעם אויג.

שוין לאַנג האָט איזראַיל בענציאַנאָוויטש ניט האַנאָע געהאַט פון קיין אָפּרו־טאָג, ווי הײַנט. נאָך אינדערפרי האָט אַ כאָפּטע כעוורע באַמערקט, אַז די באַלעבאָסטע איז פון שטוב אַוועק, און מע איז אַרײַן צו אים אין קאַבינעט. אַלע האָבן אים אין איין קאָל אײַנגעלאַדן אין הויף אַרײַן. זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָרט געפינען זיך שוין ברעטער, דראָנגען און קאָלערליי מאַטעריאַלן, און איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט זיי שוין לאַנג צוגעזאָגט העלפן אוועקשטעלן אין הויף אייניקע ספּאָרט־אײַנריכטונגען, ווי, לעמאָשל, אַ טיש אויף שפּילן אין טעניס, אַ באַסקעטבאָל־פּלאַץ.

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ זוניקער. דער גרויסער הויף, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט צעוואַקסענע אַקאַציע־ביימער, איז געווען פול מיט געפילדער פון קינדער. ווער ס'האָט זיך געיאָגט נאָך אַ פּילקע, ווער ס'האָט זיך געשפּילט אין „קאַץ און מויז”, און ווער ס'איז געגאַנגען אויף די הענט. פון די באַלקאָנען און פון די פענצטער האָבן עלטערן געקוקט אין הויף אַרײַן, ווי אויף אַ גרויסער נעסט. געקוקט מיט נאַכעס, ווי זייערע פייגעלעך שטיפן, זינגען, שפּילן זיך. אַ צעראַשטער און טיף גערירטער, איז איזראַיל בענציאַנאָוויטש געגאַנגען אין דער אַרומרינגלונג פון אָט דער לוסטיקער כעוורע, אים האָט זיך דערמאָנט זײַן יוגנט.

לאַגבוימער איז אַמאָל געווען דער גליקלעכסטער טאָג באַ די כאַשמאַנקער קינדער. זיי פלעגן אַרויס אויסער דעם שטעטל אין פרײַען פעלד, זיך געקאַטשעט אין מעכײַעדיק שמעקנ־

4—1782

דיקן גראָז, געשפּרונגען איינער איבערן אנדערן, אויסגעזוכט קוויטן, געשמעקט און געשמעקט אָן אַ שיר, ווײַל ביז דעם צווייטן לאַגבוימער האָט מען באַדאַרפט וואַרטן אַ גאַנץ יאָר... איז אַ שאָד, וואָס ער, ייִסראָליקל בענציעס, איז ניט געבוירן געוואָרן מיט פופציק יאָר שפּע־טער. נאָר וואָס רעדט ער אַזעלכע נאַרישקייטן! ווען ער און נאָך אַזעלכע, ווי ער, זאָלן געווען געבוירן ווערן מיט פופציק יאָר שפּעטער, וואָלטן איצט, מעגלעך, אָט דאָ ניט אַרומגעטאַנצט די דאָזיקע גליקלעכע קינדער.

איזראַיל בענציאָנאָוויטש האָט באַטראַכט דעם פּלאַץ, זיך געייִצעט מיט די קינדער, ווי וואָס אוועקשטעלן. אויסגערעכנט, וואָס פּאַרא צוגאַב־מאַטעריאַלן און וואָסער געצײַג מע באַ־דאַרף, איז ער מיט עטלעכע כעוורע אוועק אַהיים, אַלץ געגומען, און אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן שוין אַ צענדליק יאַטן אונטער זײַן אָנפירונג געגראָבן גריבער, געטעסעט דרענגלעך, אַרײַנגעקלאַפּט צוועקעס. צוגעמאָסטן, אויסגעגראָבן, איבערגעאַרבעט און נאָכאַמאָל פאַרגראָבן. איזראַיל בענציאָנאָוויטש, אָנגעטאָן אין זײַן ספּעצאָווקע, איז מיט אַ וואַטערפּאַס אין די הענט אַרומגעגאַנגען צווישן די כעוורע, פון מאָל צו מאָל פאַרשאַרט זײַנע בלאָנד־גראָװע האָר, וואָס זײַנען אים געפאַלן איבער די ברילן. אַלעמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אָן אַנדער כעווי־רעמאַן און געייִצעט, וואָס מע באַדאַרף טאָן. מיט פאַרגעניגן צוגעקוקט, ווי די יאַטן אַרבעטן מיט געשמאַק.

נאָר אָט האָט כאַיִטמאַן באַמערקט אַ כעווּרעמאַן פון אַ יאָר פופצן אין אַן אָנצוגל פון גע־קעסטלטן שטאָף, ער איז געשטאַנען אין שאָטן, צוגעשפּאַרט צו אַ בוים, און גערייכערט אַ ציִ־גאַר. ער האָט אויך באַמערקט, ווי יענער האַלט אַ פּולע זשמעניע מיט שטיינדלעך און פון מאָל צו מאָל וואַרפט ער אין עמעצן אַ שטיינדל.

באַ איזראַיל בענציאָנאָוויטשן האָט זיך דער קאָפּ אַ וואָרף געטאָן אַף אַ זײַט, נאָר ער האָט זיך באַלד באַהערשט. ער איז צוגעגאַנגען צום יאַט און העפלעך געפרעגט, פאַרוואָס ער נעמט ניט קיין אָנטייל אין דער אַרבעט.

— זאָלן נאַראָנים אַרבעטן, און קלוגע וועלן זיך באַנוצן מיט זייער אַרבעט, — האָט דער יאַט כוצפּעדיק געענטפערט.

— און אויב די, וואָס אַרבעטן, וועלן ניט לאָזן זיך באַנוצן מיט זייער מי?

— אַהאָ! — האָט דער יאַט אַ דראַע געטאָן מיטן פויסט און אַ שפּײַ געטאָן דורך די ציין.

איזראַיל בענציאָנאָוויטש האָט זיך דאָ אָפּן אָרט געוואָלט דערוויסן, ווער איז ער, דער יאַט, ווער זײַנען זײַנע עלטערן? לאָזט זיך אויס, אַז דעם יאַטס עלטערן זײַנען געוויינלעכע האַרעפּאַשניקעס. די מוטער אַרבעט אין אַ ביבליאָטעק, דער פּאָטער איז אַ נאַרמירראָוושטשיק אַף אַ זאַוואָד. און נאָך האָט ער זיך דערוווּסט — דאָס באַכערל איז פון אַ צווילינג. דער ברוי־דער זײַנער לערנט אויסגעצייכנט, יענער איז טאַקע דער איניציאַטאָר פון אָט דער גאַנצער בויונג אַפּן פּלאַץ. דער קאָפּ האָט ווידער באַ כאַיִטמאַנען זיך אַ וואָרף געטאָן: וואָס טוט זיך עס דאָ? אָט דער צופאַל מיטן יאַט וועט, מעגלעך, צעשטערן דעם גאַנצן פּלאַן פון זײַן נײַער אַרבעט, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט צו שרײַבן אַף דער טעמע „יערושעדיקייט און פּעדאַגאָ־גיק". ווי איז דאָס מעגלעך? ביידע ברידער זײַנען אויסערלעך ענלעך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, אײַן דערציִונג, און דאָך גאָר אַנדערע כאַראַקטערן. אָט דער צופאַל האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פּלאָנטער, אַ כאַאָס אין זײַנע געדאַנקען. ביזן סאָף טאָג, דאָס הייסט, ביז די קינדער האָבן פאַר־ענדיקט די אַרבעט, איז איזראַיל בענציאָנאָוויטש אַרומגעגאַנגען אַ צעשטרייטער. כאָטש ער האָט געגעבן אָנווייזונגען, געענטפערט אַף פראַגן, אַליין געמלאָכעוועט, נאָר ניט געקאָנט און ניט געוואָלט מאַסקים זײַן מיט דער נאַטור, וואָס וואַרפט אַרויס אַזעלכע לעפּישע שפּיצלעך.

און דאָך איז דער הײַנטיקער טאָג געווען באַ אים אַ טאָג פון פרייד, אַפילע אַף צולאָכעס דעם, וואָס דאָס ווײַב זײַנס האָט אים דאַפקע געוואָלט פאַרוויסטן די פרייד זײַנע. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער נאָך אין פאָדערהויז דערהערט קיילעס מײַנעלאָשן. זי האָט געשאָלטן, געשריגן, געשאָטן פעך און שוועבל:

— ראָצכים, ראַזבאָיניקעס, מענטשן קאָנען לעבן, זיך דרייען, זאָלן זיי זיך דרייען, וועמעס אײַסעק איז דאָס?

באַ כאַיִטמאַנען האָט אַ פּלאַטער געטאָן דאָס האַרץ: וואָס האָט געקאָנט געשען? ער האָט צוגענומען דאָס געצײַג באַ די כעוורע, וועלכע האָבן עס אים געהאָלפן אַהיימטראָגן, שטילער־הייט זיך אַרײַנגעשמוגלט אין קאַבינעט, נאָר אינסטינקטיוו זיך אַ וואָרף געטאָן אַף צוריק. באַ אים אַף דער קאַנאַפּע זײַנען געזעסן, צוגעטוליעט איינס צום צווייטן, בערטעטשקע און אַרקאַדי בעלאָוס. אַרקאַדי האָט געהאַלטן אין די הענט עפּעס אַ מאָדנע אַלטע טאַבאַקערקע מיט אַ ציִ־גײַער־שפּיץ, בערטעטשקע האָט געלייענט אַ בריוו, און ביידע האָבן געשמאַק געלאַכט. באַ־

מערקנדיק כאַטמאַנען, האָט ארקאַדי מאַשינעל זיך אופגעכאַפּט. א פאַרלוירענער האָט ער גע־נומען זיך גלעטן די האָר און צורעכטמאַכן דעם שניפּס.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט זיך העפלעך געגריסט און געבעטן, אויב ס׳איז ניט קיין סאָד, דערציילן די סיבע פונעם געלעכטער.

בערטעטשקע האָט א טאַנצנדיקע אונטערגעטראָגן דעם פּאָטער דעם בריוו מיט דער טאַבאַקערקע.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט אָנגעטאָן די ברילן און גענומען לייענען. שוין פון די ער־שטע שורעס האָט באַ אים אפן גוטמוטיקן פּאָנעם זיך צעשפּרייט א שמייכל, און וואָס ווײַטער, איז דער שמייכל איבערגעגאַנגען אין א געלעכטער, אזוי, אז די אַקסל האָבן זיך אים גע־טרייסלט. איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט געלייענט וואָרט באַ וואָרט, אלעמאָל אראָפּגענומען די ברילן, זיי אויסגעווישט, קעדיי די אויסיעס זאָלן זײַן דײַטלעכער. בענטשיק האָט געשריבן, אז הײַנט איז באַ אים א פרײלעכער טאָג. דער אינדערפרי האָט זיך באַ אים אָנגעהויבן מיט פּאַרמעסטונגען אין אונטערוואַסער־ספּאָרט. ער און נאָך איינער א כאַווער האָבן באַקומען דאָס ערשטע אָרט, און מע האָט זיי באַלוינט מיט גראַמאָטעס. נאָך מיטיק האָט ער אָפּגעגעבן דעם לעצטן עקזאַמען פאַר דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע פון די צוגרייטונגס־קורסן. בענטשיק בעט, מע זאָל אים ארויסשיקן זײַן „אַטעסטאַט זרעלאָסטי”, ער וויל אוועקשיקן די דאָקומענטן קיין לענינגראַד אין יורידישן פאַקולטעט. פון אופרעגונג זײַנען באַם פּאָטער פול געוואָרן די אויגן מיט טרערן פון גליק.

ווײַטער האָט בענטשיק געשריבן:

„טײַערע מאַמאַטשקע! איך שיק דיר אָפּ דעם פּעטער לאַזערס מאַטאָנע — די טאַבאַקערקע מיטן ציגאַר־שפּיץ, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, ווײַל איך נייטיק זיך שוין מער ניט אין דעם. איך האָב שוין לאַנג געוואָרפן דאָס רייכערן. כוץ דעם, האָבן אלע מײַנע כאַווײרים זיך אויס־געלאַכט פון אָט דער אמעריקאַנער מאַטאָנע. זיי האָבן געזאָגט, אז זי האָט אפילע ניט ווערט א פּירער אין א גוטן מאַרק־טאָג. און ביכלאַל באַדאַרף איך ניט דעם פּעטערס מאַטאָנעס, זיי זאָלן אפילע די ווערט האָבן א מיליאָן. זאָלן זיי בעסער געבן וואָס אָפּצועסן זייערע אָרעמעלײַט. דעריבער וויל איך דיך בעטן, טײַערע מאַמאַטשקע, אויב מע קאָן, זאָלסטו אָפּשיקן אָף צוריק די טאַבאַקערקע מיטן ציגאַר־שפּיץ, און טאָמער קאָן מען ניט, זאָלסטו אָפּגעבן אָט די מאַטאָנע דעם אופראַמער, דעם אלטן סאָוועןן...”

ארקאַדי, וועלכער איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען און געשמייכלט, האָט איצט, ווען דער געלעכטער איז אײַנגעשטילט געוואָרן, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט די הענט. ער האָט פאַרגעזעצט אונטערצײַען דעם שניפּס, גלעטן די האָר, אלעמאָל געוואָרפן א בעטנדיקן קוק אָף בערטען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן, אז ער פילט זיך דאָ אין קאַבינעט עפּעס ווי ניט קיין געבעטענער גאַסט.

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט באַמערקט ארקאַדיס פאַרלעגנהײַט און זיך צו אים געווענדט:

— ווי געפעלט דיר עפּעס אָט די מאַטאָנע, האַ?

— וועער ווייסט, — האָט ארקאַדי זיך א קעם געטאָן די האָר מיט אזא אימפּעט, ווי א שטו־רעמווינט וואָלט זיי צעשויבערט. נאָר בערטעטשקע האָט אים ארויסגעפירט פון דער פאַרלעגנ־הײַט.

— א גאַר וואַזשנע מאַטאָנע, פּאַפּאָטשקע, — האָט זי זיך אָנגערופן, — א טײַערע מאַטאָנע האָט אונדז בענטשיק געשיקט, אָט דעם בריוו...

— יאָ, קינד מײַנס, א טײַערע מאַטאָנע, — האָט כאַיטמאַן צוגעגעבן.

ערשט ווען בערטע מיט ארקאַדין זײַנען אוועק, האָט איזראַיל בענציאַנאָוויטש אראָפּגע־וואָרפן די ספּעצאַוקע, זיך צוגעזעצט צום טיש און פונדאָסנײַ גענומען לייענען בענטשיקס בריוו.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט איזראַיל בענציאַנאָוויטש אָנגעקלאַפּט אין טיר צום ווײַב אין שלאָפּצימער. יעקאַטערינאַ וואַלפאָוונאַ, וועלכע איז געלעגן אָף א נידעריקער מאָדערנער קאַ־נאַפּקע מיט אַן ארומגעבונדענעם קאָפּ, האָט זיך אופגעכאַפּט און זיך א לאָז געטאָן צום מאַן.

— אָט וועער איר זײַנט, — האָט זי געשריגן, — מע נעמט און מע ארעסטירט מענטשן, פאַר־וואָס? אײַנזעצן א טאַטן מיט א זון דערפאַר, וואָס זיי קאָנען לעבן, מוטשען זיך ניט איבער א גראָשן!

איזראַיל בענציאַנאָוויטש האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל.

— מינאַסטאַם האָבן זיי עס פאַרדינט.

— פאַרדינט? איז זאָל ער, איר מאַנדעלע, וויסן, אז זי האָט פאַרן פאַרן קיין אָדעס געגעבן אָט די לײַט אן אדערוף אָף א טעלעוויזאָר „קאָמבײַן”, און דאָס געלט איז פאַרפאַלן!

אָט די נײַס האָט בא איזראַיִל בענציאָנאָוויטשן אַרויסגערופן אַ שטאַרק געלעכטער. ער האָט זיך דערמאָנט אין הערשעלע אָסטראָפּאָליער: ווען מע האָט יענעם אָנגעזאָגט, אַז זײַן שטוב ברענט, האָט ער זיך צעלאַכט און געענטפערט: „נישקאָשע, דערפאַר וועלן די וואַנצן אויך פאַרברענט ווערן".

איזראַיִל בענציאָנאָוויטש איז צוגעגאַנגען צום ווײַב און זי גענומען באַרויִקן:

— זאָל זי, יעקאַטערינאַ וואַלפאָוונאַ, זיך ווינציקער נעמען צום האַרצן איבערן אַרעסט פון די שווינדלער. זייער אָרט איז שוין לאַנג אין טורמע. וואָס איז שײַעך דעם שאָדן, דעם אָדרויף, וועט ער, איזראַיִל בענציאָנאָוויטש, דערפאַר איר דערלאַנגען אַ מאַטאָנע, וואָס האָט די ווערט מער פון אַ מיליאָן טעלעוויזאָרס.

און ער האָט איר דורכגעלייענט בענטשיקס בריוו, אַרויסלייגנדיק דערבײַ אַפן טיש די טאַבאַקערקע.

קיילע האָט פון אומדערוואַרטקייט זיך אַ וואַקל געטאָן. דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן. זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער טאַבאַקערקע, אַפילו זי אַ נעם געטאָן אין די הענט, צי עס כאַלעמט זיך איר ניט.

פּלוצעם האָט זי אָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ברודערס מאַטאָנע, פאַרבראָכן די הענט און זיך אַ וואַלגער געטאָן אַף דעם קאַנאַפּקעלע מיט אַ געוויין:

— שוין, איך האָב שוין איצט קיינעם ניט. אַלע זײַנען קעגן מיר. מענטשן לעבן, מע פאָרט אַף מאַשינעס, מע האָט נאָכעס פון קינדער, מיידלעך האָבן כאַסענע פאַר פּראָפעסאָרן, גענע־ראַלן, און זי, מײַן טעכטערל, האָט זיך אַרײַנגעלאָזט עפּעס אין אַן אַרקאַשקע, אַ היץ, אַ סטראַזשטעלי!

די קוואָקע, ווי זי וואָלט מיטפּילן דער באַלעבאָסטע, האָט זיך פּלוצעם אַ ריס געטאָן פון דער נאָסידעלע און מיט אַ געפּילדער גענומען אַרומלויפן איבערן צימער, נאָר קיילען האָט עס ניט געקימערט, זי האָט פאָרגעזעצט וויינען און קלאָגן זיך.

איזראַיִל בענציאָנאָוויטש איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער, אַף קיין טרערן האָט ער זיך ניט געריכט. עפּעס געדענקט ער ניט, אַז קיילע זאָל וויינען. נאָר שאַט, ער האָט זיך דערמאָנט. זי האָט געוויינט, ווען פון וואָיענקאָמאַט איז אָנגעקומען אַ יעדיִע, אַז ווילי איז פאַרפאַלן געוואָרן און מע ווייסט ניט, ווו ער איז.

כאָיִטמאָן האָט זיך איצט ווידער אײַנגעקוקט אין ווײַב, געוואָלט זיך דערקונדיקן, וואָס פאַרא טרערן דאָס זײַנען, און בעשום־אויפן ניט געקאָנט קומען צו קיין באַשלוס. דאָס זײַנען געווען ניט קיין נויט־טרערן, מאַכמעס זי האָט זיך אין גאָרנישט ניט געניייטיקט. דאָס געזונט איז בא איר אויך געווען אין פולער אָרדענונג. ער האָט אויך ניט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס אומקערן זיך פון דער טאַבאַקערקע זאָל באַם ווײַב אַרויסרופן אַזעלכע ביטערע טרערן. כאָיִטמאָן האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ שפּיץ קאַנאַפּע לעם קיילען.

— אַדראַבע, זאָל זי זאָגן, וואָס פעלט איר?

קיילע האָט זיך אַ רוק געטאָן, דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז איזראַיִל בענציאָנאָוויטש זאָל זיך באַקוועמער אַוועקזעצן, און כליפּענדיק באַמערקט:

— איך בענק נאָך עפּעס און וויל אַזוי לעבן...

און דאָ האָט איר דער מאַן געזאָגט די ווערטער, וואָס מע האָט אים אַמאָל אין שפּיטאָל געזאָגט:

— איינער וויינט, אַז די פּערל זײַנען שיטער, און אַ צווייטער — אַז דער זופּ איז ביטער. וואָס פעלט דיר? נאָך וואָס בענקסטו? נאָך כאַשמאַנקע? נאָך אָט דער פינצטערניש? וואָס שײַעך לעבן, קאָן מען דען אָנרופן לעבן דאָס, וואָס איייניקע גאַנווענען, ראַבעווען און דערנאָך זעצט מען זיך אין טורמע? ענטפער, אַדראַבע.

קיילע האָט אָנגעשטעלט אַפן מאַן אירע פאַרטרערטע אויגן און מיט פאַרוווּרף אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט סײַווי מיך ניט פאַרשטיין, פּונקט ווי דו האָסט מיך קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. דיר איז גוט. דו... דו...

מער האָט זי ניט געוואָלט ריידן, און ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט זי זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט פון דער קאַנאַפּע, זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קוואָקע און זיך גענומען בא איר בעטן:

— גיי שוין, גיי, טײַערינקע, אַף דער נאָסידעלע, די אייער ווערן פאַרקילט.

אַ לאַנגע צײַט איז איזראַיִל בענציאָנאָוויטש דערנאָך געזעסן בא זיך אין אַרבעטס־צימער און געטראַכט וועגן קיילעס לעצטע ווערטער: „דיר איז גוט, דו... דו..."

...לויט דעם, וואָס קיילע האָט זיך געקלאָגט פאַר דער טויבער קרויווע, וואָלט זי שוין איצט ניט געהאַט צוליב וואָס און צוליב וועמען צו לעבן, ווען ניט... די קוואָקע. מאַכמעס זי, קיילע, האָט שוין איצט קיינעם ניט, קיינער פון איר הויזגעזינד פאַרשטייט זי ניט. ניט דער מאַן, ניט די טאָכטער, ניט די שכיינים און אַפילע דער איינציקער זון. אָט די קוואָקע און די הינדעלעך, וואָס וועלן זיך אויסקאַלופּען, און די דוירעס, וואָס וועלן קומען דערנאָך, וועלן זײַן איר איינציקע טרייסט, איר איינציק לעבן, וואָס וועט זי פאַרבינדן מיט דער פאַרגאַנגענהײַט, מיט איר קינדהײַט, און זי וועט שטענדיק דערמאָנען דעם ברודער אירן, ער זאָל דאָרט לאַנג לעבן, פאַר דער מאַטאָנע, וואָס ער האָט איר געבראַכט. דעריבער האָט זי, קיילע, די לעצטע עטלעכע טעג פאַר זיך שוין גאָר ניט געלעבט. ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט שוין ניט אָפּגעטראָטן פון דער קוואָקע. זי האָט צוגערוקט צו איר די מאָדערנע קאַנאַפּקע, געקוקט אַף איר, געכאַפּט אַ דרעמל און ווידער געקוקט, אַכטונג געגעבן נאָך איר יעדער באַוועגונג. יעדער אָפּגעשוואַכטער קרעכץ, וואָס די קוואָקע האָט אַרויסגעלאָזט, האָט קיילען אופּגעטראָגן פונעם אָרט. זי האָט איר עפּעס דערלאַנגט אין מויל אַרײַן, זי געמונטערט:

— נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, טײַערינקע, און אַלץ וועט, אימירצעשעם, זײַן בעשאָלעם.

און אָט איז שוין דער לעצטער, דער איין־און־צוואַנציקסטער טאָג. ניט נאָר די באַלעבאָסטע האָט ניט גערוט, זי האָט אויך ניט געלאָזט רוען די טויבע קרויווע. ס'איז געווען צוגעגרייט אַ נײַע זיפּ, אויסגעבעט מיט פּוך, אויך הירזש, אַז די נײַגעבוירענע זאָלן פון דער ערשטער מינוט אָן ניט הונגערן און האנאָע האָבן פונעם לעבן.

אַלעמאָל האָט זיך קיילען אויסגעוויזן, אַז עס פּישטשעט, דעריבער האָט זי אַלעמאָל אונטערגעהויבן די קוואָקע און געקוקט, צי עס באַווײַזט זיך ניט אַ שנאָבעלע אָדער טאָקע אַ גאַנץ קעפּעלע. נאָר קיין סימען ניט.

ס'איז אוועק דער טאָג, די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, און קיין איין נעפּעשל האָט זיך ניט באַוויזן אַף דער ליכטיקער וועלט. קיילע האָט געבראָכן די הענט, זיך אַפילע דערמאָנט אַ שפּרוך, וואָס די מאַמע אירע פלעגט אָפּשפּרעכן, נאָר פּיזעם, גאָרניט.

די נאַכט איז קיילע מיט דער טויבער קרויווע אָפּגעזעסן לעם דער קוואָקע, ווי לעם אַ גויסעס, נאָר אויך אַף מאָרגן, ווען די זון איז אופּגעגאַנגען, האָט זיך קיין סימען פון קיין לעבן ניט באַוויזן. קיילע האָט זיך געוואָלט מאַכן רעכט, אַז זי האָט עפּשער אַ טאָעס געהאַט אין כעזשבן, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגערעכנט, נאָר דער כעזשבן האָט זיך באַקומען אַ ריכטיקער. ווען דער מאַן איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער נאָך אין פּאָדערהויז דערהערט קיילעס געוויין און זיך שטאַרק דערשראָקן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז ער אַרײַן אין שלאָפצימער, און ס'האָט אים אַ זעץ געטאָן אין נאָז אַ געשטאַנק, ווי פון אַ פּעגירע. אַפן דיל לעבן דער פאַרכאַלעשטער קוואָקע איז געזעסן קיילע, אַ צעשויבערטע, אַ פאַרעלטערטע, און האָט געוויינט. לעם איר אַף אַ טעפּיך זײַנען געלעגן עטלעכע צעבראָכענע אייער, פון וועלכע ס'האָט געדונען אַ קויטיקע פליסיקײַט. לעבאַטכילע האָט איזראַיִל בענציִאָנאָוויטש ניט באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט זײַן ווײַב צו אָט די פאַרשטונקענע אייער, נאָר דערהערט דער קוואָקעס שלאָבערדיקן קרעכץ, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס איז געשען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די געפּלאַצטע אייער האָט איצט באַ קיילען געפּלאַצט אַ געוויסע איליוזיע. אַלע יאָרן פון זייער לאַנג צוזאַמענלעבן האָט ער פון איר געליטן, געליטן פון איר אַמעראַצעס, פון אירע ווילדע קאַפּריזן, נאָר יעדעס מאָל געפונען אַ זכוס, אַז דאָס אַלץ טוט זי ניט אומיסטן, ניט אָפּצולאָכעס. זי איז איבערצײַגט, אַז אַזוי דאַרף זײַן, אַז דאָס אַלץ הייסט באַ איר לעבן. אַזוי איז זי באַשאַפן געוואָרן. זי האָט זיך ניט אײַנגעפּאַסט אין דער איצטיקער וועלט, געוועזן אַ מין אַטאַוויזם.

איזראַיִל בענציִאָנאָוויטש איז צוגעגאַנגען צום ווײַב, ווי מע גייט צו צו אַ קראַנק קינד אָדער צו אַ ביז גאָר אומגליקלעכן מענטשן, און גאַנץ אופּריכטיק זי גענומען באַרויִקן, געזאָגט, אַז דער הימל איז ניט באַ דער ערד, מע קאָן די זעלבע שפּיל מיט דער קוואָקע נאָכאַמאָל דורכמאַכן, אַז אויפּעס און אייער וועלן זיך אַף דער וועלט קיינמאָל ניט אויסלאָזן. נאָר אָט האָט ער באַמערקט אַף די פאַרגלעטע טונקל־געוואָרענע אייער עפּעס אַ שטעמפּל. ער האָט אָנגעטאָן די ברילן, און ווען ער האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין דער צאַצע, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען און זיך היסטעריש צעלאַכט. ס'האָט געלאַכט דאָס פּנים, דאָס האַרץ, ס'האָבן געלאַכט די אַקסל, די הענט און די פיס. אַלץ האָט געקוועלט, זיך געטרייסלט. ער האָט זיך פאַרכלינעט אין געלעכטער. ער האָט מוירע באַקומען, אַז די ספּאַזמע וועט אים אַ נעם טאָן, איז ער אַרויס אין זאַל זוכן אַ פּיל און זיך באַרויִקן, נאָר אויך דאָ האָט אים דאָס געלעכטער ניט אָפּגעלאָזט. און פּלוצעם האָט איזראַיִל בענציִאָנאָוויטש דערזען אין גרויסן שפּיגל אַ מע־

שונעדיקן מענטשן, און ער מעג שווערן, אז ער האָט דײַטלעך געהערט, ווי דער מענטש האָט זיך אָנגערופן:

„פון וועמען לאכסטו, נאר איינער? פון זיך אליין לאכסטו, פון דײַן פּעדאַגאָגישער אמע־ראַצעס לאכסטו! דו האָסט אָפּגעלעבט מיטן ווײַב אזויפיל יאָרן, און דו האָסט זי ניט געקענט דערציִען, דו האָסט געהאלטן אין איין וואקסן, און זי אין איין אָפּשטיין. איר נאָכגעגעבן אָף שריט און טריט, געוועזן גערן, אז זי טשעפּעט דיך ניט, געזוכט טערוצים: נאַטור, כאראקטער, ירושהדיקײַט. עס זײַנען ניטאָ קיין שלעכטע מענטשן — ס'זײַנען דאָ שלעכטע דערציִער. אָט האָט דײַן בענטשיק זיך ארײַנגעכאַפּט צו גוטע פּעדאַגאָגן, האָט מען געמאַכט פון אים א מענטש”.

דער מענטש אין שפּיגל איז בלאס געוואָרן און האָט צוגעגעבן:

— א סטאָליער ביסטו עפּשער א גוטער, נאָר ניט קיין פּעדאַגאָג.

איזראַיל בענציאָנאָוויטש האָט זיך א וואַקל געטאָן, ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו א בענקל און זיך מיד אראָפּגעזעצט אָף דעם.

טעוויע גען

די אַלטע שאַפע

1

פילאַטעליסטן זאַמלען מאַרקעס, נומיזמאַטן — מאַטבייעס. כ׳ווייס ניט, וויאַזוי עס הייסן די, וואָס זאַמלען עטיקעטקעס. לאָמיר זיי רופן עטיקעטשיקעס, און די, וואָס זאַמלען פיפקעס — פיפקעטשיקעס. מענטשן האָבן ליב צו זאַמלען. איך בין באַקאַנט מיט איינער אַ פרוי, וואָס ברענגט יעדן זומער פון קוראָרט אַ טשעמאָדאַן מיט שטיינדלעך. איר צימער איז פול מיט קאָלערליי אויסטערלישע שטיינדלעך, און זי זאָגט, אַז אָן זיי וואָלט איר וווינונג געווען פוסט און וויסט. די „הערצעלעך״ — אַזוי רופט זי זיי — שטראַלן אויס ליכט און וואַרעמקײַט, ברענגען אַרײַן אין איינזאַמקײַט אַ סאַך היימלעכקײַט. מע זאַמלט צייכנס — „זנאַטשקי״. איינער אַ שאָכן, אַ יונגער באָכער, שפּיליעט צו יעדן טאָג צום פּידזשאַק אַ נײַעם צייכן, וואָס מע האָט אָקאָרשט אַרויסגעלאָזט אין פאַרקויף. אין אַ יאָמטעוו טוט ער אָן אַף זיך בלויז אַ קליינעם טייל פון זײַן קאָלעקציע, און דאַן איז זײַן ברוסט באַלאַגערט מיט „זנאַטשקי״, ווי בײַ אַ מאַרשאַל מיט אָרדענס.

זאָלן זיי, אַלע זאַמלער, זײַן געזונט און שטאַרק און האָבן דערפאָלג אין זייערע אומשולדיקע אינטערעסאַנטע פאַרווײַלונגען. עס איז אָבער פאַראַן נאָך איין מין זאַמלערײַ — דער שטאַרקסטער, דער פאַרשפּרייטסטער, דער שענסטער מין — זאַמלען ביכער. דער נאָמען ביבליאָפיל קלינגט פּרעכטיק אַף אַלע שפּראַכן, שענער פון אַלע אַנדערע „פילן״. ווען מע קומט אַרײַן אין אַ צימער, וווּ די ווענט זײַנען פאַרשטעלט מיט שאַפעס און פאָליצעס ביכער, דערפילט מען זיך שטאָלץ, וואָס מע איז אַ מענטש, וואָס מע איז, לויט דאָוויד האָפשטיינס אויסדרוק, „אויך אַ שטיקל קלינגענדיקער קופּער״, מע האָט אויך אַ שטיקל שײַכעס צום מענטשישן געדאַנק, מענטשישער געווינעס, מענטשישער אומשטערבלעכקײַט. ליבע צום בוך איז ניט קיין פאַרווײַלונג, ניט קיין האָבי. אָן אַ האָבי קאָן מען זיך באַגיין, אָן אַ ליבע — ניט. אַזוי ווי עס מוז אין יעדער שטוב זײַן אַ טיש, אַזוי מוז דאָרטן זײַן אַ ביכער־שאַפע, לעכאָל־האַפּאָכעס אַ ביכער־פאָליצע. ס׳מעג די וווינונג זײַן באַצירט מיט טײַערע בילדער, רײַכע טעפּיכער, קרישטאָלענע וואַזעס און בעכערס, נאָר אויב עס זײַנען ניטאָ קיין ביכער, איז עס אַן אָרעמע דירע, אַ פּוסטע אומעטיקע כאַטע.

יאָרנלאַנג בין איך געווען אַן אַרײַנגייער צו יאַנקל שנײַדערמאַנען, מײַנעם אַן אַלטן כאַווער, מיר האָבן אַמאָל צוזאַמען געלערנט אַפן יִדישן פילאָלאָגישן אָפּטייל פונעם מאָסקווער פּעדינסטיטוט. אַ פּאָר יאָר האָט יאַנקל אין אַ שטעטלשער שול אין ווײַסרוסלאַנד אונטערריכט יִדישע ליטעראַטור און שפּראַך, דערנאָך איז די שול געוואָרן אַן אַלגעמיינע און ער איז געוואָרן אַ לערער פון געשיכטע. שפּעטער האָט ער מיט דער הילף פון אַ נאָענטן קאָרעוו, אַן אַלטן מאָסקווער טוישעוו, אַריבערגעקליבן זיך מיט דער מישפּאָכע קיין מאָסקווע, דאָ האָט ער אַף אַ ניט־גרויסן זאַוואָד אײַנגעאָרדנט זיך אין אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל, געוואָרן אַ קאָנטראָליאָר. ער האָט דערנאָך געביטן אויך אָט די פּראָפעסיע. נאָר ווו און באַ וואָס ער האָט ניט געאַרבעט, האָט ער אײַנגעקויפט ביכער און באַרײַכערט זײַן ביבליאָטעק.

געלעבט האָט ער אין איינעם פון די מאָסקווער געסלעך אַפן אַלטן אַרבאַט, וואָס קיין איין גענעראַלע רעקאָנסטרוקציע פון דער הויפּטשטאָט האָט זיי נאָך ניט פאַרכאַפּט. דאָס הויז

איז נאָך געשטאַנען אין נאַפּאָלעאָנס צײַטן. ס'האָט ניט אָפּגעברענט אין 1812 יאָר, ווי א סאך הײַזער דעמלט אין מאָסקווע, ווײַל ס'איז ניט קיין הילצערנס, נאָר פון שטיין. די ווענט — מעשונעדיק־הויכע, אזוי ווי אין א טעמפּל — זײַנען אין שנײַדערמאַנס צימער פון דער סטעליע ביז צום דיל געווען פאַרנומען מיט ביכער. די ביכער־שאַפעס האָבן דערגרייכט ביז צום מיטן פון די ווענט, און פון אויבן, איבער די שאַפעס, זײַנען געהאַנגען פּאָליצעס. אין קאָרידאָר האָט ער אויך אופגעהאַנגען פּאָליצעס און אין א ווינקל אוועקגעשטעלט אן עטאַזשערקע מיט ביכער. ווען מײַן אלטער כאַווער איז געשטאַנען מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ און געקוקט ארופצו, אף די ווענט, אריינבערגעפירט דעם בליק פון איין אלמער און פון איין פּאָליצע אף אן אנדער אלמער און אף אן אנדער פּאָליצע, האָב איך דאַן געטראַכט, אז אזוי זעט אויס מיסטאמע דער רײַכער קיניג פייסאל פון סאוד־אראַביע, ווען ער קומט ארײַן אין די שאַץ־קאַמערן און קוקט אף זײַנע גאָלד־שטיקער און בריליאַנטן. נאָך א פאַרגלײַך איז געקומען אפן זינען: דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון אן ארמיי אינספּעקטירט די קאָרפּוסן און דיוויזיעס, וואָס האָבן אין אומצאָליקע קאָלאָנעס אויסגעשטעלט זיך אף א פּאַראַד און ער, דער אינספּעקטאָר, איז צופרידן פון זייער צושטאַנד. אָבער מײַנע פאַרגלײַכן, מיין איך, דריקן פונדעסטוועגן ניט אויס די טיפע און דערהויבענע האַנאָע, דעם נאַכעס, וואָס מײַן ביבליאָפיל האָט געהאַט, באַטראַכטנדיק די ביכער־אויצרעס זײַנע. ער האָט עפּשער געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון מיר און פון די אַנדערע ארײַנגייער צו אים די שטאָלצקײַט זײַנע, די באַגײַסטערונג, מע זאָל ניט מיינען, אז ער באַרימט זיך מיט זײַן ביבליאָטעק, אָבער דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. שטאָלצקײַט און פרייד, באַגײַסטערונג און פאַרגעניגן האָט מען געפילט אין יעדן בליק זײַנעם, אין יעדן קוק, וואָס ער האָט געוואָרפן אף זײַן אויסגעשטעלטן באַ די ווענט כאַיִל — דעם סאַמע פרידלעכן, סאַמע שטילן כאַיִל, וואָס דרינגט ארײַן אין מענטשישע הערצער און באַזיגט זיי אָן איין שאָס.

באַ יאַנקלען איז געווען א ברייטער שטערן, געדיכטע שטײַפע האָר אפן קאָפּ, אָן א סימען פון דעם, אז זיי זאָלן ווען־עס־איז ווערן שיטערער; עמעס, גראָוו זײַנען זיי יאָ געוואָרן. די וואָנצעס און דאָס בערדל זײַנען אויך געווען אײַנגאַנצן גראָוו, נאָר די ברעמען און וויִעס, וואָס האָבן באַשירעמט די טיפזיצנדיקע אויגן, זײַנען פאַרבליבן שוואַרצע, אזוי ווי אין דער יוגנט. א נידעריקלעכער און מאָגערלעכער, האָט ער באַ זיך אין שטוב אויסגעזען שטענדיק א ביסל העכער און פולער אין לײַב, איידער אף דער גאַס. זײַן גאַנצער אָנבליק האָט שטענדיק מיר דערמאָנט וועגן דעם, אז א מענטש קאָן יאָ זײַן גליקלעך, און ער דאַרף צוליב דעם גאָר ניט האָבן קיין טײַערע, אויסערגעוויינלעכע ווילקײַטן... קעדיי פאַרשאַפן דעם גרעסטן פאַרגעניגן, האָט מען נאָר געדאַרפט יאַנקלען א זאָג געבן, אָנווײַזנדיק אף א נײַעם בוך, וואָס האָט זיך באַ אים באַוויזן אין אן אלמער:

— אָט דעם סייפער האָב איך נאָך באַ אײַך ניט געזען. ווו האָט איר אים געקראָגן?

און מיט שײַנענדיקע אויגן וועט יאַנקל דערציילן, וויִאזוי ער האָט געזוכט, זיך געיאָגט יאָרנלאַנג נאָכן יעקאַר־האַמציִעס, ביז ער האָט אים געפּאַקט. אויב מע וויל דעם נאַכעס זײַנעם פאַרלענגערן, האָט מען אים געדאַרפט נאָך פרעגן, וויפל ער האָט באַצאָלט פאַרן סייפער.

— אוי־וואַ, א מאַטמען מיט געלט, אָבער עס האָט די ווערט! — און ס'איז געווען צו זען, אז ער האָט האַנאָע אפילע אויך פון דעם, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען נישקאָשעדיק אויסלייזן די ניט־רײַכע קעשענע. ער פילט דאַן בעסער דעם כּיִעסדיקן טאַם פונעם נײַעם אויצערל, וואָס ער האָט ארײַנבאַקומען אין זײַן ביבליִאָטעק.

א פּאָר יאָר פאַרן טויט האָט יאַנקל אָנגעשריבן א צאַוואָע דער פרוי זײַנער הינדע, די זין ליאָווע און אַנאַטאָלי, דער טאָכטער עטערי (ריטע). ער האָט אויך ניט פאַרגעסן ארײַנשטעלן אין דער צאַוואָע זײַן ערשט און דעמלט איינציק אייניקל, אַרטיאָמקען — אַנאַטאָליס קינד.

קיין געלט אף א שפּאָרביכל האָט יאַנקל ניט געהאַט, קיין טײַער מעבל און אנדערע זאַכן, וואָס זאָלן ווערט זײַן באַצייכנט צו ווערן אין א צאַוואָע, — אויך ניט. אן אלטער סערוואַנט, א קליינער אײַז־קאַסטן „סאַראַטאָוו", וועלכן מע האָט שוין דרײַ מאָל רעמאָנטירט, א טעלעוויזאָר „רעקאָרד" — פון די ערשטע „רעקאָרדן", וועלכע מע האָט אָנגעהויבן ארויסלאָזן מיט יאָרן צוריק, ער ארבעט ניט ערגער פון די נײַע „רעקאָרדן" — אָבער איבערגעבן אזא אַלטע זאַך בעירושע?.. דאָס איינציקע פאַרמעגן, און א גרויס פאַרמעגן, זײַנען געווען די ביכער, און אין דער צאַוואָע האָט גערעדט זיך נאָר וועגן זיי. ס'איז געווען א צאַוואָע אף צענדליקער זײַטן, אייגנטלעך גערעדט, א קאַטאַלאָג, ווו ס'זײַנען איבערגערעכנט הונדערטער און הונדערטער ביכער, מיט אן אָנווײַזונג, וואָס צו וועמען עס דאַרף איבערגיין בעירושע. אין אן אָנמערקונג האָט יאַנקל געגעבן צו וויסן וועגן זײַן פאַרלאַנג, אז קאָלזמאַן די פרוי זײַנע, הינדע, די מאַמע פון די קינדער, וועט לעבן, דאַרף

די ביבליאָטעק ניט צעטיילט ווערן, זי געהערט אינגאנצן צו איר.

די צוואָע איז ניט געווען פארבאהאלטן, ווי מע באהאלט, געוויינלעך, אזעלכע פאפירן, מע זאָל זיי פאר דער צײַט ניט לייענען און ניט וויסן פון זיי. דער „קאטאלאָג“ איז געלעגן אויבנוף אַף א פאָליצע אין איינער פון די ביכער־שאפעס, און ווער ס׳האָט געוואָלט, האָט אין אים ארײַנגעקוקט. צום סאָף איז נאָר געווען אָנגעשריבן, אז עס איז נאָך פאראן א בײַלאגע, זי איז פארכאסמעט אין א קאָנווערט, וועלכן מע דארף אופעפענען נאָך יאנקלס טויט.

לויטן „קאטאלאָג“ וועט דער עלטערער זון, ליאָווע, יארשענען לעוו טאָלסטאָיס אקאדעמישע נײַנציקבענדיקע יובילײ־אויסגאבע, גאנץ דיקענסן — אין דרײַסיק בענדער, וויקטאָר הוגאָ — פופצן בענדער, אלע ווערק טורגעניעווס, סאלטיקאָוו־שטשעדרינס, טשעכאָווס, גאָרקיס, — ליאָווע האָט ליב די קלאסישע פראָזע, וועט ער זי האָבן!

דער אנדערער זון, אנאטאָלי, א ליבהאָבער פון פאנטאסטיק, דעטעקטיוון און פאסירונגען, וועט קריגן קאָנאן־דאָילס „שערלאָק כאָלמס“; אלעקסאנדער דיומאס „דרײַ מושקעטערן“, „אין צוואנציק יאָר ארום“; זשול ווערנס „די קינדער פון קאפיטאן גראנט“, „דאָס געהיימניספולע אינדזל“, „ארום דער וועלט אין אכציק טעג“; עזשען סיו׳ס „די פאריזשער געהיימניסן“, „דער אייביקער ייִד“; הערבערט אועלס׳ „די מאשין פון דער צײַט“, „די מילכאָמע צווישן וועלטן“, „די שפּײַז פון געטער“; סטאניסלאוו לעמס „אסטראָנאווטן“, „סאָלאריס“; וולאדימיר בעליאיעווס „די אלטע פעסטונג“; אלעקסאנדער בעליאיעווס „א מענטש — אן אמפיביע“; איוואן יעפרעמאָווס „די נעפלהאפטיקײַט פון אנדראָמעדא“...

די ערשטע מאטאָנע, וואָס יאנקל האָט אמאָל געשענקט זײַן טאָכטער ריטען, ווען זי איז אלט געוואָרן פינף יאָר, איז געווען טשוקאָווסקיס „דאָקטער אײַבאָליט“, מארשאקס „סרייפע“, קוויטקאָס „פידעלע“. אין איר רעשוס וועט איבערגיין זשאָרזש סאנד, מאָפאסאן, סטעפאן צווייג, לעאָניד אנדרייעוו, אלע אויסגאבעס פון דער „ראָמאן־גאזעטא“ און פון דער סעריע „דאָס לעבן פון מערקווירדיקע מענטשן“, וועלכע יאנקל האָט אויסגעשריבן, ווי נאָר ס׳איז געמאָלדן געוואָרן, אז זיי הייבן אָן דערשײַנען. ריטען וועלן אויך געהערן די צוויי הונדערט בענדער פון דער „אלוועלטלעכער ליטעראטור“.

— נו, און ווער וועט יארשענען אָט די אויצרעס? — האָב איך איינמאָל א פרעג געטאָן יאנקלען, ווען מיר זײַנען ביידע געשטאַנען בא דער שאפע מיט ייִדישע ביכער. ס׳איז א שאפע מיט מענדעלען, מיט פערעצן, מיט שאָלעם־אלייכעמען, מיט ביאליקן, מיט אשן, מיט האָפשטיינען, מיט לייוויקן, מיט אָפאטאָשון, מיט האלקינען, מיט מארקישן, מיט ניסטערן, מיט בערגעלסאָנען, מיט קיפניסן... זעקס גרויסע פאָליצעס זײַנען אָנגעשפיקעוועט מיט ווערק פון די פאָטערס, זין און אייניקלעך, וואָס האָבן געשאפן די ייִדישע ליטעראטור אין פארלויף קימאט פון א גאנצן יאָרהונדערט. בא דער דאָזיקער שאפע בין איך זייער אָפט געשטאַנען צוזאמען מיט איר באלעבאָס, און די אויגן מײַנע האָבן ניט געקאָנט זיך אָנזעטיקן מיט איר טײַער רײַכקײַט, גרויסער אשירעס. ס׳האָט אויך געטראָפן, אז ארום דער דאָזיקער שאפע פלעגן מיר זיך נעמען א ביסל אַמפערן. דעריקער איז דאָס געשען דאן, ווען ס׳פלעגט ארײַנקומען נאָך איינער א גרויסער ליבהאָבער פון ליטעראטור און א גרויסער קײַסן — זאלמען פייסאכאָוויטש. א קליינינקער, מיט א געגאָלטן קאָפ, איז ער שטענדיק געווען רויט אפן פאָנעם, ווײַל טאָמיד האָט עפעס אין אים געקאָכט. איך האָב געהאט אויסצושטיין פון אים מער, איידער יאנקל. פאר אלע שוואכע זאכן, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, האָט ער ארופגעוואָרפן די שולד אַף מיר.

— פארוואָס שרײַבט איר אזעלכע שמאָטעס? — האָט ער געשריִען אַף מיר. — מע קאָן דאָך אין דער האנט ניט נעמען. מע דארף אײַך איבערברעכן די הענט און די פיס פאר אזעלכע „פראָיזוועדעניעס“!

— וואָס האָט איר צו אים? — האָט יאנקל געפרוּווט מיך נעמען אונטער זײַן שוץ. — ניט ער האָט דאָך עס געשריבן.

— ער — ניט ער! — שרײַט זאלמען. — פאר מיר איז דאָס א קליינע נאפקעמינע. ער איז א שרײַבער, דארף ער וויסן, וואָס מע דרוקט. העפקער פעטרישקע!

זאלמען היצט זיך ניט נאָר וועגן די ביכער, וואָס זײַנען אַקאָרשט דערשינען, נאָר אויך וועגן די, וואָס שטייען שוין פיל־פיל יאָרן אַף דער ביכער־פאָליצע. ער כאפט ארויס פון דער שאפע דאָוויד בערגעלסאָנס „באם דניעפער“, ביידע בענדער.

— זאָגט, וואָס איר ווילט, נאָר דער ערשטער טייל איז פאָרט בעסער! — פאָכט ער מיט די צוויי גראָבע ביכער.

— מיט וואָס געפעלט אײַך ניט, ליבער זאלמען, דער צווייטער טייל? — פרעגט יאנקל רויִק און פאָרזיכטיק, יענער זאָל אים ניט פלעטן מיטן צווייטן טייל דעם קאָפ.

— עס איז שוין ניט דאָס, און רעדט מיר ניט אײַן, אז ס׳איז יאָ דאָס! — שרײַט ער אַף א קאָל. — כאָטש... — און ער טוט א וואָרף א ברענענדיקן בליק אַף מיר, — האלעווײַ זאָלן אזוי איצט שרײַבן די הײַנטיקע.

— וואָס האָט איר צו די הײַנטיקע? — ווער איך שוין אויך אין קאַס. — די הײַנטיקע וועלן ווערן אַמאַליקע, און די צײַט וועט ווײַזן, צי זיי זײַנען געווען ערגער פֿון די פֿריִערדיקע. איר מאַכט אַוועק מיט דער האַנט...

— איך מאַך אַוועק מיט דער האַנט? — זאַלמען זוכט אַ ווײַלע מיט די אויגן עפּעס אין דער שאַפֿע און ער שלעפּט אַרויס, ווי אַ פּישעלע פֿון טײַך, אַ קליין ביכעלע אין ווייכע טאָוועלעך. — איזי כאַריקס „קײַלעכדיקע וואָכן".

— אַף דעם זאָג איך דאָך גאָרניט. אַז ס'איז גוט, איז גוט. — אַ ביסל אַ בארויקטער, בלעטערט ער איבער דאָס ביכעלע, דערנאָך רוקט ער מיט קויעך פֿאַנאַנדער די ענג־צונויפֿגעשלאָסענע ביכער־קאַהאָרטע אַף דער פּאָליצע און שטעלט עס אַף אַן אָרט.

עס קוקן אַף אונדז פֿון דער שאַפֿע די צוזאַמענגעפּרעסטע רוקנס און רוקנדלעך מיט די באַגילדעטע, באַזילבערטע און ניט־באַגילדעטע, ניט־באַזילבערטע נעמען פֿון די מעכאַברים און פֿון זייערע ווערק. מיר קוקן אַף זיי, און זיי קוקן אַף אונדז, — מיר דאַרפֿן באַשליסן זייער ווײַטערדיקן גוירל, אַלץ אָפּטער פּאַרטראַכטן מיר זיך וועגן דעם.

איך ווייס, אַז זאַלמען האָט אויך זייער אַ גוטע ביבליאָטעק. אין די לעצטע צענדליקער יאָרן איז ניטאָ אַזאַ בוך פֿון אַ ייִדישן שרײַבער, וואָס ער זאָל ניט האָבן געקויפֿט.

— וווּ וועט דאָס אַלץ אַהינקומען? — און דער גרויסער קײַסן זאַלמען טוט פּלוצעם אַ טיפֿן זיפֿץ.

— אײַך איז גרינגער, — קאָן איך זיך ניט אײַנהאַלטן און גיב אים אַ שטאָך. — איר וועט אַרויסוואַרפֿן די הײַנטיקע שמאַטעס, אַ סאַך פֿון די נעכטיקע, וועט ווערן באַ אײַך אַ ליידיקע שאַפֿע... איר וועט אָפּגעבן אין אוטיל...

און דאָ האָב איך דערזען, וואָס פֿאַר אַ זאַלמען דאָס איז. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַף מיר מיט די קולעקעס.

— ווי וואַגט איר דאָס מיר צו זאָגן?! אַפֿילע אײַך וועל איך ניט אָפּגעבן אין אוטיל. איך זאָל אַרויסוואַרפֿן ביכער! — אַ דערצאָרנטער האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן און גענומען ריידן צו יאַנקלען, שוין מיט אַ ווייכער אינטאָנאַציע אין קאָל. — איך האָב האַנאָע אַמאָל פֿון לייענען אויך אַ שוואַכן בוך. דאַן פֿיל איך בעסער, ווען כ'לייען דעם שטאַרקערן. וואַרפֿט מען דען אַרויס אַ קינד, וואָס איז ניט אַזוי אויסגעשפּילט, אַ שוואַכס?.. נאַר... אײביק לעבט דאָך ניט אַ מענטש... איך בין שוין, דאַנקען גאָט, ווי איר ווייסט, אין די זיבעציקער, און איר אויך, קיין אײַנהאָרע ניט... ער, — זאַלמען האָט אַ האַנט אויסגעשטרעקט אַף הינטן און מיט איר אָנגעוויזן אַף מיר, — ער איז נאָך אַ צוציק, אים פֿעלט דאָך, מיסטאָמע, אַ יאָר צוויי צו זיבעציק... ער האָט נאָך צײַט צו טראַכטן... אָבער מיר... דאָס ערשטע גלעקל האָבן מיר שוין ביידע געהאַט, איך אַן אינפֿאַרקט, איר אַן אינסולט... ס'טאָר גאָרניט בערווירן, נאָר ס'קומט אויס...

ווען ער איז אַוועק, האָב איך יאַנקלען ווידער געשטעלט מײַן פֿריִערדיקע פֿראַגע, אַף וועלכער ער האָט מיר ניט געענטפֿערט. כ'האָב געוואָלט וויסן, וואָס טראַכט ער טאָן מיט זײַן גרויסער און רײַכער „ייִדישער" שאַפֿע.

— איך קלײַב זיך נאָך ביכלאַל ניט געזעגענען מיט גאָטס וועלטל, און כ'האָב פֿײַנט, אַז מע זאָגט פֿאַר דער צײַט קאַדעש, — האָט ער אָפּגעהאַקט אַפֿילע מיט אַן אומצופֿרידנקײַט, — וואָס איך שטעל אים אַלץ די זעלבע קאַשע. — זאָגט מיר בעסער, — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געוואונדערט זיך צו מיר, — ווי קאָן איך קריגן באַרעך גלאַזמאַנען? שטעלט זיך פֿאָר, איך האָב ניט קיין איין בוך זײַנעם. באַ מיר איז געווען „אַף אַ האָר", האָט עס עמעצער צוגענומען... ער איז דאָך זייער אַ גוטער שרײַבער! אַ כאַרפֿע, וואָס באַ מיר איז ער ניטאָ!

איך האָב אים צוגעזאָגט העלפֿן קריגן „עפּעס־וואָס" באַרעך גלאַזמאַנס...

2

סאַכאַקל אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך דעם, ווי כ'בין דאָס לעצטע מאָל געווען באַ יאַנקלען, האָט די פֿרוי זײַנע, הינדע, אין אַ פֿריִען פֿרימאָרגן אָנגעקלונגען אין טעלעפֿאָן און מיר אָנגעזאָגט, אַז יאַנקל איז שוין מער ניטאָ. די „גיכע הילף" האָט נאָך באַוויזן מאַכן אַן אײַנשפּריצונג, אָבער ס'האָט שוין ניט געהאָלפֿן...

אײַניקלעך נאָך יאַנקלס טויט האָט דער ייִנגערער זון, אַנאַטאָלי, אויסגעביטן זײַן דירע און דעם טאַטנס אַף אַ דרײַצימערדיקער און גענומען די מאַמע צו זיך. ערשטנס, וועט זי ניט זײַן עלנט, צווייטנס, וועט זי העלפֿן פֿירן די ווירטשאַפֿט און האָבן שטענדיק לעבן זיך איר באַליבט אייניקל אַרטיאָמקען. זי האָט פֿריִער אויך געהאָלפֿן אין דער ווירטשאַפֿט. אין אַ מיטן וואָך אַרײַנגעכאַפּט זיך צום זון אין דער דירע, אָפּגעקאָכט, באַלעבאַטעוועט אַף דער קיך, קעדיי אַנאַטאָלי און דאָס ווײַב זײַנס, דאָרע, זאָלן האָבן אַ הייסע וועטשערע, ווען זיי וועלן קומען פֿון דער אַרבעט. דאָרע איז אַ

לערערן, און זי פאַרהאַלט זיך זייער אָפּט אין שול. אַנאַטאָלי איז אַן עקאָנאָמיסט אין אַן אַנשטאַלט, און ער פאַרענדיקט די אַרבעט פּונקט זעקס אַזייגער, אײַלט ער אָבער ניט אַהיים, בייס דאָרע איז נאָך ניטאָ. דאָס קינד זייערס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט באַם זיידן מיט דער באָבען. אַרטיאָמקע איז קיינמאָל ניט געווען אין די יאַסליעס און אין אַ קינדער־גאָרטן. זײַנע עלטערן האָבן ביכלאַל ניט געוווסט, וואָס עס הייסט צאַר גידל באָנים. זיי האָבן געזען זייער זונעלע נאָר שאַבעס אָדער זונטיק, אָדער אין אַ יאָמטעוו, ווען זיי זײַנען געקומען אויסגעפּוצטע צוגאַסט צו די אַלטע לײַט און צום קינד. פּיל האַנאָע האָט זיי פאַרשאַפן, ווען זיי האָבן געזען, וויאַזוי פון וואָך צו וואָך וואַקסט זייער אַרטיאָמקע, שטענדיק אַ גוט־אַרומגעזעענער, אַ גוט־אָנגעהאָדעוועטער. די מאַמע האָט געהאַלטן אַרטיאָמקען אַף די קני, דער טאַטע האָט אים געטראָגן אַף די אַקסלען, אַרטיאָמקע האָט אונטערגעיאָגט, געבוצקעט מיט די פּיסלעך, ווי מיט שפּאָרן, זײַן „פערדל" אין איין זײַט, אין דער אַנדערער און מיטן הילכיקן קעלכל געניאָקעט: „ניאָ, לאָשאַדקאָ!". שפּעטער, ווען אַרטיאָמקע האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, האָבן זיי יעדע וואָך קאָנטראָלירט זײַן שילערישן טאָגבוך און זײַנען געווען צופרידן פון זײַנע דערפאָלגן אינעם לערנען. אַנאַטאָליס און דאָרעס שכיינים זײַנען מעקאַנע געווען:

— מיט אַזאַ זיידן און אַזאַ באָבען קאָן מען זיך פאַרגינען צו האָבן אַפילע אַ טוץ קינדער, און דער טאַטע זאָל זײַן אַ העלד, די מאַמע — אַ העלדין!

אַרטיאָמקע איז געווען געראָטן אינעם זיידן און אין דער מאַמען. דאָרע האָט ניט ווינציקער פון איר שווער, יאַנקלען, ליב געהאַט ביכער, די פּראָפעסיע פון אַ לערערן פון ליטעראַטור און שפּראַך האָט זי אויסגעקליבן ניט צופעליק. דער זיידע האָט אויסגעלערנט אַרטיאָמקען לייענען, איידער דאָס קינד האָט אָנגעהויבן גיין אין שול. און ווען ער איז אַוועק אין ערשטן קלאַס, האָט ער שוין געלייענט „ווי אַ וואַסער". גרויס איז געווען דער ווונדער פון אַרטיאָמקעס עלטערן, ווען אין איינעם אַ שאַבעס צי זונטיק, בייס זיי זײַנען, ווי געוויינלעך, געקומען צוגאַסט צו דעם זיידן און צו דער באָבען, האָט דאָס קינד, — עס איז דעמלט אַלט געווען זיבן יאָר, — באַוויזן, אַז ער לייענט ניט נאָר גוט אַף רוסיש, ער ווייסט אויך דעם ייִדישן אַלעפבייס, אָן אַ טאָעס רופט ער אָן די אויסיִעס, קען אַפּילע איבערלייענען, לויט די טראָפּן, גאַנצע ווערטער און פאַרטײַטשן זיי.

יאַנקלען און הינדען האָט אין אָנהייב שטאַרק געקימערט, וואָס אַנאַטאָלי האָט כאַסענע געהאַט פאַר דאָרען. דערנאָך, ווען זיי האָבן נעענטער זיך באַקאַנט מיט דער שנור, האָבן זיי זי ליב באַקומען, און צווישן זיך האָבן זיי אַפּילע איבערגערעדט, אַז אַנאַטאָלי האָט זי ניט די ווערט, זי איז אַ סאַך מער מענטש פון אים. באַזונדערס האָט פון איר געהאַלטן אַ וועלט יאַנקל. דער פאַך איז געווען בײַ זיי איינער און דער זעלבער, זיי האָבן פאַרענדיקט איין און דעם זעלבן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף קליין־פּיראָגאָווער גאַס. די יונגע סטודענטקע דאָרע האָט געהערט לעקציעס פון אַנדערע פּראָפעסאָרן, ניט פון די, וואָס עס האָט געהערט יאַנקל אין די דרײַסיקער יאָרן, זי איז אָבער געזעסן אין די זעלבע אַאודיטאָריעס, אומגעגאַנגען איבער די זעלבע ליכטיקע זאַלן, געאָטעמט מיט דער זעלבער לופט. איצט אונטערריכט זי אין אַ שול, אין די עלטערע קלאַסן רוסישע ליטעראַטור און שפּראַך, און יאַקאָוו מאָיִסייעוויטש, ווי זי, דאָרע, האָט גערופן דעם שווער, פלעגט שטענדיק מיטן גרעסטן אינטערעס אויסהערן דאָס, וואָס זי דערציילט וועגן דער אַרבעט אין שול, וויאַזוי ס'גייען דורך אירע לימודים. איינמאָל איז ער לויט אַ ספּעציִעלער דערלויבעניש פונעם שול־דירעקטאָר געווען בײַ דאָרען אַף אַ לימעד, און די פינף און פערציק מינוט, וואָס ער איז געזעסן אַף דער עקסטער פּאַרטע, זײַנען געווען בײַ אים גליקלעכע מינוטן, וועלכע האָבן אים צוריקגעקערט אין דער יוגנט. דערנאָך, אין שטוב, האָט ער אוועקגעזעצט דאָרען לעבן זיך, און ער האָט פאַנאַנדערגעגלידערט איר „אוראָק", אַזוי ווי עס טוט אַן אַלטער דערפאַרענער מעטאָדיסט.

דאָרע האָט זיך געפרייט, וואָס איר קינד איז אַזאַ פייִקס, זי איז געווען דאַנקבאַר דעם שווער, וואָס ער לערנט אַרטיאָמקען, לייענט אים ביכלעך און אַרטיאָמקע קאָן שוין אַליין אויך לייענען.

אַ ביסל איז נאָר דער איניען, פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, נאָך ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. אויב יאַקאָוו מאָיִסייעוויטש נעמט אָפּ בײַ אַרטיאָמקען די צײַט, וואָס דאָס קינד דאַרף שפּאַצירן און שפּילן זיך, טוט ער בעפּיירעש ניט גוט.

— ווען לייענט איר, יאַקאָוו מאָיִסייעוויטש, מיט אַרטיאָמקען? — האָט זי געפרעגט, אַזוי ווי זי פרעגט אַמאָל אַ פראַגע בײַ אַן אַלטן לערער אַף אַ זיצונג פון פּעדסאָוועט.

— דעריקער זונטיק אינדערפרי, ווען דער מאַזיק קריכט אַרײַן צו מיר אין בעט, — האָט יאַקאָוו מאָיִסייעוויטש געענטפערט, — ער נעמט מיר צופּן די באָרד, זאָג איך אים: איידער צופּן, לאָמיר בעסער אַ ביסל לייענען. נו, און וואָס קאָן איך טאָן, אויב ער קריכט שוין, דער מאַמ־

זער, אַליין צו די שאַפעס? איך פאַרשליס זיי ניט.

— מע דאַרף זיי יאָ פאַרשליסן, — האָט געזאָגט אַנאַטאָלי.

— הערסטו, זון מײַנער, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט יאַנקל זיך אָפּגערופן. — דו ביסט אויסגעוואַקסן בא מיר אין שטוב, דאַרפסטו וויסן. נאָך דער מילכאָמע, ווען עס זײַנען נאָך געווען די קאַרטעטשקעס, און ברויט האָט מען ניט געגעסן צו זאַט, האָבן ניט איך, ניט די מאַמע דײַנע קיינמאָל דאָס ברויט ניט פאַרשלאָסן. ברויט פאַרשליסט מען ניט אין אַן אייגענער שטוב, און ביכער אויך ניט.

— האָט מען טאַקע ניט ווינציק ביכער צעשלעפּט בא דיר, — איז אַנאַטאָלי ניט אָפּגעטראָטן.

— אַנאַטאָלי! — האָט דאָרע געווענדט זיך שטרענג צו איר מאַן.

— ווייסט איר גאָר וואָס? — האָט די קלוגע הינדע אַ לאַך געטאָן. — זאָל אַנאַטאָלי אויך אַ ביסל זיך אונטערלערנען באַם טאַטן, וועט ער ניט אָפּשטיין פון אונדזער אייניקל.

אַנאַטאָלי האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— מיר איז גענוג דער סעמינאַר און די ענגלישע קורסן, וואָס איך האָב אויף דער אַרבעט...

ווען עס איז פאָרגעקומען דער שטיקל סיכסעך צווישן טאַטן און דעם זון, איז אַרטיאָמקע געווען אין הויף. ער איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב מיט פאַרויטלטע בעקלעך, דאָס מאַנטעלע איז געווען צעשפּיליעט און באַקלעפּט מיט שניי. ער איז ניט צוגעלאָפן ניט צום טאַטן, ניט צו דער מאַמען, אַפילע ניט צו דער באָבען, נאָר צום זיידן און אוועקגעשטעלט זיך לעבן אים.

— ווו האָסטו עס אַזוי זיך אויסגעוואַלגערט? — האָט דער זיידע געפרעגט.

— איך האָב זיך קאַטײַעט פונעם בערגל.

— האָסט דאָך ניט גענומען דאָס שליטל. אויף וואָס זשע האָסטו זיך קאַטײַעט?

— אויף וואָס, אויף וואָס! און אַליין ווייסטו ניט אויף וואָס? — אַרטיאָמקע האָט אײַנגערוימט דעם זיידן עפּעס אין אויער אַרײַן, און אַלע איבעריקע אין צימער, כאָטש זיי האָבן ניט געהערט, האָבן זיך צעלאַכט אויך אַזוי, ווי דער זיידע און אַרטיאָמקע...

3

אַנאַטאָלי האָט באַלעבאַטעוועט מיטן אַריבערפאָרן אין דער נײַער דירע. ער איז געווען דער דייעזאָגער, וואָס פאַרא זאַכן מע דאַרף מיטנעמען און וואָס מע דאַרף איבערלאָזן. הינדע האָט מיט אַ ווייטעק אין האַרצן צעשיידט זיך מיט כפּייצים, וואָס האָבן איר געדינט יאָרנלאַנג.

— דאַרפסט וואַנצן? — האָט אַנאַטאָלי געפרעגט.

— וואָס רעדסטו, זון מײַנער? ווייסטו דען ניט, אַז וואַנצן זײַנען בא מיר קיינמאָל ניט געווען? פרעג אַרטיאָמקען, וועט ער דיר זאָגן, צי עס האָט אים כאָטשבי איין מאָל אַ ביס געטאָן. איך מיט דײַן טאַטן, אָלעווהאַשאָלעם, האָבן געריייניקט יעדעס ווינקעלע. מענטשן, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען צו אונדז, האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער ציכטיקײַט און געמיטלעכקײַט אין שטוב.

— איך ווייס, מאַמע. אָבער דאָס הילצערנע סקריפּענדיקע בעט, וואָס איז שוין אַלט הונדערט יאָר, וועלן מיר ניט נעמען. וועסט שלאָפן אויף אַ דיוואַן־קראָוואַט, און די פאַרצײַטיקע באַנדורע וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, אויך ניט נעמען. — אַנאַטאָלי האָט אָנגעוויזן מיט אַ האַנט אויפן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם בעט און איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ בלימלדיקן לײַוונט. פון אונטערן לײַוונט האָבן עטוואָס אַרויסגעשטאַרצט די אײַזערנע פאַסן, מיט וועלכע דער קאַסטן איז בא די קאַנטן אַרומגעשלאָגן, און ס׳האָט אָנשוילעך זיך אַרויסגעהויקערט דאָס שלעסל מיט דער קליאַמקע אינמיטן.

— עס גייט דאָך אין אים אַרײַן וויפל אין אַ גרויסער שאַפע, — האָט הינדע געפּרוווט אָפּשרײַען דעם האַרבן אורטייל, וועלכער איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דעם אַלטן קאַסטן. — עס ליגן דאָך אין אים אַ העלפט פון מײַנס און יאַנקלס, אָלעווהאַשאָלעם, זאַכן, אַלע אונדזערע דאָקומענטן.

— פאַר די דאָקומענטן וועלן מיר האָבן אַ סעקרעטער.

— וואָס זאָגסטו, וועלן מיר האָבן? אַ סעקרעטאַר?

— מאַמע, מאַך זיך ניט טאַמעוואַטע, — האָט אַנאַטאָלי אָנגעהויבן נערווירן. — האָסט קיינמאָל ניט געזען קיין סעקרעטער?.. ער איז אַזוי ווי אַ סערוואַנט, נאָר מיט טירלעך פון אויבן, וואָס פאַרשליסן זיך. אָט די אַלטע דראַפּעטשעס וועלן מיר אָפּגעבן אין קאָמיסיאָנקע, — אַנאַטאָלי האָט אַ ווונק געטאָן מיט איין אויג אויפן טיש און מיטן אַנדערן אויף דער קרעסלע, וואָס איז באַם טיש געשטאַנען. דער טיש איז געווען אַ געוויינלעכער שרײַבטיש, אָבער שוין זייער אַן אַלטער. דאָס געוואַנט, מיט וועלכן עס איז געווען באַשלאָגן דער אויבערפלאַך און וואָס איז אַמאָל געווען טונקל־גרין, איז איצט אויס־

געריבן און פון אן אומבאשטימטן קאָליר, באַ־
שטימט זיינען נאָר די בלויע און פיאָלעטעווע טינט־פלעקן אף אים. די טישקעסטלעך, ווען מע האָט זיי געדארפט ארויסציען, האָבן גע־קרעכצט, ווי א מינוט פארן טויט. די קרעסלע איז געווען א געוויינלעכע קרעסלע, און פונקט אזוי אָפּגעטראָגן און איבערגעטריקנט, ווי דער טישן: זי האָט געהאט א גריבל אינעם רוקן און א גריבל אינעם זיץ־אָרט, אָבער גראָד אָט די גריבלעך זיינען הינדען געווען טייער. דאָס האָט דאָך יאַנקל זיי אויסגעריבן. וויפל יאָר איז ער געזעסן אין אָט דער קרעסלע באַ אָט דעם טיש, א פאַרטאָגנער אין זיינע ביכער. זי האָט געהאט א שטילע האנאָע, ווען זי האָט אים געזען אזוי־אָ זיצן. דאָס האָט געהייסן, אז ער פילט זיך נישקאָשעדיק, אלץ איז מער־ווייני־קער אין אָרדענונג, האַלעווײַ ווײַטער ניט ער־גער...

וויפל זי האָט געקענט, האָט זי „אָפּגעשריען" באַם זון, אָבער ניט דאָס בעט, ניט דעם קאַסטן, ניט דעם טיש מיט דער קרעסלע האָט „אָפּ־שרייען" איר זיך ניט איינגעגעבן, און מיטן קאָפּ האָט זי פאַרשטאַנען, אז אַנאַטאָלי איז גערעכט. דאָס הארץ האָט גערעדט עפּעס אַנ־דערס. נאָר וואָס איז סאַפּקלסאַך דאָס הארץ? א בלינדע זאַך. אַנאַטאָלי האָט איר פּולשטענ־דיק דערוויזן, אז ער איז גערעכט. מע טאָר דאָס אַלטווארג ניט נעמען אין דער נייער דירע, ס'וועט זי פאַרמיסטיקן.

א פאַרמאַטערטע פון די איבעריידענישן מיטן זון און געדענקענדיק די גאַנצע צייט, אז איר יאַנקל איז מער ניטאָ, האָט זי דערנאָך שוין גלייכגילטיק צוגעזען, ווי אַנאַטאָלי טײַטלט מיט די הענט אף איין זאַך און אף דער אַנ־דערער: „דאָס נעמען מיר ניט", „דאָס דאַרפן מיר ניט". עס האָט זי שוין גאָרניט געאַרט, נאָר ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע מיט די יידישע ביכער און א זאָג געטאָן „מיר נעמען ניט", האָט די מאַמע שטיל, אָבער אַנט־שלאָסן דערווידערט:

— מירן נעמען יאָ.

— ניין, מאַמע, מירן ניט נעמען די אַלטע שאַפע — פאַר די ביכער וועל איך קויפן א נייע שאַפע.

— א נייע שאַפע איז גוט, אָבער מיט וואָס איז שלעכט די אַלטע? דיין טאַטע, אַלעווהאַשאָ־לעם, האָט זי אזוי ליב געהאַט. און איך בין אויך פאַר אזויפל יאָרן צוגעוווינט צו איר. ווען איך עפן זי, די טירלעך טוען א סקריפּ, איז אזוי ווי איך וואָלט געהערט יאַנקלס קאָל... — אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— אָט וויינסטו שוין, מאַמע... — אַנאַטאָלי האָט זי אַרומגענומען. — איך טו דען עפּעס

שלעכטס? א נייע דירע פאָדערט נייע זאַכן, און צו די נייע ווערט מען צוגעוווינט, ווי צו די אַלטע. — ער האָט ווידער געווענדט זיין בליק צו דער שאַפע און אין א געוויסער פאַר־לעגנהייט, ניט זיכער, ארויסגעבראַכט: — מע וואָלט, דוכט מיר, ביכלאַל איינִיקע ביכער גע־מעגט פאַרקויפן, אויב ס'וועלן זיין באַלאַנים.

— באַלאַנים אף איינִיקע ביכער זיינען פאַ־ראַן, נאָר איך וועל גאָרניט פאַרקויפן, — האָט זי אלץ אזוי שטיל און מיט דער זעלבער אַנט־שלאָסנקייט אָפּגערופן זיך.

— וואָס הייסט?

— ווייל זיי געהערן ניט צו מיר, — א ווײַ־לע האָט זי געשוויגן, דערנאָך צוגעגעבן, — און צו דיר, אייגנטלעך, געהערן זיי אויך ניט.

— געוויס, געהערן זיי ניט צו מיר און איך פּרעטענדיר ניט. איך פאַרשטיי ניט, מאַמע, וועגן וואָס דו רעדסט.

דער זון האָט פאַרכידעשט געקוקט אף דער מאַמען און געמיינט, אז זי פאַררעדט זיך, זי איז ניט איינגאַנצן באַ די געדאַנקען. עס גייט דען וועגן „געהערן — ניט געהערן"?

הינדע איז צוגעגאַנגען צום קאַסטן, פּאַמע־לעך אופגעהויבן זיין שווער דעקל, ארויסגע־נומען א סאַך זאַכן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן, ביז זי איז צוגעקומען צום דעק, ווו ס'איז געלעגן א פּאַפּ־קע פון געלן לעדער — יאַנקלס פּאַפּקע מיט זיינע דאָקומענטן. זי האָט פון צווישן אַנדערע פּאַפּירן ארויסגענומען א זייטעלע, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן פאַרגעלט צו ווערן, זי האָט אויסגעווישט די טרערן, וואָס האָבן באַ איר באַוויזן זיך אף די אויגן.

— ס'איז זיין צוואָע, — האָט זי געזאָגט, האַלטנדיק דאָס זייטעלע אין דער האַנט, אָבער נאָך ניט איבערגעבנדיק עס דעם זון.

— דער טאַטע האָט דען איבערגעלאָזט א צוואָע? פאַרוואָס האָסטו זי אונדז קיינעם ניט באַוויזן? — אין אַנאַטאָלי געווען זייער פאַר־וווּנדערט.

— עס איז ניט אזא צוואָע, ווי דו מיינסט. באַם נאָטאַריוס איז זי ניט פאַרצייכנט. אָבער זיין לעצטער ווילן איז דאָס. און ס'האָט א שייכעס צו דיר מיט דאַרען און צו אַרטיאָמ־קען.

אַנאַטאָלי האָט גענומען דאָס בייגעלע פּאַפּיר. דעם טאַטנס קלאָרער, מיט גרויסע אויסגעס קסאָווע, א קסאָווע, ווי געשריבן פאַר שילער אפן טאָוול, איז אַנאַטאָלין געווען גוט באַקאַנט. ער האָט אָנגעהויבן לייענען אין דער הייך, נאָר דערנאָך אַריבער צום לייענען אין זיך.

„...און דאָס איז מיין לעצטער פאַרלאַנג, וועלכן איך דריק דאָ אויס באַ מיין פולן באַ־וווּסטזיין. אלץ, וואָס מיר האָבן, ליבסטע און

טרײַסטע לעבן־באַגלייטערן מײַנע, הינדע, איז אונדזער ביידנס, און נאָך אונדז — אונדזערע קינדערס. דאָס ביסל זאַכן, וואָס וועט בלײַבן, זאָלן זיי אליין צעטיילן צווישן זיך, לויטן אײַגענעם פאַרשטאַנד און ווילן. איין פונקט וויל איך אָבער באַצייכענען. כ׳וואָלט זייער געוואָלט, אַז די ביבליאָטעק, וואָס כ׳האָב יאָרנלאַנג מיט ליבשאַפט אָנגעזאַמלט, זאָל ניט צעדרויבלט ווערן און זי זאָל געפינען זיך אין די ווענט פון איין הויז, אָבער דאָס איז אוממעגלעך. אלע קינדער זײַנען גלײַך בא מיר. קומט אויס, אַז די ביבליאָטעק דאַרף מען צעטיילן אַף דרײַ כאַלאָקים. האָב איך צעטיילט אזוי, אַז יעדעס קינד זאָל באַקומען לויט זײַן גוסט, לויט דעם, וואָס איז, ווי כ׳ווייס, אים נעענטער צום הארצן.

האָט ניט, קינדער, קיין פאַריבל אַף מיר, אויב איך האָב דערבײַ ערגעץ־ווו אַ טאָעס געהאַט, און זעט ניט אײַן אין דעם אַ סימען פון אַ ניט גלײַכער באַציִונג.

מײַן באַליבט אייניקל אַרטיאָם האָט בעלי־סאָפּעק אַ געוויסע נייגונג צו ליטעראַטור און שפּראַך. עפשער וועט ער זײַן, ווען ער וועט אויסוואַקסן, אַ ליטעראַטור־ און שפּראַך־פאָרשער. ער וועט פאָרשן פאַרשיידענע ליטעראַטורן, פאַרשיידענע שפּראַכן. דאַן וועלן אים צוניץ קומען די יידישע ביכער. דעריבער איז מײַן פאַרלאַנג, אַז אלע יידישע ביכער זאָל יאַרשענען אַרטיאָם, און ביז ער וועט אָנהייבן לעבן זעלבשטענדיק, זאָלן זיי זיך געפינען בא זײַנע עלטערן — אַנאַטאָלין און דאָרען"...

4

צו יאַנקלס ערשטן יאָרצײַט האָט הינדע צונויפגענומען אין שטוב די נאָענטע באַקאַנטע. עס זײַנען, געוויינלעך, אויך געקומען די קינדער — דער עלטערער זון ליאָווע מיטן ווײַב, די טאָכטער ריטע מיטן מאַן. באַם טיש איז געזעסן אַ צענדליק מענטשן. און ווי ס׳פירט זיך בײַ אזעלכע טרויעריקלעכע צונויפקומענישן, האָט מען גערעדט שטיל, מיט אַן אומעט אין די אויגן און אויפן האַרצן. יעדערער האָט באַמיט זיך אויסזוכן אַ דערמאָנונג — אַ געוויסן עפּיזאָד, אַ פּאָר אײַנדרוקספולע שטריכן, וועלכע כאַראַקטעריזירן צום גוטן אונדזער אָפּגעשיידטן פרײַנט. אַ שטומע אָנטיילנעמערן אינעם פאַמעלעכן און אָנפאַרטרוילעכן געשפּרעך איז געווען די אלטע שאַפע מיט די ביכער. די בליקן זײַנען אָפט געווען געווענדט צו איר, ווי צו נאָך איינעם אַ לעבעדיקן און טרײַסטן אײַדעס פון יאַנקלס טעג, כאַדאָשים און יאָרן.

דער אוילעם האָט מיך געבעטן איבערלייענען אַ יידישע דערציילונג. איך האָב גענומען שאָלעם־אַלייכעמס אַ באַנד און דורכגעלייענט עטלעכע קאַפּיטלען פון „די גאָלדשפּינער". אַ ווײַכער שמייכל איז געלעגן אַף די פּנעמער בײַס דער פאָרלעזונג. יאַנקלס אלטער פרײַנט, זאַלמען, האָט געהאַלטן אין האַנט האָפּשטיינס „געזאַמלטע ווערק", מיט עקספּרעסיע האָט ער דעקלאַמירט די פערזן פונעם בוך „טרויער":

... אַ וואַלגער,
און ווידער אַ וועלט אײַנגעפאַלן,
פאַרפאַלן אהינצו,
אין אָפּגרונט פון ליידן פון דײַנע —
און שאַ...

— נו, און איצט, אַרטיאָמקע, לייען דו אונדז עפּעס איבער, — האָט די באָבע הינדע געווענדט זיך צום אייניקל, וועלכער איז געזעסן צווישן איר און זײַן טאַטן.

— יאָ, יאָ, אַרטיאָמטשיק, מע זאָגט, אַז דו קענסט גוט לייענען אַף יידיש, — האָבן אונטערגעהאַלטן די איבעריקע באַם טיש.

— ער לייענט קימאַט אזוי ווי אַף רוסיש... וואָס זשע זיצסטו? גיי און נעם אין דער שאַפע אַ ביכל, — האָט אים אונטערגעצײַלט אַנאַטאָלי, וועלכער האָט, ווי אלע טאַטעס פון אויסגעשפּילטע קינדער, געוואָלט ארויסבאַווײַזן פאַר אלעמען די פייִקייטן פון זײַן זון.

אַרטיאָמקע, אַן אונטערגעוואַקסן ייִנגל, וואָס לערנט אין צווייטן קלאַס און האָט שוין באַוויזן ווערן אַ פּיאָנער, האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט, באַלעבאַטיש צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און ארויסגענומען פון דאָרט אַ ביכל, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט, — לייב קוויטקאָס „אַלעפבייס". ער האָט דאָס ביכל, אַ צעעפנטס, אוועקגעלייגט לעבן זיך אַפן טיש, און אלע, וואָס זײַנען באַם טיש געזעסן, האָבן אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו די אופגעמישטע זײַטלעך.

אַרטיאָמקע האָט געטײַטלט מיטן פינגער אַף אָס נאָך אָס, געלייענט, און דער אוילעם האָט מיט האַנאָע נאָכגעלייענט דעם יונגן לערער זיירען:

אַן אַלעף האָט פיר עקעלעך —
אַ שטעקל מיט צוויי פלעקעלעך...

אידא שולקינא

דרײַ נאָוועלן

נאַכט־וועכטערס

ביידע שלאָפן מיר ניט — איך און דער נאַכט־וועכטער. ער שטייט אַף דער וואַך בײַ אַ מוזיק־געשעפט, איך זיץ בײַ דער אַרבעט. אַפן טיש פאַר מיר ליגט אַ ווײַסער בויגן פּאַפּיר. ער טראָגט די אַכרײַעס פאַר קלאַווירן, טרומייטן, פּויקן, קאָנצערטינעס, אַקאָרדעאָנען. איך טראָג אַכרײַעס פאַר דער גאָרער וועלט.

דער פּעטער קאַרלאָ, ווי מיר רופן אים, איז אַ קליינוווקסיקער, קרעפּטיקער און באַוועגלעכער מענטש, האַגאַם יונג איז ער שוין ניט. פּינקטלעך ווייסט קיינער ניט, וויפל יאָר איז אים, דעם פּעטער קאַרלאָ, — פּופּציק צי זעכציק, מעגלעך אויך ווייניקער. קיין סימאָנים פון זקײנישקײַט איז בײַ אים ניט צו מערקן — אַף רעוומאַטיזם קלאָגט ער זיך ניט און מיט קיין זיכרוינעס טראָגט ער זיך אויך ניט אַרום.

ס'איז סאָף האַרבסט. פּאַמעלעך און ניט דרייסט פאַלט דער ערשטער שניי. פאַרשיט דעם ברוק, לייגט זיך אַף פּעטער קאַרלאָס טולופּ. דער וועכטער באַהאַלט זיך צווישן אָנגעוואַלגערטע פּוסטע קאַסטנס, קוקט אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש אַף דער העל־באַלויכטענער וויטרינע פונעם מוזיק־מאַגאַזין. ער רייכערט אין דעם ברייטן אַרבל פון זײַן טולופּ, „צוליב פײַערזיכערקײַט“, ווי ער זאָגט.

אים טוט האַנאָע צו באַטראַכטן די מוזיקאַלע אינסטרומענטן. ער זינגט אויך איצט אין אַ כאָר, און אין די יונגע יאָרן האָט ער אַליין געשפּילט פידל. מילכאָמע־צײַט האָט ער זײַן פידל פאַרלאָרן. נו, דעמלט האָבן מענטשן דאָך פאַרלאָרן ניט ווייניק. אים האָט נאָך דאָס מאַזל צוגעשפּילט און ער האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט אַ גאַנצער. שטעלט זיך פאָר — דורכגעגאַנגען אַזויפיל פראָנטן, און די קוילן און שפּליטערס האָבן אים אויסגעמיטן! דערפאַר אָבער לעבן אויף פאַר אים אין די נעכט אַף דער פּוסטער גאַס אומפאַרגעסלעכע בילדער, און דעמלט גייט ער אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש, גלײַכט אויס די פּלייצעס, נעמט שפּאַנען איבער דער גאַס מיט זעלנערישן טראָט. דאַכט זיך אים דעמלט, אַז ער איז אַן אויסשפּירער, פּילט אויס אַ באַפעל, און אַז ער איז ניט באַרופן בלויז אַף צו באַוואַכן די האַמעטנע דרײַפּיסיקע קלאַווירן, וואָס גאַנווענען זיי טראַכט אַפּילע קיינער ניט.

פּעטער קאַרלאָ פאַרלעשט זײַן סיגאַרעט, גיט אַ קוק אַפן זייגער: באַלד איז שוין זעקס, די צײַט צו פאַרלאָזן דעם פּאָסטן און זיך אומקערן אַהיים. אין שטוב וועט ער אַראָפּוואַרפן דעם שווערן דורכגעפרוירענעם טולופּ, וועט זיך אָנטרינקען מיט קאַווע, צי גאָר מיט עפּעס קרעפּטיקערס, און זיך לייגן שלאָפן. באַם פאָרשטעלן זיך אָט דאָס האַנאָעדיקע בילד הייבן אַזש אָן נאָגן די ביינער, און פּעטער קאַרלאָ מורמלט שטיל אונטער אַ ניגן, וואָס זיי האָבן לעצטנס אײַנגעלערנט אין כאָר.

און איך קוק און קוק אַפן ריינעם בויגן פּאַפּיר, און עפּעס באַקומט זיך בײַ מיר גאָרניט. מײַנע געדאַנקען זײַנען פאַרבלאָזט, מיר גיט זיך ניט אײַן צוזאַמענצופירן מײַנע העלדן בײַ מײַן שרײַבטיש. זיי זײַנען שטאַרק פאַרנומען מיט אַנדערע אַרבעטן, אַפּילע אין דער נאַכט זײַנען זיי פאַרטאָן. זיי גיסן ערגעץ שטאָל, פירן איבער טונקעלע יאַמען פישפאַנגער־שיפן אָדער אָקעאַנישע שווימבאַזעס, קלעפּן אין ווינטער־באַנאַכטיקן פעלד צונויף די געפּלאַצטע שינע פון אַ לאַסטמאַשין, פאַרנייען אין אָפּעראַציע־צימער אַ וווּנד. און איך קאָן זיי בעשום־אויפן ניט צוזאַמענפירן. אַזוי פאַרנומען זײַנען זיי יעדער מיט זײַן אַרבעט.

פּעטער קאַרלאָ קלאַפּט אָן מיטן שטעקן אין אײַזערנעם טויער. אַזוי קלאַפּן שטענדיק די נאַכט־וועכטערס, זיי דערמאָנען: מיר זײַנען דאָ, מיר שטייען אַף דער וואַך...

אַף דער אַלטער קירכע שלאָגט דער פאַר־שפּעטיקטער זייגער, עס גליטשן זיך פאַרבײַ אייניקע מאַשינעס, עס פאַלט אַ שניי, און פּעטער קאַרלאָ ראַנגלט זיך מיטן שלאָף...

יאָ, איינגיכן וועט ער פאַרענדיקן זײַן נאַכט־דינסט. אין זײַן באַלעבאַטישקייט איז אַלץ אין אָרדענונג. אָבער באַ מיר? קיין שורע ניט. אַ ריינער בויגן... איז דאָס מײַן אכרײַעס פאַר דעם, וואָס קומט פאָר אַף דער וועלט?

ארום זעקס אזייגער פאַרלאָזן מיר ביידע — פּעטער קאַרלאָ און איך — אונדזערע פּאָסטנס. דורכן פענצטער זע איך: ער טרייסלט אָפּ זײַן טולופּ, טראָגט אַרײַן אין הויף די פּוסטע קאַסטנס, רײַבט אָפּ מיטן אַרבל די פאַרפרױרענע שויב, הינטער וועלכער עס ליגן די פידלען אין די פּוטליאַרן. די פידלען זײַנען אים טײַער, ער וויל, מ'זאָל זיי זען, זאָל זײַן אַפילע אין די פּוטליאַרן.

איצט גייט פּעטער קאַרלאָ אַוועק אַף אָפּרו. עס וואַרטן אַף אים צוויי פּרײַע מעסלעסן. הײַנט וועט ער זיך אויסשלאָפן, און מאָרגן וועט ער אַרויספּאָרן הינטער דער שטאָט אַף פישפאַנג. איז דען פאַראַן אַף דער וועלט נאָך אַ גרעסערער פאַרגעניגן? ער האָט מאַזל צו אַלץ, פּעטער קאַרלאָ, און מ'קאָן שוין זיכער זײַן, אַז זײַן קויש וועט זײַן פול מיט פיש. זאָגט, וואָס איר ווילט — דעם פּעטער קאַרלאָס וועלט איז קלוג און וווילגעאָרדנט.

און איך בין זיכער, אַז אין דער פאָלגנדיקער נאַכט וועט באַ מיר אויך עפּעס זיך באַקומען. מיט וואָס בין איך ערגער פון דעם פּעטער קאַרלאָ? ביידע זײַנען מיר דאָך גלײַכע ערלעכע האָרעפּאַשניקעס, ביידע זײַנען מיר נאַכט־וועכטערס, ביידע דערמאָנען מיר די פאַרגאַנגענע יאָרן און קלערן מיט האָפענונג וועגן דער צוקונפט.

און עפּשער איז ער — דער פּעטער קאַרלאָ — טאַקע מײַן העלד?...

...דערווײַל אָבער איז מיר דער טאַם פון מײַן קאַווע ביטער, און מײַן שלאָף איז קרוכלע, אַזוי ווי דאָס אײַז אין נאַיאַבער כוידעש.

רעקוויעם

מײַן אַלטע באָבינקע פאַרוויגט איר אייניקל. זי זינגט אים אַ טרויעריק לידעלע — אַ ליד אָן ווערטער. און פונוואַנען קומט ער גאָר, אָט דער אינדישער מאָטיוו, צו מײַן ייִדישער באָבען?

„אַ־אַ־אַ" — ציט זי איר ניגן. אַ ניגן — אַ געוויין. אַ ניגן — אַ ווידוי.

מײַן ברודערל קוקט אַף איר מיט זײַנע הימלבלויע אייגעלעך און וויל בעשום־אויפן ניט אײַנשלאָפן. די באָבע זינגט מיטן גאַנצן האַרצן, זי פאַרגייט זיך אין דעם ניגן. איר דוכט זיך, אַז אין שטוב איז קיינער ניטאָ. זי ווייסט ניט, אַז איך שטיי הינטער דער טיר.

דאָס ייִנגסטע, סאַמע באַליבטע אייניקל אירס, פאַר וועמען זי רעדט זיך איצט אויס מיטן ניגן, טראָגט דעם נאָמען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, און די באָבע ווינטשעוועט דעם אייפעלע אַ לאַנג און גליקלעך לעבן, ער זאָל זײַן קלוג און זאָל ווערט זײַן צו טראָגן דעם זיידנס נאָמען. ניט קיין וויגליד זינגט זי איר אייניקל — דאָס בענטשט זי אים. אירע אויגן לויכטן פון ליבע צום אָנדענק פון איר מאַן, פון ליבע צו איר אייניקל, פון ליבע צום לעבן.

אָבער דאָס אייניקל וויל אַלץ ניט אײַנשלאָפן און מאָנט: „זינג, זינג נאָך..." דעם קינד געפעלט דער ניגן. די באָבע איז אַליין שולדיק, וואָס דאָס קינד שלאָפט ניט.

„זינג נאָך, זינג נאָך..." — מאָנט דאָס קינד אָן אופהער.

און די באָבע זינגט אַ נײַ לידעלע. איצט שוין אַ ליד מיט ווערטער, וואָס זי אַליין האָט צוגעטראַכט. וועגן דעם, אַז אין דרויסן איז שוין נאַכט, אַז מאָרגן מוז מען אופשטיין פאַרפרי, אַז מענטשן האָבן קאָלערליי דײַגעס, אַז די נאַכט איז געגעבן צום שלאָפן, און דער טאָג — אַף צו אַרבעטן... זי זינגט וועגן דעם, ווי מיט אַ סאַך יאָרן צוריק האָבן אירע טאַטע־מאַמע זיך באַזעצט דאָ, אין אוקראַאינער סטעפּ, דאָ אופגעשטעלט זייער געצעלט, געפּאָרן אין ווײַטן קרים נאָך זאַלץ, און ווי וועלף האָבן געלאָקערט אין סטעפּ... וועגן דעם זינגט זי, ווי זי איז דאָ געבאָרן און געוואַקסן, ווי זי האָט דאָ כאַסענע געהאַט מיט איר באַשערטן, אַן אַנטלאָפענעם קאַנטאָניסט, ווי זי האָט אים ליב געהאַט, אַזוי ווי מ'האָט האַלט דעם הימל, ווי מ'האָט האַלט דעם סטעפּ. איר גאַנץ לעבן זינגט זי אויס פאַר דעם צוויייאָריקן אייניקל. זי איז צופרידן מיט איר געזאַנג, מיט איר באַגײַסטערונג.

אין קאַמער ברענט אַ קליין לעמפּעלע. דאָס אייניקל האַלט שוין באַם אײַנשלאָפן, און די באָבע זיצט נאָך לאַנג אינעם האַלב־טונקל באַ זײַן בעטעלע און זינגט. איצט זינגט זי שוין פאַר זיך.

אָבער אָט האָבן די ווערטער זיך אײַנגעשטילט, אַלץ איז שוין אַרומגערעדט און די ליד איז פאַרענדיקט. די באָבע איז מיד, זי זיפצט אָפּ און מורמלט שטיל: „זאָל דיך דער אייבערשטער באַהיטן און באַשירעמען..." און פאַרלעשט דאָס לעמפּל.

ניט דאָס ערשטע מאָל שוין דערמאָנט די באָבע דעם אייבערשטן. ניט צום ערשטן מאָל ווענדט זי זיך צו אים. זי האַלט פון אים שטאַרק, זי איז מיט אים, ווי אַן אייגענער

מענטש. אויך איר ניגן האָט זי צוגעטראַכט פאַר אים און פאַר אים געזונגען. אויסגעבעטן באַ אים אַ גוט מזל פאַר אירע קינדער, פאַר איר אייניקל.

מיט לײַכטע, שטילע טריט גייט זי אַרויס פון קאַמער. אַף דער נעשאָמע איז איר ווויל און ליכטיק. זי גלייבט הייליק, אַז דאָס גוטע מזל פאַר איר אייניקל האָט זי אויסגעבעטן, — און האָט זי דען גאָר געקאָנט טראַכטן אין אָט דעם רויִקן אָוונט, אין דעם געמיטלעכן שטיבעלע, אין פרידלעכן אוקראַיִנישן דאָרף, אַז אין זיבעצן יאָר אַרום וועט דאָס זעלביקע אייניקל אירס, לייטענאַנט מיכאַיִל שולקין, קאָמאַנדיר פון אַ קעגנטאַנקען־ראָטע, פאַלן אין קאַמף פאַר קורסק, און אַז פון דער בלוטיקער שלאַכט וועט ניט איבערבלײַבן קיין נאָמען, — בלויז אַ ברודער־קייווער, בלויז דער בעשוטפעסדיקער רוף און דער גוירל פון אַ זעלנער?

און זי אַליין, די באָבע?

די באָבע איז געשטאָרבן אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטלכל, אַף אַ בינטל דורכגעפוילטער שטרוי; און מ'האָט אַפילע אַ צײַט לאַנג זי ניט געקאָנט מעקאַבער זײַן, ווײַל די ערד איז געווען פאַרפרוירן און האַרט, און איר טויטער קערפער איז אויפגעדרונגען געוואָרן פון די צוגווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן דורך אַלע שפאַלטן פון דער שטאַל. ערשט ווען די מענער, וועלכע מ'האָט געטריבן אַף אַרבעט, האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט מען זי געבראַכט צו קוורע. אָנשטאָט טאַכריכים איז די באָבע אינגאַנצן פאַרוויקלט געווען אין שניי, וואָס האָט אָן אויפהער געשאָטן איבער איר, ווי די לעצטע מאַטאָנע פונעם אוועקגעגאַנגענעם לעבן, און הויך איבער איר קייווער האָבן, אַזוי ווי נעשאָמע־ליכט, געלויכטן די שטערן.

אין דעם פרילינג, וואָס איז נאָכדעם אָנגעקומען, ווי אויך אין די שפעטערדיקע פרילינגען, זײַנען די פעלדער ניט פאַרזייט געווען, ניט געבליט האָבן די סעדער, און אויסגעטריקנטע זײַנען געשטאַנען די ווײַנגערטנער. און געדויערט האָט דאָס ביז יענער צײַט, ווען אין אונדזער לאַנד און פאַר אונדזער פאָלק איז אָנגעקומען דער לאַנג־דערוואַרטער, דער אויסגעליטענער און אויסגעוויטעקטער ניצאָכן.

די לעצטע קווייטן

זי איז אים טייקעף געפעלן געוואָרן. געקוקט האָט ער אַף איר פון דער זײַט, זי זאָל ניט באַמערקן. פון אָנהייב האָט ער זי פּאָשעט באַוווּנדערט, זי באַטראַכט קימאַט ווי אַ ניט לעבעדיק וועזן. אָט אַזוי ווי מע באַטראַכט אַ געמעל אָדער אַ סקולפטור.

מיט די געדאַנקען האָט ער זיך געטראָגן ווײַט, ער האָט געטראַכט וועגן זײַן פרוי, וואָס ליגט באַערדיקט אַפן הינטערשטאָטישן בעסוילעם און וווּהין ער פאָרט איצט מיט אַ בוקעט לעצטע האַרבסט־קווייטן אין האַנט. די טראָלייבוסן זײַנען איבערפולט געווען און דעריבער פאָרט ער איצט מיטן טראַמוויי, ווו מ'שטופט אים פון אַלע זײַטן. אים איז שטאַרק אומבאַקוועם, עפעס דוכט זיך אים, אַז דער קאָלנער איז צו ענג און וואַרגט און אַז דער לײַכטער מאַנטל דריקט אַף אים שווער.

דאָס אייניציקע אָנגענעמע אין דעם וואַגאָן איז געווען אָט דאָס מיידל, אַף וועלכן מ'האָט געקאָנט מיט פאַרגעניגן קוקן. אָבער זי איז געווען ניט קיין סקולפטור און ניט קיין געמעל — זי איז אַ לעבעדיקער וועזן. מיט אַ מילד שמייכעלע האָט זי געקוקט אין פענצטער, דערבײַ פאַרטראַכט געבלעטערט אַ בוך, — געוויס האָט זי דאָ, אין דעם ענגן טראַמוויי, געלעבט איר אייגן לעבן, וואָס איז אַזוי ווײַט געווען פון זײַן וועלט.

און אַן אויסטערלישער פאַרלאַנג איז אויפגעקומען אין אים — ער האָט געוואָלט זיך דערוויסן, וועגן וואָס טראַכט זי, וואָס שמייכלט זי? וואָס פאַר אַ פרייד האָט אין איר אויפגעלויכטן, און אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט איר גליק...

מיטאַמאָל האָט זי אויפגעהויבן די אויגן, באַמערקט זײַן בליק, דערפילט, אַז ער קוקט שוין לאַנג אַף איר.

— ביטע, זעצט זיך, — האָט זי אים אָפגעטראָטן איר אָרט.

— ניין, ניין, אַ דאַנק! — האָט ער העפלעך זיך אָפגעזאָגט און — טייקעף אַף אַן אָרט זיך פאַרליבט. דערבײַ האָט ער אַפילע פאַרגעסן, וווּהין און צו וואָס ער פאָרט...

אין אָנהייב האָט זיך אים גאָר אויסגעדוכט, אַז דאָס פאָרט ער מיט זײַן יונגער פרוי אין דעם איבערפולטן טראַמוויי. אָבער באַלד האָט ער פאַרגעסן אין זײַן פרוי און אויך אין אַלע מענטשן, וואָס שטייען דאָ אַרום. ער האָט געקוקט נאָר אַף איר, האָט באַוווּנדערט אירע אויגן, איר פּאָנעם, אירע האָר, וואָס זײַנען געפאַלן אין ווייכע, דינע קרויזן. זיי האָבן זיך געכוואַליעט איבער די באַקן, און זי האָט זיי פאַרגלעט מיט אַ גראַציִעזער באַוועגונג. אָבער דער טראַמוויי האָט קעסיידער זיך געוואַקלט, און די קרויזן זײַנען ווײַטער אַראָפגעפאַלן, ווי אַ וואַרעמער פרילינג־רעגן.

דערווײַל האָט באַ איר זײַט זיך באַפרײַט אַן אָרט, דאָס מיידל האָט אים ווידער אָנגעבאָטן זיך צוזעצן, נאָר ער האָט אומצופרידן עפעס אָפגעמורמלט און געבליבן ווײַטער שטיין. זײַן האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפט — פון ליבע, צי פון מידקײַט, דאָס האָט ער אַליין ניט געוווּסט.

ער האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן פונעם מיידל זײַנע בליקן.

זי האָט איצט אײַנגאַנצן פאַרגעסן אין אים, האָט פאַנאַנדערגעוויקלט א צײַטונג, די בלעטער האָבן געשאָרכט, און אין לייענען האָט זי געראָנצלט דעם שטערן. ער האָט איר מיטגעפילט — געוויס האָט זי געלייענט עפּעס ניט קיין גוטע נײַס, וועגן מילכאָמע, צי וועגן אטאָם־באָמבעס.

מ׳האָט אים געשטופּט פון אלע זײַטן, מענטשן זײַנען ארײַן און ארויס פון טראַמוויַי. ער וואָלט שוין געקאָנט זיך צוזעצן, אָפּרוען, אויסשטרעקן די מידע פיס, אָבער ער האָט זיך גאָר געפילט מאָדנע יונג און מונטער: אָט וועט ער צוגיין צו איר, זי אָנעמען פאַר א האַנט, און זיי וועלן צוזאַמען ארויסשפּרינגען פון טראַמוויַי און צוזאַמען זיך אוועקלאָזן אין א שפּאַציר איבערן באַגרינטן בולוואַר. ער וועט זיך אָנעמען מיט נײַע, יונגע קויכעס, זײַן לאַנג, שווער לעבן וועט פאַרגעסן ווערן, און ס׳וועט אויפגעבלעטערט ווערן א נײַ קאַפּיטל — א קאַפּיטל, פול מיט אויסטערלישקײַט און פּראַכט.

און ווי ער איז אזוי געשטאַנען א פאַרטראַגענער אין געדאַנקען, האָט דאָס מיידל זיך אויפגעהויבן פון אָרט. זי איז געווען אזוי שלאַנק און אזוי שיין, אז ער איז גאָר א צעטומלטער געוואָרן.

— זעצט זיך, איך בעט אײַך, — איז זי ווײַטער צוגעשטאַנען צו אים איצט שוין מיט ראַכמאָנעס אין שטים. — טאָרט איר דען אזוי לאַנג שטיין? איך זע דאָך, אז איר זײַט טויט מיד...

און באַלד איז זי לײַכט אראָפּגעשפּרונגען פון טראַמוויַי און אוועקגעשפּאַנט איבערן בולוואַר מיט איר טעשל אונטערן אָרעם. זי האָט אוועקגעטראָגן איר שיינקײַט, איר יוגנט, מיטגענומען די לעצטע ברעקלעך האָפענונג, וואָס האָבן נאָך געטליִעט אין זײַן ברוסט.

ער האָט זיך ניט צוגעזעצט אַף איר אָרט. האָט נאָך אלץ זיך געפילט עפּעס האָפערדיק און געבליבן שטיין. דורכן פענצטער האָט ער איר לאַנג נאָכגעקוקט. איצט אָבער שוין ווידער ווי א פרעמדער. ער האָט זי באַטראַכט, ווי מע באַטראַכט א בילד אָדער א סקולפּטור.

דער טראַמוויַי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער לעצטער סטאַנציע. ער האָט געוואָרפן א טרויעריקן בליק אַף די צעקנייטשטע קווייטן אין דער האַנט און איז ארויס.

ערד, מײַן מוטער

* * *

גראָדע איצט די קרעפּטיקײַט פֿון גראָזן
כ׳פּיל, פֿון בוים די מאַכט, וואָס גרינט און געלבט,
און די ערד איך פּיל, וואָס, דאַכט זיך, ווערט פּאַרלאָזן
אינעם האַרבסט, נאָר ווי אַ קו זיך קעלבט.

כ׳פּיל דעם וואַלד, וואָס רײַסט זיך מיט די וואָרצלען
פֿון דעם גרונט, ווי מיט צעקאַרבטע הענט,
וועלכער צינדט די קרוינען אָן צום יאָרצײַט
נאָך דעם זומער, וואָס ער ברענט און ברענט...

ערד, מײַן מוטער, טײַערע און טרײַע,
ערד, מײַן קינד, וואָס בלײַבט דאָ אײביק יונג,
ערד, וואָס האָט און דאַרף נאָך מערער פּײַער, —
זאָל מײַן לעבן זײַן דיר אויך אַ פּונק.

* * *

כ׳וויל, אַלע מיידלעך זאָלן קאַלעס ווערן,
און אַלע קאַלעס זאָלן ווײַבער ווערן.
און אַלע ווײַבער זאָלן מוטערס ווערן,
און אַלע קינדער זאָלן גליקלעך זײַן!

כ׳וויל, יונגוואַרג זאָל דאָ וואַקסן און זיך מערן —
די סאַמע גליקלעכסטע אונטער די שטערן,
און זאָלן זײַ דאָ אײביק לידער הערן
פֿון פֿרייד און גליק און לויטערקײַט און שײַן...

* * *

און אָפּט איך טראַכט גאָר, אַז ס׳איז גוט,
וואָס יוגנט איז אַדורכגעגאַנגען,
עס האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס בלוט,
זיך אויסגעלײַטערט די געדאַנקען.

און אָפּט איך טראַכט גאָר, אַז ס׳איז פּײַן,
וואָס יוגנט איז אַדורך, פֿאַרשוווּנדן, —
ס׳איז אומרויִקע רו אַרײַן
אין הייסן קלעם פֿון טיפֿע וווּנדן.

און מערסטנס אָבער פּיל איך בלויז,
אַז דאָס נאָר אַלץ איז אַ קלייזײַען,
וואָס איך טראַכט אויס, וואָס איך קלער אויס,
קעדיי פֿון בענקשאַפֿט זיך באַפֿרײַען.

* * *

פון איין פרילינג ביזן צווייטן
איך פארגעס, אז ס'האָט געגרינט דער טאָל,
און די פריִע צארטע קווייטן
גריס איך, ווי צום ערשטן מאָל.

שטענדיק, ווען עס קומט דער מײַ אָן
און באבלעטערט און באקרוינט דעם קליאָן,
דוכט זיך מיר, אז טעג־בערג טײַען
און עס הייבט זיך ערשט מײַן יוגנט אָן.

* * *

פאראן אזעלכע רייד, וואָס כ'וויל אין זיי פארגעסן,
וואָס, ווי אין זומפּ, אין זיי פארזינקט מען שווער:
„וואָס קנאַפּער מענטשן, איז די סימכע גרעסער,
וואָס מערער אוילעם, איז נאָר טומל מער"...

אָן אנדער ווערטל דארף מען שלײַפן, טעסען,
קעדיי אין ברייטן קלאל זאָל פריילעך זײַן:
וואָס מערער מענטשן, איז די סימכע גרעסער,
וואָס מערער אוילעם, יאָמטעוו מער און שײַן.

* * *

איך בין קיינעם ניט מעקאַנע,
נאָר בא ערשטער פרילינגדיקער שײַן
ציט מיך הייס אזוי פונדאַנען,
אין דעם ווײַטסטן דאָר ארײַן.

איך וואָלט וועלן, כאָטש איין טראָפּן
פון זײַן ראַכוועס זאָל מיך טאָן א ריר.
וויפל געמבעס צו פארשטאָפּן
איז דאָ אויסגעקומען מיר!

ניט איין פײַנט האָט אויסגעגאָסן
גאַל און פּולווער אַף מײַן יונגער וועלט;
מיטן הארץ, גלײַך ווי מאַטראָסאָוו,
כ'האָב דעם וועג צו דיר פארשטעלט.

און אפילע דיר מעקאַנע
בין איך ניט, מײַן ווײַטער, זינגענדיקער דאָר,
נאָר ווען ס'בליִען די קאַשטאַנען,
העלפט מיר ניט, און ס'בענקט זיך פאָרט...

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

מוישע ליטוואקאָוו
(1939—1879)

אַרן קושניראָוו
(1949—1890)

פּייסעך בינעצקי
(1966—1910)

א גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור־פאָרשונג



עס איז געוואָרן הונדערט יאָר, זינט ס׳איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער ייִדישער קריטיקער מוישע ליטוואקאָוו. מ. ליטוואקאָוו איז געשטאנען באם וויגעלע פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, צוזאמען מיט די גרונטלייגער אין אנדערע זשאנרען האָט ער איבערגעלעבט אירע געבורט־ווייען, די כעווליי־לײדע, פון עכטער ניַי־שאפונג. ער איז געקומען אין די רעשטאָוואניעס פון דער ליטעראטור־בויונג באוואָפנט מיט דער וויסנשאפטלעכער רעוואָליוציאָנערער מארקסיסטיש־לענינישער עסטעטיק, מיטן פּאטאָס און איבערצייַגטקייַט פון אן אָנהייבער, מיטן אָפּטימיזם און מיט דער זיכערקייַט פון א בויער, וועלכער קלייַבט זיך אופשטעלן אזא בּיניען, וועגן וועלכן מע האָט ביז איצט ניט געוווּסט. יעדע ארויסטרעטונג ליטוואקאָווס איז אין יענע יאָרן געווען א געשעעניש אין דער ייִדישער ליטעראַרישער סוויווע. אף זייַנע ארטיקלען האָבן אומגעדולדיק געווארט סייַ די שרייַבער, סייַ די לייענער. אין ליטוואקאָווס אָפּרופן אף ווערק און געשעענישן האָט מען געפילט דעם אָטעם פון דער צייַט, דעם גלי פון קאמף, אין זיי האָט מען געפונען אן ענטפער אף די ברענענדיקע פראגן פונעם לעבן און פון דער ליטעראטור. זייַן קריטיק איז געווען שטענדיק אָריגינעל, שארפזיניק, קינסטלעריש ראפינירט און אין דער זעלבער צייַט — גייַסטרייַך, טיף און פּרינציפּיעל. ער האָט זייַנע אָפּשאצונגען געגעבן דרייסט און געוויסנהאפט, שטיצנדיק עמעסע טאלאנטן און ניט שוינענדיק טאלאנטלאָזיקייַטן, וועלכע שטורעמען דעם אָלימפּ מיט כניפע און אינטריגעס. די שונדיסטן אין דער ליטעראטור האָבן פאר אים געציטערט און פאכדאָנעסדיק קעגן אים געקעמפט.

זייַענדיק אן אידעאָלאָג פון דער ייִדישער ליטעראטור, האָט מוישע ליטוואקאָוו געפירט אן אומופּהערלעכן קאמף קעגן פרעמדע אידייִשע טענדענצן אין איר גופע און קעגן אירע סאָנים אין אויסלאנד.

ער האָט אין זייַנע שארפע פּאמפלעטן דעמאסקירט די רעאקציאָנערע פיליסטערס אין די קאפּיטאליסטישע לענדער און איינצייַטיק געשטיצט די פּראָגרעסיווע און באגאבטע שרייַבער, וועלכע האָבן געזוכט א וועג צום פאָלק און צו דער רעוואָליוציע.

מיר ברענגען דאָ מוישע ליטוואקאָווס אן אָפּרוף אף דאָוויד בערגעלסאָנס ראָמאן „נאָך אלעמען”. דער דאָזיקער אינטערעסאנטער פראגמענט איז גענומען פון אן ארטיקל „א נייַער אָנהייב”, וואָס איז פארעפנטלעכט אין 1913 יאָר און איז שפּעטער אריַין אין דער ערשטער זאמלונג פון ליטוואקאָווס קריטישע ארבעטן „אין אומרו” (קיִעוו, 1919).

מוישע ליטוואקאָוו

וועגן דעם ראָמאן „נאָך אלעמען"

א ווירקלעך גרויס געשעעניש אין אונדזער ליטעראטור איז דער ראָמאן „נאָך אלעמען" פון דאָוויד בערגעלסאָן. דאָס איז דער ערשטער און דערווײַל דער איינציקער ייִדישער ראָמאן. דאָס ערשטע און דערווײַל דאָס איינציקע בוך וועגן דעם ייִדישן מיידל. מירעלע — אזוי הייסט דער הויפּט־פּערסאָנאזש פונעם ראָמאן — עפנט אין דער ייִדישער ליטעראטור א גאלעריי פון פרויען־טיפּן, וואָס, לעמאָשל, אין דער רוסישער ליטעראטור בילדן זי פּושקינס — טאטיאנא, טורגעניעווס — ליזא, גאָנטשאראָווס — ווערא און פיל אנדערע וווּנדערשיינע בילדער פון רוסישע מיידלעך. דאָס ערשטע מאָל זינט ס'עקזיסטירט די ייִדישע קינסטלערישע ליטעראטור האָט זיך א שרײַבער באצויגן צום ייִדישן מיידל מיט אזא קינסטלערישן טאקט, מיט אזא צארטן ליריזם און מיט אזא ליבנדיקער אופמערקזאמקייַט. צום ערשטן מאָל איז אף ייִדיש אויסגעדיכטעט א בילד, וועלכס שטייט אף אזא הויכער מאדרייגע פון קינסטלערישער סימבאָלישקייַט און וועלכעס האָט דעריבער א זינען און באטײַט ניט נאָר פאר דער ייִדישער ליטעראטור...

„נאָך אלעמען"... פאמעלעך און אומעטיק שטארבט אָפּ דער אלט־ייִדישער לעבנס־שטייגער, ס'ווערן כאָרעוו די יעסוידעס פון דער בעסמעדרעש־קולטור, וועלכע איז אמאָל געווען אזא מעכטיקע שטיצע פאר דער איינזאמער ייִדישער נעשאָמע. איבער דעם שטעטל, וועלכס סימבאָליזירט דעם דאָזיקן לעבנס־שטייגער, טראָגט זיך דער שטילער גערויש פון וועלקן. אינעם ראָמאן, וועלכער שילדערט אָט דאָס אָפּוועלקן אזוי ווי בעדערעך אגעוו, פילן זיך אָפּט ריין טשעכאָווישע אקאָרדן. אזוי ווי ס'וואָלט אוועקגיין אין זײַן אייביקן רו דער ייִדישער „קארשן־גאָרטן"...

ר' געדאליע הורוויץ, אָט דער לעצטער פאָרשטייער פון א גוויריש־ראבאָנישער מישפּאָכע, ווערט פאמעלעך און אָנאָפּהאלטלעך רויִנירט. דער מישפּאָכע זײַנען אויסגעגאנגען די לעבנס־קויכעס, זי איז אויסגעצערט פון דוירעס פון בעסמעדרעשדיקער רוכניעס, און אירע לעצטע פאָרשטייער זײַנען לאכלוטן ניט צוגעפאסט צו די פּראָזאִישע באדינגונגען פונעם נײַעם קאָמפּליצירטן לעבן. ר' געדאליע הורוויץ גייט ביסלעכווײַז אראָפּ פון דער סצענע, ווו זײַן אָרט קלײַבט זיך פארנעמען אווראָם־מוישע בורנעס, א פאָרשטייער פונעם נײַעם, מער הײַנטיקן באלעבאטישן גראד, אן אופגעקומענער גוויר, וואָס האָט אין זיך קיין איין שטריך ניט פון דער אלט־ייִדישלעכער רוכניִעס, אָבער דאָס נײַע פלעכט זיך שטענדיק איבער מיטן אלטן, און אָט דעם אופגעקומענעם גווירס זון, וואָווע בורנעס, דאָס דאָזיקע געזונטע און רייִנע קינד פון דער פאָלקס־ערד, אָט דעם קרעפּטיקן „אמהאָרעץ", וועלכער איז דורך דוירעס פון בעסמעדרעש־קולטור ערצויגן אין דערעכערעץ צו רוכניִעס און ייִכעס, — אָט דעם וואָווע בורנעסן ציט עס סטיכייִש צו דער יאָרדים־מישפּאָכע פון די הורוויצן... דאָס איז א מין ייִדישער לאָפּאכין, א מער רייִנער און איידעלער, וועלכער איז פארצויבערט פון דער היסטאָרישער שיינקייַט פון דער מישפּאָכע פון די ראנעווסקיס — פון די ייִדישע ראנעווסקיס (פּערסאָנאזשן פון טשעכאָווס „קארשן־גאָרטן"). וואָווע איז באשיידן, אקשאָנעסדיק, טיף און האָפענונגסלאָז פארליבט אין ר' געדאליע הורוויצעס באסיעכידע — אין מירעלען...

מירעלע — דאָס איז דער גייַסט־אומרו פונעם שטעטל. פאר אלעמען א נאָענטע און א ווײַטע בלאנקט זי גאנצענע טעג דאָ ארום, ווי א שאָטן, ווענקנדיק א בענקשאפט נאָכן אָוואר און אן אומרו וועגן דער צוקונפט. ווער איז זי? וואָס וויל זי? זי האָט אויסגעלעבט דאָס אלטע, מיטן אָוואר האָט זי פארענדיקט אירע כעזשבוינעס, דער פאָטער איז איר פרעמד, זי איז אפילע גלײַכגילטיק צו זײַן אומגליק, און פלוצעם ווארפט זי זיך אין אן אויסברוך פון טיפן ייִעש דעם פאָטער אפן האלדז, און ביידע באוויינען זיי עפּעס, וואָס איז שוין אף אייביק פארפאלן און ס'וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן.

מירעלע איז פול מיט באגערן, זי איז פול מיט לײַדנשאפט, ס'ציט זי ערגעץ אין א ווײַט, אין וועלכער זי גלייבט אליין ניט, א שטענדיק זוכנדיקע, א שטענדיק דורשטיקע. אָט ווערט זי וואָווע בורנעסעס קאלע, ניספּאָעל פון זײַן סטיכייִשער אומבארירטקייַט, — נאָר שנעל אנערקענט זי די אומעגלעכקייַט פון אזא זיוועג און זאָגט דעם כאָסן אָפּ. אָט הייבט זי אָן א נײַעם ראָמאן מיט עפּעס א פּאָליטעכניק, וועלכן זי ווארפט באלד אוועק. די ליפּן זײַנען אויסגעטריקנט פון באגערן, די נעשאָמע איז אויסגעברענט פון בענקשאפט. „נו — און ווײַטער, ווײַטער וואָס?..." ארום הייבט מען אָן אף איר קוקן, ווי אף א לײַכטער מעציִע. נאָר די ערשטע טנוע אירע, אין וועלכער ס'דערפילט זיך דער גאנצער געיארשנטער שטאָלץ און ייִכעס, איין שטרענגער בליק פון אירע וווּנדער־שיינע אויגן שטעלן אין ביזאָיען און אין פאכעד דעם באנאלן האמוין פון באגערנדיקע מאנצבלען, און זיי הייבן זיך אָן ווידער באציִען צו איר מיט געצווונגענער ייִראס־האקאָוועד, אזוי ווי ארויסקוקנדיק אפן מאָמענט פון איר ענדגילטיקער יערידע... אָט פאלט אף איר אָן א גרויסמוט — איז זי מאסקים אף א רײַכן שידעך, קעדיי צו ראטעווען דעם פאָטער פון פולשטענדיקן כורבן. נאָר ניין — ניט זי וועט שאפן א

פאַמיליע־שטאַם, ניט זי וועט זײַן אַ ווײַב און אַ מוטער! זי וואַרפט אַוועק דעם מאַן. ווידער איז זי אין שטעטל...

מירעלע — דאָס איז די בענקשאַפט נאָכן אָוואַר, דאָס איז אַן אַנמעכטיק שטרעבן צו דער צוקונפט, דאָס איז דער געוויסן פונעם הײַנטיקן טאָג, — דאָס איז — אַל־האַקל — אַ סטאַם וווּנדער־שיין פרויען־בילד. אָף וואָס וועט זי זיך באַרויִקן? אין ראָמאַן ווערט דערפון גאָרניט געזאָגט, — ביכלאַל איז זי נאָך אַ סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישע און דיכטערישע רעטעניש.

„איך לעב איבער מײַן האַרבסט, — שרײַבט זי אין אַ בריוו צו איינעם פון אירע פרײַנט, — פון מײַן געבוירן אָן לעב איך אים איבער, און קיין פרילינג האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט. עמעצער האָט אים פאַר מיר איבערגעלעבט, אָט דעם פרילינג, און מיר ווערט דאָס שוין פון טאָג צו טאָג קלערער: נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן, האָט עמעץ מײַן פרילינג איבערגעלעבט...”

אָבער מער פּאָזיטיוו באַציט זיך מירעלע צום קינפּטיקן באַלעבאָס וואָווע בורנעס און צום סימפּאַטישן בירזשע־מענטש מאָנטשיק... צי ליגט דאָ ניט אַ סימען אָף לעהאַבע? אַ מין קינסטלערישער פּראָגנאָז? ביפּראַט נאָך, אַז מיר געפינען אייניקע רעמאָזים אין דער ריכטונג אויך סײַ אין ווײַטערס דראַמע, סײַ אין קאַסעלס דערציילונג. נאָר בערגעלסאָנס ראָמאַן רופט איבערהויפּט אַרויס אַ גאַנצע ריי געדאַנקען און פראַגן, וואָס צום באַדויערן, קאָן מען זיי דאָ ניט באַהאַנדלען.

„אַ קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע” — אַזוי כאַראַקטעריזירט מירעלעס איבערלעבונגען איינער אַ ייִדישער בעלעטריסט, וועלכן בערגעלסאָן פירט אַרויס אין זײַן ראָמאַן. ניין, ס'איז ניט קיין קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע, נאָר די טראַגעדיע פונעם שטעטל. אַ טראַגעדיע פון אַ גאַנצן דאָר. און די דאָזיקע טראַגעדיע האָט אונדזער נײַער ראָמאַניסט אויסגעמאָלט און אַנטפּלעקט מיט אַ טיפן ליריזם, אַרויסווײַזנדיק אַ גרויסן קויעך פון קינסטלערישער פּאַראַלגעמיינערונג, און „נאָך אַלעמען” איז אַ גרויסע מאַטאָנע דער ייִדישער ליטעראַטור.

■ ■ ■

אַרן קושניראָוו

פון די מילכאָמע־פאַרצייכענונגען

דער גרויסער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער אַרן קושניראָוו האָט אָף די פראָנטן פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע מיטגעאַרבעט אין דער אַרמייִשער פּרעסע. זײַנע פאַרצייכענונגען פון יענע יאָרן זײַנען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צײַטונג „איינִיקײַט”. אַ. קושניראָווס דרײַ מילכאָמע־פאַרצייכענונגען דרוקן מיר איבער אין צוזאַמענהאַנג מיטן 90־טן געבורטסטאָג פונעם שרײַבער.

לייטענאַנט הערשל שעלעסט

דער לייטענאַנט הערשל שעלעסט האָט אין שלאַכט פאַרנומען דאָס אָרט פון זײַן באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר, וועלכער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. שעלעסט האָט זיך אַרײַנגעשניטן מיט זײַן באַטאַליאָן טיף אין די דײַטשישע פּאָזיציעס. די נײַע פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט, האָט געגעבן גרויסע מעגלעכקײַטן פאַרן ווײַטערדיקן אָנגריף. אָבער אויך דער סוינע האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקײַט פון דער דאָזיקער פּאָזיציע. אין מעשעך פון צען שאָ האָט דער באַטאַליאָן אויסגעהאַלטן עטלעכע שטאַרקע קאָנטראַטאַקעס. שעלעסט האָט באַפוילן צו האַלטן זיך ביז דער לעצטער מעגלעכקײַט. ענדלעך, האָט ער זיך דערוואַרט אָף הילף, און דער באַטאַליאָן איז אַריבער אין אַ נײַעם אָנגריף.

דער קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק מאַיאָר בעלאָוו האָט הייס געדריקט די האַנט שעלעסטן.

— איר בלײַבט קאָמאַנדיר פונעם באַטאַליאָן. איך בין זיכער, איר וועט זיך ספּראַווען.

פונעם ערשטן טאָג אָן, זינט שעלעסט איז אָנגעקומען אין פּאָלק, איז דעם מאַיאָר בעלאָוו געפעלן געוואָרן דער יונגער לייטענאַנט מיטן ייִדישן נאָמען הערשל שעלעסט. ער האָט דער־

שפּירט אין אים א שאַרפן פאַרשטאַנד און א יונגע נײַגעריקײַט צום נײַעם שווערן און געפערלעכן לעבן, אין וועלכן ער איז אַרײַנגעפאַלן. דער מאַיאָר האָט אָפטמאָל געשמועסט מיט שעלעסטן. ער האָט ליב געהאַט אַרופצופירן דעם לייטענאַנט אַף פאַרשיידענע פראַגעס און אַליין געגנוי אים זיי דערקלערן. אין האַרצן האָט ער געפילט א באַפרידיקונג, וואָס אַזוי־אַרום לערנט ער אים און דערציט אים. און שעלעסט האָט מיט באַגײַסטערונג זיך באַצויגן צו זײַן קאָמאַנדיר און פלעגט זיך פילן שטאָלץ נאָך יעדן שמועס מיט אים.

איינמאָל האָט בעלאָוו געגעבן שעלעסטן ניט קיין גרויסן מאַנוסקריפּט, איבערגעדרוקט אַף א שרײַבמאַשין.

— לייענט איבער, אײַך וועט צוניץ קומען. דאָס איז די געשיכטע פון אונדזער פּאָלק.

די באַשיידענע זײַטלעך פונעם מאַנוסקריפּט האָבן דערציילט וועגן דעם, ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק אין א פאַרנעפּלטן אָקטיאַבער־טאָג זײַנען עטלעכע צענדליק אַרבעטער פרײַוויליק אַוועק זיך שלאָגן פאַר דער סאָוועטנמאַכט.

עס האָבן אָפּגעהילכט די ערשטע שלאַכטן. די קריגער פונעם קליינעם רויטגוואַרדייִשן אָטריאַד האָבן זיך געפרייט מיט זייער ניצאָכן. נאָר אין יאַנוואַר 1918 יאָר האָט דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד אַנאַטאָלי וואָלקאָוו פאַרזאַמלט זײַנע שלאַכטלײַט און באַפוילן ווידער זיך גרייטן צו א שלאַכט.

— אָט וואָס, כאַווײרים! די דײַטשן גרײַפן אָן אַף פּעטראָגראַד. מיר מוזן פאַרצוימען דעם וועג צו אונדזער רעוואָליוציאָנערער הויפּטשטאָט.

וואָלקאָוו איז געווען אן אַרבעטער, ווי אַלע איבעריקע קריגער פון זײַן אָטריאַד. ער איז דורכגעגאַנגען דאָס פײַער פון דרײַ מילכאָמע־יאָרן מיט די דײַטשן. א פאַרוווּנדעטער, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. דער שטורמישער אָקטיאַבער האָט אים געשטעלט אַף די פיס. ער איז צוזאַמען מיט זײַנע כאַווײרים אַוועק אין דער רויטער גוואַרדיע זיך שלאָגן פאַר דער סאָוועטנמאַכט. ער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון אָטריאַד. די מילכאָמע האָט אים געגעבן א היפּשע קריגס־דערפאַרונג. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א דרייסטן קאָמאַנדיר.

די שלאַכטלײַט האָבן אָנגעשטרענגט אויסגעהערט די קאַרגע ווערטער פון זייער קאָמאַנדיר, אַלע זײַנען געווען אויפגערעגט פון דער ידיעה וועגן דער נײַער געפאַר, וואָס דראָעט דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק. איינער פון די קריגער האָט מיט פאַרביטערונג באַמערקט:

— יאָ, די דײַטשן — דאָס איז אן ערנסטע זאַך! זיי זײַנען, געוויינלעך, באַוואָפנט איבער די ציין. און מיר? וואָס איז איצט אונדזער באַוואָפענונג? מיט וואָס וועלן מיר זיי פאַרצוימען דעם וועג?

וואָלקאָוו האָט בייז א קוק געטאָן אַפן רעדנער און הייס געזאָגט:

— מיט אונדזער ברוסט וועלן מיר פאַרצוימען! מיט אונדזערע קערפּערס!

...דאָס אַלץ האָט הערשל שעלעסט אַרויסגעלייענט פונעם קליינעם מאַנוסקריפּט, וואָס דער מאַיאָר בעלאָוו האָט אים געגעבן. ער האָט דאָרט אויך געלייענט, ווי וואָלקאָווס אָטריאַד האָט אין פעוורואַל 1918 זיך באַגעגנט מיט די דײַטשן הינטער פּסקאָוו. אין א דרייסטער באַנאַכטיקער שלאַכט האָט דער סאָוועטישער אָטריאַד צעקלאַפּט דעם סוינע און פאַרכאַפּט בא אים א סאַך געווער.

איצט, אין פינף און צוואַנציק יאָר אַרום, האָט דער פּאָלק, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון יענעם קליינעם רויטגוואַרדייִשן אָטריאַד, ווידער זיך געשלאָגן מיט די דײַטשן. א נײַער דאָר קריגער און קאָמאַנדירן האָט פאָרגעזעצט די געשיכטע פונעם רומפולן פּאָלק. און איינער פון די קאָמאַנדירן איז געווען אויך דער לייטענאַנט הערשל שעלעסט.

— אײַך געפעלט די געשיכטע פון אונדזער פּאָלק? — האָט געפרעגט דער מאַיאָר בעלאָוו?

— מיר געפעלט זייער, כאַווער קאָמאַנדיר, — האָט געענטפערט שעלעסט. — א העלדישער פּאָלק! א העלדישע געשיכטע!

דער מאַיאָר האָט א שמייכל געטאָן:

— ווי מיינט איר, שעלעסט, וועגן אונדז מיט אײַך וועט מען אַמאָל אויך אַזוי אָנשרײַבן?

שעלעסט האָט זיך עטוואָס פאַרטראַכט און גלײַך געענטפערט:

— פאַרשטייט זיך, כאַווער קאָמאַנדיר. איר האָט דערויף אַלע שאַנסן. איר זײַט באַלוינט פאַר דער פינישער מילכאָמע. און אויך פאַר דער איצטיקער מילכאָמע האָט איר שוין אָן אָרדען. און מיר — ווי קומען מיר צו געשיכטע? געשיכטע איז פאַר העלדן!

אין פראָסטיקע טעג פון פעוורואַל 1943 האָט דער פאָלק געיאָגט די פארהאסטע פאשיסטן אַף מײַרעוו. עס איז פאָרגעשטאנען א שלאכט פאר א גרויסער שטאָט. דער מאיאָר בעלאָוו האָט ארויסגערופן שעלעסטן.

— אָט וואָס, פרײַנט מײַנער, — האָט ער זיך געווענדט צו אים. — די דײַטשן פרוּוון זיך האלטן מיט אלע מעגלעכקײַטן. איר מיט אײַער באַטאליאָן גרײַפט אָן אין אוואנגארד. די ארטילעריסטן וועלן דורכברעכן פאר אײַך א וועג. און איר רײַסט זיך האסטיק ארײַן אין פאָרשטאָט און פארניכטעט זיי ביזן לעצטן.

— פאראָן! כאווער קאָמאנדיר! פארניכטן ביזן לעצטן.

שעלעסט האָט זיך אופגעהויבן:

— דערלויבט אוועקגיין, כאווער קאָמאנדיר!

—ווארט, שעלעסט, ווארט, — האָט אים פארהאלטן דער מאיאָר בעלאָוו. — איר געדענקט אונדזער שמועס?.. איר געדענקט, ווי איר האָט מיר געזאָגט: ווי קומען מיר צו געשיכטע?.. אָט איז געקומען די צײַט, מיר זאָלן זיך אויך ארויסווײַזן ווי העלדן. לאָמיר די ערשטע ארײַן אין שטאָט!

— אומבאדינגט די ערשטע! — האָט געענטפערט, ווי א פארצויבערטער, שעלעסט. — אַז מע זאָל דאָס אַף אייביק פארגעדענקען.

— ריכטיק! און מע וועט דאָס פארגעדענקען, — האָט מיט טיפער איבערצײַגונג געזאָגט בעלאָוו. — אָט געדענקען מיר דאָך אונדזער ערשטן קאָמאנדיר אנאטאָלי וואָלקאָוו. קיינער פון אונדז האָט אים ניט געקענט, ניט געזען, און דאָך געדענקען מיר...

באגינען האָט דער לייטענאנט שעלעסט געפירט זײַן באטאליאָן אין אטאקע אַף דער שטאָט. דער סוינע האָט באגעגנט די אָנגרײַפנדיקע מיט א פײַער־האָגל. די שווארצע אופרײַסן פון די מינעס האָבן אָפּגעסמאליעט דאָס שנייִקע פעלד. די טראסירנדיקע קוילן האָבן מיט פײַערדיקע פונקען דורכגעשטרײַכט פאָר די אָנגרײַפנדיקע א טויטן שטריך: ניט דורכצוגיין, ניט דורכצורײַסן זיך! די רויטארמייער זײַנען צוגעפאלן צו דער ערד. דער לייטענאנט שעלעסט האָט זיך אופגעשטעלט און, אריבערשרײַענדיק דאָס געהילך פון דער וויוגע, אויסגערופן:

— פאר אונדזער ערד! פאָרויס, כאווײרים!

דער ווינט האָט אונטערגעכאפּט דעם הילכיקן „הורא" און זיך אוועקגעלאָזט וועקן די טויטע שטאָט מיט דעם דאָזיקן לעבעדיקן טריומפירנדיקן אויסגעשריי. די גאסן האָבן געברענט. דער פלאם פון די סרייפעס האָט באלויכטן די פארפּאליעטע פּענעמער פון די רויטארמייער, וואָס האָבן זיך ארײַנגעריסן אין שטאָט...

אין אָוונט האָט דער מאיאָר בעלאָוו ארויסגערופן צום טעלעפאָן דעם לייטענאנט שעלעסט.

— הערט, שעלעסט! — דעם מאיאָרס שטים האָט געקלונגען באגײַסטערט. — נאָרוואָס האָט מען איבערגעגעבן דורך ראדיאָ. אָט נאָרוואָס האָט דאָס גאנצע לאנד זיך דערוווּסט: „דער ערשטער איז ארײַן אין שטאָט אונדזער פּאָלק..." אײַער באטאליאָן, כאווער שעלעסט!

א גרוס דיר, דניעפּער!

— נו, כעוורע, איר זעט יענע בערגלעך? אהין קוקט, אַף רעכטס! אָט פון יענער הייך קאָן מען שוין זען דעם דניעפּער... — אזוי האָט געזאָגט צו זײַנע שלאכטלײַט דער קאָמאנדיר פון דער ראָטע.

— דניעפּער! — האָט, ווי א באצויבערטער, אויסגערופן דער סערזשאנט יאָסעף בעלעמסקי, דער קאָמאנדיר פון אן אָפּטיילונג. — כאווער קאָמאנדיר, — האָט ער צוגעגעבן מיט א הייסער שטים, — פונקט מיט צוואנציק יאָר צוריק האָב איך צום לעצטן מאָל געזען דעם דניעפּער, מיר האָבן דעמלט פארלאָזט זײַנע ברעגן. דאָס איז געווען בא קיִעוו. הייסט עס, אָט באלד וועל איך ווידעראמאָל אים זען?

— ווער עס וועט דער ערשטער אהין זיך דערקלײַבן, דער וועט דער ערשטער אים דערזען, — דער קאָמאנדיר האָט אויסגעקערעוועט זײַן בליק אהין צום בערגל.

עטלעכע הונדערט מעטער פארזומפּיקט פלאך־פעלד איז געלעגן צווישן די שלאכטלײַט און צווישן דער לעצטער פארדניעפּרישער הייך. דאָרט, אפן סאמע רוקן פונעם בארג, האָבן בוילעט זיך אויסגעטיילט אין דער העלער באגינענדיקער לופט דרײַ איינזאמע סאָסנעס. צוויי ביימער זײַנען געשטאנען נאקעטע, אָן קרוינען. שרעקלעכע אופרײַסן פון סנאריאדן האָבן אראָפּגעפליקט פון זיי ביז א מינדסט צווײַגל. זייערע צעקאליעטשעטע שטאמען האָבן געסטארטשעט ווי אויסגעקרימטע, פארלאָשענע וועקסענע ליכט. נאָר דער דריטער בוים איז נאָך געשטאנען קימאט א גאנצער, א לעבעדיקער, כאָטש אויך מיט ארומגעבראָכענע אָפּגעסמאליעטע צווײַגן.

און ווי האָט עס אים אָפּגעגליקט אײַנצושטיין אינעם וויכער, אינעם הוראגאן פון פײַער, מיט וועלכן אונדזערע ארטילעריסטן האָבן „באארבעט" דאָס בערגל. ווײַזט אויס, געוויסע בלויזן האָט דאָך איבערגעלאָזט דער ארטילערישער הוראגאן. ווי נאָר בעלעמסקיס אָפּטיילונג האָט אָנגעהויבן אריבערלויפן — גלײַך האָט אופגעלעבט און זיך אָפּגערופן מיט בייזער האסטיקער קלאפּערײַ א דײַטשישער קוילנוואָרפער. דערנאָך, פון אן אנדער זײַט, האָט זיך דערהערט א שיסערײַ פון א צווייטן קוילנוואָרפער. א שארף געפײַף פון קוילן האָט דורכגעשניטן דאָס פעלד פון אלע זײַטן.

יאָסעף בעלעמסקי האָט א שאַרף אויג. אין שלאַכט איז ער שטענדיק אופמערקזאַם און ווײַטזיכטיק. ער באַמערקט, ווי נאָך יעדן שאָס שפּרייט זיך א נידעריקער רויך איבער די צווײַגלעך, וואָס פאַרמאַסקירן דעם אָקאָפּ. עך, די זיכערסטע זאַך וועט זײַן,— דערקלײַבן זיך אהין, צופּויזען אומבאַמערקט פון דער זײַט און א וואָרף טאָן א פּאָר גראַנאַטעס אין די דײַטשן, דערנאָך אופהייבן די גאַנצע אָפּטיילונג און פאַרכאַפּן די הייך.

דער סערזשאַנט האָט גענומען פּויזען פּאָרויס. נאָר דאָ האָט ער דערזען: ניט ווײַט פון אים פּויזעט אויך דער רויטאַרמייער פון זײַן אָפּטיילונג גאַפור גאַליִעוו. ווי פלינק ער פּויזעט! ענערגיש באַוועגן זיך זײַנע קני און עלנבויגנס. ער יאָגט בעפיירעש אַריבער בעלעמסקין. די דײַטשן האָבן, ווײַזט אויס, אים באַמערקט, ווידער אופגעהויבן א שיסערײַ. גאַליִעוו איז צוגעפאַלן צו דער ערד. עפּעס הייבט ער זיך לאַנג ניט אוף. עפּשער האָט אים געטראָפן א קויל? ניין, אָט באַוועגט ער זיך שוין ווידער, ער פּויזעט ווידעראַמאָל פלינק, אָט פאַרקערעוועט ער שוין פון דער זײַט צום בערגל. מיטאַמאָל איז ער האַסטיק אופגעשפּרונגען, א וואָרף געטאָן זיך צום דײַטשישן אָקאָפּ און אין דער לופט האָט א שוועב געטאָן זײַן האַנט. הוראַ, גאַליִעוו!

א שטאַרקער רויכיקער אופרײַס האָט אף איין אויגנבליק פאַרדעקט גאַליִעוון און יענץ אָרט, וווהין ער האָט נאָרוואָס א שלײַדער געטאָן זײַן גראַנאַטע. ניט וואַרטנדיק ביז דער רויך וועט צעווייט ווערן, איז דער סערזשאַנט יאָסעף בעלעמסקי אופגעשפּרונגען און א געשריי געטאָן:

— פּאָרויס! נאָך מיר!

גלײַך נאָכן קאָמאַנדיר זײַנען אופגעשפּרונגען אויך די רויטאַרמייער. דער דײַטשישער קוילנוואַרפער איז אַנשטומט געוואָרן. דער קאָמאַנדיר און זײַנע קריגער זײַנען אין איין אָטעם אַרופגעלאָפן אפן באַרג. אַלעמענס אויגן האָבן גלײַך זיך געווענדט אהין, ווו צווישן נידעריקע קוסטעס האָט געבלויט און געגלאַנצט א געשלענגלטער ברייטער פּאַס וואַסער. דער טײַך! פונדערווײַטנס האָט ער אויסגעזען שטיל און פאַרגליווערט. יאָסעף בעלעמסקין האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מע דאַרף אים מיט עפּעס אופוועקן, דעם טײַך, ער זאָל קומען צו־זיך און באַמערקן, אַז צו אים זײַנען געקומען זײַנע לײַבלעך נאָענטע מענטשן. דער סערזשאַנט האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צום טײַך און הויך אויסגעשריִען:

— דניעפּער! א גרוס דיר, דניעפּער!

אין זײַן זשעסט, אין זײַן שטים איז געווען באַגײַסטערונג און פרייד און גרויסע רעגונג. נאָר ער, וואָס איז געבוירן און איז אויסגעוואַקסן באַם דניעפּער, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זײַן זיקאָרן די שיינקײַט און די קראַפט פונעם טײַך און האָט געטראָגן אין זײַן האַרץ א טיפע בענקשאַפט נאָך אים,— נאָר ער האָט געקאָנט זײַן אין דער רעגע אַזוי אופגערעגט און אַזוי גערירט.

אַזוי האָט געמיינט יאָסעף בעלעמסקי. אָבער אין דער זעלבער רעגע האָבן אַלע מיטאַמאָל דערזען גאַפור גאַליִעוון. ער איז געלעגן עטוואָס אין א זײַט און געקוקט אף די כאַווייִרים מיט ברייט צעעפנטע פײַכטע אויגן. דערזען, אַז מע האָט אים באַמערקט, האָט ער זיך אופגעהויבן אפן עלנבויגן, אויסגעשטרעקט די הענט צום טײַך און שטיל געזאָגט:

— איך... איך האָב דער ערשטער דערזען דעם דניעפּער.

אינעם רוסישן דאָרף זאַגאָריע

ווען דער פראָנט האָט גענומען זיך דערנעענטערן און עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די דײַטשן וועלן אײַנגיכן פאַרנעמען דאָס דאָרף, זײַנען געקומען צו מאַרפע סטעפּאַנאָוונע אירע שכיינים און האָבן געפרעגט:

— נו, אַלטע, דו טראַכסט אוועקפאָרן, צי דו בלײַבסט דאָ?

מאַרפע סטעפּאַנאָוונע האָט געענטפערט:

— וווהין וועל איך פאָרן בא מײַנע יאָרן? און וואָס קאָנען זיי מיר טאָן, די דאָזיקע דײַטשן?

— אוי, מע זאָגט, דאָס זײַנען גאָר ניט קיין מענטשן — וועלף. און דו, אוואַדע מוזסטו אוועקפאָרן. א זון בא דיר א גרויסער מענטש, מיינסט, זיי וועלן זיך ניט דערוויסן?

מאַרפע סטעפּאַנאָוונעס זון איז געווען א פּאָלקאָווניק פון דער רויטער אַרמיי. געוווינט האָט ער אין מאָסקווע. ער פלעגט פון צײַט צו צײַט אַראָפּפאָרן צו דער אַלטער מוטער.

די אַלטע האָט געלעבט איינע אַליין. די טעכטער האָבן זי גערופן צו זיך אין שכייניש דאָרף.

— ניין, — האָט זי אַנטשיידן געענטפערט, — איך וועל פון מײַן שטוב ניט אוועקגיין. וווהין וועט קומען צו פאָרן דער זון, אויב איך וועל אוועק פונדאַנען?

ווען די דײַטשן זײַנען געקומען, האָבן זיי גלײַך געוואָרפן אַן אויג אף מאַרפעס שטוב. אין פּאָלקאָווניקס צימער האָבן זיך באַזעצט פליִער — זעקס מאַן — אַלע וווקסיקע, יונגע, נאָר איינער פון זיי עטוואָס עלטער. צוויי סאָלדאַטן האָבן אַרײַנגעטראָגן די טשעמאָדאַנעס פון זייערע אָפיצערן.

יעדן טאָג פלעגן די פליִער אוועקפאָרן אפן אַעראָדראָם, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון דאָרף. קומענדיק צוריק אהיים, פלעגן זיי טומלדיק זיך זעצן צום טיש און פירן לאַנגע און לעבהאַפטע שמועסן.

מאַרפע סטעפּאַנאָװנע האָט ניט פאַרשטאַנען זײער שפּראַך, ניט פאַרשטאַנען אפילע, װען זײ פלעגן פּרוּװן זיך װענדן צו איר אַף רוסיש. זי האָט נאָר געהערט, װי די דײַטשן האָבן אַלץ אָפטער דערמאָנט מאָסקװע. פון צײַט צו צײַט, איבעררײַסנדיק זײער פרײלעכן געשפּרעך, האָבן זײ געװאָרפן צו איר:

— מאָסקװאַ קאַפּוט! קאַפּוט מאָסקװאַ!

אײנמאָל איז דער עלטערער און אײנער פון די יונגע אָפיצערן ניט געקומען צוריק אַהײם. אין יענעם אָװנט האָבן די פליִער ניט געטומלט, װי געװײנלעך, און די פרײלעכקײַט פון זײ איז װי אָפּגענומען געװאָרן. מאַרפע סטעפּאַנאָװנע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז יענע צװײ זײַנען דערהארגעט געװאָרן. זי איז אַרײַן אין פינצטערן קאַמער, אויסגעקערעװעט זיך מיטן פּאָנעם צום װינקל און לאַנגזאַם זיך געצײלעמט:

— געלויבט זאָל זײַן גאָט! כאָטש מיט צװײ װײניקער.

אַף מאָרגן זײַנען אָנשטאָט די אומגעקומענע פליִער געקומען צװײ נײַע. אַלע זעקס מיטאָמאָל האָבן זיך אַרײַנגעװאַלגערט אין שטוב, אַרײַנלאָזנדיק נאָך זיך אַ כװאַליע קעלט פונעם פראָסטיקן דעקאַבער־אָװנט.

אין שטוב איז געװען װאַרעם, נאָר די דײַטשן זײַנען לויט זײער געװוינהײַט באַפאַלן די אַלטע:

— הײץ, מאַטקאַ, הײץ!

זײ האָבן זיך געזעצט עסן װעטשערע. זײ האָבן פיל געטרונקען און װידער פרײלעך גערעדט צװישן זיך.

אין װינקל איז געשטאַנען אַ קאַסטן, אַן אַלטער דאָרפישער קאַסטן, אַרומגעקלאַפּט מיט פּאַסיקלעך בלעך. ביז איצט האָבן די דײַטשן אים װי ניט באַמערקט. איצט האָט אײנער פון זײ אומגעריכט זיך אויפגעהויבן פון טיש, צוגעגאַנגען צום קאַסטן, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער איבערן דעק און געפרעגט בײַ דער באַלעבאָסטע:

— װאָס איז דאָ בײַ דיר אין קאַסטן, מוטערל?

די אַלטע איז אַװעק נאָכן שליסל. װען זי האָט זיך אומגעקערט, איז דער שלאָס שוין געװען איבערגעבראָכן. די אָפיצערן זײַנען געשטאַנען איבערן אָפענעם קאַסטן און געגריבלט זיך דאָרט אין די זאַכן. אײנער פון זײ האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקעלע אין אַ װײַס טיכעלע. ער האָט צעבונדן דאָס פּעקעלע און אַ װאָרף געטאָן אַפן טיש.

אין פּעקעלע איז געװען אַ גאַנצער רומל מיט אַלטע פאָטאָגראַפיעס. די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן באַקוקן די בילדער. זײ איז געקומען צו דער האַנט אַ בילד פון אַ מענטשן אין דער אוניפאָרם פון אַ פּאָלקאָװניק פון דער רויטער אַרמײ.

— װער איז דאָס, מאַטקאַ?

— מײַן זון, — האָט געזאָגט מאַרפע סטעפּאַנאָװנע, קוקנדיק די דײַטשן גלײַך אין די אויגן.

— אַ זון? — האָט איבערגעפרעגט אײנער פון די פליִער, ניט אַרויסלאָזנדיק פון האַנט דאָס בילד, — מיר קענען אים, — ער האָט אַ לאַך געטאָן און צעצויגן געזאָגט:

— מיר האָבן אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

— ניט ריכטיק! — האָט האַסטיק אויסגעשריִען די אַלטע. — איר האָט אים ניט געקאָנט נעמען, מײַן זון װעט קײנמאָל זיך ניט אונטערגעבן.

די אַלטע איז אַנשװיגן געװאָרן און מיט שטומער פאַרצװײפלונג אויסגעהערט דאָס געלעכטער פון די שיכּורע פאַשיסטן.

דרײַ אָפיצערן האָבן זיך צוגעלײגט אַף זײערע געלעגערס און זײַנען גלײַך אַנשלאָפן געװאָרן. אײנגיכן האָבן זיך געלײגט אויך די איבעריקע.

מאַרפע סטעפּאַנאָװנע האָט צוגעקליבן פון טיש, װאַרפנדיק פאָרזיכטיק אַ קוק אַף די דײַטשן. זי האָט אײַנגעדרײט דעם לאָמפּ. צונעמענדיק דאָס געפעס, האָט זי אַראָפּגעװאָרפן אַ גלאָז, די גלאָז איז געפאַלן אַפן דיל און זיך צעבראָכן מיט אַ געקלאַנג. קײנער פון די דײַטשן האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט, זײ זײַנען געשלאָפן שטאַרק.

מאַרפע סטעפּאַנאָװנע איז צוגעגאַנגען צום אויװן און גוט איבערגעשאַרט דעם זשאַר. אײנע אַ ניט איבערגעברענטע האָלעװעשקע האָט זי אַװעקגעלײגט אַף די פלאַמענדיקע קוילן און פעסט פאַרמאַכט דעם קוימען. בלויע פײערלעך האָבן גענומען אַרומלויפן אין אויװן. דאָס צימער איז געװאָרן פול מיט געדיכטן גיפטיקן טשאַד. מאַרפע סטעפּאַנאָװנע איז אַרויס און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

דער װעכטער, װאָס איז געשטאַנען אין דרויסן, האָט אַ גאַנצע נאַכט געהיט דעם שלאָף פון די אָפיצערן. אינדערפרי איז אין צימער שטיל אַרײַנגעגאַנגען אַ סאָלדאַט. ער האָט געװאָלט אויפװעקן די אָפיצערן, נאָר זײ זײַנען אַלע געװען טויט. דער טשאַד האָט זײ דערשטיקט.

...מיר זײַנען געקומען אין דאָרף זאַגאָריע אין אַ ליכטיקן װינטערדיקן פרימאָרגן. די בערעזעס באַם אַרײַנפאָר אין דאָרף זײַנען געשטאַנען אַפן פראָסט, װי צעבליטע מיט װײַסע שנײיקע בלומען. אונטער דער קאַלטער זון האָט בלענדנדיק געגלאַנצט דער שנײ אַף די דעכער פון די הײַזער. די דײַטשן האָבן ניט באַװיזן אונטערצוצינדן דאָס דאָרף. פון די װעלדער זײַנען אַרויס אונדזז אַנטקעגן די אײַנװוינער.

מיר האָבן אויסגעהערט זײער טרויעריקע דערצײלונג װעגן דעם, װי די דײַטשן האָבן אויפגעהאַנגען מאַרפע סטעפּאַנאָװנע — די אַלטע רוסישע פרוי, װאָס האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַרן קאָװעד פון דער רוסישער ערד און גענומען נעקאָמע פון די פאַרשאָלטענע סאָנים.

■ ■ ■

פּייסעך בינעצקי

אין צוזאמענהאנג מיטן 70־טן געבורטס־טאָג פונעם ייִסראָעלדיקן דיכטער־קאָמוניסט פּייסעך בינעצקי (1966—1910) ברענגען מיר דאָ זײַנעם א לידער־ציקל.

אויסדויער

אויב מײַן ליד

א

אויב מײַן ליד איז די פּרוכט אפן בוים,
וואָס מיט גילדענער שײַן אָנגעגאָסן,
איז א שײַער א פולער מײַן טרוים —
און מײַן שעפע — אריבער די מאָסן.

באם צופוסנס פון קארמל־באגין,
הייבט מײַן ליד דעמאָלט אָן דאָרט צו וואקסן.

יעדעס טראָפּעלע טוי־סעלעדין,
סע צעפּלאצט פון גינגאָלדענע שלאקסן,

און א זילב נאָך א זילב, גליד נאָך גליד,
גלײַך די יאָדערס, מיט פלייש זיך באלײַבן —
אָט אזוי צײַטיקט אויס זיך מײַן ליד,
וואָס באשערט מיר די שעפע צו קלײַבן.

ב

נאָר מײַן ליד איז די פּרוכט אפן בוים
און מײַן ליד איז דער קינדערשער כאָלעם.
און די ליכטיקסטע שײַן אין מײַן טרוים —
אָט די הייליקע זילבן צוויי: שאָלעם.

יעדער מינדעסטער שפּראָץ אפן בייט,
יעדע שווארץ־אויסגעאקערטע סקיבע,

יעדעס הארץ, וואָס איז אָפן פאר פרייד,
יעדע ווידעראנטפלעקונג פון ליבע —

אומעטום אין מײַן קאנט, אין מײַן לאנד:
פון מעטולא ביז איילאטער ברעגן,
מיט די זילבן צוויי — שאָלעם — באנאנד,
גייען ברידער די מאָרגנס אנטקעגן.

איינמאָל האָט געזאָגט מיר מײַן געוויסן

איינמאָל האָט געזאָגט מיר מײַן געוויסן:
זעסט אָן אוולע — קיינמאָל ניט פאַרגעס,
ביז זי ווערט פון וואָרצל אויסגעריסן —
שטיי מיט איר אין גלוטיקן פאַרמעסט!

ווײַל די אוולע, וואַקסט זי זיך פאַנאַנדער,
זינקט אַראָפּ דער מענטש אין ווינד־און־ווײ...
נאָר עס קען און מוז דאָך ווערן אַנדערש! —
זאָגט מיר מײַן געוויסן, די פּאַרטיי...

איינמאָל האָט געזאָגט מיר מײַן געוויסן:
זעסטו גוטס — פאַרדאָפּל עס, פאַרמער,
אַז מיט ברייטע שטראָמען זיך צעגיסן
זאָל עס אָף דער גאַנצער מוטער־ערד!

אַז די ערד מיט גוטס זאָל זיך צעבלי'ען
און פון שלעכטס ניט גרינג זײַן דער פאַרזיי,
דאַרף מען נאָך אַ סאַך, אַ סאַך זיך מי'ען —
זאָגט מיר מײַן געוויסן, די פּאַרטיי...

איז גוט מיט אַלעמען צו גיין

ווי גוט, וואָס כ'פּיל דעם אָטעם פון מײַן קלאַס.
איעדער טראָפּן בלוט טוט מיר דערציילן,
אַז ניט צו מיר אַליין געהערט דער האַס,
אַז אויך מײַן ליבשאַפט כ'דאַרף מיט וועמען טיילן...

דער מאַרש איז שווער. און ווי וואָלט איך אַליין
צום סאַמע שפּיץ פון באַרג אַרופגעקלעטערט?
באַ יעדן מינדסטן שטרויכל כ'וואָלט געמיינט —
איך פאַל אַראָפּ אין טיפן תהום צעשמעטערט...

איז גוט צו גיין מיט אַלעמען דעם וועג
דורך שטרויכלונגען, מאַפּאַלעס, צו ניצחונעס.
און אויב עס גיט דאָס האַרץ אַ פריר פון שרעק —
איז אויסדויער צו אויסהאַלטן כ'געווין עס.

די ירושה

צו וואָס פאַרלייקענען, צו וואָס באַהאַלטן —
אַ לעבן־לאַנג איך זאַמל אויף מײַן מי,
די קינדער מײַן פאַרמעגן זאָלן האַלטן,
ווען איך וועל זײַן אָף יענער זײַט פון הי...

אַ גרויסע, וויל איך, זײַן זאָל מײַן ירושה,
די קינדער מײַנע אײַנטיילן גאָר רײַך!
גערעטעניש פולע כ'האָב געוווּסט שוין
מיט טריקעניש גרויזאַמע צוגלײַך.

און דאָך, און דאָך, כ'בין אָרעם ניט פאַרבליבן,
איעדע רעגע קומט מיר עפּעס צו.

כ'האָב אויסגעלערנט זיך צו האסן און צו ליבן,
נאָר קיינמאָל זיך נישט אויסגעלערנט רו...

אזוי איז עס מײַן ריזיקער פאַרמעגן:
געררעכטע טאַט און ליכטיקער געמיט.
דאָס לעבן אײַנגעשטעלט פאַר ברודער־וועגן,
די אוולע אויסגעבערנט, ביז ווײ צעגליט.

און ווי דער פויער פירט זײַן שניט אין שײַער,
איך זאַמל הײַנט צונויף מײַן גוטס־און־האָב —
די קינדער מײַנע האַלטן זאָלן טײַער
אָט די ירושע, וואָס איך שטעל זיי אָפּ...

גאַנגרין

א יעדערער קאָן זײַן גאַנגרין —
אויך דו!
נאָר נייטיק איז דערצו:

דײַן כאַלעם זאָל די ווײַט פאַרנאַרן,
דײַן היים — באַפרײַט פון צאַר און פון געפאַרן.

און אויב נאָך אַלץ דערצו
איז דײַן געמיט מיט ליבשאַפטן באַרוט,
פאַרוואָס זאָלסטו ניט גאַרן
צו זײַן
ווי
ער,
גאַנגרין?

פּובליציסטיק

ב. סלעפּאָוו

אין קאמף פאר שאָלעם, דעמאָקראטיע און סאָציִאלן פראָגרעס

צום 60־יאָריקן יובילײ פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל

די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל האָבן פײַערלעך אָפגעמערקט א רומפולן יובילײ — דעם 60־טן יאָרטאָג, זינט עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן זייער פארטיי. דעם דאָזיקן יאָמטעוו איז זיי אויסגעקומען צו באצייכענען אין ביז גאָר קאָמפליצירטע באדינגונגען: מעדינאס ייִסראָעל זעצט פאָר די אגרעסיע קעגן די שכיינישע אראבישע מעלוכעס, ווערנדיק אקטיוו געשטיצט דורך די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און דורך דעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם. די ציִעניסטישע רעגירער פון ייִסראָעל דערלאָזן ניט, אז דאָס פילגעליטענע אראבישע פאָלק פון פאלעסטינע זאָל אויסנוצן זײַנע עלעמענטארע רעכט אף זעלבסטבאשטימונג — שאפן אן אומאָפהענגיקע נאציִאָנאלע מעלוכע, די רעכט, וואָס זײַנען מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק באשטעטיקט געוואָרן דורך דעם אלגעמיין אנערקענטן פאָרום פון דער גאנצער מענטשהײַט — דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס. גרויסע אראבישע טעריטאָריעס געפינען זיך, ווי פריִער, אונטער דער אָקופאציע פון ייִסראָעל. די באפעלקערונג פון די דאָזיקע טעריטאָריעס ווערט אומדערבארעמדיק אונטערדריקט, שטייט אויס מאסן־רעפרעסיעס, ווערט פארטריבן פון די היים־ערטער, קורץ — זי פילט אף זיך דעם טאם פון דער פאָליטיק פון גענאָציד.

דער סעפאראטער „פרידנס“־אָפמאך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן טעל־אוויוו און קאיִר באם אומיטלבארן אָנטייל פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, כאָטש ער זעט פאָרויס, אז דאָס ייִסראָעל־מיליטער וועט בעהאדראָגעדיק ארויסגעפירט ווערן פון דער סיניי־טעריטאָריע, איז ער אָבער בענעגייע דער מערהײַט אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע ייִסראָעל האָט פארכאפט אין 1967 — דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יארדן־טײַך, דעם אזא־סעקטאָר און די גאָלאנישע בערגלעך, — א נײַע באשטעטיקונג, אז זיי פארבלײַבן אונטער דער מאכט פונעם אָקופאנט. ניט לייזנדיק קיין איין קארדינאלע פראָבלעם פון דער אײַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך, ברענגט דער דאָזיקער אָפמאך דערצו, אז די לאגע ווערט נאָך מער קאָמפליצירט, ער שאפט אן ערנסטע סאקאָנע פאר דעם שאָלעם אינעם רעגיִאָן און אין דער גאנצער וועלט.

די פאָליטיק פון אגרעסיע און עקספאנסיע האָט דערפירט דערצו, אז אין ייִסראָעל גופע איז די לאגע געוואָרן פיל שארפער. די ריזיקע מילכאָמע־הויצאָעס, וועלכע דערגרייכן ביז צוויי דריטל פונעם מעלוכע־בודזשעט, די קעסיידערדיקע מיליטאריזירונג פון דער ווירטשאפט (העכער א פערטכיילעק פון אלע לוין־ארבעטער ארבעטן דירעקט אָדער אומדירעקט אף די קריגס־באדערפענישן), דער פאקט, אז ייִסראָעל ווערט אלץ מער אָפהענגיק פונעם אויסלענדישן קאפיטאל, — דאָס אלץ האָט אוועקגעשטעלט דאָס לאנד אף דער גרענעץ פון אן עקאָנאָמישער קאטאסטראָפע.

אין די באדינגונגען פונעם מיליטאריסטישן און נאציִאָנאליסטישן פסיכאָז, וועלכן די רעגירנדיקע קרײַזן צעבלאָזן, באזונדערס נאָכן קומען צו דער מאכט אין 1977 פון דעם עקסטרעם רעאקציִאָנערן בלאָק „ליקוד“, לאָזט זיך מערקן אינעם פאָליטישן לעבן פון דעם לאנד א רוק אף רעכטס, עס ווערט אלץ שטארקער די פאשיסטישע געפאר, ס׳וואקסן די סאָציִאלע

ווידערשפּרוכן. איינער פֿון די סימאָנים פֿון דעם דאָזיקן וווּקס איז געווען דער אַלגעמיינער וואָרענונגס־שטרײַק דעם 19 מאַרט 1979 קעגן דער רעגירונגס־פּאָליטיק אין געביט פֿון פּרײַזן און אַרבעטסלוין. אַזאַ וואָרענונגס־שטרײַק איז פֿאָרגעקומען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון ייִשׂראָעל.

אינעם אַוואַנגאַרד פֿון דעם קאַמף פֿון די אַרבעטער, פֿון אַלע אַרבעטנדיקע פֿון דעם לאַנד, סײַ ייִדן, סײַ אַראַבער, קעגן דער אַגרעסיווער אויסערן־פּאָליטיק און קעגן דער אַנטיפֿאָלקישער אינערן־פּאָליטיק פֿון די רעגירנדיקע קרײַזן גייט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ייִשׂראָעל, וועלכע איז געטרײַ אירע שלאַכטטראַדיציעס און וועלכע האָט פּראָקלאַמירט אַלס הויפּט־לאָזונגען: ניט מיטן אימפּעריאַליזם קעגן די אַראַבישע פֿעלקער, נאָר מיט די אַראַבישע פֿעלקער קעגן דעם אימפּעריאַליזם; פֿאַר שאָלעם, דעמאָקראַטיע, גלײַכבאַרעכטיקונג אין די רעכט פֿון די אַרבעטנדיקע, פֿאַר סאָציאַלן פּראָגרעס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע איז געשאַפֿן געוואָרן אין 1919 אַלס אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. דאָס איז פֿאָרגעקומען אונטערן אומיטלבאַרן אײַנפֿלוס פֿון די אידייען פֿון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אין 1921 האָט זי געענדערט איר נאָמען — אָנגערופֿן זיך קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פּאַלעסטינע, און אין 1948, ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן מדינאַס ייִשׂראָעל, האָט זי זיך אַ נאָמען געגעבן קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ייִשׂראָעל.

די פּאַלעסטינער קאָמוניסטן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין זייער שווערע באַדינגונגען, זיי זײַנען געווען געצוווּנגען צו פֿירן אַ קאַמף איינצײַטיק אַף עטלעכע פֿראָנטן — קעגן די ענגלישע קאָלאָניזאַטאָרן, וועלכע האָבן געפּרוּווט פֿאַרפֿעסטיקן זייער הערשאַפֿט אין פּאַלעסטינע מיט דער הילף פֿון מיליטערישן קויעך און מיטן אויסגעפּרוּווטן מעטאָד „צעטייל און הערש", אויך קעגן דער אַנטיפֿאָלקישער פּאָליטיק פֿונעם ציִוניסטישן אויבערקעפּל און פֿון דער פֿעאָדאַל־בורזשואַזער אַראַבישער רעאַקציע. דער דאָזיקער קאַמף איז געוואָרן פֿיל קאָמפּליצירטער איבער דעם, וואָס די ציִוניסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געהערשט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָבן זיך געשטעלט דעם ציל צו פֿאַרכאַפּן גאַנץ פּאַלעסטינע און שאַפֿן אַף איר טעריטאָריע אַ ריין ייִדישע מעלוכע, זיי האָבן געפֿירט אַן אָפֿן פֿײַנטלעכע פּאָליטיק קעגן די אַראַבער, צעצונדן די נאַציאָנאַלע סינע צווישן די צוויי פֿעלקער. פֿון דער צווייטער זײַט, האָבן זיי אין העסקעם מיט דער ציִוניסטישער אידעאָלאָגיע אַקטיוו געפּריידיקט די אידייען פֿון קלאַסן־שאָלעם, פֿון „ברידערשאַפֿט צווישן אַלע ייִדן". אין די באַדינגונגען פֿון פּאַלעסטינע פֿון יענער צײַט, ווען די אינדוסטריע איז דאָרט געווען שוואַך אַנטוויקלט, דער אַרבעטער־קלאַס קליין אין צאָל און צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָבן פֿאַרנומען דעם אויבנאָן די קלייןבירגערלעכע עלעמענטן, — האָט די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע געהאַט זייער אַ געפֿערלעכע ווירקונג אַפֿן קלאַסן־באַוווּסטזײַן פֿון די אַרבעטנדיקע.

דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס אינעם אָנפֿאַנג־עטאַפּ האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פֿון פּאַלעסטינע פֿאַראייניקט אין אירע רייען פֿאַרשטייער בלויז פֿון איין טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד — פֿונעם ייִדישן טייל. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿונעם צק פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון ייִשׂראָעל כאַוו. מייער ווילנער האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג אַף דער פֿײַערונג פֿונעם 50־טן יאָרטאָג פֿון דער פּאַרטיי, באַרירנדיק דעם דאָזיקן מאָמענט, געזאָגט: „דער פֿאַקט, וואָס די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין פּאַלעסטינע איז אויפֿגעקומען בלויז אין די רייען פֿון די ייִדישע אַרבעטער, האָט די ערשטע צײַט געשטערט צו פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך פֿולשטענדיק אין אַ ריי אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע פּראַגן"[1]. אָבער „ניט געקוקט דערויף, וואָס די אידעאָלאָגיע פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט זיך נאָך ענדגילטיק ניט אויסגעפֿורעמט אַלס אַ מאַרקסיסטישע, איז אין די באַדינגונגען, וועלכע האָבן דעמלט געהערשט אין לאַנד, דער פֿאַקט פֿון שאַפֿן די פּאַרטיי געווען אַ דרייסטער, רעוואָליוציאָנערער טראַט... נאָך אַ ריי מעטאַמאָרפֿאָזעס, צוריקטריטן און פֿאָרויסגאַנג איז אין לאַנד אויסגעפֿורעמט געוואָרן די מאַרקסיסטיש־לענינישע, קאָמוניסטישע, ייִדיש־אַראַבישע פּאַרטיי"[2].

דער I צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי אין אָקטיאַבער 1919 און דער II צוזאַמענפֿאָר אין אָקטיאַבער 1920 האָבן אָנגעמערקט די גרונטריכטונגען פֿון איר טעטיקײַט: קאַמף פֿאַר באַפֿרײַען דאָס לאַנד פֿון אונטער דער בריטישער הערשאַפֿט; פֿאַר געמיינזאַמע אַקציעס פֿון די ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער; קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם. „סאָציאַליזם איז דער ענדציל, — איז געזאָגט געוואָרן אין איינער פֿון די רעזאָליוציעס פֿונעם II צוזאַמענפֿאָר. — דער רעוואָליוציאָנערער קלאַסנקאַמף איז דער וועג דערצו. די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער פֿאָרם פֿון סאָוועטנמאַכט — איז דאָס מיטל צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל"[3].

אַ וויכטיקער עטאַפּ פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער פּאַרטיי אַלס אַ מאַרקסיסטיש־לענינישע איז געווען דער V צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון פּאַלעסטינע (יול 1923). צום ערשטן מאָל איז אַפֿן צוזאַמענפֿאָר בײַגעווען און אַרויסגעטראָטן אַן אַראַבישער פֿאַרשטייער — אַן אַרבעטער־אײַזנבאַנלער פֿון כײַפֿע. דער צוזאַמענפֿאָר האָט געגעבן אַ קלאָר געמאָלדן, אַז די פּאַרטיי האַלט אונטער די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַפֿרײַונגס־באַוועגונג, ער האָט אויך אַנטשיידן

---

[1] „אינפֿאָרמאַציע־ביולעטען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ייִשׂראָעל" (טעל־אַוויוו), 1970, נומ. 4, ז. 13 (ענגליש); [2] דאָרט; [3] דאָרט, ז. 23—24.

פאַרורטיילט דעם ציוניזם, דערונטער דעם אַזוי־גערופענעם „פּראָלעטאַרישן ציוניזם", אַלס אַ שטרעמונג פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן בריטישן אימפּעריאַליזם.

מיט די באַשלוסן פונעם V צוזאַמענפאָר און מיטן שפּעטערדיקן אַרײַנטרעטן פון דער קאָמפּאַרטיי פון פּאַלעסטינע אין קאָמינטערן (אין 1924) האָט זיך פאַרענדיקט דער פּעריאָד פון אידייִשער אומקלאָרקייט. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט באַטײַט, אַז די פּאַרטיי האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין שוועריקייטן אין איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג, שוועריקייטן, וועלכע זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן קוידעמקאָל דורך די אינטריגעס פון דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט, דורך דער ציוניסטישער און אַראַבישער רעאַקציע. „אונדזער פּאַרטיי, — האָט געזאָגט כאַוו. מ. ווילנער, — איז ניט איין מאָל אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אַ קאַמף קעגן די אַטאַקעס פון אינווייניק מיצאַד די יידישע און אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן־אָפּנייגלער. זייערע אַטאַקעס זײַנען געווען געצילט קעגן די מאַרקסיסטיש־לענינישע יעסוידעס פון אונדזער פּאַרטיי, קעגן איר יידיש־אַראַבישער אינטערנאַציאָנאַליסטישער איינהייט, קעגן דער סאָלידאַריטעט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד און מיט די קרעפטן פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרײַונג אין אונדזער רעגיאָן און אין דער גאַנצער וועלט... ניט געקוקט דערויף, האָט די פּאַרטיי שטענדיק מיט דערפאָלג קעגנגעשטעלט זיך קעגן יענע אַלע, וועלכע האָבן געשפּרייט אַף איר וועג שטרויכל־שטיינער און אונטערגעריסן איר איינהייט; זי איז שטענדיק אַרויס אַ זיגערן פונעם קאַמף".[1]

די קאָמפּליקאַציעס אין דער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס אַ לאַנגע צײַט (1921—1942), אין פּעריאָד פון דעם מאַנדאַט פון גרויסבריטאַניע אַף פּאַלעסטינע, האָט זי געמוזט אַרבעטן אין שווערע אומלעגאַלע באַדינגונגען. אַ סאַך קאָמוניסטן זײַנען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט, אויסגעשטאַנען אַרעסטן און אײַזדעקענישן. אַרום 2 טויזנט מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, צווישן זיי אָנפירנדיקע טוער, האָבן די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען איבערגוואַלד אַרויסגעשיקט פון לאַנד. אָבער מיט קיין זאַך האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו אײַנברעכן די קאָמוניסטן.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די פּאַלעסטינער קאָמוניסטן צוזאַמען מיט אַלע פּראָגרעסיווע קויכעס פון דער וועלט זיך אײַנגעשלאָסן אינעם קאַמף קעגן דעם פאַשיזם. זיי האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע קאַמפּאַניע פון סאָלידאַריטעט מיט די סאָוועטישע פעלקער, וועלכע האָבן אַף זייערע פּלייצעס אויסגעטראָגן די גרונט־לאַסט פון קאַמף קעגן די פאַשיסטישע האָרדעס, וואָס האָבן באַדראָעט די פרײַהייט און דעם עצעם קיום ניט בלויז פון די פעלקער פון אייראָפּע, נאָר אויך פונעם נאָענטן מיזרעך, דערונטער פון פּאַלעסטינע. לויט דער איניציאַטיוו פון די קאָמוניסטן זײַנען געזאַמלט געוואָרן מיטלען אַף אײַנצוקויפן און אָפּשיקן מעדיקאַמענטן דער סאָוועטישער אַרמיי.

אין דער צווייטער העלפט פון די 40־ער יאָרן איז די אַקטועלסטע פראַגע אין פּאַלעסטינע געוואָרן די פראַגע וועגן דעם קינפטיקן גורל פונעם לאַנד. טרײַ די פּרינציפּן פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, איז די פּאַרטיי אַקטיוו אַרויסגעטראָטן פאַר ליקווידירן דעם בריטישן מאַנדאַט און שאַפן אין פּאַלעסטינע אַן אומאָפּהענגיקע דעמאָקראַטישע מעלוכע, ווו די אַראַבישע און יידישע באַפעלקערונג זאָל זײַן פולשטענדיק גלײַכבאַרעכטיקט. די פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי האָבן אָט דעם שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקט אין פאַרשיידענע צווישנפעלקערלעכע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן זיך דעמלט פאַרנומען מיט דער פּאַלעסטינע־פראַגע, דערונטער אין דער קאָמיסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס. ערשט דעמלט, ווען עס איז געוואָרן קלאָר, אַז צוליב אינערלעכע און אויסערלעכע סיבעס איז אַזאַ לייזונג אומעגלעך, האָבן די קאָמוניסטן אונטערגעהאַלטן דעם פאָרשלאָג וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע אַף צוויי אומאָפּהענגיקע דעמאָקראַטישע מעלוכעס — אַ יידישער און אַן אַראַבישער.

נאָכן שאַפן די מעלוכע יִיסראָעל (אין מײַ 1948) פירן די קאָמוניסטן אַ מעסירעסנעפעשדיקן קאַמף פאַר ליקווידירן די לאַגע, ווען דאָס לאַנד איז פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, קוידעמקאָל פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, קעגן דער אַגרעסיווער, עקספּאַנסיאָניסטישער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון יִיסראָעל בענעגייע די שכייניש אַראַבישע מעלוכעס, פאַר שאָלעם, דעמאָקראַטיע און סאָציאַלן פּראָגרעס, פאַר די עכטע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע פון יִיסראָעל — די יידן און די אַראַבער. איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון די קאָמוניסטן פון יִיסראָעל איז דער קאַמף פאַר שאָלעם, פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פונעם קאָנפליקט אַפן נאָענטן מיזרעך. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון יִיסראָעל איז, ווי באַוווּסט, פאַקטיש געווען די איינציקע פּאַרטיי אין לאַנד, וועלכע איז אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַגרעסיע אין עגיפּטן מיצאַד ענגלאַנד, פראַנקרייך און יִיסראָעל אין 1956, אויך קעגן דער אַגרעסיע, וועלכע די רעגירנדיקע קרײַזן פון יִיסראָעל האָבן מיט דער שטיצע פון די פאַרייניקטע שטאַטן און פונעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם פאַנאַנדערגעוויקלט קעגן די אַראַבישע לענדער אין 1967. אויך איצט איז צווישן אַלע יִיסראָעל־פּאַרטייען די קאָמפּאַרטיי פון יִיסראָעל די איינציקע, וועלכע שטעלט אַרויס אַ גענויע און קלאָרע פּראָגראַם פון אײַנשטעלן אַ יוישערדיקן און אַלץ אַרומנעמענדיקן שאָלעם אַפן

[1] דאָרט, ז. 10.

נאָענטן מיזרעך, א שאָלעם, וואָס איז באַזירט אַף די רעזאָליוציעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס און אַנטשפּרעכט די עמעסע אינטערעסן פון אַלע מעלוכעס און פעלקער פון דאָזיקן רעגיאָן, אײַנגעשלאָסן ייִסראָעל און דאָס אַראַבישע פאָלק פון פּאַלעסטינע.

דער שאָלעם־פּלאַן, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אַף די לעצטע צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל, זעט פאָרויס, אַז דאָס ייִסראָעל־מיליטער זאָל אַרויסגעפירט ווערן פון אַלע אַראַבישע טעריטאָריעס, אָקופּירטע אין 1967, און אַז די פאַרמילכאָמע־ליניעס זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין שאָלעם־גרענעצן. די קאָמפּאַרטיי פאָדערט צו אַנערקענען דאָס רעכט פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק אַף זעלבסטבאַשטימונג און אַף שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע מעלוכע באַנאַנד מיט ייִסראָעל, דערבײַ זאָל אָפּגעהיט ווערן דאָס רעכט פון ייִסראָעל און פון די אַראַבישע מעלוכעס אַף א סוווערענער עקזיסטענץ אין באַדינגונגען פון שאָלעם און זיכערהײַט, בא די געהעריקע עפעקטיווע צווישנפעלקערלעכע גאַראַנטיעס. דערבײַ ווערט באַטאָנט, אַז אינעם לייזן די פראַגע וועגן פּרידלעכער אײַנרעגולירונג דאַרפן אָנטיילנעמען אַלע פאַראינטערעסירטע צדאָדים, דערונטער די אָרגאַניזאַציע פאַר דער באַפרײַונג פון פּאַלעסטינע, וועלכע איז דער איינציקער געזעצלעכער פאָרשטייער פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק.

די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל וואַרפן אָפּ דעם וועג פון סעפּאַראַטע געשעפטלעך, זיי האַלטן מיט רעכט, אַז קאָלזמאַן עס ווערן ניט געלייזט די גרונט־פּראָבלעמען פונעם קאָנפליקט, קאָנען אַזעלכע געשעפטלעך בלויז שווערער מאַכן דעם וועג צום שאָלעם, פאַרשאַרפן די אַטמאָספער, שאַפן א סאַקאָנע פון נײַע באַוואָפנטע אויסברוכן אינעם רעגיאָן. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען נאָך אין די רעזאָליוציעס פונעם XVIII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל אין דעקאַבער 1976 דעמאַסקירט געוואָרן די „קאָלאָניזאַטאָרישע פּלענער פון די אָפיציעלע קרײַזן פון ייִסראָעל, וועלכע האָבן פאָרגעלייגט צו שאַפן אַף די טעריטאָריעס, וואָס געפינען זיך אונטער דער אָקופּאַציע פון ייִסראָעל, אַן „אויטאָנאָמע פּאַלעסטינער מאַכט”, ווי זיי האָבן זי אָנגערופן, א מאַכט, וואָס וועט בילדן א „פעדעראַציע” מיט ייִסראָעל”[1]. די קאָמוניסטן האַלטן, אַז דער פאַקט, וואָס די רעגירנדיקע קרײַזן פון דער מעדינע זײַנען קעגן דעם פּלאַן פון שאַפן א זעלבשטענדיקע פּאַלעסטינער מעלוכע, רײַסט אַרונטער די יורידישע צווישנפעלקערלעכע באַזע פון דעם עצעם קִיעם פון ייִסראָעל.

און עס איז ביז גאָר געזעצמעסיק, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל האָט פאַרורטיילט דעם ייִסראָעל־עגיפּטישן „פרידנס”־אָפּמאַך, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן אין מאַרט 1979, און אים קוואַליפיצירט אַלס א פאַרשווערונג, וואָס איר ציל איז פאַרהיטן די ייִסראָעל־אָקופּאַציע אַף די אַראַבישע טעריטאָריעס און פאַרווירקלעכן אין לעבן די פּלענער צו שאַפן א „גרויס ייִסראָעל”. דער אָפּמאַך, ווערט אָפּגעמערקט אין דער רעזאָליוציע פונעם פּלענום פון צק פון דער קאָמפּאַרטיי, פאַרוואַנדלט ייִסראָעל און מיצראַיִם אין זשאַנדאַרמען, וועלכע זײַנען באַרופן צו דערשטיקן די נאַציאָנאַלע באַפרײַונגס־באַוועגונג אַפן נאָענטן מיזרעך, אינעם ראַיאָן פונעם פּערסישן אײַנגוס און אין אַפריקע. אָנווײַזנדיק, אַז עס איז אוממעגלעך א שאָלעם צווישן דעם אָקופּאַנט און יענע, וואָס געפינען זיך אונטערן יאָך פון דער אָקופּאַציע, האָט דער צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל דערקלערט, אַז זי וועט אויך אַף ווײַטער קעמפן פאַר א פעסטן, אַלץ אַרומנעמענדיקן און יוישערדיקן שאָלעם לעטויוועס אַלע פעלקער פונעם רעגיאָן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויסגעדריקט זײַן סאָלידאַריטעט מיטן קאַמף פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק קעגן דעם דאָזיקן סעפּאַראַטן געשעפטל.

די קאָמוניסטן דעמאַסקירן די דעמאַגאָגישע רייד פון די ייִסראָעל־רעגירער, אַז זיי שטרעבן קלוימערשט צו „זיכערן די געפאַרלאָזיקײַט” פון דער מעדינע. די קאָמוניסטן דערווײַזן איבערצײַגנדיק, אַז זיכערן פאַר ייִסראָעל די געפאַרלאָזיקײַט און דעם עצעם קִיעם אַלס א מעלוכע אַפן נאָענטן מיזרעך קאָן בלויז א בעעמעס יוישערדיקער און אַלץ אַרומנעמענדיקער שאָלעם. דער אויסערן־פּאָליטישער קורס פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל געפינט זיך פאַקטיש אין א ווידערשפּרוך ניט בלויז מיט די אינטערעסן פון די אַראַבישע פעלקער, נאָר אויך מיט די לעבנס־אינטערעסן פונעם ייִסראָעל־פאָלק. „פאַר די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, — ווערט באַטאָנט אינעם באַריכט־פאָרטראָג פון צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל דעם XVIII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, — באַשטייט די פּראָבלעם ניט אין דעם, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט פאַרן פאָלק פונעם לאַנד, נאָר דערין, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, גוט און שלעכט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער „פרײַער וועלט” אין איר קאַמף קעגן דעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם”[1].

אין די אַרויסטרעטונגען אין קנעסעט, אין דער פּאַרטיי־פּרעסע, אין די רופן און ווענדונגען צום פאָלק באַווײַזן די קאָמוניסטן, אַז גראָד די רעגירונגס־פּאָליטיק פון אַגרעסיע און עקספּאַנסיע פירט צו קאָלאָסאַלע קריגס־הויצאָעס, צו א פאַרקלענערונג פונעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער און פאָלקסמאַסן, צו דער ווײַטערדיקער פאַרשקלאַפונג פונעם לאַנד דורך די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליעס, העלפט מיט צו אַקטיוויזירן די רעכטע קויכעס און דעם וווּקס פון דער פאַשיסטישער געפאַר. די קאָמוניסטן פירן

---

[1] „XVIII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל”, מ., 1977, ז. 58.

[1] דאָרט, ז. 5.

אן אומדערמידלעכן קאַמף פאַר דער באַהעפטונג
און אָרגאַניזירטקייט פונעם ארבעטער־קלאַס,
פון אַלע ארבעטנדיקע, זיי דערקלערן, אַז בלויז
אויפן סמך פון איינהייטלעכע אַקציעס קאָן מען
פאַרטיידיקן די אייגענע קלאַסן־אינטערעסן,
דערשלאָגן זיך, אַז עס זאָלן געלייזט ווערן
אַזעלכע אַקטועלע פּראָבלעמען, ווי העכערן דעם
ארבעטסלוין, פאַרקירצן דעם ארבעטסטאָג, זי־
כערן א גלייכן לוין פאַר גלייכער ארבעט, פאַר־
קלענערן די שווערע שטייער־לאַסט, אָנעמען
עפעקטיווע מיטלען צום קאַמף קעגן דעם נאָכאַ־
נאַנדיקן וווּקס פון די פּרייזן אאַז״וו.
אַרויסטרעטנדיק פאַר באַהעפטן אַלע פרידנס־
ליבנדיקע קרעפטן אין אַן איינהייטלעכן שאַ־
לעם־פראָנט, אומאָפּהענגיק פון זייערע אידעאָ־
לאָגישע אָנשויונגען און פּאַרטיייִשער אָנגעהע־
ריקייט, פאַרטיידיקנדיק די נייטיקייט פון איינ־
הייטלעכע אַקציעס אויף דער סאַמע ברייטער
באַזע אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פאַר
די רעכט פון די ארבעטנדיקע, גייען אָבער די
קאָמוניסטן ניט איין אויף קיינע האַנאָכעס אין
פּרינציפּיעלע אידעאָלאָגישע פראַגן.

אין די ייִשׂראָעל־באַדינגונגען איז איינע פון
די גרונט־ריכטונגען אינעם אידעאָלאָגישן
קאַמף — דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און
פּראַקטיק פונעם ציוניזם, וועלכער דריקט אויס
די אינטערעסן פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַ־
זיע און איז אין פולן ווידערשפּרוך מיט די
באַגערן פון די ארבעטנדיקע און מיט די נאַ־
ציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִשׂראָעל־פאָלק,
מיטן קאַמף פאַר שאָלעם, פּראָגרעס און סאָ־
ציאַליזם. די ייִשׂראָעל־קאָמוניסטן דעמאַסקירן
דעם רעאַקציאָנערן, נאַציאָנאַליסטישן און ראַ־
סיסטישן כאַראַקטער פונעם ציוניזם, דערווייַזנ־
דיק, אַז דער קאַמף פאַר לייזן די נאַציאָנאַלע
פראַגע, דערונטער אויך די „ייִדן־פראַגע״, האָט
קיין שום געמיינזאַמס ניט מיט די ציוניסטישע
רעצעפּטן, די איינציקע לייזונג איז נאָר דער
קאַמף פאַר סאָציאַליזם. דער ציוניזם, ווידער,
איז, אין העסקעם מיט זיין קלאַסן־טאָך, שטענ־
דיק און אומעטום אַרויסגעטראָטן אַלס שלאָג־
אָטריאַד פון דער אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע
אין קאַמף קעגן די קויכעס פונעם סאָציאַליזם
און פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייַונג.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי טרעט אַנטשיידן
אַרויס קעגן דער אַנטיסאָוועטישער רעכילעס־
קאַמפּאַניע, וועלכע עס פירן די ציוניסטישע
אָרגאַניזאַציעס און די רעגירנדיקע קרייזן פון
ייִשׂראָעל. זיי הערן ניט אויף צו דערקלערן די
ארבעטנדיקע, אַז די אָנגערופענע אַנטיסאָוועַ־
טישע קאַמפּאַניעס זיינען א טייל פונעם גלאָ־
באַלן קאַמף פונעם אימפּעריאַליזם קעגן פּסר,
קעגן קאָמוניזם, זיי זיינען באַרופן צו אָפּציִען
די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכקייט אין
ייִשׂראָעל און אין גאָר דער וועלט פון דער
אַגרעסיווער אויסערן־פּאָליטיק און אַנטיפאָלקי־
שער אינערן־פּאָליטיק, וועלכע עס פירן די רע־
גירנדיקע קרייזן פון ייִשׂראָעל. דעריבער —
דערקלערט די קאָמפּאַרטיי פון ייִשׂראָעל — איז
דער קאַמף קעגן דער ציוניסטישער פּאָליטיק,
וועלכע עס פירן די רעגירער פון ייִשׂראָעל, א
קאַמף פאַרן פאָלק פון ייִשׂראָעל, א קאַמף פאַר
אַן אַנדער ייִשׂראָעל, פאַר פאַרפעסטיקן די
צווישנפעלקערלעכע לאַגע פון דער מעדינע,
פאַרזיכערן איר צוקונפט״[1].

פּרינציפּיעלע קעגנער פון יעטווידע אַנט־
פּלעקונגען פון ראַסיזם, פירן די קאָמוניסטן א
קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן דער דיסקרימינאַציע
בענעגייע די ייִדן, וועלכע שטאַמען פון די לענ־
דער פון אַזיע און אַפריקע, אויך קעגן דער
דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג פון דער
אַראַבישער באַפעלקערונג, וועלכע באַטרעפט
אַרום 14 פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעלקערונג
פון לאַנד, — קעגן דער דיסקרימינאַציע, וועל־
כע עס פירן די ציוניסטישע פּניי פון ייִשׂראָעל.
אין די באַדינגונגען פונעם הייַנטיקן ייִשׂראָעל,
ווען אין די פּרעסע־אַרויסטרעטונגען, אין די
אַרויסטרעטונגען פון די פאָרשטייער פון די
רעכטע קרייזן קלינגען אַלץ אָפטער די רופן
צו „לייזן די אַראַבישע פראַגע״ אויף א ייִשׂראָעל־
אויפן — דורך אַרויסטרייבן פון לאַנד די אַראַ־
בישע באַפעלקערונג, באַקומט א באַזונדערע
באַדייַטונג דער „פּלאַן פון בירגערלעכער און
נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיקונג פון דער אַראַ־
בישער באַפעלקערונג פון ייִשׂראָעל״, וועלכן עס
האָבן פאָרגעלייגט די קאָמוניסטן.

די קאָמוניסטן גייען אין אַוואַנגאַרד פון דער
מאַסנהאַפטער פּראָטעסט־באַוועגונג, וועלכע
האָט אין די לעצטע יאָרן זיך פאַנאַנדערגע־
וויקלט קעגן דעם, וואָס די מאַכט־אָרגאַנען פון
ייִשׂראָעל קאָנפיסקירן נאָך אַלץ די ערד, וואָס
געהערט דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון
לאַנד. באַזונדערס האָבן די קאָמוניסטן, צוזאַ־
מען מיט די אַנדערע דעמאָקראַטישע קרעפטן,
גענומען, ווי אין די פאָריקע יאָרן, דעם אַק־
טיווסטן אָנטייל אין די מיטינגען און דעמאָנ־
סטראַציעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אינעם
„טאָג פון באַשיצן די ערד״ (דעם 30 מאַרט
1979).

א ברייטע אָפּשפּיגלונג אין דער פּראָגראַם
פונעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן דעמאָקראַטישן
פראָנט, וועלכע איז פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן
אויפן XVI און XVII צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמ־
פּאַרטיי פון ייִשׂראָעל, האָט געפונען די ליניע
פון דער קאָמפּאַרטיי אין די גרונט־פראַגן פו־
נעם קאַמף פאַר שאָלעם, גלייכבארעכטיקונג
און רעכט פון די ארבעטנדיקע, פאַר דעמאָקראַ־
טיע און סאָציאַלן פּראָגרעס, קעגן דער גע־
שאַפענער לאַגע, בייס וועלכער דאָס לאַנד איז
אָפּהענגיק פונעם אימפּעריאַליזם און פון די
אויסלענדישע מאָנאָפּאָליעס. די פּראָגראַם
דריקט אויס די אינטערעסן פון דער איבער־
וועגנדיקער מערהייט פונעם ייִשׂראָעל־פאָלק, סיי
די ייִדן, סיי די אַראַבער, — פון די אינדוסטריִע־
עלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער, פון

---

[1] „קעגן דעם ציוניזם און דער אַגרעסיע פון
ייִשׂראָעל״, מ., 1974, ז. 20.

די האָרעפאשניקעס פון דאָרף און פון די פעלאכן, פון די פאָרשטייער פון דער טעכנישער און שעפערישער אינטעליגענץ, פון די באלמעלאָכעס, קליינע און מיטעלע הענדלער, פון דער נאציִאָנאלער בורזשואזיע. דאָס שאפן דעם פראָנט און דאָס פארווירקלעכן זײַן פראָגראם איז בארופן צו זיכערן די באדינגונגען פאר א ווײַטערדיקן אריבערגאנג פון דער ייִסראָעל־געזעלשאפט צום סאָציִאליזם.

דער מעסירעסנעפעשדיקער און קאָנסעקווענטער קאמף, וועלכן די ייִסראָעל־קאָמוניסטן פירן, ניט רעכענענדיק זיך מיט די רעפרעסיעס, פראָוואָקאציעס, אָנפאלן און רעכילעס מיצאד די ציִעניסטישע רעגירנדיקע קרײַזן און דער רעאקציע, העלפן מיט דעם ווײַטערדיקן וווּקס פונעם אווטאָריטעט און פונעם אײַנפלוס פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל צווישן די ברייטסטע מאסן פון דער באפעלקערונג — צווישן די ארבעטער, יוגנט, אינטעליגענץ. וועגן דעם רעדט באשײַמפערלעך אויך דער קעסיידערדיקער וווּקס פון די פארטיי־רייען. אויב אינעם פעריִאָד צווישן דעם XVI און XVII צוזאמענפאָרן (פעוורואל 1969 — יון 1972) איז די צאָל פארטיי־מיטגלידער אויסגעוואקסן אף 24 פראָצ.[1], איז זי אינעם פעריִאָד צווישן דעם XVII און XVIII צוזאמענפאָרן (יון 1972 — דעקאבער 1976) אויסגעוואקסן מער ווי אף 40 פראָצ.[2]. די מערהײַט נײַע מיטגלידער אין דער פארטיי איז געקומען פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד, און זײַן צאָל איז אינעם פעריִאָד פון 1972 ביז 1976 אויסגעוואקסן אף 110 פראָצ.[3].

אן ערנסטע דערגרייכונג פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל איז געווען דער אויפקום פונעם דעמאָקראטישן פראָנט פאר שאָלעם און גלײַכבארעכטיקונג, געשאפן אין אָנהייב 1977 אין העסקעס מיט די באשלוסן פונעם XVIII פארטיי־צוזאמענפאָר. דער דאָזיקער פראָנט האָט באוויזן, אז די מערהײַט פון דער אראבישער באפעלקערונג איז פאריינס מיט די פראָגרעסיווע קרעפטן פון דער ייִדישער באפעלקערונג. צוגלײַך מיט די קאָמוניסטן זײַנען אינעם פראָנט ארײַן די אָרגאניזאציע „שווארצע פאנטערעס”, וועלכע דריקט אויס די אינטערעסן פון די ייִדן, וואָס שטאמען פון די לענדער פון אזיע און אפריקע, די גרופע „שאסי” („סאָציִאליסטישע לינקע פון ייִסראָעל”), די אָנפירער פון די אָרטיקע מאכט־אָרגאנען אין די אראבישע ייִשוווים, אויך פאָרשטייער פון פארשיידענע ייִדישע און אראבישע דעמאָקראטישע קרײַזן. אף די וואלן אין קנעסעט אין מײַ 1977 האָט דער פראָנט באקומען 4,6 פראָצ. שטימען פון אלע ווילער און האָט דורכגעפירט אין קנעסעט 6 (פון 120) דעפוטאטן.

א גרויסן דערפאָלג האָט דער פראָנט זיך דערשלאָגן אויך אף די מוניציפאלע וואלן אין סאָף 1978. זײַנע פאָרשטייער זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן אלס אָנפירער פון 20 מוניציפאליטעטן און אָרטיקע ראטן, דערונטער פונעם מוניציפאליטעט פון נאזארעט, ווו עס איז ווידער געוואָרן דער שטאָט־מער דער מיטגליד פונעם צק פון דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל — דער קנעסעט־דעפוטאט ט. זאיאד. די פאָרשטייער פונעם פראָנט האָבן געוווּנען אויך 112 ערטער אין 37 מוניציפאליטעטן און אָרטיקע ראטן, באזונדערס אין כײַפע. ביז די דאָזיקע וואלן זײַנען די קאָמוניסטן און זייערע פארבינדעטע געווען פארטראָטן מיט נײַן הויפט־אָנפירער פון מוניציפאליטעטן און מיט 54 מיטגלידער פון די אָרטיקע מאכט־אָרגאנען.

די קאָמוניסטן נעמען דעם אקטיווסטן אָנטייל אין דער ארבעט פון א סאך דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס פון לאנד — פון דער באוועגונג פון דעמאָקראטישע פרויען, אסאָציִאציע פון קעמפער פונעם אנטיהיטלעריסטישן פראָנט און קאָרבאָנעס פונעם נאציזם, אסאָציִאציע פון יוריסטן־דעמאָקראטן, ליגע פון קאמף פאר די רעכט פונעם מענטשן און בירגער, פרײַנטשאפט־באוועגונג „ייִסראָעל — פססר”, איניציִאטיוו־קאָמיטעט פאר פארבעסערן די באציִונגען צווישן ייִסראָעל און דעם סאָוועטנפארבאנד אא. עס ווערן פעסטער די פאָזיציעס פון די קאָמוניסטן אין די פראָפאריינען. אין רעזולטאט פון דעם אלעם איז אין די לעצטע יאָרן די קאָמפארטיי געוואָרן א וויכטיקער און אײַנפלוסרײַכער פאקטאָר אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן פון לאנד.

דער קוואל פון דער קראפט און פון די דערפאָלגן פון דער פארטיי איז — איר טרײַהײַט צו די פרינציפן פונעם מארקסיזם־לעניניזם, פון פראָלעטארישן אינטערנאציִאָנאליזם. „אין די קאָמפליצירטע פאָליטישע באדינגונגען פון דעם לאנד, אפילע אין דער סאמע שווערער סיטואציע פון מילכאָמע און נאציִאָנאליסטישן טשאד, — האָט באטאָנט דער כאוו. מ. ווילנער, — האָט די קאָמפארטיי געפונען ריכטיקע לייזונגען פון די אקטועלע פראָבלעמען, האלטנדיק זיך בא דער מארקסיסטיש־לענינישער לערע, שעפעריש אָנווענדנדיק זי אין די קאָנקרעטע באדינגונגען פון ייִסראָעל. אין דעם באשטייט דער קוואל פון אונדזער קראפט”.

זײַענדיק א שלאכט־אָטריאד פון דער אינטערנאציִאָנאלער קאָמוניסטישער באוועגונג, טרעט אקטיוו ארויס די קאָמפארטיי פון ייִסראָעל פאר דער ווײַטערדיקער באהעפטונג און פארשטארקונג פון דער סאָלידאריטעט פון די קאָמוניסטישע פארטייען און ארבעטער־פארטייען. באטאָנענדיק די זעלבשטענדיקײַט פון יעדער פארטיי באם פעסטשטעלן איר פאָליטיק אין די קאמפס־וועגן, ווארפט אָפ די קאָמפארטיי פון ייִסראָעל יעטווידע טענדענץ פון נאציִאָנאלער אײַנגעשלאָסנקײַט און פון אָפאָרטוניסטישע האנאָכעס דער בורזשואזיע, „זי ווארפט אָפ די שטעלונג, אז יעדע פארטיי ווערט געמאָסטן דורך דער צאָל רעזערוואציעס און פאקטן פון ניט מאסקים זײַן מיט דער קאָמוניסטישער

[1] „XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ייִסראָעל”, מ., 1973, ז. 72; [2] דאָרט, ז. 48; [3] דאָרט, ז. 53.

פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד"[1]. די קאָמו־
ניסטן פון ייִסראָעל באַטראַכטן אַזעלכע טענ־
דענצן אַלס אַ דערשײַנונג פון פּאָליטישער און
אידעאָלאָגישער עראָזיע, אַלס אַ פּרווו צו דער־
שלאָגן זיך דערפאָלגן אַף אַ ניט־פּרינציפּיעלן
און בעמיילע ניט־פעסטן גרונט.

די קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל דריקט אויס איר
סאָלידאַריטעט מיט אַלע פעלקער, וועלכע
קעמפן פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג, קעגן
דער אַגרעסיע פון די קויכעס פון אימפּעריאַ־
ליזם און רעאַקציע. די קאָמפּאַרטיי פון ייִס־
ראָעל האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע קאַמ־
פּאַניע פון סאָלידאַריטעט מיטן העראָישן פאָלק
פון וויעטנאַם, וואָס איז נאָך דעם לאַנגיאָריקן
קאַמף קעגן די אַמעריקאַנער פאַרכאַפּערס ווי־
דער אויסגעשטאַנען אַן אַגרעסיע, דאָס מאָל
מיצאַד די כינעזישע העגעמאָניסטן. לויט דער
איניציאַטיוו פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל
ווערן אָרגאַניזירט פילצאָליקע סאָלידאַריטעט־
אַקציעס אַף צו שטיצן די קאָמוניסטן און אַנ־
דערע דעמאָקראַטישע קרעפטן — די קאָרבאָנעס
פונעם פאַשיסטישן טעראָר אין טשילי, אין דאָ־
רעם־אַפריקע און אין אַנדערע לענדער פון דער
וועלט.

די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל זײַנען אופריכ־
טיקע פרײַנט פונעם סאָוועטן־לאַנד. זיי פּראָ־
פּאַגאַנדירן אַקטיוו די דערפאַרונג פון דער סאָ־
ציאַליסטישער בויונג אין ראַטנפאַרבאַנד, זײַן
פרידנסליבנדיקע אויסערן־פּאָליטיק, זיי שאַצן
הויך אָפּ די פּאָזיציעס פון דער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פון דער סאָ־
וועטן־מעלוכע אין די פראַגן פון דער פרידנס־
אײַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך. דער גע־
נעראַל־סעקרעטאַר פונעם צק פון דער קאָמ־
פּאַרטיי פון ייִסראָעל כאַוו. מ. ווילנער האָט אין
זײַן אַרויסטרעטונג אַף דער אינטערנאַציאָנאַ־
לער טעאָרעטישער קאָנפערענץ אין סאָפיִע אין
דעקאַבער 1978 געזאָגט: „אונדזער פּאַרטיי באַ־
טראַכט די באַציִונג צו דער הויפּט־קראַפט פו־
נעם סאָציאַליזם, צום סאָוועטנפאַרבאַנד, אַלס אַ
פּרינציפּיעלע פראַגע, אַלס אַ וויכטיקן קריטע־
ריִ פון איבערגעגעבנקײַט דעם סאָציאַליזם, דעם
אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף... דער כויוו פון
יעדן קאָמוניסט איז — פּאַרטיידיקן מיט אַלע
קויכעס דעם סאָציאַליזם, וואָס איז די סאַמע
דעמאָקראַטישע סיסטעם אין דער געשיכטע פון
דער מענטשהײַט"[1].

די סאָוועטישע קאָמוניסטן, אַלע סאָוועטישע
מענטשן קוקן נאָך מיט אַ געפיל פון סימפּאַ־
טיע און ברידערלעכער סאָלידאַריטעט נאָך דעם
מוטיקן קאַמף פון די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל
פאַר שאָלעם און פרײַנטשאַפט צווישן די פעל־
קער, פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט פון די פעל־
קער פון זייער לאַנד, פאַר דעם טריומף פון די
אידעאַלן פונעם קאָמוניזם. מיטן גאַנצן האַרצן
באַגריסן זיי די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל מיטן
רומפולן 60־יאָריקן יובילײ און ווינטשן זיי
נײַע דערפאָלגן אין זייער ניט לײַכטער, נאָר
נאָבעלער טעטיקײַט.

---

[1] „XVIII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון
ייִסראָעל", ז. 120.

[1] „אינפאָרמאַציע־ביולעטען פון דער קאָמוניסטי־
שער פּאַרטיי פון ייִסראָעל" (טעל־אוויוו), 1979, נומ.
1, ז. 61—62 (ענגליש).

אַרן װערגעליס

אין פּופּצן יאָר אַרום

28. פיליפּ קלאַצניק שטייט אָפּ ביידע פיס

פאַרנדיק אין ריטש קאַרלטאָן־האָטעל, װוּ מיר װעלן עסן מיטיק מיטן נײַעם פּרעזידענט פון דעם ייִדישן װעלט־קאָנגרעס פיליפּ קלאַצניק, האָב איך געזאָגט אַלעקס קאַלקינען:

— מע דערציילט, אַז װען כאָים־נאַכמען ביאַליק איז אָפּגעװען אַ צײַט אין אַמעריקע, האָט ער דערזען, אַז די טעטיקײַט פון די ייִדישע „נאַציאָנאַלע" אָרגאַניזאַציעס איז ניט מער, װי אײַנאָרדענען באַנקעטן אָף צו זאַמלען געלטער. און װײַל אָף די באַנקעטן עסט מען געװיינלעך הינער־פלייש, האָט ביאַליק ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו זאָגן אַ קאַלאַמבור: דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע האַלט זיך אָף הינערשע פיסלעך...

קאַלקין האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאָס זעלבע קאָן מען אויסדריקן אויך מיט אַנדערע װערטער, און דאָס האָט געטאָן ניט קיין אַנדערער, װי נאָכעם גאָלדמאַן, װעלכער האָט בעשאַטוי באַמערקט, אַז דער גײַסטיקער, אידעאָלאָגישער און קולטורעלער מאַצעװו פונעם ייִדישן ייִשעװ אין די שטאַטן איז אַ מײַל די ברייט און אַן אינטש די טיף... יאָ, דאָס אַלץ איז טאַקע עמעס, אָבער די קאַפּוליער אָנצוהערעניש אײַערע, פּונקט דאַן, װען מיר קלײַבן זיך גיין עסן הינער־פלייש, זעט מיר אויס צו זײַן אַ ביסל אַנטי־אַמעריקאַניש...

— איר װעט נאָך זאָגן אַנטי־ייִדיש־אַמעריקאַניש?

— אַנטי־ציִעניסטיש־ייִדיש־אַמעריקאַניש...

— נו, אויב איר װעט אַרויסנעמען דאָס װאָרט „ייִדיש", װעלן מיר זיך מיט אײַך ניט שפּאָרן...

שמועסנדיק אַזוי, זײַנען מיר צוגעפּאָרן צום האָטעל און זיך אָפּגעהויבן אָפּן צװועלפטן שטאָק, אין קאַרלטאָן־קלוב, װוּ די רײַכקײַט, קאָן מען זאָגן, רינט איבער דער באָרד. אין די פיר װענט איז אײַנגעשלאָסן אַ באַדינונגס־קאָמפּלעקס, װעלכער לאָזט אַרײַן אין זיך אַ מענטשן מיט אַ טשעק־ביכל און גיט אים אַלץ, װאָס ער װיל. פאַר אָט דעם מענטשן זײַנען פאַרגרייט פּולע זעק מיט פאַרגעניגנס, װאָס האַלטן זיך אוף הינטער די צוגעמאַכטע טירן פון עטלעכע װייניק באַזוכטע לוקסוס־קלייטן, אין דעם שטילן קינאָ־זאַל און אין „טונקעלן באַר"... באַם אַרײַנגאַנג אין די געמיטלעכע לאָקאַלן שפּרייטן זיך גאַסטפרײַנטלעך פאַרשיידענע װאָרט־ערטער און האָלן, װוּ פּרעכטיקע הענג־לעמפּ לאָזן זיך אַראָפּ פון די הויכע סטעליעס און פינטלען זיך איבער מיט מעשן־געשײַערטע װינקל־קאַנדעליאַברען. אָף טריט און שריט — קאַפּעען, באַרן, טרינק־זאַלן. נאָענט לעם זיי — בלומען־ און גרינס־אָראַנזשורייען, פאָנטאַנען, אויסשטעלונגען פון מאָדעס. דאָס אַלץ איז צוליב דיר, נעם עס, האַלט עס מיט די הענט, שלינג עס אַראָפּ, טו עס אָן אָף זיך, לייג עס אַרײַן אין קעשענע, קוק אָף דעם, טראָג עס אַוועק, — לאָז בלויז איבער אַ קליין בלעטעלע פּאַפּיר מיטן אונטערשריפט „טשעק"...

פיליפּ קלאַצניק זאָגט אונדז בייסן באַקאַנען זיך, אַז דעם געבײַ האָט ער אויסגעבויט, און דאָ געפינט זיך זײַן װוינונג. ער פירט אונדז אָפּ אין רעסטאָראַן, אָפּן זעלבן שטאָק, און דער מיטיק הייבט זיך אָן. מיר זײַנען אינדרײַען, מער זעט מען קיינעם ניט. װען מיר האַלטן שוין אין סאַמע מיטן, קומט צו גיין קלאַצניקס זון, אַליין שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק, צוזאַמען מיט נאָך צוויי מאַנצבלען. דער טאַטע זאָגט

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1, 1980.

דעם זון א פּאָר טרוקענע ווערטער, און יענער אָרדנט זיך אײַן מיט זײַנע פרײַנט אין א צווייט אָרט פונעם רעסטאָראַן. די קעלנערס קוקן ארויס אף קלאָצניקס א ווונק. ס'איז שטיל און היימיש. פיליפּ קלאָצניק איז שטארק אופגעלעבט. ער רעדט א פרײַען ייִדיש, צוגעפּראוועט מיט ענגלישע ווערטער. דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס רופט ער „דזשויִש וואָרלד קאָנגרעס". אָנגעטאָן איז ער ווי אף דער ארבעט — אין א לײַכטן אָנצוג, אָן צאצקעס, דעם שניפּס ניט שטײַף פארצויגן, אָן א טיכעלע אין וועסטלקעשענקע פונעם פּידזשאַק, די מאַנזשעטן סטארטשען ניט ארויס פון די ארבל. ער איז א מענטש פון מיטעלן וווּקס, ווארפט זיך ווייניק אין די אויגן, בלאָזט פון זיך ניט — א מיליאָנער, ווי אלע הײַנטיקע מיליאָנערן.

וואָס איז שײַעך דעם מיינונגס־אויסטויש, וועלכן מיר האָבן געהאַט, לוינט עפּשער זיך אָפּצוהאלטן אין אָט די נאָטיצן פון איבערגעבן דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן, בעסער זיך באַנוגענען מיט איבערכאַזערן דאָס, וואָס איך האָב באַ זיך אין בלאָקנאָט פארצייכנט גלײַך נאָכן פארמאכן הינטער זיך די טיר פונעם האָטעל.

אָט וואָס איך האָב פארשריבן:

קלאָצניק הייבט אָן דעם שמועס מיט א פראַזע, פון וועלכער עס שפּאַרט ארויס דער אונטערטעקסט. פארן צוזעצן זיך צום טיש שטייט יעדערער פון אונדז א רעגע באַ זײַן שטול, און דאַן טוט קלאָצניק א זאָג, אז — צי מע וויל יאָ, צי מע וויל ניט, נאָר ס'איז שוין צײַט אוועקזעצן זיך באַם טיש. די סיבע דערפון איז ניט דער קאַפּריז פון דעם אָדער יענעם מענטשן. ס'איז פון לאַנג באַמערקט געוואָרן, אז אָפּטוענדיק עפּעס אַזוינס, וואָס עס שטימט ניט מיט דער ביז איצט אײַנגעשטעלטער פּראַקטיק, און דערגרייכנדיק מיט דעם א דערפאָלג, טײַנעט דער פּאָליטיקער, אז ער איז אף דעם געגאַנגען לויטן אייגענעם ווילן. אינדערעמעסן אָבער האָט דער אָנגענומענער באַשלוס זיך געצײַטיקט און געגרייט, און איצט איז ער ווי פון זיך אליין פארטיק געוואָרן.

אלץ, וואָס קלאָצניק וויל, איז: מע זאָל זיך טרעפן א פּאָר מאָל אין יאָר — די אָנפירונג פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס און פאָרשטייער פון די סאָוועטישע ייִדן. אינפאָרמירן איינע די אַנדערע וועגן פארשיידענע זאַכן. דאָס, וואָס איז נייטיק, — באַהאַנדלען, ארומריידן. ניט אָנעמען קיין רעקאָמענדאַציעס און באַשלוסן. פּאַשעט אונטערהאַלטן קאָנטאַקטן. וואָסי, ס'איז דען פארבאָטן צו דורכשמועסן זיך? מע זאָל מאַכן דעמאָנסטראַציעס און קלאַפּן די פענצטער אין אַעראָפלאָט? ער אליין, פיליפּ קלאָצניק, איז קעגן אַנטיסאָוועטיזם. ווען אין טעל־אוויוו האָט מען אים מיטגעטיילט, אז עס ווערט פּלאַנירט א דריטע בריסעלער קאָנפערענץ וועגן די סאָוועטישע ייִדן, האָט ער געוואָרנט, אז דער דזשויִש וואָרלד קאָנגרעס וועט דאָרט ניט זײַן. איז פארוואָס טאַקע ניט אײַנפירן אָט אַזעלכע טרעפעניִשן? די סאָוועטישע פירער זאָגן דאָך אליין, אז קאָנטאַקטן זײַנען בעסער, איידער קאָנפראָנטאַציע...

איך פרעג אים, צי ער איז באַקאַנט מיט דער מאַרקסיסטישער שטעלונג, וואָס אָנערקענט ניט די עקזיסטענץ פון אַן איינהײַטלעכער אַלוועלטלעכער אויסערקלאַסעווער ייִדישער נאַציע. יאָ, ער איז מסכּים, אז יעדערער דאַרף לעבן אין זײַן לאַנד אַזוי, ווי ער וויל. דאָס איז אָבער ניט דער ענטפער אף מײַן פראַגע. ארומפאָרנדיק איבער דער וועלט, קום איך אלץ מער צום אויספיר, אז די קעגנער פונעם מאַרקסיזם, באַזונדערס אין דער ייִדישער סוויווע, ווייסן זייער שוואַך דעם מאַרקסיזם. דאָס איז, בין איך זיכער, ערגער פאַר זיי, איידער פאַר אַנדערע.

עס דאַרף זײַן קלאָר, אז אויסדינגען באַם מאַרקסיזם אַן אָפּווײַכונג פון די יעסוידעס וועט זיך ניט אײַנגעבן — ניט דורך בריסעלער יאַרידן, ניט דורך פארבײַטן זיי מיט א טאַקטיק פון אַרײַנאַרן. עס דאַרף אָפּגעשטעלט ווערן דער קאַלטער קריג, דאָס ספּעקולירן אף דער „ייִדישער פראַגע", און אויב עס זײַנען פאַראַן נײַגעריקע צו באַקאַנען זיך מיט דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז געבליבן צו טאָן דאָס, וואָס איך טו איצטער, ווילנדיק וויסן, וויאַזוי עס לעבן די ייִדן אין אַמעריקע. דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס קאָן כאָטש מאָרגן קומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די ראַיעלסטע אינפאָרמאַציע באַקומט מען, ווען מע זעט די זאַך מיט די אייגענע אויגן. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, באַ א רעאַליסטישן און רויִקן צוגאַנג צום איניען, מע זאָל אויסהערן פון צײַט צו צײַט א רעפעראַט פון א סאָוועטישן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן טוער וועגן דעם מאַצעוו פון די ייִדן אין זײַן לאַנד, וועגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועגן דער שטעלונג פון די סאָוועטישע ייִדן צו דער אָדער יענער פּראָבלעם.

מײַנע ווערטער וועקן אויף באַ קלאָצניקן אַן אינטערעס. צי איז ניט נאָענט דאָס, וואָס איך זאָג, צו דעם, וואָס ער מיינט? ניין, ס'איז ניט נאָענט. ער האָט אין זינען אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנטאַקטן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס קאָנען אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַן אָנשליסונג, אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, מיצאַד די סאָוועטישע ייִדן צום דזשויִש וואָרלד קאָנגרעס, און איך האָב אין זינען, אז צוויי סוויוועס טוישן זיך אויס מיט קולטור־דערגרייכונגען, מיט לי־

טעראַטור־ און קונסט־ווערטן, מיט נוצלעכע דערפאַרונגען, און ביידע פירן זיי זיך אויף קאָ־רעקט איינע צו דער צווייטער.

קלאַצניק זאָגט, אַז ער איז אַ מענטש פון גוטן ווילן, בעשום־אופן ניט קיין „פּרעסער״ פונעם טיפּ סאָוועטנפּרעסער. איר זעט, איך עס בעטעווע ווייניק... ער האַלט, אַז די אָנפירער אַף דער אַמעריקאַנער ייִדישער גאַס זוכן ניט זייער באַרוף אין אַרבעטן פאַרן אַנטיסאָוועטיזם, גיכער אַרבעט דער אַנטיסאָוועטיזם אַף זיי. צו אַלץ מוז קומען אַ סאָף, און זיי פאַרשטייען עס. דער דרוק אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד, מיינט ער, האָט עפּעס־וואָס געגעבן דאַן, ווען ער האָט אַרײַנגעשפּילט אין דער „גלאָבאַלער דינגע־ניש״ צווישן די גרויסמאַכטן. אַף מײַן פּרוּוו צו מאַכן אַ קאָרעקטיוו צו אָט דעם אָרט פון זײַנע רייד ענטפערט ער, אַז באַלד וועט ער זאָגן אַזוינס, וואָס וועט מיר דאַפקע יאָ געפעלן. און ער זאָגט: צו די דעמאָנסטראַציעס און טומלע־רײַען איז מען שוין אין אַמעריקע צוגעוווינט, און סע ווערט קלאָר, אַז זיי זײַנען איבעריק. מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין דער אַמע־ריקאַנער פּסיכאָלאָגיע גייט אַרײַן אַזאַ מאָדנע טעווע, ווי זיך זאָרגן וועגן דער גאַנצער וועלט, דאָס, וואָס איר רופט אָן שטופּן די נאָז אין אַ פרעמדן גאָרטן. דעריבער דאַרף מען זיך ניט אָפּרייצן, ווען אין ניו־יאָרק רײַסט מען זיך די גאָרגלען אַרום, לאָמיר זאָגן, דיסידענטן אין רוסלאַנד. ערנסטע פּאָליטיק קוקט זיך ניט אום אַף דעם.

עס גייט אַוועק אַ רייד וועגן עליאַ און עמי־גראַציע. פיליפּ קלאַצניק איז געשטימט סקעפּ־טיש. דער פּרעזידענט פון דער ייִדישער אַגענץ אַלמאָגי זאָגט, אַז ער וויל אַ מיליאָן ייִדן, אָבער אַפילו 150 טויזנט איז ייִשׂראל ניט גע־ווען בעקויעך אײַנצואָרדענען. ווי שטענדיק, האָבן געהאָלפן די אַמעריקאַנער ייִדן — צוגע־נומען אַ טייל, דאָס הייסט איבערגעמאַכט עליאַ אַף געוויינלעכער עמיגראַציע. איך פרעג קלאַצ־ניקן, צי דאָס עמיגרירן פון אַ צאָל סאָוועטישע ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועט זיך אָפּ־רופן צום גוטן פאַר דעם דאָרטיקן יישוב. זײַן ענטפער: אַליין וועלן זיי קיין נוצן ניט ברענ־גען אַמעריקע, דאָס דערוואַרטן מיר פון זייערע קינדער און אייניקלעך...

איך זאָג אים, אַז ער וואָלט באַדאַרפט פאַר־עפנטלעכן זײַן פּראָגראַם. ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ: יאָ, עס גייט דערצו...

דערווײַל וועל איך דאָ עטוואָס — טאַקע ניט מער, ווי עטוואָס — צוגעבן פון מײַן זײַט. און ווידער — אַרום דעם איינען, צי עס קאָן האַנד־לען פרײַ און אומאָפּהענגיק אַפילו אַזאַ הויכ־ראַנגיקער מאַנהיג באַם ציוניזם, ווי עס איז פיליפּ קלאַצניק. איך וועל זיך אָפּהאַלטן פון טעאָרעטיזירן און וועל ברענגען בלויז אַ פרישן פאַקט.

בײַס אונדזער שמועס, ווי ס'איז צו זען, האָט קלאַצניק זיך געהאַלטן, ווי ער וואָלט באַהערשט און קאָנטראָלירט די לאַגע אין זײַן סוויווע. נאָר דאָס איז ווײַט ניט אַזוי. ניט לאַנג צוריק, זײַענדיק שוין פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, האָט ער געוואָגט אַרויסזאָגן אַ מיי־נונג, אַז די ייִדישע מדינה דאַרף מיט אירע האַנדלונגען אַרויסרופן צוטרוי צו איר וואָרט, דערבײַ האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז דעם פּרעמיער־מיניסטער פון ייִשׂראל — מענאַכעם בעגינען — קאָן מען ניט געטרויען. די ציוניס־טישע פּראָפּאַגאַנדע האָט גלײַך אופגעהויבן אַן אַנטיקלאַצניק טומל. ס'איז אים אויסגעוואָרפן געוואָרן, אַז ער האָט געוואָלט אַרויסרופן אַן אַמעריקאַנער דרוק אַף דער מדינה. קלאַצניק האָט ניט געקאָנט איגנאָרירן די קאַמפּאַניע פון פּאָליטישן שאַנטאַזש, וועלכע האָט ערשט ניט לאַנג צוריק פּאַשעט געמאַכט צונישט די טויבן־גרופּע אינעם אַמעריקאַנער ציוניזם — „ברייי־רע״ — דערפאַר, ווײַל זי האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז אויב מיט עקספּאַנסיע און קויעך גייט זיך ייִשׂראל ניט אײַן צו באַהערשן די לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך, איז פאַראַן אַן אַנ־דער ברייירע, וואָס זעט פאָרויס אַ גערעכטן, אַלזײַטיקן, דויערנדיקן שאָלעם. ניין, פיליפּ קלאַצניק איז ניט בעקויעך געווען אַוועקצו־מאַכן מיט דער האַנט די קאַמפּאַניע קעגן אים, און ער האָט געמוזט אָפּלייקענען דאָס, וואָס ער האָט פריִער אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם פונדעסטוועגן יאָ געבראַכט אַף די ליפּן...

(אויב דאָס געזאָגטע איז נאָך ווייניק אַף צו איבערצײַגן זיך, ווי געשרענקט עס זײַנען די מעגלעכקײַטן באַ די מער פּאָרזיכטיקע ציוניס־טישע לידערס צו באַגיין זיך פּאָרזיכטיקער מיט פּאָליטישע צײַט־פראַגן, וועל איך דאָ צוגעבן, אַז דער שוין דערמאָנטער אין אָט די נאָטיצן נײַער „פּרעזידענט פון אַלע ייִדישע פּרעזי־דענטן״ אין אַמעריקע טעאָדאָר מאַן האָט עפּעס איין מאָל אַ פּרוּוו געטאָן מיט אַ האַלב מויל אַרויסשטאַמלען עטלעכע ווערטער וועגן דעם, אַז קאָלזמאַן עס קומען פאַר די אונטערהאַנד־לונגען צווישן ייִשׂראל און עגיפּטן, וואָלט מען באַדאַרפט אָפּשטעלן דאָס מאַכן נײַע ייִשׂראל־באַזעצונגען אין „יהודה ושומרון״, פּאַשעטער גערעדט — אַפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן, האָט אים געענטפערט די ציוניסטישע פּרעסע מיט אָט אַזאַ לאָשן: „דער דאָזיקער פילאַדעל־פיער ייִד איז הײַנט דער פּרעזידענט פון אַלע אַמעריקאַנער ייִדן. מיר האָבן זוכע געווען, אַז אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעקליבן דעם דאָ־זיקן טעאָדאָר מאַן, ער זאָל אין זייער נאָמען רעדן פאַר אַלע אַמעריקאַנער ייִדן. אָבער טעאָ־

דאָר מאַן איז ניט קיין געוויילטער פירער...״ („אַלגעמיינער זשורנאַל״). וואָס איז געבליבן צו טאָן דעם ניט געוויילטן פּרעזידענט, קעדיי צו בלײַבן אַפן בענקל? ער האָט גלײַך אָנגעשריבן א בריוו צום הויפּט־ראַוו פון ענגלאַנד עמאַנויל יאַקאָבאָוויץ, וועלכער האָט אין לאָנדאָנער „דזשויִש קראָניקל״ ארויסגעזאָגט אַן ערעך דעם זעלבן געדאַנק, וואָס ער, טעאָדאָר מאַן, אין דעם דאָזיקן פּאַרעפנטלעכטן אין דער פּרעסע בריוו איז ער, טעאָדאָר מאַן, זיך באַגאַנגען מיטן דרייסטן ראַוו פונקט אַזוי, ווי מיט אים, טעאָדאָר מאַנען, איז זיך באַגאַנגען די ציִוניסטישע פּרעסע, ווען ער האָט געוואַגט ארויסזאָגן אַן ערעך דעם זעלבן געדאַנק, וואָס דער דרייסטער ראַוו...).

און דאָך וויל איך ניט בעשום־אויפן פאַרמײַנערן די וויכטיקײַט פון דעם, אַז די מאַנהיגים פונעם ציִעניזם זאָלן דענקען און האַנדלען רעאַליסטיש. וועגן די אײַנגעבוירענע שוואַכקײַטן פון זייערע אַלטע, פאַרזעסענע „פירער״ רײדן זיי אַליין. דער שוין אונדז באַוווסטער ניו־יאָרקער רעדאַקטאָר גערשן דזשייקאָבסאָן — האָט געשילדערט די זאַך אַזוי: „אָפּט הערן זיך מײַנונגען, אַז די ייִדישע פירערשאַפט (אין פּשא. — א. וו.) האָט באַנקראָטירט; אַז די פירער טוען גאָרניט, און ווען זיי טוען יאָ עפּעס, איז עס צו שפּעט און צו ווייניק און טיילמאָל אומגעלומפּערט. די צאָרע באַשטייט אין דעם, וואָס דער אוילעם איז אַטראָפירט, גלײַכגילטיק און אַנטוישט. די מערסטע ייִדן וויסן, אַז זיי האָבן ניט קיין אײַנפלוס אָף די מאַנהיגים און אַז די פירער האָבן ניט די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט אָפּצוגעבן א דין־וועכעזשבן. הערשט דעריבער א מאָדנע אָפּהעטיקע שטימונג״...

נאָך פינקטלעכער האָט געשריבן אין זײַנעם אַן אַרטיקל דער לאָנדאָנער פירנדיקער ציִ׳עניסט דר. ש. לעווענבערג, איינער פון די שטאַרקערע פּובליציסטן אין זייערע רייען: „א ייִדישער קלאַל־טוער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אויסער קאָנסטיטוציעס דאַרף מען האָבן סייכל. ייִדישע פירער דאַרפן וויסן, ווען צו רעדן און ווען צו שווײַגן. א ביסעלע כאָכמע איז שטענדיק נוצלעך״...

און אַט איז א קאָל פון פּאַריזש. א טוער פון דער דאָרטיקער סעקציע פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס — וו. קאַראַל — האָט אין זײַנעם אַן אַרטיקל „גורלדיקע ייִדישע פּראָבלעמען אין דער הײַנטיקער וועלט״ זיך ארויסגעדריקט אַזוי: „א גרויסע צאָל ייִדישע פירער טראָגן א שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר פריידיקן א שמאָלן און קליינקעפּלדיקן נאַציִאָנאַליזם, וואָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די איזאָליאַציע פון יִיסראָעל און פון ייִדן ביכלאַל״... ער ברענגט אַן ארויסזאָגונג פונעם יִיסראָעלדיקן סאָציִאָלאָג פּראָפ. טאַל אָף איינער פון די סעסיעס פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס: „די אָפּאָסוגען און די מײַסים פון די ציִעניסטן זײַנען שטאַרק אַלטמאָדיש און אין ווידערשפּרוך צו דער הײַנטיקער צײַט״...

קאָן זײַן, אַז טאַקע דערפאַר האָט פיליפּ קלאָצניק, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, א זאָג געטאָן:

— נעמט א צעטל פון א צוואָנציק־דרײַסיק ייִדישע פירער אין אַמעריקע און שיקט זיי רעגולער אַרײַן „סאָוועטיש הײמלאַנד״, קעדיי זיי זאָלן וויסן, וואָס מע טראַכט וועגן די פּראָבלעמען אין מאָסקווע...

29. מאַיאַמי ביטש — א גאַניידן אין אַמעריקע

ניט אַנדערש, ווי ס׳איז געשען א נעס. פאַר צוויי מיט א פערטל שאָ, וואָס כ׳האָב זיך געפונען אין עראָפּלאַן, איז פונעם אײַנגעקאָרענ׳עטן, אומפאַרענדערלעכן, דוכט זיך, שוין אָף אייביק אײַנגעשטעלטן טשיקאַגער ווינטער געוואָרן א פאַרקערט, שוין אויך, דוכט זיך, אָף אייביק אַן אײַנגעשטעלטער פלאָרידער זומער. אַזוי פאַרשיידנאַרטיק איז די וועלט, אַזוי איז זי גרויס און שיין!

די פלאָרידער שטאָט מאַיאַמי ביטש, וווּהין מיר זײַנען אָנגעקומען, איז א גאַניידן פאַר מענטשן, וואָס וויכן פון דער קעלט. מע קאָן זאָגן, אַז די 200 טויזנט אַמעריקאַנער ייִדן, וועלכע האָבן צוביסלעכווײַז זיך דאָ אָפּגעזאַמלט, האָבן געהאַט דערבײַ איין זאָרג: אָנוואַרעמען א ביסל די ביינער. דאָס זײַנען עלטערע מענטשן — „ארופגעהאַרעוועטע״, אויב מיט אַט דעם וואָרט זיך פּרוּוון ראַעבּיליטירן דאָס ניט געניגיקע „ארופּגעאַרבעטע״, וואָס האָט א בײַטאַם און ענטפערט ניט, יעדנפאַלס, אין דער פולער מאָס אָף דער טײַנע. פאַרוואָס דער אַמאָליקער אַרבעטס־מענטש האָט איצט אויסגעקליבן פאַר זיך דעם ווייכערן און שטילערן וואַריִאַנט פונעם טאָג־לעבן.

די „ייִדישע שטאָט״ מאַיאַמי ביטש זעט אויס ערטערווײַז ווי אונדזערע קוראָרט־שטעט אָפן דאָרעם, נאָר ניט אַזוי פונדאַמענטאַל אוועקגעשטעלט אָף דער ערד, מער ענלעך, מיט אירע מאַלעריש־ברעטלדיקע ווילעס, מיט דער לײַכטער ארויסרופּעריִשקײַט אאַ., אָף דעקאָראַציעס, וואָס אימיטירן דעם גלאַנץ פון א דאָרעמדיקן קראַך. אינדערעמעסן זײַנען לאָס־אַנדזשעלעס, סאַן־פראַנציסקאָ מער „יאַלטעדיק״, מער „אָדעסיש״, איידער מאַיאַמי ביטש, און אַוודע שוין איידער אַליין מאַיאַמי, די גרע־

סערע לויטן פאַרנעם, נאָר פיל וואַכעדיקערע פון דער ביי־אָקעאַנישער פּאָרשטאָט אירער מאיאמי ביטש. יאָ, סאַן־פראַנציסקאָ, לאָס־אַנדזשעלעס זײַנען אויך איצט דאָס אַלטע טײַערע געפעס, וואָס עס שטעלט ארויס פון זיך קאַליפאָרניע. אָבער אַליין קאַליפאָרניע, זאָל זי מיר מויכל זײַן, איז שוין אַ פאַרייכערטער סאַמאָוואַר אין פאַרגלײַך מיט דער זון־געצערטלטער זילבערנער נאַטור־טאַץ, וואָס רופט זיך פלאָרידע, און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס אין אַ מאיאמי ביטש, אַ פּאַלם ביטש, אַ סענטשורי סיטי קאָן מען שוין טרעפן קאַליפאָרניער, וועלכע זײַנען געקומען אהער עטעמען מיט פרישער לופט, זיך דערוואַרעמען...

טאַקע דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, ווען דו קומסט אָן אין פּעוורואַל כוידעש קיין מאיאמי ביטש, איז — די גרויסע צאָל עלטערע מענטשן, וועלכע האַלטן זיך דאָ אויף אַף צו איבערווינטערן. אָט זײַנען זיי, מײַנע ייִדעלעך! זיי זיצן אַף די גאַנעקעס, ווי אַמאָל אינעם שטעטל:

אַזוי לאַנג פון מאָלינעץ, און בין נאָך אַלץ אַ
גרינער,
אַ געפּאַקטן סאָבוויי נעם איך אָן פּאַר אַ
קורניק מיט הינער.
אַז איך זע זיך אופהייבן אַן עראָפּלאַן צום
הימל,
מיין איך, אַז אַ „סקאַטערט סאַמאָבראַנקאַ”
מאַכט דעם טומל.
אַזוי לאַנג פון מאָלינעץ, און ווער ווייט עס
דען גלויבן,
אַז דער וווּלוואָרט־טורעם איז בײַ מיר אַ
טויבנשלאַק מיט טויבן!
טויבן מײַנע ווײַסע, מײַנע יונגע טרוימען,
איר זײַנט זיך צעפלויגן, ווי אַ רויך פון קוימען.
אַזוי לאַנג פון מאָלינעץ, און ווער ווייט עס
דען ווייסן:
אַז איך זע אַ קעלבל, וויל איך עס באַגריסן.
און ווי סערגיי יעסענין מיט די בלויע אויגן —
אַז איך זע אַ קו, וויל איך זיך פאַר איר
פאַרנייגן.

(די דאָזיקע ליד האָט אָנגעשריבן העניעך אַקערמאַן, אַ ייִדישער דיכטער פונעם עמיגראַנטישן דאָר, אַ וויניק באַוווּסטער, אָבער, ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט, ווען כ'האָב די ליד דורכגעלייענט אין נאָכמען מײַזילס אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט”, אַ ביז גאָר באַגאַבטער און, פאַרשטייט זיך, לאַכלוטן ניט קיין „אַמעריקאַנער” — אינגאַנצן אַ „רוסישער”. אין אַ צווייטער ליד שרײַבט ער אויס מיט וויטעק: „כ'גיי דאָ אום אַ פרעמדער אַף ניו־יאָרקער גאַסן”... „כ'וווין דאָ אין אַ דירע אַף אַ שטאָק אַ הויכן (ס'איז ניט קיין כאַלופּקע, אופגעשטעלט פון ליים), נאָר איך גיב קיין טראָט ניט, נאָר איך שטעל קיין פוס ניט, כ'זאָל זיך ניט דערמאָנען אין מײַן אַלטער היים”...).

מײַנע אין טאָך אומגליקלעכע ייִדן, אַפילע ווען נאָכן עמיגרירן קיין אַמעריטשקע האָט זיך זיי דאָס לעבן אײַנגעגעבן, מײַנע אייביק בענקענדיקע, מײַנע איבערגעזעצטע, ווי הינער פון זייער היימישער נאַסידעלע אַף אַן אַנדערער, אַ פרעמדער... אָט זיצן זיי אַף די וועראַנדעגאַנעקעס, אָט גייען זיי אַרום אַף וואַשינגטאָן עוועניו, אַף קאָלענס עוועניו, איבער לינקאָלן ראָוד, סאַוט ביטש, אָט שטעלן זיי זיך אָפּ בײַ דעם האָטעל, בײַ יענעם האָטעל, קוקן ארײַן פון דרויסן אין קאַפע־הײַזער, שפּײַען קלעק פונעם סטריפּטיז־לאָקאַל, וועלכער איז אַרומגעשטעלט פאַזע די אויסערלעכע ווענט מיט „קימאַט גרעטשעסקע” סקולפּטורן. זיי זײַנען אָנגעטאָן אין פּילקאָליריקע פּידזשאַקלעך, אין געקעסטלטע הויזן, ביז פאַרנאַכט — אין פּיזשאַמעס. זיי האָבן שוין בײַכלעך, זײַנען ראַזירט און אָנגעדושעט, אָבער טויט זיי ראַק אויס נאַקעט, וועלן זיי ווידער אין איין אויגנבליק ווערן די זעלבע ייִדן פון מאָלינעץ. אין גאַס פירן זיי זיך אין גרופּקעס, מיט די לעבנס־באַגלייטערנס בײַ דער זײַט, שטעלן זיך אָפּט אָפּ, קעדיי זיך דורכוואַרפן מיט אַ וואָרט, נעמען זיך צונויף אין רעדלעך. פאַראַן צווישן זיי „יונגע אַלטיטשקע” — הויט און ביינער, מיט געפאַרבטע פּאַריקן, פאַראַן גראָבע־קרענקלעכע. ניטאָ בלויז קיין יוגנט, די קינדער זײַנען שוין אַמעריקאַניזירט, און זיי זוכן ניט ווינטער־צײַט קיין וואַרעמע ערטער.

אין קאַפע פירן זיך אייניקע פון זיי אויף, ווי זיי וואָלטן מיט זייער זײַן דאָ געטאָן עמעצן אַ טויווע. בײַ אַ טישל זיצן ער און זי. ער — אַ נאָכאַלנער ייִד — שטופּט צוריק די טעלער, בייס די קעלנערן וויל זיי שטעלן אַפן טיש. זי — אַ סאָך ייִנגער פון אים, אָנגעטאָן ווי אַ פּאַווע, עסט לאַכנדיק און לאַכט עסנדיק, דערבײַ קוקט זי מערער אַרום זיך, איידער אין טעלער ארײַן. די קעלנערן — אַ יונגע טונקעלע אינדוסקע, מע זעט זי לויט די גרויסע רינגלעך, גאָלדענע, ציממעשענע, וואָס זײַנען אונטערגעהאַנגען בײַ די שפּיץ אויערן און מינען זיך אין דער שוואַרצקײַט פונעם האַלדז, אופכאַפּנדיק בליצן שײַן סײַ פון די לאָמפּן, סײַ פון די גרויסע ווײַסע אויגן, וואָס זי, די אינדוסקע, גיט אַלע מאָל אַ צעעפן.

האַקלאַל, מיר זײַנען אין מאיאמי ביטש. אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע גאַניידנס, גייט דאָ אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן קויכעס פון שלעכטס און קויכעס פון גוטס. די „גאַס” איז פול מיט לײַדנשאַפטן, ווײַל ס'האָט זיך אָקאָרשט פאַרענ־

דיקט א וויכטיקע שלאַכט ארום דעם אַרטיקן ייִדישן קולטור־צענטער.

אָ, דער „דזשויִש קאַלטשאַראַל סענטער”! די גרויסע ליכטיקע געבײַדע אף לענאָקס עווענױ, וועלכע ס׳האָט אויסגעבויט אף זײַנע אָפּשפּאָרונגען דער ארבעטס־מענטש! מיט א צײַט צוריק האָבן די פלאָרידער אָנהענגער פון אַן אנטיסאָוועטישער „מאָרגן־פרײַהײַט” געפּרווט פארכאפּן די אָנפירונג מיט אָט דעם צענטער פונעם פּראָגרעסיוון ייִדישן יִשעוו. בײַס די וואלן האָבן זיי אָבער געליטן א מאפּאָלע. אלס פּרעזידענט איז ווידער אויסגעקליבן געוואָרן מאקס קליין — דער אנערקענטער אָנפירער פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער שטייט פעסט אף דער פּלאטפאָרם פון פּראָלעטארישן אינטערנאַצ:אָנאַליזם.

בעשאס דער באַגעגעניש אין אעראָפּאָרט האָט זיך געפילט, אז מאקס קליין איז איבער עפּעס פארדרײַגעט. וואָס איז די סיבע? די שפּאַלטער פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג קלײַבן זיך פּיקעטירן די מאסן־פארזאמלונג אונדזערע אינעם קולטור־צענטער. יאָ, יאָ — ארומדרייען זיך אפּן סאמע פּרימיטיוון אויפן מיט אנטיסאָוועטישע פּלאַקאטלעך באַם ארײַנגאנג און הינטער די פענצטער! זעט אויס, אז דער דורכפאל אין די וואלן האָט שוין אינגאנצן אָפּגענומען בא זיי דעם סייכל. הערנדיק, ווי עס דערציילט וועגן דעם מאקס קליין און די זייער סימפּאַטישע ראָזע סאָרקין (א געוועזענע קראַנקןשוועסטער אין שפּאַנישן קריג; אַגעוו, צווזאַמען מיט איר האָט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע געקעמפט און איז דאָרט פארוווּנדעט געוואָרן אלעקס קאָלקינס פרוי סאָניע), — האָב איך א טראַכט געטאָן, אז דער מאָטאָר פונעם לעבן דערנעענטערט אַמאָל צווישן זיך געשעענישן מיט א קאָפּשווינדלענדיקער שנעלקײַט. ערשט נעכטן האָט מען אין טשיקאַגאָ געשמועסט, אז ס׳איז מעגלעך אזא סאָרט אראָפּקײַקלען זיך אין סאמע געמויזעכץ מיצאַד אָט די לײַט, און הײַנט, אין מאיאַמי ביטש, איז עס שוין א פאקט. איך מוז זיך מודע זײַן, אז ווי א טראַגישע וואָרענונג, וואָס די צײַט מאכט געוויסע געזעלשאפטלעכע טוער, האָט מיר אויסגעזען דאָס באַנוצן בענעגייע די געמאָלדענע פּאָטענצ:עלע פּיקעטירער דעם צונאָמען „נאָוויקס דעפענס ליג”...

נאָוויק האָט „געראַטעוועט” זײַן פּאָנעם מיט דעם, וואָס אין דער לעצטער מינוט האָט ער, דער איניציאַטאָר פון אָט דעם אומזין, אָנגעקלונגען פון ניו־יאָרק אין מאיאַמי ביטש און געהייסן זיך אָפּהאלטן פון „מארשירן”, ווײַל אין דער געשאפענער סיטואַציע וועט עס ארויסרופן א שטורעם פון פארורטיילונג. בעסער זאָל מען קלינגען אין די טעלעפאָנען, ניט דורכלאָזנדיק קיין איין ייִדן, און בעטן און פאָדערן, אז קיינער זאָל ניט קומען אף דער פארזאמלונג (עס איז פאראַן א מיינונג, אז אויך דאָס — צווישן פיל אנדערס — איז געוועזן א סיבע דערפון, וואָס דער גרויסער זאל פונעם קולטור־צענטער איז געוועזן פול געפּאַקט).

יאָ, דער זאל האָט געהודעט מיט יענער גוטער הודערײַ, וועלכע מיר הערן אין די טעלעפאָן־דראָטן, וואָס זאָגן צו געגאַרטע נײַס פאר די מענטשן. ס׳איז געוועזן א באַגעגעניש פון א וועלט, וואָס וויל וויסן, מיט א וועלט, וואָס וויל דערציילן. נידער מיט די קליינלעכע פארדאכטן! באַווײַזט אונדז, אדעראַבע, אײַער ארט לעבן, לייגט ארויס אײַערע מיינונגען, מיר זײַנען ניט פארדאָרבן, אונדזערע הערצער זײַנען ניט אָפּגעקילט צו דער נײַער וועלט!

אין מעשעך פון א מינוט צען־פופצן פארן אָנהייב פון דער פאָלקס־פארזאמלונג בין איך אזוי באַלאַגערט פון די אָנוועזנדיקע, אז ס׳איז שווער איבערכאפּן דעם אָטעם. דער אוילעם איז געשטימט פאָלעמיש, אָבער ניט בענעגייע אונדז — בענעגייע די „אייגענע” אמעריקאַנער באַוועגונגען. איינער טוט עס אזוי: ער גיט מיך א שלעפּ באַם ארבל, איך זאָל אים אויסהערן, און זאָגט, אז אויב איך האָב כיישעק צו וויסן, וויִאַזוי עס קאָכט איצט אין די שטאַטן מיט ציִעניזם, דארף איך זיך דערמאָנען, וואָס עס האָט וועגן דעם געשריבן מאָריס ראָזענפעלד אין זײַנעם א פעליעטאָן, וואָס הייסט „אינמיטן דרינען”. ניט געבנדיק מיר אפילע קיין סעקונדע אף צו דערמאָנען זיך, טוט ער א געשריי אויס:

אמעריקע, וואָס רוישט מיט בלאָף,
ווו מע פארוואסערט אידעאלן —
מיט ציִעניסטן איז באַפאלן,
מיט ציִהעניסטן אָן א סאָף.
ווו נאָר א באָק און „פּאָליטישן”,
קומט איצט מיט ציִען־רייד זיך מישן,
וויל ווערן אונדזער „ראָש־ווערישן”...
באַם שטים־קעסטל וועט ציִען ציהען,
מע דארף נאָר ציִענס פעלד צעריִען.

א צווייטער פון די פארזאמלטע אין זאל וויל מיר מיטיילן זײַן מיינונג וועגן נאָך א „ייִדישער קרענק”. ער האָט דעם הויפּט־געדאַנק פארשריבן, און ס׳וועט ניט זײַן איבעריק, אויב דאָס וועט אָנגעדרוקט ווערן אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד” אין דער רובריק „קאָמענטארן פון רעדאַקציע”. ווען איך זאָג אים, אז קאָמענטארן שרײַבט אליין די רעדאַקציע, טוט ער א מאך צו מיר: „און מיר, לייענער, זײַנען דען ניט די רעדאַקציע?”. ער שטעלט זיך אוועק אין א פּאָזיציע און לייענט פונעם פּאַפּיר: „אין די זעכציקער — זיבעציקער יאָרן האָט זיך אויס־

געפאָרמירט א נײַע ייִדישע רעאַקציע. דאָס זײַנען די געוועזענע פּראָגרעסיווע טוער, וואָס הײַנט שווימען זיי איבער דער אָפּאָרטוניסטישער קאַליוזשע, אָנציִענדיק צוויי זעגלען: „כאָטאָני”, מיר האָבן אין דער פאַרגאַנגענהײַט געזינדיקט מיטן גלויבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד” און „איצט גלייבן מיר אין א צוגעפּײַנערטן, צוגעצוקערטן, נאַציאָנאַליסטיש־ייִדישלעכן, באַפאַרבטן אין בלוי־ווײַסע קאָלירן קאָמוניזם”...

די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. פאַר מיר פּערזענלעך איז דער סאַמע אײַנדרוקספולער מאָמענט געווען די רעדע, וואָס עס האָט געהאַלטן דער באַוווּסטער ייִדישער שרײַבער און טרייד־יוניאָן־טוער בען גאָלד. דאָס, וואָס ער איז א ליבלינג באַם פּובּליקום, באַוועגט אים, ווײַזט אויס, צו זאָרגן זיך ניט בלויז וועגן אינהאַלט פון יעדער רעדע, נאָר אויך וועגן איר אַרכיטעקטאָניק און אָראַטאָרישן סטיל. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט אויף דער איצטיקער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, איז די ווערט אַרײַנגעשטעלט צו ווערן אין א כרעסטאָמאַטיע.

פאַרוואָס, — האָט ער זיך געווענדט צום זאַל, — פאַר וועלכע מײַסים־טויווים דאַרף מען גאָר לויבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד? וואָסי, ס'איז שוין אַזוי גרויס זײַן אויפטו, וואָס די סאָציאַליסטישע מעדינע האָט ניט די עטלעכע מיליאָן אַרבעטסלאָזע, וועלכע מיר אין אַמעריקע פאַרמאָגן. צי עפּשער פאַרדינט זי דעם אָפּשײַ פון די פעלקער פאַר דעם, וואָס זי האָט ניט געמאָרדעט קינדער, פרויען און זקיינים אין וויעטנאַם? ס'איז דען א גרויסער פאַרדינסט, וואָס דאָרט, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען אַלע פעלקער גלײַך, עס איז ניטאָ קיין נעגער־פראַגע, קיין ייִדן־פראַגע. אַדעראַבע, זאָגט, פאַרוואָס דאַרפן מיר לויבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד!

און אויף אַזעלכע „אָפּלייקענונגען”, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר באַזונדערס עפעקטפולע באַשטעטיקונגען, איז געווען געבויט די גאַנצע רעדע זײַנע...

אויף מאָרגן נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר פיל שאָען פאַרבראַכט בא מאַקס קליינען אין שטוב. דער עולם האָט זיך געביטן, איין גרופּע האָט פאַרביטן די אַנדערע, אָבער בען גאָלד און אויך דער צווייטער באַקאַנטער ליטעראַטאָר, וואָס וווינט אין מאַיאַמי ביטש, דער קונסט־קענער מאָרדכע יאָרדאַני, זיי און זייערע פרויען זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פונעם טיש, ווו דער שמועס איז געגאַנגען.

און דער שמועס איז געווען א וויכטיקער און ערנסטער. מע האָט באַדאַרפט ניט בלויז אויפקלערן די גרויסע צאָל פראַגן, אָן א אויסנאַם, וועלכע האָבן זיך אײַנגעגלידערט אינעם באַוווּסטזײַן פון די אַמעריקאַנער ייִדן, און אויב זיי ניט אַראָפּנעמען, שטערט עס צו פאַרשטיין דאָס נײַע לעבן אין דעם ליבן און נאָענטן פון דער קינדהײַט אָן רוסלאַנד, — ס'איז נייטיק געווען זיך אופריידן אָט דאָ באַם טיש, אָן קיינע פאָרמאַליטעטן, וועגן ווײַטערדיקע קאָנטאַקטן, וועגן געמיינזאַמע האַנדלונגען לעשעם פרײַנטשאַפט.

ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אין אַעראָפּאָרט, קעדיי אָפּפליִען קיין וואַשינגטאָן אויף דער באַגעגעניש מיט די סענאַטאָרן דזשעקסאָן, ריביקאָף, סטיווענסאָן און דזשאַוויטס, האָט גערעגנט, נאָר די זון איז ניט פאַרשוווּנדן, און ס'איז געווען „א זון מיט א רעגן”. מיר האָבן זיך שוין אײַנגעאָרדנט אויף די ערטער אינעם לײַנער, נאָר מיטאַמאָל איז געמאָלדן געוואָרן, אַז דער רעיס ווערט אָפּגעלייגט אויף מאָרגן איבער דעם שניי־שטורעם, וועלכער דערלויבט ניט צו לאַנדן אין דער הויפּטשטאָט. דאָס האָט באַטײַט, אַז די באַגעגעניש אין סענאַט וועט ניט פאָרקומען, ווײַל פון פריִער איז אונדז געווען באַוווּסט, אַז הײַנט פאַרנאַכט צעפאָרן זיך די סענאַטאָרן איבערן לאַנד. ס'איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס פליִען קיין ניו־יאָרק און פון דאָרטן קיין וואַשינגטאָן. „נאָו, נאָו” — האָבן גוטמוטיק געענטפערט די אַעראָפּאָרט־באַאַמטע, ניו־יאָרק איז אויך, ווי מע זאָגט אין אַזעלכע פאַלן, „פאַרמאַכט” ביז מאָרגן.

איבער אַמעריקע טראָגט זיך אַרום א שניי־שטורעם.

ווײַזט אויס, עס איז מיר ניט באַשערט זיך אויסטײַנען מיט די געזעגעבער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

30. לאָמיר ריידן וועגן פרייליכערע זאַכן...

ווײַזט אויס, ס'איז א באַשערטע זאַך, אַז מאַיאַמי ביטש זאָל אין מעשעך פון נאָך איין מעסלעס דעמאָנסטרירן פאַר דעם גאַסט, אַז די זון, וואָס טשיקאַגאָ, ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן און אויך לאָס־אַנדזשעלעס האָבן אָפּגעשיקט אַהער, זי זאָל דאָ איבערווינטערן, געפינט זיך אין א זיכער אָרט.

פאַרשטייט זיך, מאַקס קליין און זיינע קאָלעגן האָבן ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו אויסנוצן דעם פאַרנאַכט, „וועלכן גאָט און די אוויִאַ־קאָמפּאַניע האָבן אונדז געשענקט”, און אײַנאָרדענען א נײַע באַגעגעניש, דאָס מאָל מיט א היפּשער גרופּע פּראָגרעסיווע ייִדישע טוער, וועלכע האָבן פונקט אין אָט די שאָען זיך אומגעקערט פון א רייזע קיין קובע — פלאָרידעס נאָענטסטער שכיינע, ביז צו וועלכער ס'איז, ווי מע זאָגט דאָ, א מעהאַלעך פון א

קאַצן־שפּרונג (דעם דאָזיקן שפּרונג האָבן פֿיל מאָל געפּרוּווט דורכמאַכן די קובינער קאָנטררעוואָלוציאָנערן, וואָס זיצן פֿאַרטײַעט אין די פֿלאָרידער וואַרעמע נאָרעס, נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אָף אָט די מײַז האָט אין קובע יעדעס מאָל שוין געוואַרט די געהעריקע קאַץ...).

נעכטן, בײַס איך האָב באַטראַכט מאַיאַמי ביטש דורכן פֿענצטער פֿונעם האָטעל, „האָלידיי אין", וועלכער פֿאַרנעמט אַ גאַנצן קוואַרטאַל אָף דער בײַ־יאַמישער קאָלענס אַוועניו, האָט די שטאָט מיר אויסגעזען קלענער און שטילער. איצט וואַקסט זי אין מײַנע אויגן מיט דער זעלבער שנעלקײַט, מיט וועלכער דער אווטאָמאָביל טראָגט מיך אַרום איבער גאַסן און געסלעך. ווי עס זאָגט זיך בײַ בען גאָלדן אין זײַן געראָטענעם ווערק „אוורעמל ברוידע": „פֿונדערווײַטנס איז דאָס געווען אַ שטעטל, אָבער בײַ די טוישווים איז דאָס געווען די שטאָט"...

די שטאָט איז מיר געוואָרן נאָענט. אין שײַכעס מיט מײַן צוגאַסט־זײַן האָט אין איר געזיגט די פֿרײַנטשאַפֿט. איך גיב זיך אַפֿילו אַ קרים, ווען אין אַ פֿרײַער מינוט לייען איך בײַ נאָרמאַן מעילערן אין זײַן פֿאַרצייכענונג „מאַיאַמי און די באַלאַגערונג פֿון טשיקאַגאָ", אַז „טײַכן פֿון געשמאַקלאָזיקײַט, זוכנדיק אַ וועג, פֿאַלן אַרײַן אין די האָטעל־וועסטיבולן פֿון מאַיאַמי ביטש". אַזאַ טעווע שוין בײַ אייניקע אַמעריקאַנער שרײַבער: מאַכן צונישט אין די אויגן פֿון דער וועלט אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך, אינעם אייגענעם לאַנד... דער זעלבער נאָרמאַן מעילער שרײַבט אויך וועגן טשיקאַגאָ, אַז האַגאַם דאָס איז בעעמעס אַ גרויסער קראַך, נאָר „אָף זײַן פּאָנעם זעט מען ניט מער ווי אַ ברייטע פֿליישיקע נאָז מיט צעבלאָזענע נאָז־לעכער, וועלכע עטעמען אַרײַן מיט גרויס פֿלײַס דעם אווער, די שעדלעכע אויסדעמפֿונגען (מיאַזמען), די מאַכט־גיריקײַט, דעם מאַזלדיקן טאָג, די ווייכלײַביקע פּראָסטיטוטקע און דעם צויבער פֿונעם שמוציקן דאָלאַר..."

יעדערער, ווער עס קומט קיין מאַיאַמי ביטש, האָט אַ ברירע — זיך ניט פֿאַרהאַלטן בײַ די טײַכן פֿון געשמאַקלאָזיקײַט און צוזעצן זיך צו אַ רײַן ריטשקעלע, צוזאַמען מיט פּאָשעטע מענטשן, אויסהערן, וואָס זיי זאָגן.

עס טרעפֿט, אַז זיי דערמאַנען זיך...

מיט פֿערציק יאָר צוריק, — דערמאַנען זיי זיך, — אין אַ הייסן יום־טאָג פֿון דעם טויזנט נײַן הונדערט נײַן און דרײַסיקסטן יאָר האָט אַ שיף מיטן נאָמען „סען־לוי", אַ פּליטים־שיף, אַ שווימענדיקער שוידער, זיך אָפּגעשטעלט טאַקע אָט דאָ־אָ, מע קאָן מיט דער האַנט אַ ווײַז טאָן אָפֿן אָרט אין אָקעאַן, ווו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, גאַנץ ווײַט פֿונעם ברעג, זיך אָפּגעשטעלט און מאַמעש געפֿאַלן צו די פֿיס דעם אַמעריקאַנער לאַנד: „לאָז אַרײַן די קינדער, די פֿרויען, די אַלטע לײַט, די פֿאַרצווייפֿלטע, די פֿאַרסאַרפּעטע פֿון היץ, די לעכצנדיקע אַ טרונק וואַסער, די אַנטלאָפֿענע פֿון דער ברוינער כײַע, האָב ראַכמאָנעס, ראַטעווע זיי, די ביז טויט דערשראָקענע, די אומשולדיקע, וואָס קעדיי זיי שענקען דאָס לעבן, דאַרפֿסטו טאָן ניט מערער, ווי עפֿענען אַ טיר, מער גאָרניט, בלויז דערלויבן זיי אַראָפּגיין פֿון דער שיף, זיי זאָלן ניט מוזן שווימען צוריק צו יענעם ברעג, ווו עס וואַרט אָף אירע קאָרבאָנעס די בלוטדורשטיקע כײַע... און אַהער, צו דעם אָרט אין אָקעאַן לענגויס דעם פֿלאָרידער ברעג, ווו ס'איז געשטאַנען די אומגליקלעכע פּליטים־שיף, האָט אַמעריקע אַרויסגעשיקט עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָרנט, אַז קיינעם איז ניט דערלויבט צו לאַנדן, ווײַל ס'איז אַרויס אַ באַפֿעל אומצוקערן די געטריבענע ייִדן, ניט וויכטיק וווהין, זאָל זײַן אַפֿילו צוריק אין נאַציסטישן דײַטשלאַנד...

די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס" האָט דאַן באַרויִקט אירע לייענער. יאָ, די שיף מיט ייִדישע פּליטים, וועלכע איז צוגעשטאַנען צו אַמעריקע נאָך דעם, ווי ס'האָבן זי ניט צוגעלאָזט צום ברעג די (דעמלטיקע) הערשער אין קובע, איז אָפּגעשטאַנען אַ מעסלעס בײַ דעם מיזרעך־ברעג פֿון פֿלאָרידע, דערנאָך האָט זי זיך „אַרומגעדרייט" אין אָפֿענעם אָקעאַן, און עס האָבן זי ניט אַרויסגעלאָזט פֿון אויג די אָרדענונגס־היטער — אַן אַמעריקאַנער פּאַטרול־שיפֿל און אַן עראָפּלאַן, וועלכע האָבן ניט דערלויבט, אַז עמעצער פֿון די פּאַסאַזשירן זאָל שטעלן אַ פֿוס אָף דער אַמעריקאַנער ערד. איצט איז די דערעסן געוואָרענע שיף מיט די 900 אַקשאָנים־פּליטים אַוועקגעשוווּמען צוריק אין קאַריבישן יאַם. די וואַסערן פֿון פֿלאָרידע זײַנען, אַזויאַרום, ווידער רויִק און ריין (יודען־ריין...).

איך זאָג צו מײַנע פֿרײַנט פֿון מאַיאַמי ביטש:

— לאָמיר ריידן וועגן פֿרייִלעכערע זאַכן... אַ ביסל נעענטער צום הײַנטיקן טאָג.

זיי דערווידערן ניט, און אָט איז אַ פֿרישע פּאַסירונג. זי איז פֿאָרגעקומען ערשט ניט לאַנג, מיט אוועלכע צוויי כאַדאָשים פֿאַר מײַן קומען צו פֿאָרן קיין אַמעריקע.

דער פֿלאָרידער אוניווערסיטעט געפֿינט זיך אינעם שטעטל געינסוויל. ווי עס איז ביכלאַל אײַנגעפֿירט אין די שטאַטן, זײַנען דאָ די סטודענטישע קלובן, שטרענג אָפּגעזונדערט לויטן נאַציאָנאַלן אָדער ראַסעוון פּרינציפּ: אַ באַזונדער קלוב פֿאַר שוואַרצע, אַ באַזונדער קלוב פֿאַר ייִדן, אַ באַזונדערער פֿאַר מעקסיקאַנער, אַ באַזונדערער פֿאַר „עכטע אַמעריקאַנער". די אָפּגעזונדערטקײַט ברענגט צו פֿעלקער־האַס,

צו נאַציאָנאַליסטישער גרויסהאַלטעריַי, צו שאָוויניזם און פאַשיזם.

אַף איינער פון די גאַסן פון געינסוויל זײַנען פאַראַן דרײַ שכיינעסדיקע, לאָקאַל־איזאָלירטע צווישן זיך, סטודענטישע קלובן. צוויי פון זיי — „סיגמאַ עפּסילאָן“ און „קאַפּפּאַ אַלפאַ“ — זײַנען פאַרמאַכט פאַר דער ייִדישער יוגנט, דערפאַר אָבער איז דער דריטער — „טאַו עפּסילאָן פּהי“ — אַ ריין ייִדישער, מע רופט אים, לויט די אָנהייב־אויסיעס פון די דרײַ ווערטער — „טעפּ“.

איצט שטעלט אײַך פאָר אַ שפּעטע שאָ אין האַלב־נאַכט אין נאָיאַבער כודעש, ס׳איז פּונקט אויסגעפאַלן די פּײַנלעכע דאַטע — 40 יאָר נאָך דער „קרישטאָל־נאַכט“, וועלכע די היטלעראָווצעס האָבן דורכגעמאַכט אין דײַטשלאַנד. אין ייִדישן „טעפּ“־קלוב האַלט מען פײַערדיקע רעדעס. די צוויי אַנדערע קלובן שטייען בײַ זײַנע פּענצטער און „קלאַפּן די טעפּ“. עס הערן זיך אַנטיסעמיטישע אויסרופן. ס׳איז נאָך ניט קיין נײַע „קרישטאָל־נאַכט“, נאָר לויט דעם, ווי עס פירן זיך די שכיינים בײַ די פּענצטער, קאָן מען מיינען, אַז ס׳איז אַן ערעוו: זיי פּאָכען מיט שטעקנס, רײַסן אויס די ביימלעך בײַ דער געבײַדע פונעם „טעפּ“, באַוואַרפן די ווענט מיט אייער, באַגיסן זיי מיט פאַרב, שרײַען מיט באַנומענע קוילעס, אַז היטלער „האָט געטאָן גוט“ אַדגל.

איר ווילט וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין שײַכעס מיט דעם דאָזיקן סקאַנדאַל אין די שפּעטערדיקע טעג? גאָרנישט קומט ניט פאָר. ס׳הייסט — רעדן רעדט מען אַ סאַך, אָבער טאָן טוט מען גאָרנישט. איין צאַד זאָגט, אַז ס׳איז אַ אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיטישער אינצידענט, און מע דאַרף די שולדיקע באַשטראָפן; דער צווייטער צאַד פאַרענטפערט זיך, אַז פּאַקטיש איז דאָס דריבנע כוליגאַנסטווע, און מע וועט „זיי“ שוין אָנרײַבן אַן אויער...

און מײַנע פרײַנט פון מאַיאַמי ביטש קומען אָן צום ביטערן הומאָר: — ווייסטו וואָס? לאָז מיר טאַקע ריידן וועגן פריילעכערע זאַכן...

31. נאָו קאָמענטס

אין דער ליטעראַטור־שאַפונג, וואָס רופט זיך רײַזע־באַשרײַבונגען, איז, לויט ווי עס זאָגט מיר אונטער מײַן דערפאַרונג, דאָס שווערסטע — אָפּקלײַבן פונעם אָנגעוואַלגער אין די נאָטיץ־ביכלעך די נייטיקע פאַרנאָטירונגען און, איבערגעבנדיק זיי דעם לייענער, באַוואָרענען, אַז אַנטקעגן די אָניאָגנדיקע און אַריבעריאָגנדיקע פאַקטן פון דעם שנעלפליסנדיקן לעבן זאָל דאָס אַרויסגעבראַכטע אין דער רײַזע־באַשרײַבונג ניט אויסזען פאַרעלטערט. אין אונדזער עפּאָכע פון אויגנבליקלעכער אינפאָרמאַציע איז דער צופלוס פון נײַע מאָמענטן אַזוי האַסטיק, אַז פאָרזיכטיקע שרײַבער האַלטן אָפּט זיך אָפּ צו געבן אָפּשאַצונגען, אויסטײַטשן דאָס געוועזענע און געהערטע — טאָמער וועלן נײַע פאַקטן, שוין נאָך דער נעסיִע, אַרײַנברענגען עפּעס אומדערוואַרטס. דערווײַל ווערן די אײַנדרוקן בײַ די רײַזנדיקע שרײַבער אָפּגעקילט, דערווײַטערט און קעדיי זאָגן עפּעס נוצלעכס וועגן פרעמדלענדישע ערטער, דאַרפן זיי שוין פאָרן אַהין נאָכאַמאָל...

נאַטירלעך, אַז אויך איך האָב צו טאָן, בײַסן שרײַבן מײַנע וועג־פאַרצייכענונגען, מיט אַזאַ לויפנדיקע געשעענישן, אָבער די פּען שטעל איך, כאָלילע, ניט אָפּ אינמיטן שרײַבן, פאַרקערט, איך האַלט זי גרייט פּונקט דאַן, ווען די נײַע נײַסן פּרוּוון אויס אַף לאַנגדויערנדיקײַט די אַלטע, די פון מיר פאַרפיקסירטע. אין זשורנאַליסטיק, אין געזעלשאַפטקענטעניש (אָבשעסטוואָוועדיעניִע) איז ניט שײַעך צו אויסוואַרטן, ביז דער טײַך פונעם לעבן וועט זיך אײַנשטילן.

אָט, לעמאָשל, קאָלזמאַן איך האָב געשריבן, זיצנדיק שוין אינדערהיים, וועגן מײַן באַגעגעניש אין טשיקאַגאָ מיטן נײַעם פּרעזידענט פון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס (ייִ. וו. ק.) פיליפּ קלאַצניק, האָט דער פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע מיר אונטערגערוקט אַ פרישע נײַסעלע, קאָאָפּטירנדיק קלאַצניקן אין זײַן אַדמיניסטראַציע אַלס האַנדלס־מיניסטער פונעם לאַנד.

די שפּאָגל־נײַע געשעעניש שאַפט אַ טשיקאַווע סיטואַציע. אַף וויפל ס׳איז גלײַך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפקלערונג, אַז דער הויכער באַאַמטער אין דער קאַרטער־אַדמיניסטראַציע, וועט ניט פאַרלאָזן זײַן הויכן אַמט אין ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, קומט אַ מאַזלטאָוו דעם ציִעניזם — ער האָט שוין אַ מיניסטער אין אַמעריקע, און עס קומט אַ מאַזלטאָוו דער אַמעריקאַנער רעגירונג — זי האָט אַרײַנגעלייגט דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס צו זיך אין קעשענע. און עס איז געבליבן צו זען, וויאַזוי עס וועט האַנדלען אין נאָמען פון דער רעגירונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן דער פירער פון איינער פון די צוויי ציִעניסטישע וועלט־אינסטאַנצן (די צווייטע, אויסער ייִ.וו.ק., איז צ.וו.אָ. — די ציִעניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע) און וויאַזוי דער אַמעריקאַנער רעגירונגס־מיניסטער וועט האַנדלען אין ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. דאָס וועט באַווײַזן די נאָענטע צוקונפט. און דערווײַל, לאָמיר פאָרזעצן, טײַערע לייענער, אונדזער רײַזע, פינקטלעכער גערעדט — מיט מאַזל זי פאַרענדיקן.

ווען דער פאסאזשיר־לײַנער האָט זיך אָפּגעשטעלט אפן פלי־פעלד אין ניו־יאָרק, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז פאר איין נאכט איז באם גודזאָן געוואָרן ווארעם, דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט, עס קאפּעט פון די דעכער.

אלעקס קאָלקין האָט מיר מיטגעטיילט, וואָס עס שטייט נאָך פאָר, לויט דער פּראָגראם, צו טאָן פארן אָפּפליִען אהיים, און כ׳האָב באקומען א ביסל פרײַע צײַט, קעדיי זיך געזעגענען מיט דער שטאָט.

אדיע, ניו־יאָרק. אף ווידערזען. כ׳באווײַז דורכצוגיין זיך איבער פיל ברייטע אוועניוס און איבער פיל שמאָלע סטריטן. די ניו־יאָרקער אײַלן. איך אויך. מיטאמאָל וואקסט אויס לעבן מיר א געשוואָלענער אומרייינער נעפעש, וואָס האָט, קאָן מען מיינען, עפּעס א פערזענלעכע שײַכעס צו מיר, ווײַל ער רעדט צו מיר, שעפטשענדיק, כאפט מיך אָן פארן שניפּס, ציט מיך פאר דעם ארבל. איך נעם גיין גיכער. אפן טראָטואר האָט זיך צעלייגט, ווי גאָט אין אָדעס, א נארקאָמאן. קיינער שטעלט זיך ניט אָפּ, מע שפּאנט אים אריבער. אף טריט און שריט — די „סערפּלעס" — איבעריקע מענטשן. וועלכע מענטשן רעכענען זיך בא דיר פאר איבעריקע, ניו־יאָרק? עפשער וואָלט אָט דער דאָזיקער, ווען ער הייבט זיך אוף, געקאָנט ארײַנשטעלן די טאפּליעס אין אָט דעם אָפּגעלאָזענעם, פארפעסטיקטן הויז? עפשער וואָלט געווען א יוישער ארײַנרעכענען צווישן די איבעריקע אָט יענעם פראנט, וואָס קוקט ארויס פון זײַן בלישטשענדיקן אווטאָ און גלעט דערבײַ, ווי אומגערן, די אָפּגעדעקטע קני בא זײַן געפארבטער נעקייווע? אפן ראָג האָט דער פראנט אָפּגעשטעלט דעם אווטאָמאָביל. צוויי אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע כעווורעלײַט לויפן צו און נעמען זיך אויסווישן די קוק־גלעזער, כאָטש דער פראנט האָט זיי ניט געבעטן, און ער גיט פלוצעם א ריס אָפּ פון אָרט די מאשין און א יאָג זי מיט קויעך, די צוויי אומגליקלעכע שפּרינגען אָפּ פון איר, פארשפּריצטע מיט ברודיקן שניי פון קאָפּ ביז די פיס...

אָט אין טײַמס־סקווער, דער שטעך צווישן בראָדוויי, 7־טער אוועניו, 42־טער גאס און 47־טער גאס, די קלאָאקע פון ניו־יאָרק. שיקערע דעבאָשן, גאסן־סצענעס, אין וועלכע ס׳נעמען אָנטייל בעטלער, פּראָסטיטוטקעס, קעשענע־גאנאָווים, אלפאָנסן, דריבנע הענדלער, פּראָפעסיאָנעלע שווינדלער. עפשער זיך ראטעווען פון דעם אלעם און אראָפּגיין אין דער אונטערערדישער באן? אָ, דער ניו־יאָרקער מעטראָ, דאָס אומריינסטע אָרט צווישן די אלע, וווהין די מאמע־ערד האָט אין זיך ארײַנגעלאָזט די ציוויליזירטע מענטשהײַט, דאָס געפערלעכסטע אָרט פאר דעם מענטשנס לעבן!

די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס" האָט אָפּגעדרוקט א מין אינסטרוקציע: „וויאזוי בלײַבן לעבן אין מעטראָ"...

(צוריק מיט 75 יאָר, אין דעקאבער 1904, ווען אין ניו־יאָרק האָט זיך געעפנט די ערשטע ליניע פון דער אונטערערדישער באן, האָבן אין אלע קלויסטערס פון דער שטאָט געקלונגען די גלעקער און אינעם האפן האָבן געהודעט אלע שיף־סירענעס. ס׳איז געמעלדעט געוואָרן א יאָמטעוו־טאָג, אף די פאסאדן פון די הײַזער האָט מען ארויסגעהאנגען פענער. דער ערשטער צוג פון 8 וואגאָנען איז דורכגעפאָרן פונעם שטאָט־מוניציפאליטעט ביזקל דעם גרויסן וואָקזאל, דערנאָך האָט ער פארקערעוועט צום טײַמס־סקווער און זיך פארנומען אף צאָפן צום בראָדוויי, ביז דער 145־טער גאס. ניו־יאָרק האָט אפלאָדירט און אויסגעשריגן באגריסונגען...).

איך האָב הײַנט א גאנצן פרײַען טאָג! גלייבט מיר, אז ס׳איז ניטאָ קיין בעסערע זאך, ווי באגעגענען זיך און שמועסן מיט מענטשן אין א פרעמדער שטאָט, און טאקע שמועסן גאנץ פרײַוואט. „האו דו יו לײַק אמעריקא?" — פרעגט מען מיך, — ווי געפעלט אײַך אונדזער לאנד? אײַער אמעריקע איז בעפיירעש א פײַנע מעדינע — פאר אײַך, כאָשעווע אמעריקאנער. ווען א פרעמדער פאלט אהער ארײַן, אייצע איך אים אף לאנג זיך ניט פארהאלטן. א קוק טאָן, א טאפּ געטאָן מיט די הענט, זיך דורכגעגאן אהער־אהין, באטראכט און באכעזשבנט מיטן קאָפּ, און — אהיים, גיכער אהיים! עמעס, פארן אזעלכע, וואָס קאָנען דאָס ניט טאָן, ווײַל זיי האָבן פון דער היים עמיגרירט. איז דאָס זייער אייגענער אומגליק. ווער האָט זיי געצוווּנגען אָפּטאָן די נארישקײַט? וואָסי, זיי האָבן דען ניט געלייענט די אין טרערן אויסגעוויקטע בריוו, וועלכע דאָס אָרעמע אוקראַיִנישע שטעטל פלעגט באקומען פון דער רײַכער אמעריטשקע נאָך אין די צײַטן פון ניקאָלקען? אפילע דעמלט, אין די אומגליק־צײַטן, האָט א דיכטער־עמיגראנט (זײַן נאָמען איז געווען מיכל קאפלאן) דערציילט אין פערזן, וויאזוי עס איז זיך באגאנגען אין דער פרעמד זײַן העלד — מוישע־יאָסל עמיגראנט:

גענוג שוין, — שרײַט אויס מוישע־יאָסל, —
דאָס מוז און דאָס וועט באלד געשען!
אהיים וועל איך פאָרן, קיין וולעדניק,
און טאקע נאָך שאבעס, איר׳ט זען.

פארברענט זאָל ער ווערן, קאָלומבוס!
א טײַוול געפינט אויס א לאנד!
א גענעם, אף מײַנע נעמאָנעס!
עס ברענט דאָ, עס פלאקערט א בראנד!

אהיים וועל איך פאָרן, קיין וולעדניק.
ארויסגיין אין שטעטלשן מאַרק,
פאַרדינען דאָרט עטלעכע גראָשן —
און גאָר ניט געהאַרעוועט שטאַרק.

און „רענטן" איך וועל דאָרט, אין וולעדניק,
באַ נאָכעם דעם שאַמעס א „פּלעט",
און קויפן א שיינע קאַנאַפּע,
און קויפן א הילצערנע בעט.

און הייסן מיר קאָכן א קרופּניק,
איך זאָג אייך, ס'א מײַכל־אַנטיק!
אהיים וועל איך פאָרן, קיין וולעדניק,
אהיים וועל איך פאָרן צוריק.

איך האָב אמאָל אין מײַנער א פּאָעמע אַרײַנגעשריבן די שורע „איך האָב דיך ליב, אמעריקע". פאַר וואָס האָב איך זי ליב? פאַרן פּאָלק. פאַר די מענטשן. פאַר די שטעט. פאַר די יידן. פאַר ראָבסאָנען. פאַר דזשעק קלינגן.

אין אמעריקע איז אַלץ „גרעיט" — דאָס סאַמע בעסטע: הימלקראַצערס און סאָסיסקעס (וורשטלעך), וועלכע מע רופט צערטלעך „הייסער הונט", דיסניילענד און האָליווּד (די וואָכן־אויסגאַבע „טײַמס" האָט געשריבן: „האָליווּד איז דאָס איינציקע אין דער וועלט מעשוגאָים־הויז, מיט וועלכן עס פאַרוואַלטן די מעשוגאָים אַליין"...). אין אמעריקע איז די סאַמע דעמאָקראַטישע דעמאָקראַטיע. דער פּובליציסט אוליאַם שיכער האָט אין זײַנעם א בוך צוגעזאָגט די אמעריקאַנער: „מיר וועלן זײַן דאָס ערשטע לאַנד, וואָס וועט קומען צום פאַשיזם מיט א דעמאָקראַטישן וועג"...

איר ווילט וויסן, וואָס איך זאָג וועגן דעם? באַ קאָמענטס, קיין שום קאָמענטאַרן...

בעסער הערט אויס, וועלכע נײַס איך האָב זיך דאָס מאָל דערוווסט אין ניו־יאָרק.

פאַראַן דאָ א כעוורע, וואָס רופט זיך „קאָמיטעט פאַר מישפּאָכע־ריינקײַט (טהרת משפחה) אין יִיסראָעל". זי האָט שוין, באַרימט זי זיך, באַזאָרגט די מעדינע מיט 266 מיקוועס. און איך דערוויס זיך פון דער אַרגענטינער פּראָגרעסיווער צײַטונג „אונדזער לעבן", וועלכע איך לייען גערן אויך דאָ אין אמעריקע, אַז לעצטנס האָט דער אָנגערופענער קאָמיטעט אופגענומען א דרינגענדיקן סיגנאַל פון יערושאָלאַיִם, אַז עס פעלן 12 מיקוועס אין די מיליטאַריזירטע יִישווים, וואָס די ווילדע אָבסקוראַנטן פון „גוש אמונים" האָבן אופגעשטעלט אף די אָקופּירטע אַראַבישע שטעטאָכים. ס'איז ארויסגעלאָזט געוואָרן א רירנדיקער מיקווע־אופרוף צום אמעריקאַנער יידנטום, און אין רעזולטאַט האָט מען געקייבלט קיין יערושאָלאַיִם, אַז אַלץ וועט, אימירצעהאַשעם, זײַן אַלרײַט, אמעריקע וועט מעקײַעם זײַן בעאַהאַוואָ די מיצווע פון מיקווע־בויונג. זאָל מען נאָר אײַנהאַלטן די שטעטאָכים, וועלן שוין קיין מיקוועס ניט פעלן, מע וועט פאַרפלייצן דעם מײַרעוו־ברעג מיט פרומער מיקווע־וואַסער ביז צום סאַמע יאַרדן...

און נאָך צוויי פּיקאַנטע נײַסן: ארום אלקאָהאָליקער און האָמאָסעקסואַליסטן.

אין ניו־יאָרק איז צונויפגערופן געוואָרן א סאָף־וואָך־סעמינאַר, וועמענס אָנטיילנעמער זײַנען געווען אלקאָהאָליקער, פאַרשטייט זיך יידן. העיויס די זאַך איז קלאָר, אַז א סגולע צו שיקרעס אין יידישקײַט, האָט דער סעמינאַר געמאַכט א רעקאָמענדאַציע, אַז די ראַבאָים זאָלן אין זייערע דראָשעס אַרײַננעמען די דאָזיקע פּראָבלעם, און דאָס וועט שוין געבן דעם צווייענדיקן רעזולטאַט: הילף דעם כוילע און אונטערהאַלט פאַר יידישקײַט... אײנער א זשורנאַליסט האָט אונטערן פרישן אײַנדרוק פונעם סעמינאַר אָנגעשריבן אַזעלכע שורעס: „דער סעמינאַר האָט קלאָר געמאַכט, אַז יידן זײַנען ניט שטאַרק אַנדערש פון ניט־יידן. די אָנגענומענע מיינונג, אַז גאָיִם טרינקען א סאַך און יידן עסן א סאַך, איז ניט ריכטיק. מע וועט שוין ניט קענען זינגען דאָס באַרימטע פאָלקסליד „שיקער איז א גאָי..."

איצט וועגן דער צווייטער נײַס. אף א קאָנפערענץ פון קאָנסערוואַטיווע ראַבײַס האָט אײנער פון זייער כײַדער — ראַבײַ דאַוו שוואַרץ — איבערגעגעבן, אַז אין אמעריקע און אין יִיסראָעל זײַנען פאַראַן 12 שולן (סינאַגאָגעס) ספּעציעל פאַר האָמאָסעקסואַליסטן, אַזויגערופענע „פריילעכע סינאַגאָגעס", ווײַל די האָמאָסעקסואַליסטן פילן זיך ניט באַקוועם אין די אַלגעמיינע רעליגיעזע אינסטיטוציעס. פון די מעליצעדיקע רייד, וואָס עס האָט ארויסגעבראַכט ראַבײַ שוואַרץ, האָבן באַזונדערס אויסגענומען באַ די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ די ווערטער וועגן דעם, אַז מע דאַרף דערמוטיקן די יידן־האָמאָסעקסואַליסטן, זיי זאָלן קענען אַרײַנקומען אין גאָטס הויז און שעפּן קויעך, פאַרשטענדעניש און גײַסטיקע שטיצע.

...נאָך דעם פרײַען טאָג קומט א טאָג פון אַרבעט.

איך האָב שוין אָפּגעשטעקט א וויזיט יאַנקעוו שטיינבערגן, דעם פּרעזידענט פון די „יידישע" פאַרלאַגן, וואָס לאָזן ארויס ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך. באַ אים האָב איך זיך דערוווסט, אַז די ערשטע שטיינבערגס שטאַמען פון א שטעטעלע אין פּוילן סקאַרזשיסקאָ קאַמיענאַ, פון דאָרטן טאַקע האָבן די שטיינבערגס זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען

פון היטלערס הענט און די פארבליבענע זוכן זיך ארום. אליין יאנקעוו שטיינבערג איז ניט געווען אף דער אלוועלטלעכער טרעפונג פון די שטיינבערגס, אבער ער האלט, אז יידן פון פארשיידענע לענדער דארפן זיך טרעפן לויטן פרינציפּ פון אלציינע פאמיליעס, בעשום־אויפן ניט לויטן פּאָליטישן פּרינציפּ. ער זאָגט: „זאָל רוסלאנד געבן אמעריקע א פּאָר הונדערט שטיינבערגס, וועט אמעריקע געבן רוסלאנד א פּאָר הונדערט ראבינאָוויטשעס...״

און וואָס זאָגט ער מיקויעך „געבן״ און „נעמען״ ביכער אף צו דרוקן קעגנזײַטיק אין די פארלאגן פון אונדזערע צוויי לענדער? דאָס, זאָגט ער, איז דערווײַל נאָך ניט קיין רעאלע זאך. אין אמעריקע לאָזט מען גערן ארויס אנטיסאָוועטישע ביכער, און אויב די סאָוועטישע יידישע שרײַבער ווילן, אז די אמעריקאנער לייענער זאָלן זיך באקאנען מיט דער סאָוועטישער ווערסיע פונעם לעבן פון די יידן אין ראטנפארבאנד, דארפן זיי די ביכער ארויסלאָזן בא זיך, עפשער וועט נאָך קומען א צײַט, ווען אמעריקע וועט עפענען די אויגן אויך אף אזעלכע ביכער...

נאָר קאָמענטס, קיין שום קאָמענטארן. עפּשער בלויז באמערקן, אז עס זײַנען פאראן אין אמעריקע מענטשן, און ניט ווייניק, וואָס קוקן אף דער זאך גאָר אנדערש.

הײַנט האָב איך געשמועסט מיטן פּאַרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון די פארייניקטע שטאטן הענרי ווינסטאָן און מיט א גרופּע כאווירים זײַנע — מערסטנס פּאַרזיצערס פון די נאציאָנאלע קאָמיסיעס אינעם צענטראל־קאָמיטעט. עטלעכע שאָ האָט זיך געצויגן די באגעגעניש. ווינסטאָן איז געווען נאָך א פּאַרקילעכץ, און ווען א פּאַרשטייער פון „דיילי וואָרלד״ האָט מיך געפרעגט, צי איך בין מאסקים געבן אן אינטערוויו פאר דער צײַטונג, האָב איך געענטפערט, אז יאָ, פארשטייט זיך, מאסקים, מע קאָן צום אינטערוויו צוטרעטן טאקע באלד נאָך דעם, ווי ס'וועט זיך פארענדיקן די איצטיקע באגעגעניש און מיר וועלן מער ניט פארהאלטן דעם כאווער ווינסטאָן. אויסהערנדיק עס, האָט דער פּאַרזיצער פונעם נאציאָנאל־ראט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע הענרי ווינסטאָן, א מענטש שוין א באיאָרטער, וועלכער איז, ווי באוווסט, אין דער אמעריקאנער טורמע בלינד געוואָרן, דערצו נאָך האָט ער אין אָט די טעג געקרענקט, — ווינסטאָן האָט זיך אפילע א ביסעלע באליידיקט, וואָס מע וויל אים „אָפּשיקן אף רו״. בייס דער סאָוועטישער כאווער וועט ענטפערן אף פראגן פונעם צענטראל־אָרגאן פון דער אמעריקאנער קאָמפּארטיי. אָט טאקע אין גאנג פון דעם דאזיקן אינטערוויו האָט הענרי ווינסטאָן ארײַנגעשטעלט זײַנע א פראזע, וועלכע איך האָב פארשריבן בא זיך אין נאָטיץ־ביכל. ער האָט געזאָגט:

— די קאמפּאניעס ארום די סאָוועטישע יידן, וועלכע עס אָרגאניזירן און דיריזשירן אין אונדזערע טעג די ציָניסטישע פּראָפּאגאנדיסטן, דאָס איז איינער פון די גרויסע ליגנס, און ער איז מעגלעך אין אן אטמאָספער פון פארטשאדעטקײַט, בייס די מענטשן זײַנען דעזינפאָרמירט, זיי ווייסן גאָרניט וועגן דער עמעסער לאגע פון די יידן אין סאָוועטנפארבאנד און אורטיילן וועגן איר לויט די דורכויס פאלשע שרײַבעכצן פון די זעלבע ציָניסטישע פּראָפּאגאנדיסטן. אין אָט דעם פראט וואָלט געווען זייער נוצלעך, עס זאָלן דערשײַנען אין אמעריקע עטלעכע גוטע ביכער, ווו אליין די סאָוועטישע יידן זאָלן דערציילן וועגן זייער לעבן. דאָס וואָלט, נאטירלעך, ניט געהאט קיין שום שײַכעס מיט פּראָפּאגאנדע, ווײַל אינפאָרמאציע דינט בלויז דעם עמעס...

32. אנטדעקט אמעריקע?

ס'איז קימאט ניטאָ אזא שריפטשטעלער, וועלכער האָט, באזוכנדיק אמעריקע, ניט אָנגעשריבן וועגן איר. איך פערזענלעך קלײַב זיך ניט מאכן קיין אנטדעקונגען. עס איז פּאָשעט ניט אָנשטענדיק זיך פארנעמען מיט אָנטדעקן אמעריקע. און דאָך וועט די אמעריקע, וואָס איך האָב געזען, זיך אויסווײַזן פאר א סאך מענטשן ווי „געעפנט״ ערשט איצט. דעריבער וויל איך וואָרענען: יאָ, זי עקזיסטירט באנאנד און צוזאמען מיט דער אמעריקע, וועלכע איז באוווסט אפילע קליינע קינדער, און טאקע פון יענער צײַט אָן, זינט אף די ברעגן פון דער נײַער וועלט האָבן זיך ארויסגעזעצט די ערשטע מענטשן פון דער אלטער וועלט.

אין דער יידישער פרעסע רופט מען מיך אָפט אָן מעשולעך. איינער א שלוימע בען־ייסראָעל האָט געשריבן אינעם „פאָרווערטס״: „איצט פּאָרט ארום איבער דער וועלט דער רויטער מעשולעך ארן ווערגעליס. איבעראל, ווו ער קומט, פארזאמלט ער די פרעסע־לײַט און ווײַזט זיי אויף באשײַמפערלעך, אז סאָוועט־רוסלאנד באזאָרגט אירע יידישע בירגער און זיי האָבן ניט קיין שום פּראָבלעמען, עס איז ניטאָ קיין בארעכטיקונג פאר א ייד צו וועלן פארלאָזן רוסלאנד און פאָרן קיין ייסראָעל״...

א דאנק פאר איבערדערציילן מײַנעם א געדאנק, קאלעגע מיטן פען־נאָמען שלוימע בען־ייסראָעל. וועגן דער בארירטער פראגע, דאָס הייסט וועגן דעם איניען יאָ פארלאָזן די היים

סאָוועטנרוסלאַנד, צי ניט פאַרלאָזן זי, וואָלט איך געייצעט איבערגעבן די לייענער פונעם „פאָרווערטס“ און פון אַנדערע ייִדישע בלעטער אויך די מיינונג פון מענטשן, וואָס האָבן געוואַנדערט איבער דער פרעמד ניט ווי רויטע מעשולאָכים, נאָר ווי ווײַסע — אין אַן אומגליקלעכער צײַט פון זייער לעבן — עמיגראַנטן. און זיי, אַפילו זיי, האָבן שפּעטער פאַרשאָלטן דעם טאָג, ווען זיי האָבן איבערגעשפּאַנט די היימישע שוועל, אויסקערעווענדיק זיך צו איר מיט דער פּלייצע. דער וועלט־באַרימטער זינגער און אַרטיסט אַלעקסאַנדער ווערטינסקי האָט געשריבן אין זײַן בוך „אַ פערטל יאָרהונדערט אָן דעם היימלאַנד“: „איך בין אַראָפּ פון דער שיף. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין עמיגראַציע. אין אַ פינף־און־צוואַנציקיאָריקער פרײַוויליקער פאַרשיקונג. אין אַ לאַנגער און ביטערער בענקשאַפט... אַלע פּאַלמע־ביימער, אַלע זון־אויפגאַנגען, אַלע זון־פאַרגאַנגען אין דער וועלט, די גאַנצע עקזאָטיק פון די ווײַטע לענדער, אַלץ, וואָס איך האָב געזען, אַלץ, וואָס מיך האָט באַגײַסטערט, — גיב איך אָפּ פאַר איין טאָג, פאַר אַ סאַמע כמורנע טאָג, אַ סאַמע רעגנדיקן, סאַמע פאַרוויינטן טאָג בײַ זיך אינעם היימלאַנד...“

נו, און איך, — איך, דער רויטער מעשולעך, — וואָס איך בין גאַנצע דרײַ וואָכן ניט געווען אין דער היים, קער זיך אום אַהין מיט אַ האַרץ, אַ פּולס מיט זיסער בענקשאַפט, איך קער זיך אום אין מײַן ליכטיקן טאָג צו זיך אינעם היימלאַנד.

ליטעראַטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק

בלעטערנדיק דעם זשורנאַל

Вопросы литературы

דער שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר און דער אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אַף גאָרקיס נאָמען בײַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסםר גיבן אַרויס שוין העכער צוויי צענדליק יאָר (פון 1957) דעם אַלפאַרבאַנדישן כוידעשזשורנאַל פאַר ליטעראַטור־פאָרשונג „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" („פראַגן פון ליטעראַטור"). פאַר דער דאָזיקער צײַט האָט די אויסגאַבע פאַרעפנטלעכט אַרום 7 טויזנט פאָרשערישע ווערק אַף פאַרשיידענע טעמעס, שאַפנדיק, קאָן מען זאָגן, פאַר זײַנע לייענער אַ גאַנץ היפּשן וויסנשאַפטלעכן קורס וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אינעם זשורנאַל ווערן באַלויכטן אַקטועלע פראַגן פון דער ליטעראַטור־טעאָריע, די אייגנטימלעכקייטן און דעם היסטאָרישן גאַנג פון באַזונדערע זשאַנרען, אַרײַנגערעכנט דעם קריטישן. די אַרויסטרעטונגען פון „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" באַקומען אַ היפּשן רעזאָנאַנס אין דער ליטעראַרישער פּרעסע פונעם לאַנד און פון אויסלאַנד.

די סטרוקטור פון דעם זשורנאַל האַלט אין איין באַנײַען זיך. ער האָט פײַנט טראַפאַרעטן, איבערכאַזערונגען. בלעטערנדיק אים, שטויסן מיר זיך אָפּט אָן אַף נײַע רובריקעס און אָפּטיילן, אַף נײַע טעמעס. קורץ, מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ וואַקסנדיקע שעפערישע אינסטיטוציע, וואָס האַלט אין אָנעמען זיך מיט קראַפט. די געשיכטע פון „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" איז פאַקטיש אַן אייגנאַרטיקע „ביִאָגראַפיע" פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט וועגן ליטעראַטור. דער זשורנאַל האָט זיך געפורעמט צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פונעם מאַרקסיסטיש־לענינישן עסטעטישן געדאַנק אין אונדזער צײַט.

אינטערעסאַנט איז די „געאָגראַפיע" פון די אוטאָרן פונעם זשורנאַל. זיי לעבן און אַרבעטן אין אַלע קאַנטן און רעפּובליקן פון אונדזער לאַנד. גערן טרעטן אַרויס אין „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" פאָרשער און קריטיקער פון די סאָציאַליסטישע לענדער; אַף זײַנע אײַנלאַדונגען רופן זיך אָפּ די ליטעראַטן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַ וויכטיקע באַדײַטונג האָט דער פאַקט, וואָס צווישן די אוטאָרן פון „וואָפּראָסי ליטעראַטורי", צווישן די טעאָרעטיקער און היסטאָריקער פון דער ליטעראַטור, צווישן קריטיקער און פּובליציסטן, וועלכע באַהאַנדלען די שאַרפסטע, אַקטועלסטע פראַגן פון דער הײַנטצײַטיקער עסטעטיק, הערשט אַן אַטמאָספער פון אַן איינהייטלעכער פרײַנטלעכער מישפּאָכע. אַ סאַך פון די אוטאָרן פאַרדינען בעפּיירעש, מע זאָל וועגן זיי גופע שרײַבן ליטעראַטור־פאָרשונגען. לאָמיר נעמען, אַשטייגער, דעם ווײַסרוסישן שרײַבער און געלערנטן אַליעס אַדאַמאָוויטש. צו פערצן יאָר איז ער געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער, און ווען די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיך גענומען צו דער פּען. איצט איז ער דער אוטאָר פון אַ גרויסער צאָל וואָגיקע ווערק: „די מילכאָמע אונטער די דעכער", „ביידע זין גייען אין שלאַכט", „כאַטין", „איך בין פונעם פײַערדיקן דאָרף", „בלאָקאַדע־בוך" (צו־

זאמען מיט דאניאיל גראנינען). ער איז אויך דער אוטאָר פון די מאָנאָגראַפיעס „די קולטור פון שאַפונג", „דער ווײַסרוסישער ראָמאַן", „די מאַסשטאַב־פּראָזע", „קוזמא טשאָרני, לעקציעס וועגן זײַן שאַפונג", „לעוו טאָלסטאָי און די ווײַסרוסישע ליטעראַטור".

לעצטנס האָבן זיך צווישן די אוטאָרן פון „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" אויסגעצייכנט יאָנאַס דאַנקוטיס פון ווילנע — א פּאָפּולערער קריטיקער, אוטאָר פון דער מאָנאָגראַפיע וועגן דעם הײַנטיקן ליטווישן ראָמאַן, א לאורעאַט פון דער רעפּובליקאַנישער מעלוכע־פּרעמיע; סאָניע קאַהאַנאָוויטש — א קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, וווינט אין טאַשקענט, א ספּעציאַליסט אין דער געשיכטע פון די רוסיש־מיזרעכדיקע קעגנזײַטיקע ליטעראַרישע באַציונגען; דער אָנגעזעענער מאָסקווער קריטיקער יויסעף גרינבערג, אַן אוטאָר פון צוועלף ביכער וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור. זײַן אַרטיקל אינעם מאַרט־נומער „די ליידן און פריידן פון די יונגע" — גיט א טיפן אַנאַליז פון דער שאַפונג פונעם ליטעראַרישן אומבײַט, פּרנעם נײַעם דאָר רוסישע שרײַבער.

אָט איז די טעמאַטישע פּאַנאָראַם פונעם זשורנאַל — די וויכטיקסטע רובריקעס, וועלכע באַווײַזן זײַן שעפערישן דיאַפּאַזאָן: „די סאָוועטישע ליטעראַטור"; „טעאָריע פון דער ליטעראַטור און עסטעטיק"; „די געשיכטע פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור"; „קעגנזײַטיקע פאַרבינדונגען פון די ליטעראַטורן פון די פעלקער פון דער וועלט"; „ליטעראַטורן פון די סאָוועטישע פעלקער"; „אויסלענדישע ליטעראַטור"; „שאַפונגס־פּסיכאָלאָגיע"; „אין שעפערישן וואַרשטאַט"; „זיכרוינעס", „אָפּקלאַנגען"; „רעפּליקעס"; „בריוו", „איבערזיכטן", „רעצענזיעס", „אינפאָרמאַציע, כראָניק"...

אין דעקאַבער כוידעש פון יעדן יאָר דערשײַנט דער אַזויגערופענער „ספּעציעלער נומער" פונעם זשורנאַל. אין אים ווערט דערציילט וועגן איינער פון די ליטעראַטורן פון די סאָציאַליסטישע לענדער אָדער וועגן איינער פון די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. אַשטייגער, דער נומער 12 פון 1976 איז אינגאַנצן געווען געווידמעט דער טעמע „די שרײַבער פון דער וועלט אין קאַמף פאַר שאָלעם". אין אים האָבן זיך באַטייליקט די ליטעראַטן פון אַלע קאָנטינענטן. אין דעקאַבער־נומער פון פאַריקן יאָר איז געגאַנגען א רייד (ווידעראמאָל אַף א גלאָבאַלן ניוואָ) וועגן דעם צושטאַנד און די אַנטוויקלונג־פּערספּעקטיוון פונעם הײַנטצײַטיקן ראָמאַן.

די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אינעם זשורנאַל הײַנטיקס יאָר, שטעלן מיט זיך פאַר, לויט אונדזער מיינונג, א היפּשן אינטערעס פאַר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

עס איז גוט באַוווּסט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין פּסער איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. בעמיילע האָבן די טעאָרעטישע באַהאַנדלונגען, די קריטישע אַנאַליזן, די דיסקוסיעס און פּאָלעמיקעס, וועלכע בילדן דעם גרונט־אינהאַלט פונעם זשורנאַל „וואָפּראָסי ליטעראַטורי", אַן אומיטלבאַרע שײַכעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור. „די סאָוועטישע ליטעראַטור, — שרײַבט דער שוין דערמאָנטער אַליעס אַדאַמאָוויטש, — איז זייער רײַך אין שפּראַכן, טראַדיציעס, פילשפּראַכיקע קולטורן. יעדע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, ווען זי שאַפט נײַע מעגלעכקײַטן פאַר זיך, שאַפט זי זיי פאַר אַלע סאָוועטישע ליטעראַטורן... ווען מע לייענט א בוך פון א בעעמעס טאַלאַנטפולן ערודירטן קריטיקער, פון אַזא קריטיקער, וואָס האָט א פײַנעם כוש, און ער ווייסט און געדענקט, ווי, לאָמיר זאָגן, דער ליטעראַטור־פאָרשער ה. בעריאַזקין, די שורעס לידער־וואַריאַנטן, וועלכע אַליין קופּאַלאַ, קוליעשאָוו, טוואַרדאָווסקי האָבן געוויס פאַרגעסן, הייבט מען אָן בעסער פאַרשטיין, אַז מע מוז א סאַך וויסן און קענען, קעדיי האָבן מוט צו אײַנלאַדן אַף די זײַטן פונעם אייגענעם בוך אַזעלכע דיכטערישע ריזן, ווי קופּאַלאַ און פּושקין, באָגדאַנאָוויטש און פּעט, קוליעשאָוו און טוואַרדאָווסקי"...

אָט ווי הויך אַדאַמאָוויטש רופט זיך אָפּ וועגן דעם מינסקער קריטיקער הירש בעריאַזקין, אגבֿ — איינעם פון די אוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער האָט היפּשע פאַרדינסטן אַלס קריטיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין עטלעכע נומערן פון „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן די פּראָבלעמען פון דער קינסטלערישער איבערזעצונג און פון די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן די סאָוועטישע ליטעראַטורן. אין דער באַהאַנדלונג האָבן אָנטיילגענומען אָנגעזעענע טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, דערונטער אַזעלכע ערשטקלאַסיקע דיכטער־איבערזעצער, ווי לעוו אָזעראָוו און ווילהעלם לעוויק, דער אָסעטינער שרײַבער און געלערנטער נאַפי דזשוסאָיטי, דער אַרמענישער ליטעראַט לעוואָן מקרטשיאַן, דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „דרוזשבא נאַראָדאָוו" סערגיי באַרוזדין, די דאָקטאָרס פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן יורי לעווין און מאַקסים טאָפּער.

די ייִדישע ליטעראַטור, ווי מיר ווייסן, ווערט אַדאַנק די איבערזעצונגען אַלץ צוטריטלעכער פאַר דער ברייטער לייענער־אַודיטאָריע פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דערפון איז געדרונגען, אַז די ייִדישע סאָוועטישע קריטיק דאַרף מאַכן די געהעריקע אויספירן פון דער דאָזיקער באַהאַנדלונג און נאָכפאָרשן אַקטיוו נאָך דער קינסטלערישער איבערזעצונג פון ייִדיש אַף אַנדערע שפּראַכן.

די אָנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע וועגן דער קינסטלערישער איבערזעצונג האָבן גערעדט וועגן די טעאָרעטישע דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער איבערזעצונג־שול, וועגן דעם, אַז מע דאַרף ריכטיק אָפּקלײַבן די ווערק צום

איבערזעצן, צוגרייטן די געהעריקע קאדרען, זיי האָבן גערעדט וועגן דער נייטיקײַט אין אן אופמערקזאמער קריטיק פון די איבערזעצונגען, באזונדערס וועגן דעם, אז מע טאָר ניט דערלאָזן קיין „גרויע פראָדוקציע" — איבערזעצונגען, וועלכע זײַנען אויסגערעכנט אף איין טאָג: הײַנט געלייענט, מאָרגן אין מאקולאטור. אזעלכע איבערזעצונגען בארײַכערן ניט, נאָר פארמיסטיקן די שפראך, זיי העכערן ניט, נאָר זעצן אראָפ די קולטור פונעם לייענער. מיר שטאָלצירן מיט דער גרויסער צאָל איבערזעצונגען, אָבער מע מוז געדענקען, אז דער איקער איז ניט וויפל, נאָר וואָס און וויאזוי עס איז איבערגעזעצט. „א שלעכט בוך איז אף יעטווידער שפראך א ליטעראַרישער אומגליק, — האָט געשריבן נאפי דזשוסאָיטי. — ווען אָבער אזא בוך, וואָס זײַן נידעריקע ווערט איז קלאָר פאר אלעמען, ווערט נאָך, צום אומגליק, איבערגעזעצט אף א צווייטער שפראך, איז עס ניט בלויז אן אומרעכט, נאָר בעפיירעש א מאָראלישער פארברעכן קעגן דער ליטעראטור, ווײַל אף אזא אויפן ווערן ארויסגעוואָרפן אין מיסטקאסטן גײַסטיקע קויכעס און מאטעריעלע מיטלען".

אָט וואָס סערגיי בארוזדין האָט געשריבן וועגן דער דאָזיקער פראגע: „די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ליטעראטור ווערט געשאפן אף צענדליקער שפראכן. דאָס איז א פעלד, ווו מיר זעען די שעפערישע מיטארבעט פון פארשיידענע נאציאָנאלע ליטעראטורן. און דער אינסטרומענט פון זייער קעסיידערדיקער מיטארבעט, פון זייער קעגנזײַטיקער בארײַכערונג און געמיינזאמער לער איז די קינסטלערישע איבערזעצונג"...

מיר האָבן אזוי אויספירלעך זיך אָפגעשטעלט אף די פראָבלעמען פון דער קינסטלערישער איבערזעצונג, ווײַל פאר דער ייִדישער ליטעראטור זײַנען זיי אקטועל. פון דער קוואליטעט פון דער איבערזעצונג, פון דער מײַסטערשאפט פון יענע, וועלכע נעמען זיך אונטער צו דערפירן דאָס וואָרט פונעם ייִדישן שרײַבער צו אן אנדערשפראכיקער אוידיטאָריע, איז אָפהענגיק דער פרעסטיזש פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, די קראפט פון איר ווירקונג אף מיליאָנען לייענער. די „סודעס" פון דער איבערזעצונג־קונסט מוזן באהערשן אויך די ליטעראטן, וועמענס ווערק עס ווערן פארעכנט אינעם צעטל „אווטאָריזירטע" איבערזעצונגען.

אינעם זשורנאל „וואָפראָסי ליטעראטורי" זײַנען פארעפנטלעכט ארטיקלען, וואָס טראקטירן אזעלכע פראָבלעמען, ווי די פאָרמירונג פון דער נײַער היסטאָרישער מענטשן־געמיינשאפט, דער נאציאָנאלער כאראקטער און זײַנע מאָדיפיקאציעס אין די באדינגונגען פונעם אנטוויקלטן סאָציאליזם, דאָס אלגעמיינע און דאָס ספעציפישע אין דער אנטוויקלונג פון די נאציאָנאלע ליטעראטורן באם סאָציאליזם. אין צוזאמענהאנג מיט דעם אלעם דארף מען אָפשטעלן זיך אף איינעם א טעזיס, וועלכער איז ארויסגערוקט געוואָרן אין גאנג פונעם באהאנדלען די דאָזיקע פראָבלעמאטיק.

עס האנדלט זיך וועגן קענען זען זיך זעלבסט, זען די אייגענע ליטעראטור, אזוי צו זאָגן, „פון דער זײַט". אין יעדער ליטעראטור ווערט דער נאציאָנאלער כאראקטער אנטפלעקט, זײַנע קוואליטאטיווע ענדערונגען טרעטן ארויס באזונדערס רעליעף דעמלט, ווען די ליטעראטור קוקט אף איר פאָלק, ווען דאָס פאָלק זעלבסט זעט זיך ניט בלויז „פון אינעווייניק", נאָר כאָטש אין א געוויסער מאָס מיט די אויגן פון אנדערע פעלקער, מיט די אויגן פון די ליטעראטורן פון אנדערע — נאָענטע און ווײַטע „שכיינים".

ווען מע קוקט אף זיך אליין אין דער אָנוועזנהײַט פון שכיינים, — שרײַבט אָליעס אדאָמאָוויטש, — איז דאָס א גאנצע פראָבלעם פאר דעם פארגלײַך־שטודיום פון די ליטעראטורן. און, וועלן מיר צוגעבן, פון דער ליטעראטור־קריטיק. „לאָמיר נעמען כאָטש דעם כאראקטעריסטישן ענגלישן הומאָר, וואָס באשײַנט אזוי די ליטעראטור פון פילדינגן, סמאָלעטן און אויך די הײַנטצײַטיקע ענגלישע ליטעראטור. דער נאציאָנאלער כאראקטער פון די ענגלענדער אנטפלעקט זיך אין אים און דורך אים גראָד דורכן הומאָר פון דער ענגלישער ליטעראטור. עס וואָלט אָבער געווען אינטערעסאנט אויסצוקלאָרן, וויפל ער האָט ארײַנגענומען אין זיך ניט בלויז ענגלישע, נאָר פראנצויזישע, דײַטשישע, רוסישע, אינדישע אָפשאצונגען פונעם ענגלענדער. דאָס זעלבע — בעשײַכעס דעם פראנצויז אין דער פראנצויזישער ליטעראטור אָדער דעם ייִד בא שאָלעם־אלייכעמען... יעדעס פאָלק, יעדע ליטעראטור זעט גוט דאָס אייגענע פאָלק, ווען די נאציאָנאלע ליטעראטור נוצט דרייסט אויס (זאָל זײַן מיט דער הילף פון פאראָדיעס, מיט דער הילף פון אויסלאכן) די סטערעאָטיפן, וועלכע די שכיינים האָבן געשאפן".

עס וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען מיר געפינען אף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאנד" פאָרשונגען פון אונדזערע קריטיקער, וועלכע זאָלן אפן סמאך פון דעם ייִדישן מאטעריאל אנטוויקלען די דאָזיקע, לויט מײַן מיינונג, פרוכטבארע געדאנקען פונעם ווײַסרוסישן געלערנטן. סארא פארכאפנדיקע טעמע דאָס איז!

די לייענער פון „וואָפראָסי ליטעראטורי" באקומען ניט בלויז פארשיידנארטיקע אינפאָרמאציעס וועגן דער סאָוועטישער און אויסלענדישער ליטעראטור פון אונדזער צײַט, וועגן איר געשיכטע, נאָר אויך וויסנשאפטלעך באגרינדעטע אָפשאצונגען פון די באזונדערס כאראקטעריסטישע דערשײַנונגען פון דער הײַנטצײַטיקער קינסטלערישער אנטוויקלונג. אלס בײַשפיל וועל איך זיך פארופן אפן אינהאלטסרײַכן איבערזיכט „די מעגלעכקײַטן און די פארווירקלעכונג פון די קינסטלערישע פלענער פונעם סאָוועטישן ראָמאן". דער אווטאָר פונעם איבערזיכט איז דער ניט לאנג צוריק פארשטאָרבענער פראָפעסאָר לעוו יאקימענקאָ. דאָס

איז אַן אַנאַליז פֿון דער ראָמאַנען־שאַפֿונג פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, פֿון אירע געזעצמעסיקייטן. אפֿן סמך פֿון אָט דעם אַנאַליז האָט לעוו יאַקימענקאָ געהאַט אַ גרונט צו זאָגן, אַז די ליטעראַטור און קונסט זײַנען בּאַ אונדז געוואָרן עפֿעקטיווע פֿאַקטאָרן פֿונעם סאָציאַלן פּראָגרעס. די שעפֿערישע אינטעליגענץ ענטפֿערט מיט מעשׂים אפֿן רוף פֿונעם XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר: „זיכערן אַ ווײַטערדיקע העכערונג פֿון דער ראָליע פֿון דער סאָציאַליסטישער קולטור און קונסט אין דער אידייִש־פּאָליטישער, מאָראַלישער און עסטעטישער דערציִונג פֿון די סאָוועטישע מענטשן, אינעם פֿאָרמירן זייערע גײַסטיקע נאָכפֿראַגן" („מאַטעריאַלן פֿונעם XXV צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד", מ., 1976, ז. 221).

עס איז באַוווּסט, אַז אפֿן הײַנטיקן עטאַפּ וואַקסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון דער דאָקומענטאַלער פּראָזע. דער דאָקומענטאַלער פּרינציפּ פֿאַרנעמט דאָס הויפּט־אָרט אין דער קינסטלערישער פּראָזע, אין דער רעפּאָרטאַזש־ און פֿאַרצייכענונג־ליטעראַטור, אין די מעמואַרן, זיכרוינעס, אויטאָבּיִאָגראַפֿישע ווערק. דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס ער איז געוואָרן די פֿירנדיקע טעמע אין די בעלעטריסטישע ווערק, וועלכע פּרעטענדירן אויף אַ ברייטער קינסטלערישער פֿאַראַלגעמיינערונג. לאָמיר, אַגבֿ, באַמערקן, אַז די דאָזיקע דערשײַנונג איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פֿאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, — זי איז אַ טיפּאָלאָגישער שטריך פֿון דער גאַנצער פּראָזע פֿון אונדזער צײַט.

פֿון דעם שטאַנדפּונקט זײַנען אינטערעסאַנט, ניט בלויז פֿון טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פֿון פּראַקטישן, די אַרטיקלען פֿונעם לענינגראַדער קריטיקער, דאָקטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן יורי אַנדרייעוו — „לויט די געזעצן פֿון דער קונסט" — און פֿונעם קאַנדידאַט פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן איגאָר שײַטאַנאָוו — „אַן אומבאַקאַנטער זשאַנער, אָדער ליטעראַרישע נאָטיצן וועגן דער מעמואַרן־פֿאָרם", געדרוקט אין די ערשטע נומערן „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" פֿונעם הײַנטיקן יאָר. צוגלײַך מיט אַנדערע פֿראַגן ווערט דאָ געשטעלט די פֿראַגע וועגן וואָרהאַפֿטיקײַט, וועגן די מעטאָדן צו איבערשמעלצן דעם עמעס פֿונעם פֿאַקט אין אַן עמעס פֿון דער קונסט, וועגן שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע אין דער דאָקומענטאַלער פּראָזע. וועגן דעם כאַראַקטער און די גרענעצן אין דער ליטעראַטור פֿון אָט דעם מין.

איך לייען שוין אַ סך יאָרן זייער אויפֿמערקזאַם דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", און איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז די עסטעטישע מעגלעכקײַטן פֿון דער ייִדישער דאָקומענטאַלער פּראָזע ווערן איצט באַהערשט פֿיל אינטענסיווער, נאָר אין אַ געוויסער מאָס „סטיכייִש". פֿאַראַלגעמיינערן די שוין אָנגעזאַמלטע דערפֿאַרונג, באַזיניקן און באַשטימען די פּערספּעקטיוון פֿונעם זשאַנער איז, לויט מײַן מיינונג, נייטיק בלויז דורך „אַרײַנשרײַבן" די ייִדישע דאָקומענטאַלע פּראָזע אינעם אַלפֿאַרבאַנדישן ליטעראַרישן פּראָצעס. העלפֿן דערין קאָן ווידעראָמאָל דער זשורנאַל „וואָפּראָסי ליטעראַטורי", וווּ די דאָזיקע פּראָבלעם האָט מעטאָדאָלאָגיש דערגרייכט אַ הויכן ניוואָ.

צום שלוס וויל איך צוציִען די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון די מאַטעריאַלן, וואָס דרוקן זיך אין די רובריקעס „פּובליקאַציעס", „אין שעפֿערישן וואַרשטאַט", „זײַטלעך פֿונעם שרײַבערישן בלאָקנאָט" אאַז"וו. דער אָריגינעלער רוסישער וואָרט־מײַסטער יורי קאַזאַקאָוו, אַשטייגער, זאָגט אַרויס געדאַנקען אויף דער טעמע: „ווער דאַרף די ליטעראַטור, און ווער דאַרף מיך זעלבסט?" (אינעם נום. 2, „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" פֿון הײַנטיקס יאָר). אינעם מאַרט־נומער איז אָפּגעדרוקט אַן אינטערוויו, וועלכן דער באַוווּסטער דיכטער פֿונעם מילכאָמע־דאָר יעווגעני ווינאָקוראָוו האָט געגעבן דעם מיטאַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע טאַטיאַנע בעק. מאַטעריאַלן צו דער שעפֿערישער ביִאָגראַפֿיע פֿון איליאַ ערענבורג זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם מײַ־נומער פֿונעם זשורנאַל. אין דעם זעלבן נומער איז געדרוקט אויך אַ שמועס מיטן גרוזינישן שרײַבער טשאַבוואַ אַמירעדזשיבי „דער קינסטלער אינעם קרײַז פֿון דער צײַט" — וועגן די פּרינציפּן פֿון דער אַרבעט אפֿן היסטאָרישן ראָמאַן. די לייענער פֿונעם זשורנאַל וועלן זיך אויך באַגעגענען מיט די דיכטער יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי און אַלעקסאַנדער קושניר, זיי וועלן זיך באַקאַנען מיט די נאָך ביז איצט אין ערגעץ ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַטעריאַלן פֿון דער ליטעראַרישער ירושה פֿון גלאַדקאָוון, סעראַפֿימאָוויטשן, פּאַסטערנאַקן, זיי וועלן האָבן די מעגלעכקײַט נאָכצושפּירן נאָך דער פּאָלעמיק אַרום די לעצטע דערציילונגען פֿון יורי טריפֿאָנאָוו און נאָך דער דיסקוסיע וועגן דער הײַנטצײַטיקער פֿאַרצייכענונג, אירע פּראָבלעמען, זוכונגען.

געפונענע מאנוסקריפטן

נאכעם אויסלענדער

יוגנט, יוגנט! ווי א שפּילנדיקע וועל...

ווי ס'איז צו זען פונעם אוטאָרס אַרײַנפיר־שורעס, האָט נ. אויסלענדער געהאַט בעדייע ארויסגעבן א בוך זיכרוינעס וועגן אָשער שווארצמאַנען. דער מאנוסקריפּט, וואָס איז געפונען געוואָרן אין נ. אויסלענדערס ארכיוו, איז איבערגעשריבן אף א שרײַב־מאשין און פארמאָגט ניט קיין שפּורן פונעם אוטאָרס האַנט. אויך קיין נאָמען פארמאָגט ניט דער מאנוסקריפּט. א זײַטעלע פּאַפּיר מיט אָשער שווארצמאַנס שורע „יוגנט, יוגנט! ווי א שפּילנדיקע וועל"... איז געווען צוגעלייגט צום „פאָרוואָרט", און דאָס האָט אונדז אָנגעשטויסן אפן געדאַנק אָנרופן דאָס גאַנצע ווערק באַדינגלעך מיט אָט דעם נאָמען.

רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד".

פ אָ ר וו אָ ר ט

דאָס דאָזיקע בוך האָט געשריבן ניט קיין ליטעראַטור־היסטאָריקער און ניט קיין ביִאָגראַף שווארצמאַנס. ס'איז א בוך וועגן אָשער שווארצמאַנס יוגנט, געשריבן פון זײַנעם א יוגנט־באַגלייטער. אין שײַן פון אָט די יוגנט־יאָרן זע איך דאָס געשטאַלט פון אָשער שווארצמאַנען, זײַן וועג צו דער ליטעראַטור, זײַן וועג אין דער ליטעראַטור. זאָל מען דעריבער ניט מאָנען פון דעם דאָזיקן בוך קיין אַלזײַטיקע באַלויכטונג, קיין אַלוויסנדיקע שאַצונג. וועגן אָשער שווארצמאַנען איז מיר געגעבן צו וויסן נאָר אַזויפיל, וויפל מע קאָן וויסן וועגן אײַגענער יוגנט.

דאָס בוך האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן נאָך מיט א סאַך יאָרן צוריק — אינגיכן נאָך אָשער שווארצמאַנס אומקום. אייניקע פראַגמענטן פון בוך זײַנען געווען געדרוקט אין די יאָרן 1921, 1924, 1939. פאַרגאַנצטערהייט ווערן מײַנע זיכרוינעס וועגן אָשער שווארצמאַנען געגעבן דאָ צום ערשטן מאָל.

נ. אויסלענדער

מאָסקווע,
1960

ערשטער קאַפּיטל

ווײַזט אויס, אַז אונדזערע ערשטע באַגעגענישן (אין יאָר 1909) זײַנען פֿאָרגעקומען זומער־צײַט. אַלע מאָל, ווען איך פּרוּוו זיך דערמאָנען אין אָט די ערשטע באַגעגענישן מיט אָשער שוואַרצמאַנען, שווימט אויף אין זיקאָרן עפּעס זומערדיקס, עס צייכענען זיך פֿאַר די אויגן די ברייט־צעוואַקסענע קיִעווער סעדער, די שוווער־באַלאָדענע קאַשטאַנען־ביימער אַף די קיִעווער גאַסן.

און נאָך דערמאָנט זיך: אונדזערע ערשטע באַגעגענישן זײַנען זעלטן־ווען פֿאָרגעקומען ערגעץ אונטער אַ דאַך, אין אַ שטוב־סוויווע. מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן מערסטנטייל אין די סעדער.

איך בין דעמלט אַלט געווען פּונקט דאָס זעכצנטע יאָר. אָשער איז געווען מיט קאַרגע פֿיר יאָר עלטער. דאָס האָט באַשטימט געשאַפֿן אַ געוויסע דיסטאַנץ צווישן אונדז, באַזונדערס בײַ די ערשטע באַגעגענישן. אָבער באַגעגענען פֿלעגן מיר זיך דאָך גאַנץ אָפֿט.

אין צענטער פֿון שטאָט, אַנטקעגן דעם אוניווערסיטעט איז געווען אַ קליין סעדל — דאָס ניקאָלײַעווער סעדל (דאָ איז געשטאַנען אַמאָל אַ דענקמאָל ניקאָלײַ דעם ערשטן). פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך אָנגערוקט אַהער געדיכט־צונויפֿגעפּרעסטע גרויסשטאָטישע מויערן, איז אין סעדל געווען שטאַרק ענג, דער שאָטן פֿון די טאָפּאָל־ביימער פֿלעג אַריבערשפּרײַזן ווײַט איבער די אײַזערנע שטאַכעטן און לייגן זיך אַף דער דערבײַיִקער געברוקירטער גאַס. באַזונדערס ענג פֿלעגט דאָ ווערן פֿאַרנאַכט־צײַט, ווען אין סעדל אַרײַן פֿלעגט זיך אַ לאָז טאָן די שטאָטישע יוגנט. דעמלט פֿלעגט דאָ ווערן פֿול מיט ראַשיקן געווימל, דאָס גאַנצע סעדל האָט געברויזט מיט יוגנט. און אין אָט דעם יוגנטלעכן ברויז איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צוגעצויגן אַהער אויך אָשער שוואַרצמאַנען. ער פֿלעגט קומען אַהער קימאַט פֿון טאָג צו טאָג.

ניט אַלע מאָל איז שוואַרצמאַנען אויסגעקומען דאָ צו טרעפֿן זיך מיט באַקאַנטע מענטשן. נאָר אים האָט עס ווייניק־וואָס געקימערט. ער פֿלעגט קומען אַהער אין סעדל פֿאַרבײַגייענדיק, אין דער קורצער צווישן־צײַט פֿון איין „שטונדע" ביז אַ צווייטער (אָשער שוואַרצמאַן האָט דעמלט זיך פֿאַרנומען מיט שטונדן געבן), ער פֿלעגט דורכשפּאַנען די הויפּט־אַליי אָפֿטמאָל איינער אַליין, געגאַנגען, דאַכט זיך, גאָר ווי אַ זײַטיקער, אָבער אַרויסגעגאַנגען פֿונדאַנען איז ער דאָך אַ געשטאַרקטער, אַ געקרעפֿטיקטער פֿון דער נאָענטקײַט צו דער גרויסער מענטשן־מענגע, צו וועלכער עס האָט אים געצויגן שטענדיק, אין אַלע צײַטן פֿון זײַן לעבן.

מיט צען יאָר שפּעטער, אין יאָר 1918, האָט אָשער שוואַרצמאַן אין איינער אַ ליד געשריבן:

כ'האָב געזען אײַך אַף רוישיקער גאַס אינדערמיט.
וויפֿל פּענעמער, בליקן, פֿאַרשיידענע טריט.
כ'האָב אײַך אַלע געזען... און געקומען אַהיים —
האָב איך אײַערע הערצער דערפֿילט אין געהיים.

אין זײַנע יוגנטלעכע יאָרן האָט שוואַרצמאַנס צובונד צו דער גרויסער מענטשן־מענגע נאָך ניט געהאַט אַזאַ ערנסטן אינהאַלט. דעמלט, אין דער יוגנט, איז עס געווען מער ניט ווי אַ געפֿיל פֿון פֿאַרליבטקײַט אין דער גרויסער מענטשן־כוואַליע, וואָס פֿאַרכאַפּט דיך און טראָגט אַוועק מיט זיך. און שוואַרצמאַן פֿלעגט טאַקע אַזוי אָפֿט און אַזוי גערן זיך לאָזן פֿאַרכאַפּן פֿון דער גרויסער מענטשן־כוואַליע.

דאָס גיין אין ניקאָלײַעווער סעדל פֿלעגט אָפֿטמאָל האָבן גאָר אַן אומגעריכטן פֿינאַל. פּונקט אַנטקעגן דעם סעדל איז געשטאַנען איינע אַ געבײַדע, וואָס האָט דעמלט געוואָרפֿן אַ גרויזאַמען שאָטן אַף דער גאַנצער שטאָט קיִעוו. ס'איז געווען אַ געוויינלעך צווייגשטאָקיק הויז, געפֿאַרבט אין ליים־קאָליר, אַ הויז מיט ווייניק אַרײַנגאַנג און מיט אַ הויכן אײַזערנעם טויער, וואָס איז געווען שטאַרק באַוואַכט. אין דעם הויז האָט מען קיין ביישעק ניט געהאַט אַרײַנצולאָזן דעם מילדן אָטעם פֿונעם קיִעווער זומער, זײַנען די פֿענצטער דאָ געווען שטענדיק פֿאַרמאַכט, אַף אייניקע פֿענצטער — שווערע, גאָרניט־דורכלאָזנדיקע פֿאָרהאַנגען.

דאָס איז געווען דער קיִעווער קריגס־געריכט, וואָס האָט אין די רעאַקציע־יאָרן באַקומען אַ באַזונדער־ברייטע פֿונקציע: דאָ פֿלעגט מען מישפּעטן פֿאַר אַזויגערופֿענע שווערע פּאָליטישע פֿאַרברעכנס אַלעמען — סײַ מיליטערלײַט, סײַ ציווילע. פֿלעגט זיך ניט איינמאָל טרעפֿן, אַז, גייענדיק פֿון סעדל, פֿלעגן מיר זיך אָנשטויסן אַף אַ פּראָצעסיע: מע פֿירט פֿון קריגס־געריכט די געמישפּעטע.

מייִנסטנס פלעגט מען זיי פירן אין א פאַרמאַכטער קאַרעטע אונטער אזא שטרענגער וואָך, אַז זען דעם געמישפּטעטן איז געווען אומעגלעך. נאָר צײַטנווײַז — צי מאַכמעס דער קריגס־געריכט איז געווען צופיל טעטיק און עס פלעגן אויספעלן קאַרעטעס, צי מאַכמעס אַנדערע סיבעס, — פלעגט מען זען, ווי מע פירט די געמישפּטעטע צופוס.

פירן פלעגט מען זיי אייִנציקווייז. האָבן די דורכגייער, שפּאַנענדיק אַפן טראָטואַר, געקענט זען דאָס געשטאַלט פון א מענטשן, וואָס איז אָקאָרשט געשטעמפּלט געוואָרן מיט טויט־אורטייל (דער קריגס־געריכט פלעגט זעלטן־ווען לאָזן לעבן), מע האָט געקענט פאַרגעדענקען, ווי אַזוי ער שפּאַנט איבער דער סאַמע מיט גאַס, ווי ער קוקט מיט נײַגער אַף דער וועלט, וואָס גייט זיך ווײַטער איר גאַנג... פון אַט דער באַגעגעניש פלעגט אינמיטן זומערדיקן פאַרנאַכט א פּאַכע טאָן אַף אונדז אזא פּראָסטיקער אָטעם. עס פלעגט אין דער ווײַלע ווי אָפּגעמעקט ווערן דאָס נאָענטע ניקאָלײַעווער סעדל, די ראַשיק־ווימלענדיקע אַלייען, ווו עס שפּאַצירט די זאָרגלאָזע שטאָטישע יוגנט...

צווייטער קאַפּיטל

מיר פלעגן זיך טרעפן מיט אָשער שוואַרצמאַנען נאָך אין א צווייטן סאַד — דעם אַזויגערופענעם „סאַכרים־גאָרטן". דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער נאָמען איז אַמאָל געווען צוגעקלעפּט צו אייִנעם פון די שענסטע ווינקעלעך אין דער שטאָט קיִעוו. דער „סאַכרים־גאָרטן" האָט זיך געשפּרייט אַף א הויכן באַרג, פונוואַנען מע האָט געזען אַף מײַלן־ווײַט דעם גאַנג פונעם דניעפּער, דעם גרינעם גלאַנץ פון די לאָנקעס בא די ברעגן, די בלוי־געהילטע דערפער, וואָס פאַרלירן זיך העט־ווײַט באַם האָריזאָנט. עס פלעגט אַמאָל פּאַסירן, אַז, לייענענדיק די אָדער יענע ליד שוואַרצמאַנס, פלעגט עמעצער פון זײַנע פרײַנט ניט ווילנדיק זיך דערמאָנען אָן דעם לאַנדשאַפט, וואָס מע זעט אַרויס פון דעם באַרגיקן „סאַכרים־גאָרטן". און די דאָזיקע אַסאָציאַציע איז, מעגלעך, געווען ניט קיין צופעליקע. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז טאַקע פונדאַנען, פון אַט דעם קיִעווער באַרג, האָט שוואַרצמאַן צום ערשטן מאָל באַמערקט, ווי „ערעפורכט בלוי־האָריזאָנטן פאַרהילט", דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל באַגעגנט די „שיפן פון גאָלדענע ווײַטן".

דער „סאַכרים־גאָרטן" איז כּוח אַלץ געווען באַרימט מיט זײַנע סימפאָנישע קאָנצערטן. אין יאָר 1909 האָט עס באַזונדערס אָפּגעגאָלטן: בעראָש פונעם אָרקעסטער האָט זיך אוועקגעשטעלט א באַגאַבטער דיריזשאָר, א נאָרוועגער מיטן נאָמען שניייעפאָכט.

אין קיִעוו איז געווען אָנגענומען צו זאָגן, אַז אַלץ, וואָס שניייעפאָכט פירט אויף, הייבט אָן שמעקן מיט נאָרוועגיע און מיט איבסענס „בראַנד". אייניקע אָפּיציעלע מוזיק־קריטיקער, וואָס זײַנען געווען אָנגעשטעקט מיט דעקאַדענטיש־קרענקלעכע שטימונגען, זײַנען געווען שטאַרק אומצופרידן מיט שניייעפאָכטן און מיט זײַן צו „שטײַפער", צו „קרעפּטיקער", ווי מע פלעגט שרײַבן, מוזיק־אינטערפּרעטאַציע. אָבער גראָד דערפאַר האָט שניייעפאָכט געהאַט א סאַך אָנהענגער צווישן דעם טייל יוגנט, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון די דעקאַדענטיש־געשטימטע קריטיקער. איר, דער דאָזיקער יוגנט, האָט גראָד אימפּאָנירט דער קרעפּטיקער טאָן בא שניייעפאָכטן אין די קאָנצערטן. און אַט אַף די קאָנצערטן איז מיר אויסגעקומען ניט איין מאָל זיך באַגעגענען מיט אָשער שוואַרצמאַנען.

קומען אַף די קאָנצערטן פלעגט שוואַרצמאַן מערסטנטייל אין דער באַגלייטונג פון א גאַנץ בינטל פרײַנט. נאָר באַלד, בא דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אָשער שוואַרצמאַנען, האָב איך געהערט, אַז אַף „לאַבאָראַטאָרנע" — די גאַס, ווו עס וווינען אייניקע פרײַנט אָשערס, — קומען פאַר ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען. מע לייענט דאָרטן פּאָרטראַגן וועגן ייִדישער ליטעראַטור, מע שמועסט וועגן נײַע ביכער. אָשער איז ניט געשטאַנען אין צענטער פון אַט דער אַרבעט. מיר דאַכט, ער האָט זיך אַפילע באַצויגן צו דעם איניען מיט א ביסל גלײַכגילט. ריידן וועגן ליטעראַטור איז קיינמאָל ניט געווען זײַן פּאַך. און לעבן מיט ליטעראַטור — איז נאָך געווען צו פרי... קאָן זײַן, דאָס איז געווען די סיבע, פאַרוואָס די ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען אַף „לאַבאָראַטאָרנע" זײַנען אינגיכן געוואָרן צונישט. אָבער די פרײַנט, וועלכע אָשער האָט דאָרטן געקראָגן, זײַנען פאַרבליבן. און אייניקעם מיט זיי פלעגט אָשער זיך לאָזן גיין אַף די קאָנצערטן אין „סאַכרים־גאָרטן".

געווען זײַנען צווישן אַט דער יונגער כעוורײַע מענטשן מיט פאַרשיידענע געשמאַק און פאַרשיידענע שטימונגען, נאָר אן אָפּעטיט צום לעבן האָבן אַלע די דאָזיקע יונגען געהאַט גאָר א גרויסן, געווען דאָרשטיק צו אַלץ, וואָס איז פאַראַן גוטס אַף דער וועלט, און אַז אונטערוועגס

אָט דעם גוטס איז אויסגעקומען צו פאַרזוכן אַ ביסל ביטערקייט, האָט מען פאַרזוכט, גאַנץ
ינטלעך פאַרזוכט, נאָר ריידן וועגן דעם האָט מען געהאַלטן פאַר איבעריק.

שוין דעמלט האָב איך באַמערקט בײַ אַשער שוואַרצמאַנען אַזאַ אייגנשאַפט: ער האָט פֿײַנט
גהאַט צו טראָגן אין זיך סוידעס, שפּילן אין געהיימניסן און פאַרבאָרגענישן. אָבער אין יענע
נאַקציע־יאָרן איז דאָך געווען פאַרשפּרייט אין געוויסע קרײַזן אַזאַ מאָדע צו בראַווירן מיט
אינערלעכע ליידן", מיט „וועלט־שמערץ". אַשער שוואַרצמאַנען איז דאָס געווען שטאַרק דער־
לידער. האָט ער דעריבער זײַן אייגן שווער לעבן אָפּטמאָל געוואָלט פאַרבויגן, באַהאַלטן עס
ן פרעמדע בליקן. און פון דעם זעלבן שניט זײַנען געווען אויך זײַנע דעמלטיקע פּרײַנט.
ערסטנטיילס זײַנען דאָס געווען קינדער פון דער אָרעמשאַפט און זיי וואָלטן געוויס געקאָנט
ט וויניק דערציילן וועגן דער שווערער נויט, וואָס האָט באַגלייט יעטווידן שריט זייערן.
אַר מע האָט עס ניט דערציילט.

קאָן זײַן, דערפאַר האָב איך פאַרגעדענקט אַזוי וויניק וועגן איינעם אַ יונג, וואָס איז מיר
עמלט שטאַרק געפעלן געוואָרן. דאָס איינציקע, וואָס איך געדענק, איז דאָס זינגען זײַנס. אָן
עם קען איך ביכלאַל זיך ניט אויסמאָלן דעם דאָזיקן פאַרשוין. אַשער שוואַרצמאַן האָט שטאַרק
גהאַלטן פון אים. און ניט אַזוי פאַרן זינגען זײַנעם, ווי פאַר זײַן פאַנאַטישן גלויבן, אַז אָן
גזאַנג קאָן די וועלט קיין קיום ניט האָבן.

פונוואַנען האָבן זיך צו אָט דעם יונג גענומען די קויכעס צום שטענדיקן זינגען? אַזוי, אַפּן
רשטן בליק, איז דער מאַקאַרעווער זינגער — ער איז געווען פון שטעטל מאַקאַרעוו — געווען
אַפּקע אַ שוואַכלינג. דער היפּש־צעפּאַטלטער, פּעך־שוואַרצער קאָפּ האָט זיך געהאַלטן גאָרניט
זוי שטײַף אַף די מאָגערע, שטאַרק מאָגערע אַקסלען. און די אויסגעדאַרטע הענט — אָן איין
ימען פון אָנגעשפּאָרטער מוסקול־קראַפט. און דער ניט זיכערער טראָט זײַנער... עס האָט זיך
עדאַכט, אַז דער מענטש האָט גאָר ניט קיין שטאַרקן אָנהאַלט אינעם לעבן, ער איז באַהערשט
לויז פון איין־איינציקן פאַרלאַנג: אויסזינגען, ביזן סאַמע דעק אויסזינגען די גאַנצע נעשאָמע.
ון וואָס האָט ער ניט געזונגען? ייִדישע, אוקראַיִנישע, רוסישע לידער.

מיר דאַכט, פון אָט דעם מאַקאַרעווער זינגער האָבן געשטאַמט די אַנצאָליקע פאָלקס־לידער,
אָס איך פלעג דעמלט הערן פון אַשערן און זײַנע פרײַנט. פון וואָך צו וואָך — און אַמאָל אויך
ון טאָג צו טאָג — פלעגן דאָ צוקומען נײַע לידער. קאָן זײַן, אַז פון דעם מאַקאַרעווער זינגער
אָט געשטאַמט אויך די איניציאַטיוו צו גיין אַזוי אָפט אַף די סימפאָנישע קאָנצערטן אין
סאַכרים־גאָרטן": מע האָט בעשום־אופן ניט געוואָלט פאַרפעלן קיין איינציקן פון די וויכ־
יקערע קאָנצערטן. אָבער רײַך איז מען ניט געווען, האָט זיך אַפילע טראַכטן ניט געלאָזט וועגן
ויפן אַ בילעט. מע פלעגט זיך קליגן דורכצוגיין אָן אַ בילעט. און עס פלעגט געלינגען, מאַכ־
עס צווישן שוואַרצמאַנס דעמלטיקע פרײַנט זײַנען געווען יונגען מיט פאַרשײַטע קעפּ.

ווי די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן אַשער
וואַרצמאַנס יוגנט־פרײַנט, שטייט פאַר מײַנע אויגן דאָס געשטאַלט פון איינעם, וואָס האָט גע־
ראָגן אַזאַ געוויינלעכן נאָמען — ראַבינאָוויטש. צווישן די פאַרשײַטע קעפּ איז רוון ראַבינאָ־
יטשעס קאָפּ געווען דער פאַרשײַטסטער. זײַן געדאַנק האָט געאַרבעט בליץ־שנעל און מיט אַ
עלטענער טרעפלעכקײַט. ער האָט ניט געשריבן. נאָר געקענט ליטעראַטור און אויסגענוצט זי
ף צו פאַרשפּיצן די פײַלן פון זײַן אָפלאַכערישן געדאַנק.

ס'איז געווען אַ וווּנדערלעך־גרינגער מענטש. ערגעץ בײַ די ווינקלען פון זײַן שפּיציקן
עזיכט האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אַ היפּשער רעשט פון יוגנטלעכקײַט און דאָס האָט אים,
ענטיק, פאַרדראָסן. ער האָט געוואָלט אויסזען אַ ביסל עלטער, — אַפילע פאַרלאָזט זיך אַ
יפּשע פּאָר וואָנצעס — נאָר פאַרבליבן איז ער דאָך אַלע מאָל דער זעלבער טײַערער
ונג מיט אַ גרינגן קאָפּ, וואָס האָט ליב, ווען עס שויבערט אים דער ווינט, מיט אַ גרינגן בליק,
אָס ווערט ניט מיד צו נישטערן איבער דער גאָרער וועלט, זוכנדיק עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף אָט־
ט אים באַגליקן. פון זײַן אָנוועזנהײַט איז אויך אַ צווייטן אַלע מאָל געוואָרן גרינג אַפן האַרצן.

שוין דעמלט איז געווען קלאָר, אַז ראַבינאָוויטש וועט לאַנג אין קיעוו ניט פאַרבלײַבן. כאָטש
לט איז ער געווען ניט מער ווי אַ יאָר 18, האָט מען שוין געוווּסט, אַז אַזאַ פאַרשוין מוז
נס אײַנגיכן אַ טראָג טאָן איבער דער וועלט. און עס האָט אים ווירקלעך אַ טראָג געטאָן.
ין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער שוין געווען אין פּאַריזש, געוואָרן אַ טאַפּעצירער,
אומגעוואָגלט איבער אייראָפּע, אין יאָר 1915 אומגעקערט זיך קיין רוסלאַנד, אין יאָר 1919
געשפּאַנט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און אין זעלבן יאָר געפאַלן אין שלאַכט.

אין יאָר 1909, זײַענדיק אין קיעוו, האָט ער געאַרבעט בײַ עפּעס אַ באַלמעלאָכע, ער האָט
אָבער געהאַלטן, אַז דאָס איז נאָר „אַפּדערווײַל" — אײַנגיכן מוז מיט אים עפּעס פּאַסירן, אומ־
באַדינגט מוז מיט אים עפּעס פּאַסירן...

שווארצמאַנען איז אַזאַ געמיט־צושטאַנד דעמלט זייער נאָענט. ער אַליין האָט דאָך אויך געלעבט דעמלט מיט אַזאַ אומרויִקן פאַרגעפיל:

און אַט־אַט — האָט זיך געפילט שוין —
טוט אַ דונער...

דערווייל האָט מען דעם „דונער" פאַרנומען אין דער קרעפּטיקער מוזיק, וואָס דער בלאָנ־דער גיבער, דער נאַרוועגער שנייעפּאַכט, האָט פון אונט צו אונט געלאָזט שאַלן אין דעם „סאַכּרים־גאָרטן". האָט עס אַשער שווארצמאַנען איינעם מיט זײַן בינטל פרײַנט געצויגן אַהער אין דעם „סאַכּרים־גאָרטן", עס האָט געצויגן צו זען די מעכטיקע דיריזשאַרישע האַנט, וואָס האָט — אַזוי האָט זיך געדאַכט — אָנגעפירט ניט מיטן אָרקעסטער אויף דער עסטראַדע, נאָר מיט אָט די פאַרשײַטע יונגען, וועלכע זײַנען אָן אַ בילעט פאַרקראָכן אין דעם פּראַכט־געדיכטן „סאַכּרים־גאָרטן".

באַ מיר אין זיקאָרן האָט זיך פאַרהיט פון יענער צײַט אַזוינס:

פאַרנאַכט. אין דרויסן איז נאָך העל, נאָר אין גאָרטן האָט מען שוין אָנגעצונדן עלעקטרישע שײַן, אַ סאַך שײַן. באַזונדערס שטאַרק איז באַלויכטן די עסטראַדע, ווו עס זיצט, שוין גרייט צום אָנהייבן שפּילן, דער אָרקעסטער. די בענק אַנטקעגן דער עסטראַדע זײַנען געדיכט באַ־זעצט. באַ דער זײַט פון די בענק ציִען זיך צוויי שורעסביימער, און אויך דאָרט זעט מען מענטשן, וואָס שטייען מיט בליקן, געווענדטע צו דער עסטראַדע. צווישן אָט אָ־די מענטשן דערזע איך אַשער שווארצמאַנען.

ער שטייט אַ וווּקסיקער, אַ שלאַנקער, צוגעטוליעט צו אַ בוים. אָנגעטאָן איז ער לײַכט, אין אַ ווײַס העמדל, און כאָטש איך זע אים אין אַזאַ העמדל שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, דער־מאָנט עס מיר שטענדיק, אַז ער האָט אַ ליד וועגן שניטער. עפּעס ענלעכס אויף איינעם אַזאַ שניטער אין פאַראַן אין זײַן געשטאַלט. ער שטייט צוגעטוליעט צו אַ בוים אינמיטן „סאַכּרים־גאָרטן", נאָר די פעסטקייט פון זײַנע אַקסלען, דער קרעפּטיקער שטעל פון זײַן גאַנצער פי־גור, — דאָס אַלץ איז באַוויזט מיט אַזאַ געזונטער דאָרפישקייט, אַז עס דאַכט זיך: ער איז געוויס אַמאָל געגאַנגען אין איין ריי מיט די שניטער, וועלכע ער באַזינגט. ער האָט געוויס געשפּאַנט צווישן זיי אין אָט דעם פלאַטערנדיקן ווײַסן העמדל, אויף אַ היטל, דעם קאָפּ אַנט־בלויזט, אָט ווי ער גייט אום איצט, און די פאַרברוינטקייט פון זײַן פּאַנעם, זי איז אויך פון דאָרטן, — פון די ברייטע, זוניקע פעלדער...

אַזאַ האָב איך דעמלט געזען, און אַזוי זע איך אויך איצט, אַשער שווארצמאַנען פון 1909 יאָר.

דריטער קאַפּיטל

ווי געזאָגט, בין איך געווען מיט קאַרגע פיר יאָר יינגער פון שווארצמאַנען. פיר יאָר אין אַזאַ עלטער — דאָס האָט געהאַט זייער אַ סאַך צו זאָגן. ניט אַלץ, מיט וואָס אַשער האָט דעמלט געלעבט, האָב איך געקענט באַנעמען. איך בין געווען גאַנץ היפּש אָנגעלאָדן מיט ליטעראַטור, איך האָב שוין געהאַט, קאָן מען זאָגן, מײַנעם אַ באַגריף וועגן ליטעראַטור, אָבער ווו עס איז נייטיק געווען צו האָבן אַ באַגריף וועגן לעבן, האָט זיך אַלע מאָל אַרויסגעוויזן, אַז איך בין נאָך אַ יינגל, גאָר אַ יינגל. איך האָב געפילט, אַז אויסער דער וועלט פון ליטעראַטור־אינטערעסן, ווו מיר טרעפן זיך צוזאַמען, האָט אַשער שווארצמאַן נאָך אַן אַנדער וועלט, אַנדערע אינטע־רעסן, אַנדערע באַגעגענישן. נאָר באַ יענע באַגעגענישן בין איך ניט בײַגעווען. זאָלן וועגן דעם דערציילן אַנדערע.

פון די יונגען, וועלכע איך האָב געזען אַרום אַשער שווארצמאַנען אין יאָר 1909, וויל איך דערמאָנען נאָך איינעם, וואָס זײַן נאָמען האָב איך ניט געוווּסט. מע האָט ביכלאַל זייער ווייניק געוווּסט וועגן אים. ער האָט געהאַט אַזאַ טעווע: נאָך דער נאָענטסטער באַקאַנטשאַפט מיט אײַך האָט ער געקאָנט פאַרבלײַבן קימאַט אומבאַקאַנט.

געהערט האָב איך, אַז ער איז אַ שלאָסער, דה. געווען אַ שלאָסער. אוועקגעוואָרפן אַן אַנדער לעבן און געשטעלט זיך פאַר אַ שלאָסער: „אַן אַנדער לעבן" — דאָס איז געווען זײַנער אַן אויסדרוק, וואָס האָט זיך איינמאָל אַראָפּגעגליטשט פון זײַנע שטאַרק־צונויפגעפּרעסטע ליפּן. ער איז געווען אַ פאַרביסענער שווײַגער, און מיר פלעגן אים ווייניק פאַנאַנדערפרעגן. געהערט האָב איך ערגעץ פון דער זײַט, אַז דאָס „אַנדערע לעבן" זײַנס איז געווען אַ ראַשיק לעבן, אַ לעבן פון איינעם, וואָס איז אין די רעוואָליוציע־יאָרן (אַרום 1905) געווען פאַרבונדן מיט דער גרויסער מענטשן־מענגע און איז געגאַנגען מיט איר דורכן סאַמע שטורעם. ס'איז געווען צו גלייבן, אַז ס'איז עמעס, ווײַל ער איז געווען עלטער פון אונדז אַלעמען. ער האָט אַפילו פאַר־

לאָזט זיך אַ בערדל, אַ געל שטעכיק בערדל, וואָס האָט געוואָלט זײַן בייז, רעציכעדיק־בייז, אָט ווי זײַן גאנצער בייניקער געזיכט, ווי די אויגן זײַנע, וואָס האָבן געוואָרפן ארום זיך שטעכיקע בליקן, ווי די האנט זײַנע, וואָס פלעגט דערלאנגט ווערן מיט אזא בייזן אָנשטעל — ניט אנדערש זי האלט אין זיך אַ שפּיז...

צווישן שווארצמאנס יוגנט־פרײַנט האָט ער זיך באוויזן, ווען דער שטורעם איז שוין געווען לאנג פארבײַ. עס האָט געמאכט אַן אײַנדרוק, אַז דער מענטש איז ארויס פון אַ מעסר־קענעם פײַער, ווו עס איז אומגעקומען אלץ, וואָס אים איז געווען ליב. דאָס איינציקע, וואָס האָט איצט אים דערהאלטן באַם לעבן, איז געווען... שאָפּענהויער. דער אָפּלאכער רווון ראבינאָוויטש האָט אים דערפאר טאקע געגעבן די צונעמעניש „שאָפּענהויערס יורעש”. נאָר דעם פארביסענעם שלאָסער־יונג האָט אפילע אזא צונעמעניש ניט געקאָנט ארויסברענגען פון די קיילים.

קיין קלאָרן באגריף, וואָס עס הייסט שאָפּענהויער, האָב איך דעמלט ניט געהאט. נאָר אַ ביסל האָב איך פאָרט געהערט, אַ ביסל האָב איך זיך אָנגעשטויסן, און ס'איז מיר געווען מאָדנע, שטארק מאָדנע דער גאנצער איניען: אָט נאָרוואָס געווען אַ מענטש (און נאָך וואָס פאר אַ מענטש!), געלעבט „אַן אנדער לעבן”, און פארבליבן איז פון דעם אלעמען ניט מער ווי איין לײַדנשאפט צו שאָפּענהויערן.

געווען איז דאָס בעעמעס אַ לײַדנשאפט. אין מײַן גאָר שפּעטערדיקן לעבן האָב איך ניט געזען, אַ מענטש זאָל זיך אזוי צונויפגיסן מיט אַ בוך, וואָס איז אים טײַער. דער יונג האָט גערעדט שאָפּענהויערס פעסימיסטישע רייד, ער האָט געטראכט מיט שאָפּענהויערס פעסימיסטישע געדאנקען, אפילע דער קוק פון די שטעכיקע אויגן איז געווען ניט זײַנער, נאָר שאָפּענהויערס.

אָשער שווארצמאַן פלעגט מיט נײַגער זיך צוקוקן צו אָט דעם אומגעווײנלעכן מוליער־יונג. פונעם יונג האָט געזעצט אַ מוירעדיקע קעלט, און זי, די קעלט, האָט אזוי הארט זיך אָנגעשלאָגן אָן אָשערס היציק־ברויזנדיקן געמיט.

באגעגנט האָט מען זיך סראָוו אין „סאָכרים־גאָרטן”, ווו דער מוליער־יונג איז געווען גאָר אַן אָפּטער באזוכער. ס'האָט געהייסן, אַז די ליבע צו מוזיק שטאמט באַ אים אויך פון שאָפּענהויערן. פלעגט ער פרווון ווען־ניט־ווען — מערסטנטייל האָט ער ביכלאל געשוויגן — אָף אַ שאָפּענהויערישן אויפן אַ טײַטש טאָן אונדז די מוזיק. מיט וואָס פאר אַ געדאנקען דער מענטש האָט זיך ארומגעטראָגן! ער האָט געלייקנט שטיין און ביין: אַי די גרויסע דערוואַרטונגען, וואָס עס האָט אין אונדז געוועקט שנייעפּאָכט מיט זײַן שטארקער מוזיק, אַי די זיכערקײַט אונדזערע, אַז די דערוואַרטונגען וועלן מעקוייעם ווערן, אלע ביז איינער מעקוייעם ווערן. ער, דער מוליער־יונג, האָט געדרונגען, אַז דאָס אלץ, וואָס מיר פילן, איז ניט מער ווי אַן אײַנריידעניש, אַ געדאכטע זאך. וואָרעם די וועלט האָט קיין טעמע ניט, זי האָט ניט קיין זינען.

ס'איז געווען שווער צו פארשטיין: וואָס ציט אהער, אין שווארצמאנס סוויווע, אָט דעם מענטשן, וועלכער איז געווען אזוי טיף איבערצײַגט, אַז די וועלט האָט ניט קיין טעמע? אָבער געצויגן האָט עס אים פאָרט, און עס פלעגט טרעפן, ער פלעגט מיטגיין מיט שווארצמאנס פרײַנט ניט בלויז אין „סאָכרים־גאָרטן”, נאָר אויך אין אַ צווייט אָרט — אָף דער קליין־זשיטאָמירער גאס.

פערטער קאפיטל

אָף דער קליין־זשיטאָמירער גאס פלעגן שווארצמאנס יוגנט־פרײַנט גיין זייער אָפט — דאָרט האָט זיך געפונען די איינציקע קיִעווער יִידישע ביבליִאָטעק באַ דער „געזעלשאפט אָף צו פארשפרייטן בילדונג צווישן יִידן”.

די קליין־זשיטאָמירער גאס — אַ פלוג, ניט מער ווי אַ קליין געסל — איז שטענדיק געווען אײַנגעטונקען אין שטילקײַט. אָקאָרשט־וואָס, גייענדיק אהער, האָט מען געמוזט דורכשפרײַזן דעם אָוונטלעכן קרעשטשאטיק, וואָס האָט געקוקט מיט טויזנטער פײַערן, געררופן מיט טויזנטער שטימען, — און ווי נאָר מע האָט פון קרעשטשאטיק אַ קער געטאָן אין דער זײַט, אין דעם קליין־זשיטאָמירער געסל, אזוי באלד האָט אַ ווייע געטאָן מיט אַ געדיכטער, לאנגאָניקער שטילקײַט. וואָס ווײַטער אַ טראָט — האָט די שטילקײַט אלץ מער אונדז גענומען אין די הענט ארײַן, געצוימט דעם יונגן געמיט אונדזערן.

נאָר וויפל מיר זאָלן זיך ניט געווען צוימען, איז אונדזער געמיט דאָך געווען צופיל ראַשיק פארן הויז נומ. 20 אָף דער קליין־זשיטאָמירער גאס, וווהין מיר זײַנען געגאנגען. די שטילקײַט אין דעם הויז איז געווען אַ באַזונדערע: אַ שווער־וואָגיקע, אַ שווער־דריקנדיקע. קאָן זײַן, אַז גענומען האָט זיך עס פון די שווערע פאָליִאַנטן, וואָס זײַנען, ווי שטיינערנע מאַצייוועס, געשטאנען אין דעם קליינעם זאלכל פון דער ביבליִאָטעק. פון די פאָליִאַנטן האָט געשמעקט מיט אוראלט און דאָסראָוו באזוכער, וואָס פלעגן קומען אהער, פלעגן טאקע זײַן

אוראַלט־גריבלער, — קאַלערליי ביבל־פאַרשער, געשיכטע־פאַרשער. בלויז אין איינעם א ווינקל איז געשטאַנען א טיש, וווּ עס זײַנען געלעגן צײַטונגען, זשורנאַלן, ערשט־דערשינענע אַלמאַנאַכן. די שטענדיקע באַזוכער פון דער ביבליאָטעק, די אוראַלט־גריבלער, האָבן געקוקט אויף דעם טיש מיט ביטל. אין זייערע אויגן האָט געקאָנט קריגן אַפשׂר נאָר אַזאַ ליטעראַרישע אויסגאַבע, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט טויזנטיאָריקער געשיכטע, מיט אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, מיט לאַנג־פאַרשוווּנדענע וועלטן, וואָס מע דאַרף זיי ערשט אויסגראָבן... מיר, וואָס זײַנען געזעסן באַם ווינקל־טיש, האָבן צו אָט די פאַרצײַטיקע ווערטן געהאַט גאָר א קנאַפּן אינטערעס. אונדז איז ליב געווען צו הערן, ווי עס שורשען די זײַטלעך פון אַן ערשט־דערלאַנגטן זאַמלבוך, פילן, ווי עס פּלאַטערט אין די הענט אַן אָקאָרשט אָפּגעדרוקטע צײַטונג, ווי זי ברענגט אויך אַהער, אין דער קליין־זשיטאָמירער גאַס, דעם גרוס פון א לעבן, וואָס האַלט ערשט באַם אָנהייב, באַם סאַמע אָנהייב.

אָבער אַזעלכע גרויסן פלעגן דעמלט אָנקומען גאָר זעלטן. ס'איז געווען דאָס יאָר 1909, סאַמע די געדיכטעניש פון רעאַקציע. אַרום דער יידישער ליטעראַטור האָט געוווימלט מיט פאַרשוינען, וואָס ס'האָט פון זיי געשלאָגן א שווערער פּיילונגס־גערוך. איך וועל זיך ניט אונטערנעמען זאָגן, אַז צווישן אַשער שוואַרצמאַנס יוגנט־פרײַנט זײַנען געווען אַזוינע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט א פאַרטיקע פּאָליטישע באַצייכענונג פון דעם אַלעמען, וואָס זיי איז געווען דערווידער. אָבער איינס האָט דאָסראָווע פון זיי זיכער פאַרמאָגט: א שאַרפן ווידערגעפיל קעגן אייניקע דערשײַנונגען פון דעמלטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער דאַזיקער ווידערגעפיל האָט זיך געלאָזט הערן פריער פאַר אַלץ אין דער באַציִונג צו דער יידישער געלער פּרעסע.

קימאַט יעדער שאַבעסדיקער צײַטונגס־נומער פלעגט צוטראָגן א נײַעם סורפּריז: די אָדער יענע געלע צײַטונג האָט מיט גרויס פּאָמפּע פאַרעפנטלעכט א ווערק פון א נײַעם דיכטער אָדער פּראָזאיקער, וועמען זי האָט נאַרוואָס אַריבערגעצויגן צו זיך. איך געדענק, מיט וואָס פאַר א שמערצלעכקײַט, מיט וואָס פאַר א געפיל פון טיפער באַליידיקונג דאָס פלעגט אויפגענומען ווערן בא שוואַרצמאַנס יוגנט־פרײַנט.

קיין פעסטן, שטאַנדהאַפטיקן קריטעריִ אויף אָנצווענדן צו דער ליטעראַטור האָבן זיי דעמלט ניט פאַרמאָגט. זייַ זײַנען געגאַנגען פון בוך צו בוך מיט דער פולשטענדיקער גרייטקײַט, אַז דאָס נײַע בוך, וואָס איז אָקאָרשט אַרײַן צו זיי אין די הענט, זאָל ווערן זייער זיכערסטער לעבן־פרײַנט, דער טרײַסטער לעבן־באַגלייטער. וואָרעם נאָר אויף אַזאַ בוך האָבן זיי דאָך געוואַרט. אָבער אַזאַ בוך איז ניט געקומען צו זיי אין די הענט אַרײַן. נאָך מער: אייניקע ביכער האָבן בא זיי אַרויסגערופן פּונקט אַזאַ ווידערגעפיל, ווי די העסלעכע געלע פּרעסע. געווען אויך אַנדערע פאַלן, ווען אייניקע ביכער האָבן טכילעס צוגעצויגן צו זיך און באַלד נאָכדעם אַרויסגערופן א באַשטימטן ווידערשטאַנד.

איך געדענק, ווי דאָס איז פאָרגעקומען מיט ז. שנייערס בוך „א טויט". ס'איז געווען געשריבן אין דער פאָרם פון א טאָגבוך, וואָס עס פירט א זעלבסטמערדער. איינער א מענטש האָט באַשלאָסן נעמען זיך דאָס לעבן, ער האָט זיך שוין אפילע באַזאָרגט מיט א רעוואָלווער, נאָר דערווײַל לעבט ער. און אָט דאָס „דערווײַל־לעבן" בא דער שײַן פון נאָענטן זעלבסטמאָרד שילדערט עס ז. שנייער. דאָס בוך איז געווען היפּש אָנגעהויכט פון לעאָניד אַנדרייעוון, ס'איז עפּשער געווען דער אַקטיווסטער פּרווו אײַנצופלאַנצן די „אַנדרייעוושטשינע" אין דער יידישער ליטעראַטור.

איך געדענק, אַז אייניקע פון שוואַרצמאַנס פרײַנט זײַנען אומגעגאַנגען ווי פאַרטשאַדעטע פון דעם בוך. אוועקמאַכן אים מיט דער האַנט האָט מען ניט געקאָנט, ווײַל דאָס בוך איז געווען געשריבן מיט טאַלאַנט. אָבער אויך אָנעמען דעם בוך איז געווען אוממעגלעך. אונדזער גאַנצער יוגנטלעכער ווען איז געווען קעגן דעם. און פּונקט אַזוי האָט אונדזער יוגנטלעכער ווען זיך געוועדט קעגן ה. ד. נאָמבערגס „שווײַג, שוועסטער" און קעגן די דערציילונגען פון ז. אָניוכי און זײַן גלײַכנס, וואָס האָבן אַלע געדרייט זיך אין זעלבן פאַרקישעפטן קרײַז אַרום דער זעלבסטמאָרד־טעמע. אייניקע פון שוואַרצמאַנס יוגנט־פרײַנט האָבן ביכלאַל ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס באַטײַט אָט דאָס אַרומטראָגן זיך מיט דער זעלבסטמאָרד־טעמע. זיי, די יונגען, וואָס האָבן אָקאָרשט געמומען אַרויסגיין אויפן ברייטן שליאַך, זיי האָבן דאָך געהאַלטן, אַז ס'איז סאַמע די צײַט צו אָנהייבן לעבן, און דאָ קומט א ליטעראַטור און וויל זיי אײַנריידן, אַז ס'איז צײַט צו אָנהייבן שטאַרבן...

און די זעלבסטמאָרד־טעמע האָט דערווײַל געשפּאַנט איבער דער ליטעראַטור, זי האָט באַהערשט איין ווערק נאָך א צווייטן, איין שרײַבער נאָך אַן אַנדערן. עס האָט זיך פאַרגעדענקט דער פײַנלעכער געפיל, מיט וועלכן מיר האָבן דעמלט געלייענט די אָקאָרשט דערשי־

נענע דערציילונג „קיייווער־אָוועס”, ווו שאָלעם־אַליכעם האָט געזאָגט זײַן וואָרט אַף דער זעלבער טעמע. דאָס וואָרט איז אוודאי געווען אַן אַנדערש, אַ שאָלעם־אַליכעמדיקס, נאָר אַליין דער פאַקט, אַז די זעלבסטמאָרד־טעמע האָט דערלאַנגט אַפילו צו שאָלעם־אַליכעמען, האָט אַזוי שווער געדריקט דעם יוגנטלעכן געמיט.

געלייענט האָבן מיר שאָלעם־אַליכעמס „קיייווער־אָוועס” אין אַ צײַטונג, טאַקע דאָ, אַף קליין־זשיטאָמירער גאַס, און אַז מע האָט זיך אָנגעלייענט און מע האָט זיך אָנגענומען מיט טרויער פון אָט דער וווּנדערלעכער דערציילונג, איז מען אַרויס פון דער ביבליאָטעק און מ'איז אַוועק אַפּן דערבײַיקן וולאַדימירער בערגל. אַזוי פלעגט עס טרעפן ניט איין מאָל. מיר פלעגן אַרויס אַהין שוין שפּעט אין אָוונט, מיר פלעגן אַן אָטעם טאָן מיט דעם גרויסן ראַכוועס, מיר פלעגן זיך אײַנקוקן אין דעם ווײַטן גאַנג פונעם דניעפּער, אין די טויזנטער שײַנען און אָפּשײַנען, וואָס ווערן אַלע ווײַלע געבאָרן אַף דער טונקעלער וואַסער־פלאַך.

דער פאַרביטערטער שלאָסער־יונג איז אויך געווען דערנעבן. ער האָט אויך געקוקט אין דער טונקעלער ווײַט, די ליפּן זײַנע זײַנען געווען, ווי אַלע מאָל, האַרט צונויפגעפּרעסט, דאָס פּאָנעם, ווי אַלע מאָל, פאַרבייזט, און די שאַרפע בליקן האָבן זיך אַרײַנגעשטאָכן אין דער נאַכט. זיי האָבן געוואָלט דערגיין: די וועלט האָט אַ טעמע?..

פינפטער קאַפּיטל

עס דערמאָנט זיך נאָך איין ריכטונג, וווּהין אַשער שוואַרצמאַן פלעגט גיין, ווען ער פלעגט זיך אַרויסרײַסן פון זײַן „שטונדן”־לעבן. אין דעם נידער־טייל פון שטאָט, אַף פּאָדאָל. דאָרטן פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט דאָוויד האָפשטיינען און אַרקע קושניראָוון.

ווי קושניראָוו האָט געוווינט — ווייס איך ניט. און מע האָט עס אויך פאַרשפּאָרט צו וויסן, וואָרעם פון פרי אין טאָג ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אים געקאָנט זען אין איינער אַ קראָם אַף זשיטני באַזאַר, ווו ער האָט געדינט פאַר אַ פּריקאַזטשיק. ער איז שוין דעמלט געווען אַן אויסגעשפּראָכענער דיכטער, געפּרוווט זײַנע קויכעס אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע געביטן. ער פלעגט שרײַבן פּראָזע, גרעסערע לידער אין סאַטירישן שניט און קלענערע לידער אַפּן לירישן שטייגער. אין אַלע זײַנע פּרוּוון האָט זיך געלאָזט וויסן, אַז מע האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס זײַן באַרוף איז — געהערן דער ליטעראַטור, און נאָר דער ליטעראַטור. אָבער געהערט האָט ער בלויז דעם באַלעבאָס פון דעם אָפּטאָוון באַקאַליי־לאַגער, און זײַן באַרוף איז געווען סימבאָליזירט אין דעם גראָבן זאַק־פאַרטעך, וואָס האָט צוגעדעקט אין דער גאָר רער ברייט זײַן יונג דיכטעריש האַרץ...

איך געדענק, אַז מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט קושניראָוון — אין דער אָנוועזנהײַט פון אַשער שוואַרצמאַנען — איז פאָרגעקומען טאַקע דאָ, אַף דער שוועל פון דעם באַקאַליי־לאַגער. אַראָפּגענעמען פון זיך אַף אַ ווײַלע דעם גראָבן זאַק־פאַרטעך האָט קושניראָוו ניט געהאַט קיין רעכט, ער האָט אָבער געקענט אַרויסנעמען פון בוזעם עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס זײַנען געלעגן אונטער דעם זאַק־פאַרטעך. און פון דאָרטן, פון די בייגעלעך פּאַפּיר, האָט שוין אַראָפּגעקוקט אַף אונדז דער פרײַער דיכטער, וועמען קיינער וועט קיינמאָל ניט פאַרשקלאַפן.

איך געדענק איינע אַ ליד, וואָס קושניראָוו האָט געשריבן צו יענער צײַט.

> כאַנעלע האָט ליב אוורעמלען,
> נאָר אָרעם ביז גאָר איז אוורעמל,
> ער קאָן נאָך קיין געלט ניט פאַרדינען,
> און דאַרף נאָך — צום רומל —
> דעם קייסער גיין דינען...

אָט אַזוי שטייגערדיק־זאַכלעך, אָנרופנדיק אַלעס באַם נאָמען, האָט א. קושניראָוו אָנגע־הויבן זײַן גרעסערע סאַטירישע ליד „די קאַראַקולנע קאַפּעטע”. די ליד איז געווען געשריבן אין אַ דערציילערישן נוסעך און האָט דערציילט, ווי דאָס מיידל פון רײַכן באַלעבאַטישן הויז כאַנעלע האָט פאַרביטן דעם אָרעמען יונג אוורעמלען אַף אַ גרויסאַרטיקן פּוטער, וואָס די מוטער האָט איר אויפגעניית.

אַזעלכע אַרט לידער האָט קושניראָוו דעמלט געשריבן גאַנץ אָפט. די לידער האָבן ווײַט ניט געצילט, אָבער גראָדע דאָס איז געווען זייער מײַלע. זיי האָבן געשטויסן אונדזער יוגנטלעכן געדאַנק צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אַ דיכטער דאַרף ניט שוועבן איבער דער ווירקלעכקײַט, אַז דער דיכטער טאָר ניט פאַרשווײַגן זײַן פּראָטעסט קעגן דער אַרומיקער וועלט. דאָס קלינגט עפּשער נאַיוו פאַר אונדז איצט, אָבער אין יענע צײַטן, ווען עס האָט זיך געדעכנט, אַז דעם דיכטערס באַרוף איז וואָס מער צו פאַרשווײַגן, ווען עס זײַנען פון טאָג צו טאָג דערשינען לי־

דער־זאַמלונגען אין דעם שניט פון „שטילע טרוימען" (ז. סעגאַלאָוויטש), אָדער „שטילע געזאַנגען" (ד. איינהאָרן), און אָט אָ־די „שטילקייט" האָט זיך פאַרשלייפט, ווי אַ שטריק אַרום האַלדז, בא יעדן יונגן דיכטער — אין אַזאַ צײַט האָט קושניראָווס סאַטירישע ליד געקלונגען זייער פריש און דערמונטערנדיק־נײַ.

אַ מערקווירדיקע זאַך: דער באַרויגזלעכער טאָן פון די סאַטירישע לידער איז געגאַנגען בא קושניראָוון באַנאַנד מיט אַ צווייטן — אַ צאַרט־לירישן טאָן, וואָס האָט דורכגעקלונגען צום ערשטן מאָל אין זײַנע לידער וועגן שטעטל. מיר אַלע האָבן דעמלט ניט אופגעהערט אַי צו טראַכטן, אַי צו ריידן וועגן שטעטל. מיר זײַנען געווען פול מיט געזעגענונגס־געפילן, וואָס האָבן זיך געריסן צום וואָרט און האָבן אָט־אָט געזאָלט באַקומען אַן אויסדרוק. געפונען דעם אויסדרוק האָט אַ. קושניראָוו, אַ שאָד, גאָר אַ שאָד, וואָס קושניראָווס לידער וועגן שטעטל האָבן דעמלט ניט דערגרייכט צו דער עפנטלעכקײַט. ווי ווײַט דאָס איז געווען פון די קלאָג־לידער, אין וועלכע ד. איינהאָרן האָט דעמלט באַווײנט דעם „לעצטן באַלטפּילע". וואָס פאַר אַ געזונטער פאַרשטאַנד פאַר דעם היסטאָריש־אומפאַרמײַדלעכן פּראָצעס, אויב אַפילו ער פאַרשאַפט דעם דיכטער טיפע לייד.

ווי באַוווּסט, האָט אָשער שוואַרצמאַן אַף די דאָזיקע מאָטיוון ניט געשריבן. אָבער געלעבט מיט די דאָזיקע מאָטיוון האָט ער. דערפאַר האָט ער מיט אַזאַ שאַרפן אינטערעס זיך צוגעהערט צו קושניראָווס לידער. דערפאַר פלעגט ער אַזוי גערן קומען צו דער שוועל פון דעם אָפּטאָוון באַקאַליי־לאַגער אַף זשיטני באַזאַר, ווו עס פלעגט צו אונדז אַרויס אַ שעמעוודיקער יונג מיט אַ שטענדיק אַף האַלב אָפּגעווענדטן שמייכלענדיקן פּאָנעם, מיט שטענדיק אַף האַלב אַראָפּגעלאָזטע שוואַרצע, געדיכט־שוואַרצע אויגן, און פלעג פון אונטער דעם גראָבן זאַק־פאַרטעך אַרויסנעמען אַ פּאָר דינע־דינע בייגעלעך פּאַפּיר. מיר האָבן געקוקט אַף די לויטערע בייגעלעך פּאַפּיר און זײַנען אַלץ מער און מער געוואָרן זיכער, אַז קיינער אין דער וועלט קאָן ניט פאַרפלעקן קיין לויטערע דיכטערישע געפילן, קיינער אין דער וועלט קאָן ניט פאַרשקלאַפן אַן עמעסן פרײַען דיכטער.

אין דעם זעלבן נידער־טייל פון שטאָט — אַף פּאָדאָל — האָט געוווינט דעמלט דאָוויד האָפשטיין.

איך געדענק דעם טאָג, ווען אָשער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל געפירט צו באַקאַנען מיט דאָוויד האָפשטיינען. ריכטיקער — ניט דעם טאָג, נאָר די נאַכט, ווײַל מיר זײַנען געגאַנגען אַהין שפּעט אין אָוונט. ביז דעמלט האָב איך געקענט בלויז דעם באַטאָגיקן פּאָדאָל, איצט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען פּאָדאָל אין דער טונקל, און דערצו שפּעט אין אָוונט. מעגלעך, אַז דערפאַר האָט דער גאַנצער באַזוך באַקומען בא מיר אין זיקאָרן אַ טונקל־מאָרעשכוירעדיקע באַפאַרבונג.

געווען איז אויך אין דעם באַטאָגיקן פּאָדאָל עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַף שריט און טריט דערמאָנט אָן מענטשלעכע יעסורים, מענטשלעכער פּײַן. אָבער אין דער באַטאָגיקער שײַן פלעגן זיך דאָך דאָ און דאָרט שאַפן געוויסע דורכלויכטן, און די אָרעמקײַט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אייניצלנע ווינקעלעך, איז דאָך ניט געווען קיין אומעטיקע. איצטיקס מאָל, בייס אָשער האָט מיך געפירט איבער די פאַרטונקלטע פּאָדאָלער געסלעך, האָט מען קיין דורכלויכטן ניט געזען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויסער געבויגענע, געהויקערטע הײַזלעך איז דאָ גאָרנישט ניטאָ, און געלעגן זײַנען די הײַזלעך אין עפּעס אַ כאַאָטישן אָנוואַלגער, אָט ווי אַ ווילדע, פינצטערע נעסט פון עלנט און נויט.

אָשער איז אין די טונקעלע פּאָדאָלער געסלעך אומגעגאַנגען זיכער, ווי אַ היימישער. קענטיק, ער האָט זיי גוט געקענט, אָט די געסלעך. און נאָך איז געווען קענטיק: עפּעס ציט אים אַהער. עמעס, אין זײַנע דעמלטיקע לידער האָבן די מאָטיוון פון נויט זיך ווייניק־וואָס געלאָזט הערן, אָבער אַ פאַרשאַרפטן כוש צו נויט האָט ער שוין דעמלט געהאַט, און קאָן זײַן, דאָס האָט אים טאַקע געצויגן אַהער, אין דעם נידער־טייל פון שטאָט.

עס דערמאָנט זיך: מיט יאָרן שפּעטער, אין יאָר 1918, האָט שוואַרצמאַן מיר איבערגעלייענט זײַנע אַ נײַע ליד. אין דער ליד זײַנען געווען די באַוווּסטע שורעס:

פון הײַזער אָרעמע, פון שטיקנדע וואַרשטאַטן,
פון לאַנגע וואָגל־נעכט, פון הונגעריקע טעג,
געקומען זײַט איר, ברידער מײַנע פּילע,
צו ווײַזן
דעם פרײַז פון שטילער מי,
דעם ווײ פון אײַער לײַב,
דעם אויסגעשריי פון דוירעס און פון צײַטן...

געדענקט זיך, אז ס'איז געקומען צו אַט די שורעס, איז פאר מײַנע אויגן אופגעשווומען דאָס בילד פון דעם באַנאַכטיקן פּאָדאָל, די פאַרטונקלטע אָרעמע געסלעך און אָשער שוואַרצמאַן, וואָס גייט דאָ אום און זאַפּט אײַן אין זיך דעם ביטערן טאַם פון מענטשלעכע יעסורים. דאָס דאָזיקע בילד שווימט אוף אין מײַן זיקאָרן אַלע מאָל, ווען איך לייען די דאָזיקע שורעס.

בא האָפּשטיינען איז שטוב איז אָשער געווען שוין גאָר היימיש. ס'איז באַלד געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס מע דאַרף קומען אהער שפּעט אין אָוונט: צו דער צײַט ווערט שטילער אינעם מענטשן־געפּאַקטן הויז, דער הויף הערט אוף ליאַרעמען, מע קאָן דעמלט אויסריידן אַ וואָרט. און מיר האָבן דאָך געזאָלט ניט נאָר ריידן, מיר האָבן געזאָלט לייענען.

ווײַזט אויס, אז וועגן האָפּשטיינען האָב איך געהערט אַ סאַך דערציילן נאָך איידער מיר זײַנען געגאַנגען צו אים אהיים. אלנפאַלס געדענק איך, אז באַם אַרײַנקומען האָב איך ניט אָנגעקוקט האָפּשטיינען, ווי אַ מענטשן, מיט וועמען כ'בין אַקאָרשט באַקאַנט געוואָרן. איך האָב אים פאַרגליכן מיט דעם, וואָס איך האָב שוין געוווּסט וועגן אים. און געוווּסט האָב איך, אז, גייענדיק אהער, דאַרף איך מאָביליזירן דעם גאַנצן ערנסט, וואָס איך פאַרמאָג, וואָרעם מיר גייען צו אַ מענטשן פון גרויסן ערנסט.

בא אַלע פּרײַוואַט שוואַרצמאַנס — אפילו בא קושניראָוון, וואָס האָט דאַן געשריבן שאַרף־אָפּלאַכערישע לידער, איז דאָך ערגעץ־ווו פאַרבליבן אַ פּונק ייִנגלשקײַט. בא האָפּשטיינען — אַזוי געדענקט זיך מיר — איז אַט דער צושטאַנד שוין לאַנג געווען פאַרבײַ. שוין דעמלט — בײַס מײַן ערשטן באַזוך — איז עס געווען דער מענטש מיט „הויך־געהויבענעם פּראָנטאָן פון שיין־געבויטן שאַרבן", ווי ער האָט זיך שפּעטער אַליין אויסגעדריקט. דער הויכער שטערן איז געווען דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך דעמלט געוואָרפן אין די אויגן אין האָפּשטיינס געשטאַלט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, אין דעם דאָזיקן מענטשן, דאָס איז יענער הויכער טויער, וואָס מוז פירן אין אַ רײַכער, כאַטש אומבאַקאַנטער וועלט. און האָפּשטיינס וועלט איז געווען דעמלט היפּש אומבאַקאַנט פאַר אונדז אַלעמען.

האָפּשטיין האָט שוין דעמלט, דאַכט זיך, געשריבן אויך ייִדישע לידער, נאָר געלייענט האָט ער אונדז אין אַט דעם אָוונט בלויז די רוסישע. ער האָט זיי שוין געהאַט ניט ווייניק.

עס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אַ ליד וועגן דער יאַם־טיף, אַ ליד וועגן ווײַטן אוראַלט, ווו עס איז געווען אַזאַ שורע:

И мой пращур далекий, дикарь-людоед...

אין די לידער האָט זיך געלאָזט הערן דער פּאַטאָס פון שטאַרקן גלויבן אינעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אין זײַן אַלמעכטיקײַט און אַלגײַטיקײַט אין אַלע צײַטן — אפילו אין ווײַטן אוראַלט. די לידער זײַנען ניט געווען לײַכט, זיי האָבן געפאָדערט אַ געוויסע אָנשטרענגונג באַם צוהערן זיי, אָבער די פילאָסאָפישע אָנלאָדונג האָט דאָך ניט אָפּגעשוואַכט דעם לירישן געפיל, נאָר, פאַרקערט, געשטאַרקט אים.

אָשער שוואַרצמאַנס פרייד באַם צוהערן האָפּשטיינס לידער איז געווען זייער גרויס. מ'האָט געזען, אז ער שטאָלצירט מיט אַלץ, אי מיט דער פאָרם, אי מיט דעם אינהאַלט פון האָפּשטיינס לידער.

מיר האָבן זיך פאַרזאַמט בא האָפּשטיינען ביז העט־ווײַט אין דער נאַכט אַרײַן. דאַכט זיך, עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, אז מיר האָבן פאַרלאָזט די שטוב. אַלנפאַלס האָב איך באַם אַוועקגיין — אַזוי געדענקט זיך מיר — באַמערקט, ווי אין גרויז פון באַגינען הייבט אָן אָפּשווימען די אָרעמקײַט פון האָפּשטיינס שטוב. ניט אומזיסט דאָך איז עס געווען אַ שטוב אין דעם נידער־טייל פון שטאָט, ווו מע האָט אַף שריט און טריט געמוזט זיך דערמאָנען אָן עלנט און נויט.

זעקסטער קאַפּיטל

אין יאָר 1910 האָבן מײַנע באַגעגענישן מיט אָשער שוואַרצמאַנען אָנגעהויבן ווערן אי אָפּטער, אי דורכנדיקער. צו דער צײַט איז מיר שוין אויסגעקומען אויך זײַן בא אָשערן אין שטוב און דער אײַנדרוק פון די באַזוכן לעבט נאָך ביז איצט אין מײַן זיקאָרן.

...באַם סאַמע אַרויסגאַנג פונעם ניקאָלײַעווער סעדל הייבט זיך אָן אַ גאַס, וואָס שנײַדט דורך אַ האַלבע שטאָט קיעוו — די קוזנעטשנע גאַס.

אָנהייבן הייבט זיך אָן די גאַס זייער האָפּערדיק: מיט הויכע, העל־געפאַרבטע מויערן, מיט אַ בעגנימעסדיק־ציכטיק בולוואַרל צווישן די מויערן. נאָר וואָס ווײַטער פון דער מיט שטאָט, הייבט אָן די קוזנעטשנע גאַס אַלץ מער אײַנגעשרומפּן ווערן. עס ווערט מיטאַמאָל אויס בולוואַר, עס שטייען ניט די הויכע, העל־געפאַרבטע מויערן, די נומערן פון די הײַזער־שטײַגן, נאָר

אליין די הײַזער ווערן אלץ נידעריקער און נידעריקער, און אַז עס דערגייט שוין צום הונ־דערטסטן נומער, דערזעט מען אַ גאַנץ בינטל געהויקערטע, קרומע און לאַמע שטיבלעך — און דאָס הייסט אויך: קוזנעטשנע גאַס. ערגעץ דאָרטן אַריבער דעם הונדערטסטן נומער פון קוזנעטשנע גאַס וווינט באַ זײַנע עלטערן אַשער שווארצמאַן.

עס געדענקט זיך: וואָס נעענטער צו דעם הויז, ווו עס וווינען די שווארצמאַנס, אַלץ מער לאָזט זיך הערן דער רויש פון אַ וואָקזאַל. ס'איז אַ וואָקזאַל, וואָס נעמט אויף בלויז לאַסט־צוגן. ציִען זיך אַהער פון דער גאָרער שטאָט מענטשן מיט לאַסט. מע שלעפּט די לאַסט אויף הויכע וואָגנס, מע שלעפּט זי אויף נידעריקע האַנט־וועגעלעך. אַמאָל שפּאַנט מען אײַן אין אַ לאַסט־פור ביז אַ האַלב צענדליק פערד, און אַמאָל זעט מען, ווי עס שלעפּט זיך אײַן שפּאַן אַ מענטש, נאָר איין מענטש, און ווײַל ער טוט עס שוין ניט צום ערשטן מאָל, האָט ער זיך אויס־געמײַסטרעוועט אַ באַזונדערן האַלב־פערדישן, האַלב־מענטשלעכן כאָמוט, וואָס איז אָנגעטאָן אויף אים...

דאָרטן, אויבן, באַם אָנהייב קוזנעטשנע, וואָלט מען עפּשער געגאַפט, ווען מע דערזעט אַ מענטש אין אַזאַ שפּאַן, דאָ, אַריבער דעם הונדערטסטן נומער פון דער זעלבער גאַס, קוקט זיך קיינער אויף אַזוינס ניט אַרום: מ'איז געוווינט געוואָרן. ניט אומזיסט דאַרף הייסט אַט דער וואָק־זאַל „קיִעוו דער צווייטער". אַלע מאָל, אַז איך דערמאָן זיך יענע צײַט, קומט מיר אַפן זינען: אַשער שווארצמאַן האָט געוווינט אין קיִעוו דעם צווייטן.

געווען איינער אַ קיִעוו — די אַלגעמיין־באַקאַנטע שטאָט מיט איר ליבלעכן דאָרעם־כיין. דער דאָזיקער קיִעוו האָט געוווּסט פון עפּעס אַ ווילדשטאַנד, פון עפּעס אַ וויל־איינאָרדענונג. קיִעוו דער צווייטער האָט פון דעם אַלעמען געהאַט קוים־קוים אַ באַגריף. דאָס לעבן איז דאָ געגאַנגען אַט ווי די שווערע לאַסט, וואָס מ'האָט געשלעפּט אויף די האַנט־וועגעלעך: דער מענטש שטעלט אַ טראָט — די לאַסט זײַנע רוקט זיך נאָך אים. דער מענטש שטעלט נאָך אַ טראָט — די לאַסט איז ווידער דאָ, זי גייט נאָך פון שאָ צו שאָ און פון יאָר צו יאָר...

די שטוב, ווו עס האָבן געוווינט די שווארצמאַנס, האָט זיך פאַרגעדענקט, ווי אַ געדיכט־באַפעלקערטע שטוב: זין, טעכטער (מער זין), נאָר אַז ס'איז דאָ פאַראַן אויך עלטערן — לאָזט זיך עפּעס ניט פילן. צי איז עס געשען מיטן גוטן ווילן פון די עלטערן גופא, אָדער ניט, נאָר אַזוי איז עס: די שטוב איז אין רעשוס פון די „קינדער". דערפאַר דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ שטוב מיט אַ שטענדיק אָפענער טיר. די „קינדער" (קימאַט אַלע שוין דערוואַקסענע) גייען אײַן און אויס, די שטוב ווערט פול מיט גרויסן פון אַ גרויסן לעבן, וואָס כוואַליעט זיך ערגעץ דאָרטן פון יענער זײַט שוועל, נאָר אין די געציילטע מינוטן, ווען עס ווערט אין שטוב אַ ביסל שטי־לער, דערפילט מען, אַז איבער דעם אַלעמען הענגט דאָ אין שטוב אַ שטענדיקע לאַסט — די נויט. פון איר ווערט מען דאָ ניט פרײַ, קיינמאָל ניט פרײַ.

צווישן אַשערס ברידער און שוועסטער זײַנען פאַראַן אי ייִנגערע, אי עלטערע. און אַלע (פונקט ווי ער) — שוואַרץ־אויגיקע. די שוואַרצע אויגן טוען אַלע ווײַלע אַ בליאַסק אָט אין דעם און אָט אין יענעם ווינקל שטוב. אין די אויגן — אויך ווי באַ אַשערן — אַ גלײַך פלעמל. דאַכטן דאַכט זיך, אַז ס'איז דאָס פלעמל פון נײַגער, אומגעהייערן נײַגער צום לעבן.

ווי יונג זיי זײַנען ניט — אַשערס שוועסטער און ברידער — האָט שוין יעדער איינער זײַנע געשעענישן און פּאַסירונגען. ער האָט זיך שוין אויף עפּעס פאַרמאָסטן. עפּעס אין זײַן יונג לעבן געוווּנען, עפּעס פאַרשפּילט. און דאָס אַלץ ווערט טייקעף, ווי עס טרעפט זיך, אָפּגעטראָגן צו אַשערן. דערפאַר דאַכט זיך, אַז אַשער לעבט שוין נאָך פון די פריִע יאָרן מיט אַ דאָפּלט־רײַך לעבן: מיט דעם, וואָס אַ טאָג לעבן שענקט אים אַליין, און מיט דעם, וואָס דער זעלבער טאָג שענקט זײַנע שוואַרץ־אויגיקע ברידער און שוועסטער.

עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי: דער טאָג שענקט. גאַרניט וויל ער ניט שענקען, דער טאָג. ס'איז דאָך פאָרט קיִעוו דער צווייטער — דאָס אָרט, ווו דאָס לעבן טראָגט אַלע מאָל אַנטקעגן נאָר לאַסט און לאַסט. אָט אַזוי לעבן אויך אַשערס שוועסטער און ברידער. מע זוכט אַרבעט, מע געפינט זי און מע פאַרלירט זי ווידער. הײַנט האָט זיך עס געטראָפן מיט אַ שוועסטער (זי פאַר־נעמט זיך מיט געניי), מאָרגן — מיט אַ ברודער (ער לערנט זיך אַרבעטן אין עפּעס אַ באַלמע־לאָכע־וואַרשטאַט), און אַמאָל טרעפט זיך עס גאָר מיטן פאָטער, וואָס טראָגט זײַן עלטער פון שטעלע צו שטעלע...

אַשער אַליין האָט צו יענער צײַט אויך זײַן שווערע לאַסט — דאָס שטונדן געבן. ער וואָלט וועלן וועגן דעם ניט ריידן, נאָר אַמאָל רײַסט זיך עס פאָרט באַ אים דורך.

אײנמאָל, געדענקט זיך, איז עס געקומען צו רייד באַ אַ מאָדנער געלעגנהײַט. אַשער — האָב איך זיך דערוווּסט — האָט שטאַרק פײַנט איינע אַ קיִעווער גאַס. די סיבע: ער האָט צוויי „שטונדן" אויף דער דאָזיקער גאַס, דה. ער האָט דאָ צוויי הײַזער, וואָס ער וואָלט גערן זיי

אָפּגעמעקט פון דער וועלט. באַזונדערס איז אים שווער אַריבערצוטרעטן די שוועל פון איינעם אַ הויז, דאַפּקע אַ שיין הויז, מע קאָן זאָגן, אַן עלעגאַנט הויז, פון דרויסן אַ קוק צו טאָן: אַי געשניצט, אַי געפּוצט. אָבער אינעווייניק, דאָרטן אינעווייניק וואָס טוט זיך!..

און דאָ דערמאָנט זיך אָשער אַ וואָרט, וואָס עס זאָגט אין אַזאַ פאַל דער פאַרשטאָרבענער רעוון ראַבינאָוויטש: „דאָווערזאַכערסטווע". יאָ, אַזוי איז עס טאַקע. פון דרויסן דאַכט זיך: אַ פּאַלאַץ, און קומסט אַרײַן אינעווייניק: פול מיט „דאָווערזאַכערסטווע"...

דאָס צווייטע אָרט, ווו אָשער האָט אַ „שטונדע", איז שוין ניט אַזוי פאַרגרעבט. דאָ שפּילט מען זיך גראַדע אין איידלקייט. אָבער דערפון איז אים, אָשערן, ניט גרינגער. דער באַלעבאָס פון דעם הויז האָט שוין אפילו איינמאָל דערוועגט זיך אַ פרעג טאָן בײַ אָשערן: וועגן וואָס שרײַבט ער לידער — וועגן דער „פּריראָדע"?

אָט דער „איידעלער" גוויר מיינט, אַפּאָנעם, אַז ער קאָן אָפּקויפן אָשערן מיט אַלץ מיטאַנאַנדער: מיט זײַנע געדאַנקען, מיט זײַנע געפילן, מיט זײַנע לידער.

איך געדענק ניט, וואָס פאַר אַ גאַס האָט אָשער דעמלט געמיינט. און קאָן זײַן, אין קיִעוו איז געווען ניט איינע אַזאַ גאַס, ווו אָשער שווארצמאַנען איז דעמלט אויסגעקומען צו שלעפּן זײַן שווערע לאַסט. עס זײַנען אָבער געווען אין קיִעוו אויך אַנדערע גאַסן, ווו אָשער שוואַרצמאַן האָט געקענט אָפּ אַ ווײַלע אַראָפּוואַרפן פון זיך אָט די לאַסט. אַזאַ איז געווען, לעמאָשל, די זשיליאַנסקער גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען אַ שטוב מיטן נאָמען „ראַכיל איסײַעוונעס שטוב". ס'איז קעדײַ צו זאָגן אַ פּאָר געטרײַע ווערטער וועגן דער דאָזיקער שטוב.

זיבעטער קאַפּיטל

ראַכיל איסײַעוונע איז געווען אַ באַיאָרטע פרוי. לויט אירע יאָרן האָט זי געקענט גילטן ווי אונדזער אַלעמענס מוטער. געווען איז דאָס אָבער אונדזער אַלעמענס פרײַנט, פון יענע פרײַנט, וואָס מע פלעגט זיי טרעפן גאָר זעלטן אין די רעאַקציע־יאָרן.

אויסערלעך האָט עס געהייסן, אַז מיר גייען אהער לייענען די טעגלעכע צײַטונג „דער פרײַנט", וועלכע ראַכיל איסײַעוונע האָט אַבאָנירט. פלעגן מיר קומען אַהער טאָג נאָך טאָג[1], מע פלעגט אַרײַן אין דעם געראַמען ווײַס־געקאַלכטן צימער און נאָך פון דער שוועל דערזען, ווי זאָרגעוודיק די צײַטונג ליגט שוין אויסגעשפּרייט אויפן טיש. די זעלבע צײַטונג, וואָס מ'האָט געקאָנט זען אויך אויף דער קליין־זשיטאָמירער גאַס, נאָר ווי אַנדערש זי האָט זיך געלייענט בײַ ראַכיל איסײַעוונען אין שטוב.

די קליין־זשיטאָמירער גאַס האָט געקוקט אויף אונדז מיט ביטל. זי האָט ניט געוואָלט אפילו אָנהייבן גלייבן, אַז ס'איז פאַראַן דאָ אין קיִעוו אָט אַזעלכע יונגען, וואָס ניט בלויז זיי לייענען, נאָר זיי שאַפן אַליין עפּעס צום לייענען. און מיר, ווי געטרײַ און פלײַסיק מיר האָבן ניט געלייענט, זײַנען מיר שוין פאָרט ניט געווען בלויז לייענער.

פאַראַן צײַטן, ווען די יוגנט, ווי פאַרגלייבט זי איז ניט אין זיך, נייטיקט זי זיך דאָך אין עמעצנס אַ צושטימונג, אַ מין סאַנקציע וועלכע זאָל באַווייליקן די יוגנטלעכע האַסאָגעס. נאָך אַזאַ מין סאַנקציע פלעגן מיר קומען אין ראַכיל איסײַעוונעס שטוב...

אונדזערע האַסאָגעס זײַנען געווען גרויס, אומגעהייער גרויס. ראַכיל איסײַעוונע האָט אפילו איינמאָל געפּרוּווט מאַכן אַ כעזשבן, וואָס וועט זיך באַקומען, אויב עס וועלן מעקוייעם ווערן די ווילדע האַסאָגעס אונדזערע און אַלע — אָט ווי מיר שטייען און גייען — וועלן מיר ווערן שרײַבער בײַ יִידן... זי האָט דערבײַ אפילו אַ צייל געטאָן: „ניט איינס און ניט צוויי"... און איז דערגאַנגען ביז... „ניט זיבן".

אַנדערע האָבן געקאָנט מיינען, אַז ראַכיל איסײַעוונע לאַכט פון אונדז. נאָר מיר האָבן געוווּסט, אַז זי איז ווײַט, גאָר ווײַט פון לאַכן. אַ סימען האָבן מיר געהאַט: וויאַזוי ראַכיל איסײַעוונע הערט אויס אונדזערן איינעמס אַ נײַע ליד.

מיר דאַכט, ראַכיל איסײַעוונע איז אַלע מאָל געווען די ערשטע, ווער עס פלעג אויסהערן אָשער שוואַרצמאַנס אַ נײַ־אָנגעשריבענע ליד. און זי איז אויך געווען די ערשטע, געדענק איך, ווער עס האָט אָנגעהויבן טײַנען, האַלעמײַ אָשער שוואַרצמאַנס געזאַנג איז ניט מער ווי אַ געזאַנג וועגן מיידלעך. די דאָזיקע טײַנע האָט זי ניט איין מאָל איבערגעכאַזערט, און ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו הערן, ווי זי גיט אַ זאָג האַלב־שפּאָטיש, האַלב־ערנסט וועגן אָשערס לידער: „איין פּיסניע שעיין שאָם דיווקע".

---

[1] אייניקע, ווי, לעמאָשל, אַ. קושניראָוו, פלעגן קומען אהער בלויז אין די אָפּרו־טעג.

דאָס האָט קלאָל ניט געהייסן, אַז זי האַלט ניט פון שווארצמאַנס לידער. דאָס האָט בלויז געהאַט צו זאָגן, אַז אויסער מיידלעך איז אַף דער וועלט פאַראַן נאָך עפּעס. מע דאַרף נאָר עפענען די אויגן און אַ קוק טאָן אַרום זיך...

זי אַליין האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע גרויע, אַלץ-זעענדיקע אויגן. און געוווינט האָט זי אין אַ ראַיאָן, וואָס איז געווען באַזעצט מיט אַרעמשאַפט, און לויטן פּאַך אירן איז זי געווען אַן אַקושערן, און רופן פלעגט מען זי געוויינלעך אין די נויטבאַדערפטיקע געזינדן — האָט זי שוין אוודאי געהאַט וואָס צו דערציילן.

פלעגט זיך טרעפן: אַריינגיין פלעגן מיר צוליב דער צייַטונג „דער פרייַנט", ריכטיקער — צוליב דער „שיינער ליטעראַטור", וואָס דרוקט זיך אין דער צייַטונג, אָבער געדאַכט האָט זיך אַלע מאָל, אַז דאָס, וואָס ראַכיל איסיַיעוונע דערציילט, איז אויך ליטעראַטור, עס קער זיך אויך אָן צו דעם, וואָס מע דאַרף שרייַבן. און אַז מיר וועלן שרייַבן — אין דעם האָט דאָך ניט געצווייפלט קיינער פון אונדז.

עס דערמאָנט זיך דאָס אייגנאַרטיקע געשטאַלט פונעם דעמלטיקן באָכער גלאַזמאַנען. וואָס ער האָט דעמלט געשריבן, געדענק איך ניט, נאָר אין צעטל פון ראַכיל איסיַיעוונעס „ניט זיבן" איז ער באַשטימט אַריינגעגאַנגען. ער האָט דעמלט נאָרוואָס געהאַט זיך אַרויסגעריסן פון דער יעשיווע, ווו ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר. די דאָזיקע אייגנאַרט פון זייַן ביאָגראַפיע איז געווען גאַנץ דייַטלעך פאַרצייכנט אַף זייַן אויסערלעכן אָנבליק, וואָס האָט גלייַך, באַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, געלאָזט אייַך דערפילן, אַז איר זעט פאַר זיך אַ פאַרשטערטע, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַ יוגנטלאָזע יוגנט.

אין דעם פּראַט איז גלאַזמאַן געווען ענלעך אַפן מאַקאַרעווער זינגער. די זעלבע אָפּגע־צערטקייט פון לייַב, דער זעלבער מאַנגל פון מוסקול-ענערגיע. נאָר פּונקט ווי באַ דעם מאַקאַ־רעווער יונג זייַנען אַלע גייַסטיקע קרעפטן אַרייַן אין דעם דראַנג צום זינגען, אַזוי איז אויך באַ גלאַזמאַנען דעמלט די גאַנצע גייַסטיקע ענערגיע אַרייַן אין דעם דראַנג צו ליטעראַטור. באַרעך גלאַזמאַן אין וואָס אָט דער דראַנג וועט זיך אויסגיסן, איז נאָך געווען שווער צו זאָגן. באַרעך גלאַזמאַן איז געווען אַ קנאַפּער ריידער. איז דערפאַר נאָך מער געוואַקסן אונדזער נייַגער צו אָט דעם מענטשן, וועמען מע האָט יאָרנלאַנג געהאַלטן אין דער יעשיווע...

דערפאַר אָבער האָט שוין גאָר אַן אַנדער ווינט פאַרטראָגן צו ראַכיל איסיַיעוונען אין שטוב אַרייַן דאַוויד וואָלקענשטיינען. אַ הויכער, אַ ברייטבייניקער, מיט אַ ברייט-פּליסנדיקן ריידנסאַרט און מיט אַ שטענדיקער נייגונג צו מעסטן דאָס לעבן אין דער ברייט, נאָר אין דער ברייט, האָט ער געקוקט מיט כשאַד אַף די, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין „טיפקייַט", און האָט ניט געקאָנט פאַרלייַדן קיין דעקאַדענטן. צו ליטעראַטור, אין ענגערן זין פון וואָרט, האָט ער געהאַט אַ מער דירעקטע שייַכעס, איידער מיר אַלע, די איבעריקע. אין טאָג גענומען איז ער שוין דעמלט געווען אַ שרייַבער — אַ פּראָפעסיאָנאַל. געשריבן האָט ער רוסיש, און דאָס האָט אים שוין גאָר אין די פריִע יאָרן געבראַכט צו פערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט קופּרינען, יושקעוויטשן, עטוואָס שפּעטער — מיט מ. גאָרקין.

געוויס האָט אי אָשער שוואַרצמאַן, אי אַלע זייַנע פרייַנט געקענט די רוסישע ליטעראַ־טור, — און גאָרניט שלעכט זי געקענט, — אָבער דורך דאַוויד וואָלקענשטיינען האָט מען גע־קאָנט פאַרנעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון אָט דער רומפּולער ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג אַף דורעס יידישע שרייַבער. האָט דעריבער באַקומען אין אונדזערע אויגן אַ באַזונ־דערע וואָג דער פּאַקט, וואָס ד. וואָלקענשטיין טראָגט זיך אַרום מיט אַ לייַדנשאַפטלעכן האַס צום דעקאַדאַנס און צו די דעקאַדענטן.

צו טעאָרעטישע באַגרינדונגען זייַנען מיר דעמלט נאָך ניט געווען דערוואַקסן. דאָס „ליב האָבן" און דאָס „פייַנט האָבן" — דאָס זייַנען געווען די איינציקע קריטעריען, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן זיך אָריענטירן אין דער ליטעראַטור. וואָלקענשטיינס פייַנט האָבן דעם דעקאַדאַנס איז געווען באַזונדערס באַגלייבט — ס'האָט זיך געלאָזט הערן אין דעם אַ גרוס פון דעם קאַמף, וועלכער איז דעמלט אָנגעגאַנגען אין דער רוסישער ליטעראַטור, דעם קאַמף קעגן יענער פּוי־לונג און פאַרדאַרבונג, וואָס די רעאַקציע-צייַט האָט אַרייַנגעטראָגן אין דער ליטעראַטור.

נאָך אַ געשטאַלט: עליק ציִאַנאָווסקי. אויך איינער פון די „ניט זיבן". ער האָט געשריבן לידער.

אין אָשער שוואַרצמאַנס אַ ליד (געשריבן אין יאָר 1917) איז פאַראַן אַ סטראָפע, וואָס דער־מאָנט מיר שטענדיק אָן עליק ציִאַנאָווסקין. די סטראָפע לייענט זיך אַזוי:

דער קלאַנג, וואָס גייט פון אייביקייַט,
דאָס גאַנץ, וואָס איז פון שטויביקייַט,
מייַן האַרץ, וואָס זינקט אין טהאָם.

אין דער סטראָפע פאַרנעם איך שטענדיק דעם טאָן פון צ'יַאַנאָווסקיס לידער. אייביקײַט און שטויביקײַט — די דאָזיקע צוויי ווערטער, און אַ שטאַרק־פּעסימיסטישער אינטערפּרעטאַציע, האָבן דאָ און דאָרט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַנע לידער. ער האָט אפילו געפּרוּווט קעמפן קעגן דעם. ס'האָט ניט געהאָלפן. אַזאַ טעווע האָט ער שוין געהאַט: אינעם רעדן איז עס געווען דער לויטערסטער אָפּטימיסט, אינעם שרײַבן — דער פינצטערסטער מאָרעשכוירעניק.

פלעגט זיך טרעפן: ער פלעגט אפילו ניט וואַרטן, ביז עמעצער וועט פאָרורטיילן זײַנע אַ מאָרעשכוירעדיקע ליד, ער פלעגט עס טאָן אַליין. מיט די האַרבסטע ווערטער פלעגט ער מישפּטן זיך אַליין. אָבער אָפּטימיסטישער זײַנען דערפון זײַנע לידער ניט געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט: די מאָרעשכוירע זיצט בײַ אים טיף אינעם בלוט. ווי אַ שווערע ירושע דויערט זי אין אים.

נאָר ער איז פון אָט דער ירושע סאָפּקאָלסאָף דאָך פּאָטער געוואָרן. אין יאָר 1918 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי, און אַ קורצע צײַט פאַר דעם, ווי ער איז געפאַלן אין שלאַכט, אָפּגעדרוקט אַ בינטל שטאַרקע, עכט־רעוואָלוציאָנערע לידער.

צווישן די אַרײַנגייער אין ראַכיל איסײַעוונעס שטוב זײַנען געווען ניט נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געשריבן. געווען דאָ אייניקע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מענטשן מעגן זיך דערלויבן בלויז לייענען. מיר דאַכט, אַז גראָד צו זיי האָט אָשער שוואַרצמאַן זיך מער צוגעהערט. ביז צום לעצטן טאָג פון זײַן לעבן איז שוואַרצמאַנען געווען שווער אײַנצוגיין דערויף, אַז ליטעראַטור קאָן ווערן אַ פאַך, אַ טאָגטעגלעכע באַשעפטיקונג. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס נעענטער צום ליטעראַטור־פאַך, אַלץ ווײַטער פונעם לעבן. האָט ער דעריבער באַזונדער זיך געטוליעט צו מענטשן, וואָס שטייען ווײַט פון ליטעראַטור, ווי, לעמאָשל, דער דערמאָנטער רווון ראַבינאָוויטש, יאַנקעוו לוואָווסקי, די ברידער יאַמפּאָלסקי און אַנד. זיי זײַנען אים געווען טײַער, ווי די פאַרקערפּערונג פון דעם ריינעם, ניט באַצירטן, ניט באַפּליטערטן לעבן — און נאָר צו אַזאַ לעבן האָט דאָך אים שטענדיק געצויגן.

עס פלעגט זיך טרעפן גאַנץ אָפט: בײַ ראַכיל איסײַעוונען אין שטוב פלעגט זיך צעפלאַקערן אַ הייסער ליטעראַרישער וויכּוח. מערסטנטייל פלעגט אין דעם וויכּוח גיין די רייד וועגן דער באַציִונג צום אָזויגערופענעם „יידישן דעקאַדאַנס". קיין דירעקטע אָנהענגער פון דעקאַדאַנס זײַנען בײַ ראַכיל איסײַעוונען אין שטוב ניט געווען, עס פלעגט זיך אָבער טרעפן, אַז דער אָדער יענער פון די שטוב־באַזוכער פלעגט מיט נײַגער זיך פאַרקוקן אויף דער נײַער טעכניק, וואָס עס האָבן געבראַכט מיט זיך די נאָכפאָלגער פונעם רוסישן דיכטער באַלמאָנט. וועד עס האָט אין דער טעכניק אײַנגעזען ניט מער ווי קונצנמאַכערײַ, און ווער עס האָט געהאַלטן, אַז דאָ איז פאַראַן ניט בלויז קונץ, נאָר אויך קונסט. זײַנען אַרום דעם גאַנץ אָפט אַנטשטאַנען שאַרפע וויכּוחים, און בײַ ראַכיל איסײַעוונען אין שטוב האָבן זיך געלאָזט הערן היציקע רייד, צעקאָכטע שטימען, עס פלעג זיך אָנהייבן אַ שאַרפער וואָרט־געראַנגל. אָשער שוואַרצמאַן איז ניט געווען קיין גרויסער באַלן צו באַטייליקן זיך אין אָט דעם געראַנגל. ער פלעגט בלויז פון דער זײַט אונטערהאַלטן דעם „צאַד", ווען ער האָט געהאַלטן פאַר אַ גערעכטן. און צומאָל האָט ער אויך קיין „צאַד" ניט געוואָלט האָבן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער זיך געבן אַ ווונק איבער מיטן מאַקאַרעווער זינגער און ווי אַפּצולאָכעס פלעגן זיי זיך אַרײַנשנײַדן אינעם הייסן שטרײַט מיט נאָך אַ הייסערן ניגון. די שטרײַטער פלעגן ווערן שטאַרק אופגעבראַכט.

— הער אוף, אָשער!

— לאָז אויסריידן אַ וואָרט, אָשער!

נאָר אָשער האָט שוין אַ הייב געטאָן דעם ניגן גאָר הויך, דער מאַקאַרעווער זינגער — נאָך אים, און עס פלעגט ווערן אויס וויכּוח...

יאָ, דאָס איז ניט געווען קיין סאָד: אָשער שוואַרצמאַן האָט ניט קיין איבעריקן כיישעק צו באַטייליקן זיך אין די וויכּוחים, אָבער דער ווידערקאָל פון אַ וויכּוח לעבט אין אים זייער לאַנג, און העט־שפּעטער, שוין אוועקגייענדיק פון ראַכיל איסײַעוונעס שטוב, איז אָשער נאָך באַהערשט פון די אידייען, וואָס האָבן נאָרוואָס געשוועבט אינדערלופטן.

איך האָב עס באַמערקט דעמלט ניט איין מאָל: אָשער גייט אַרויס פון ראַכיל איסײַעוונעס שטוב אַ מער פאַרשטײַפטער, אַ מער שווײַגנדיקער, ווי ער קומט אַהער. מיר גייען מיט דער זשיליאַנסקער גאַס, ווו עס געפינט זיך ראַכיל איסײַעוונעס שטוב, מיר דערגייען ביזן ראָג פון דער וואַסילקאָווער גאַס. דאָרט צעזעגענען מיר זיך, אָשער לאָזט זיך גיין אַראָפּ, אין דער ריכטונג פון „קיִעוו דעם צווייטן", און נאָך איידער ער איז געבליבן אַליין, הייבט זיך אָן פילן, ווי ער איז שוין פאַרטאָן אין זיך, ווי ער לעבט איצט איבער אָפּסנײַ, אויף זײַן אייגענעם אופן, אָט דאָס אַלץ, וואָס איז אָקאָרשט גערעדט געוואָרן בײַ ראַכיל איסײַעוונען אין שטוב. אָט האָבן

מיר זיך שוין דערווײַטערט איינער פון אַנדערן, אָשער פאַרלירט זיך צווישן די מענטשן, וואָס שפאַנען איבער דער אָוונטלעך־פאַרטונקלטער גאַס, און איך שטיי נאָך אַלץ בײַ דעם זעלבן ראָג, איך שטיי דאָ אַ זעכצניאָריקער, און מײַן ייִנגלשער פאַרשטאַנד קאָן נאָך אַלץ ניט באַנעמען: וואָס באַטײַט אָט דאָס שווײַגן, וואָס באַפאַלט אָשער שוואַרצמאַנען אָט אַזוי מיטאַמאָל? זאָל עס טאַקע זײַן ריכטיק אָט דאָס, וואָס איך האָב געהערט זאָגן: מיטן וועג פון שווײַגן קומען דיכטער צו זייער עמעס?..

אכטער קאַפיטל

ווען און בײַ וואָסערע אומשטענדן איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט שוואַרצמאַנען לייענען זײַנע לידער, געדענק איך ניט. נאָר דאָס האָט זיך פאַרגעדענקט: די צאָל לידער איז געווען אַ גאַנץ היפשע, אַ סאַך מער ווי ס'איז איצט באַוווּסט לויט די געדרוקטע אויסגאַבעס פון זײַנע יוגנט־לידער. ווײַזט אויס, אַז אַ טייל לידער — און ניט קיין קלענער — איז פאַרלאָרן געגאַנגען[1].

אַן אײַנדרוק איז בײַ מיר פאַרבליבן פון יענער צײַט, אַז די לידער אָשערס זײַנען געווען ניט פון איין און דעם זעלבן ווערט. אייניקע לידער זײַנען געווען דאָס, וואָס מע רופט אָן געלעגנהײַט־לידער. אָשער שוואַרצמאַן איז אויך אין די שפעטערדיקע יאָרן געווען גענייגט צו אימפראָוויזאַציע, אין דער יוגנט־צײַט איז די דאָזיקע נייגונג געווען נאָך שטאַרקער. ער פלעגט גערן שרײַבן עקספראָמטן — קורצע לידער, וואָס זײַנען באַשאַפן געוואָרן אין פאַרלויף פון איין ווײַלע און וואָס אויך זייער גאַנצער דויער האָט געזאָלט זײַן ניט מער ווי איין ווײַלע. טיילמאָל פלעגט זיך אָבער באַקומען אַנדערש. עס פלעגט ניט זעלטן טרעפן, אַז דער עקספראָמט פלעגט באַקומען אַ מער דויערהאַפטיקן ווערט, וואָרעם כאָטש ער איז אַנטשטאַנען פון אַ צופאַל, האָט ער דאָך איבערגעגעבן ניט קיין צופעליקע, פון דער זײַט געקומענע געדאַנקען און געפילן, נאָר עפעס גרונטיקס, אַזוינס, וואָס האָט ביז דעמלט זיך געזאַמלט באַם דיכטער אין געמיט. איינער אַזאַ פאַל האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן, ווײַל דאָס האָט געהאַט אַ געוויסע שײַכעס צו מיר פערזענלעך.

באַגעגנט זיך מיט אָשער שוואַרצמאַנען האָב איך דעמלט, ווען איך בין ערשט — זײַט אַ פאָר יאָר — געוואָרן אַ קיִעווער טוישעוו. מײַנע קינדהײַט־אײַנדרוקן זײַנען געווען פאַרבונדן מיטן שטעטל כאַדאָרקאָוו, קיִעווער גובערניע. דער נאָמען פון דעם שטעטל פלעגט גאַנץ אָפט פיגורירן אין מײַנע שמועסן מיט שוואַרצמאַנען, און אין גאַנג פון די דאָזיקע שמועסן בין איך געווירע געוואָרן, אַז אויך ער, שוואַרצמאַן, האָט אַ געוויסע אינטימע באַציִונג צו מײַן געבורט־שטעטל: ער קאָן דאָרט איינע אַ מיידל, אַ שיינהײַט — אַ מיידל, וואָס האָט מיט אים פאַרבראַכט אַ זומער אין דעם דאָרף, ווו ער איז געווען אַף קאָנדיציע.

אַ וואויל מיידל, זייער אַ וואויל מיידל, דערציילט שוואַרצמאַן. עמעס, קיין שטאַרק איבערגעשפיצטע איז זי ניט, זי ווייסט אָבער, אַז אַ מיידל — אַ שיינהײַט, אָט ווי זי איז, טאָר בײַ זיך קיינמאָל ניט אַראָפפאַלן. טראָגט זי דעם ניט־איבערגעשפיצטן קאָפ מיט גרויס ווירדע... אָט, לעמאָשל, טרעפט זיך, אַז אָשער שוואַרצמאַן דערמאָנט איר מײַסע־לערער (עס איז דאָך פאָרגעקומען אין אַ דאָרף, ווו ער איז געווען אַף קאָנדיציע!), אַז ס'זײַנען אַף דער וועלט פאַראַן קלוגע מענטשן, זיי שרײַבן ווען־ניט־ווען אָן אַ גוט ביכל, און אַזאַ ביכל איז אַ יוישער איבערצולייענען... פאַלט זי, דאָס מיידל, בײַ זיך ניט אַראָפ, און מיט דער שטענדיקער פאַרגלויבטקײַט אין דער אָנגעמאָסטנקײַט פון די רייד, וואָס קומען אַרויס פון איר שיינעם מײַלכל, ענטפערט זי, אַז זי האָט שוין אַליין אויך געטראַכט וועגן דעם. אָט־אָט, נאָך אַ שטיקעלע צײַט, דער טאַטע אירער וועט אויסבויען די נײַע שטוב, וועט מען אַריבער אין דער נײַער שטוב, וועט זי זיך דעמלט טאַקע אַ נעם טאָן צו דעם טײַערן ביכל, וואָס ליגט בײַ איר שוין לאַנג־לאַנג פאַרגרייט אין אַ פאַרשלאָסענעם קאַסטן....

אָשער שוואַרצמאַן האָט געקענט מײַסטעריש דערציילן וועגן אַזאַ אַרט מענטשן. ער האָט געקענט די נאַטור פון מענטשן, געוועזן אַ מייוון אַף אירע שוואַכקײַטן. און אַזוי איז עס געווען אויך אין די שפעטערדיקע יאָרן. קיינמאָל, אין קיין צײַט פון זײַן לעבן האָט אָשער שוואַרצמאַן ניט אידעאַליזירט קיין מענטשן, ניט געפרווּט פאַרשענערן זיי. ער האָט אָבער אויך ניט פאַרזען די שיינקײַט, ווו זי זאָל ניט זײַן פאַרשטעקט און פאַרבאַהאַלטן.

[1] איך וויל דאָ, אַגעוו, אָנווײַזן, אַז בײַ מיר אין זיקאָרן איז פאַרבליבן אַ גרעסערע ליד, וואָס האָט געשילדערט אַ לעוואָנע־נאַכט אין שטעטל. דעם טאָך פון דער ליד האָב איך ניט פאַרגעדענקט, נאָר די פאַרביקײַט פונעם באַנאַכטיקן שטעטל־געמעל שטייט מיר בולעט פאַר די אויגן.

די געשיכטע מיטן כּאַדאַרקאָווער מיידל וואָלט מיסטאָמע פאַרגעסן געוואָרן, ווי דאָס איז געשען מיט אַ סאַך אַזעלכע געשיכטעס, דערציילטע פון אָשער שוואַרצמאַנען יענע יאָרן. האָט זיך אָבער געטראָפן אַזוי, אַז מע האָט אינגיכן געמוזט זיך אין דעם דערמאָנען. איך האָב פּלוצעם באַקומען אַ געלעגנהייט צו פאָרן אַף אַ קורצער צײַט אין מײַן געבורט־שטעטל. איך האָב וועגן דעם דערציילט אָשערן. די ידיעה האָט אַף אים געמאַכט אַן אײַנדרוק. אַף מאָרגן איז ער געקומען מיט אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

פרײַנט, וועסט זי זען —
טאָ וואָס וועסטו איר זאָגן?..

די ווײַטערדיקע שורעס פון דער ליד זײַנען, צום באַדויערן, פאַרלאָרן געגאַנגען. איך געדענק אָבער, אַז די ליד איז געווען מערקווירדיק דערמיט, וואָס דאָ איז ניט געבליבן קיין שפור פון יענעם הומאָר, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל געלאָזט הערן אין שוואַרצמאַנס רייד וועגן דעם כּאַדאַרקאָווער מיידל. די געלעגנהייט־ליד האָט גלײַך אַריבערגעוואַקסן די געלעגנהייט, צוליב וועלכער זי איז אָנגעשריבן געוואָרן. דעם דירעקטן אַדרעסאַט פון דער ליד — דאָס כּאַדאַרקאָווער מיידל — האָט מען שוין קוים־קוים געקענט אײַנזען. אין צענטער פון דער ליד איז געשטאַנען דער דיכטער אַליין, יענע רגע, ווען ער לײַטערט אויס אין זײַן יוגנטלעכער בענקשאַפט דאָס ווײַט־אָפּגעשיידטע מיידל־געשטאַלט, און אַזאַ איז געווען דער שטענדיקער וועג פון שוואַרצמאַנס בעסטע לידער פון יענער צײַט. ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי די מיידל־געשטאַלטן — מיר האָבן זיי דאָך אַלע געקענט — ווערן באַפליגלט אין שוואַרצמאַנס ליד, ווי זיי ווערן באַלויכטן מיט דער שײַן פון זײַן גלייבן אין דער וועלט און אין די מענטשן, וואָס גייען אום איבער דער וועלט. ס׳איז געווען סאַמע די צײַט, ווען שוואַרצמאַן האָט געשריבן:

ס׳שמעקט מײַן ליבסטע, ווי אום פרילינג
ווײַנשל־גערטנער נאָך אַ רעגן...

צומאָל האָט זיך געדאַכט, אַז די ליד האָט אַפילע קיין דירעקטן אַדרעסאַט ניט, זי איז ניט געווענדט צו איינער פון די באַקאַנטע מיידלעך, זי איז געווענדט צו זיי אַלעמען. זיי אַלע זײַנען געווען פאַר אים, ווי די ווײַנשל־גערטנער אום פרילינג, אַלע האָבן זיי פאַרשיקערט אים מיט דעם שטאַרקן לעבן־זאַפט, וואָס פליסט אין זייערע גלידער, מיט דער געזונטער לעבן־קראַפט, וואָס אָטעמט פון זייערע יוגנטלעכע געשטאַלטן.

צווישן די לידער, וואָס אָשער שוואַרצמאַן האָט דעמלט געשריבן, איז געווען אַ היפּשע צאָל ניט פאַרענדיקטע. וואָס עס האָט אים געשטערט צו פאַרענדיקן די ליד, איז געווען שווער צו זאָגן. דער אָנהייב פון דער ליד פלעגט ברענגען מיט זיך אַ געוויסן מאָטיוו, נאָר געפילט האָט זיך, אַז דאָס איז נאָך ניט דער גרונט־מאָטיוו, דאָס איז נאָך ניט דאָס איקערדיקע. ווו עס ליגט דאָס איקערדיקע, האָט אָשער שוואַרצמאַן דעמלט נאָך ניט געקענט זיך זאָגן. טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער איקער איז אָפּגיין פון זיך אַליין, אָט ווי אין דער „קרעטשמע". און טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער איקער איז, פאַרקערט, וואָס נעענטער צוגיין צו זיך, צו די אינטים־לירישע מאָטיוון.

מיט דער „קרעטשמע" זײַנען דעמלט בײַ שוואַרצמאַנען געווען פאַרבונדן אַ סאַך ניט באַפרידיקטע פאַרלאַנגען. געווען אַ צײַט, ווען ער האָט אַפילע גענומען פאַרוואַנדלען די ליד אין אַ גרעסער סוזשעטיש ווערק מיט קאָנקרעטע שטייגער־געשטאַלטן. אינגיכן האָט ער דעם פּלאַן אָנגעוואָרפן. און געגאַנגען איז דאָ ניט בלויז אין דעם, צי זאָל די „קרעטשמע" געשריבן ווערן ווײַטער אָדער ניט. געווען איז דאָ נאָך איינע אַ גרונטיקע פראַגע, וועלכע אָשער האָט דעמלט ניט געקאָנט לייזן. בעשאַס מיר לייענען איצט „די קרעטשמע", דאַכט זיך אונדז, ערטערווײַז, אַז מיר הערן דאָ זײַטיקע, ניט שוואַרצמאַנישע טענער: די פּאַסיווע נאָכגיביקייט („נו, יאָגט אַרום, ווינטן, נו, טריקנט איר, פעלדער, נו, כאַפּט נאָך אַ שטרוי פון מײַן דאַך און לויפט אָפּ"), דער עלעגישער בליק אַף דער אַרומיקער נאַטור, די אײַנגעהאַלטענע, אָבער דאָך קענטלעכע בענקשאַפט, וואָס איז געווענדט אַף צוריק, אין דער פאַרגאַנגענהייט. דעמלט, אין יאָר 1909, איז עס נאָך געווען דורכויס ניט קלאָר: זאָל אָט אָ־די שטים טאַקע ווערן אַף שטענדיק זײַן, שוואַרצמאַנס, שטים? זאָלן אָט אָ־די עלעגיש־מינאָרע טענער פאַרטויבן דעם „מוט צו טאַט און לעבן", וואָס האָט אַזוי פריידיק געזונגען אין אים?..

דערפאַר האָט אָשער שוואַרצמאַן אַזוי אָנגעשטרענגט געטראַכט און איבערגעטראַכט וועגן דער „קרעטשמע" — דאָ האָט געמוזט באַשטימט ווערן דער וועג פון זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג אַף אַ היפּשער צײַט פאָרויס.

און ניט נאָר אין דער „קרעטשמע" האָבן זיך פאַר אָשער שווארצמאַנען געשטעלט דעמלט אַזעלכע הארבע פראַגן. דער וועג צו ליטעראַרישער זעלבשטענדיקייט איז געווען פאַר אים קלאָל ניט אַזאַ גרינגער וועג, ווי איינּיקע דאַכט זיך עס.

ניינטער קאַפּיטל

דאָס יאָר 1910 האָט ניט אַריינגעבראַכט קיין גרויסע ענדערונג אין אָשער שווארצמאַנס לעבן. ער האָט נאָך אַלץ געלעבט פון שטונדן געבן, געלעבט שלעכט, געווען אין מאַטעריעלן זינען היפש געדריקט. נאָר אופגענומען האָט ער עס ווי אַ ביי־זאַך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז טאַקע ניט מער ווי אַ ביי־זאַך, עס וועט בעשום־אופן ניט קענען איינברעכן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג.

ער האָט זיך דעמלט געפונען אין יענעם פעריאָד, ווען עס לאָזט זיך באַשיימפּערלעך זען, ווי אַ מענטש ווערט פון טאָג צו טאָג רייפער, ווי עס וואַקסט און פאַרצווייגט זיך זיין גייסטיקער וועזן. אין אָשער שווארצמאַנס געשטאַלט האָט זיך דאָס געלאָזט זען באַזונדער קלאָר. פאַראַן אַזעלכע מענטשן: אין זיי איז אַלץ, וואָס זייער גייסט פאַרמאָגט, פּלאַסטיש פּאַרקערפּערט, פאַרגעשטאַלטיקט. אָשער שווארצמאַן איז געווען פון די דאָזיקע מענטשן.

ער איז דעמלט אַלט געווען דאָס צוואַנציקסטע יאָר, און אַלץ, וואָס איז געווען זיין גייסטיקע אייגנשאַפט, איז געווען פאַרגעשטאַלטיקט אין זיין וווּקסיקער, שטייפער פיגור, אין זיין הילכיקן אַרט ריידן, אין זיין דאַרפיש־פּרייער, דאַרפיש־אומבאַצוווּנגענער שטים. אין דער דאָזיקער פיגור איז געווען עפּעס אַ פּראָוטבאַרער, אַ זאַפט־טריפנדיקער קערן. יוגנטלעכער אימפּעט האָט נאָך געוויי͏עט אַרום זיין געשטאַלט, אָבער פון צייט צו צייט האָט זיך שוין געלאָזט דערקענען דער קויעך, וואָס וועט זיך אַליין באַצוימען, זיך אַליין באַהערשן.

איך געדענק אַזאַ מאָמענט.

ווינטער 1910. אין אַ רעכט־פּראָסטיקן טאָג באַגעגן איך אָשערן אין גאַס. איך דערוויס זיך: ער האָט אַ נייע ליד. נאָר ער איילט זיך ערגעץ. מוז מען זי לייענען דאָ, אינמיטן פּראָסטיקן דרויסן. פלאַטערט דער ווינט מיט אָשערס האַרבסטיקן מאַנטל (וואָס פלעג אָפּטמאָל פאַרשעמט ווערן פון די גרויסע פראָסט), אָשער בייגט אָן דעם קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט זיך לאָזן עפּעס אַ געפאַר אַנטקעגן, און איך דערהער:

שיקט דער יאַם אַ וואָלקן־גרוס דעם מידבאַר,
נעמען בערג אים איבער אָפּן וועג.
לעכצן אין דעם מידבאַר זאַמדן:
וואַסער... וואַסער...

. . . .

כ'רוף צו דיר פון נאַכט־געדיכטער שווארצקייט,
כ'ווייס דיין נאָמען ניט און ניט דיין לאַנד,
כ'רוף צו דיר מיט וואַרעמער באַהאַרצטקייט,
כ'שטרעק צו דיר אויס בעטנדיק מיין האַנט:
ליב מיך און נעם צו מיין ליבע!...

אין דער ליד פעלן איצט צוויי סטראָפעס, נאָר אויך פון דעם, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז קלאָר: אין דער ליד לאָזט זיך הערן דער רוף פון אַ מענטשן, וואָס פילט אין זיך דעם גרויסן צופלוס פון אָנוואַקסנדיקע קויכעס. אָבער ווו אַהינצוטאָן די דאָזיקע קויכעס, איז דעמלט פאַרט ניט געווען — די רעאַקציע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איר קלעם דאָס גאַנצע לאַנד.

צו יענער צייט איז מיר דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען צו זען אָשער שווארצמאַנען אין אַ ניט־ייִדישער סוויווע. פאַרגעקומען איז עס איינעם אָן אונטער, וועלכן מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט בא ראַכיל איסיי̆עווגעס שוועסטער.

ראַכיל איסייעווגע האָט געהאַט צוויי שוועסטער, אַ ליבלעכע פּאָר מיידלעך, נאָר ביז גאָר פאַרשיידענע. די ייִנגערע, דוניע — אַ שלאַנקע, אַ גרינגפיסיקע, מיט אַ גיך־גיכן אַרט ריידן און מיט אַ גיך־גיכן אויגן־לויף — האָט מיט קיין איבעריקער באַטראַכטקייט זיך ניט אויסגעצייכנט. אויסברענגען צייט אָף צו מאַכן ווייטיייענדיקע לעבן־פּלענער האָט זי קיין כיישעק ניט געהאַט. זי האָט פאַרמאָגט אַ פרייען געמיט, וואָס האָט ניט געוואָלט טראָגן אָף זיך קיין שום פענט פון באַלעבאַטישע איינרעדענישן. אָט אַזוי, צוהערנדיק זיך בלויז צו דעם, וואָס

עס באַפֿעלט איר פֿרײַער געמיט, איז זי געוואָרן אַן אַרבעטערן, געהאַט היפּשע באַקאַנטשאַפֿט אין די אַרבעטער־קרײַזן און נאָך מער צווישן סטודענטן. זי האָט שטענדיק געײַלט, מאַמעש געלאָפֿן אין לעבן אַרײַן, און דערבײַ געווען זיכער, אַז פּונקט אַזוי לויפֿט דאָס לעבן איר אַנט־קעגן. אַשער שוואַרצמאַנען איז, לעמאַשל, געווען ליב צו קוקן אויף אַזעלכע מיידלעך. אים איז געווען געפֿעלן זייער זיכערקייט, אַז דאָס לעבן געהערט זיי, ס׳דאַרף, אַלנפֿאַלס, זיי געהערן. ס׳איז אַ וווּנדער, וואָס גראַדע דוניען האָט אַשער שוואַרצמאַן געווידמעט די ליד „איך האָב געזען אַ בלויזע שווערד”. סײַדן, ס׳איז דאָ געווען אַ קאַוואַנע: דערמאָנען אָט דעם זאָרגלאָזן מיידל, אַז דאָס לעבן איז ניט אַזוי גרינג, ווי איר דאַכט זיך.

די צווייטע שוועסטער, ווערע, האָט געשפּאַנט איבער דער וועלט מיט אַ שווערן טראָט. מיר דאַכט, דאָס לעבן האָט זיך איר אַ צײַט לאַנג גאָרניט געוואָלט אײַנגעבן, עס האָט אָבער געמוזט זיך אײַנגעבן, וואָרעם ווערע איז געווען אַ מענטש מיט אַ סאַך ווילנסקראַפֿט. אין איר בלוט האָט געפֿלאַסן דער זעלבער דאָרשט נאָך אַ פֿרײַען לעבן, ווי בײַ איר ייִנגערער שוועס־טער, נאָר בײַ ווערען — אַזאַ נאַטור איז עס געווען — האָט עס אומבאַדינגט געמוזט באַקומען אַן אומגעווייינלעכן אויסדרוק. און אַזוי איז עס ווירקלעך געווען. ס׳האָט זי אַ צי געטאָן אין אַזאַ סוויווע, וואָס זאָל זײַן מער אומבאַקאַנט, אַזאַ סוויווע האָט זיך געפֿונען: קאַווקאַזער סטו־דענטן פֿון קיִעווער אוניווערסיטעט. און אין דער סוויווע האָט זי געלעבט ביז זי איז — מיט אייניקע יאָר שפּעטער — אײַנגאַנצן אָפּגעפֿאָרן אויף קאַווקאַז. מיר דאַכט, אַז אויך ווערען האָט אַשער שוואַרצמאַן געווידמעט אַ ליד (כאָטש אין די געדרוקטע אויסגאַבעס איז זי ניט אָנגעג־וויזן). מיט זײַן שטענדיקן נײַגער צו מענטשן פֿלעגט ער זיך צוקוקן צו אָט דעם אייגנאַרטיקן מיידל, וואָס האָט געוואָלט — און געקאָנט — הערשן איבער איר אייגענעם לעבן.

און אָט איז געקומען איינער אַ טאָג פֿון אָנהייב האַרבסט — סוקעס־צײַט איז עס געווען. עפּעס האָבן די שוועסטער געזאָלט פֿײַערן דעם טאָג, און מיר איז אויסגעקומען צו זען דאָרטן אַשער שוואַרצמאַנען.

די סוויווע, ווו איך האָב אים דאָס מאָל געזען, איז געווען אַן אומגעווייינלעכע: כּוץ אַ פּאָר יונגען פֿון דער „לאַבאָראַטאָרנע”, זײַנען דאָ געווען גאָלע נײַע מענטשן, מערסטנטייל, די קאַווקאַזער סטודענטן. ס׳האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, ווי גרינג אַשער גייט אַרײַן אין דער דאָזיקער סוויווע, ווי נאַטירלעך ער פֿילט זיך דאָ.

מ׳האָט אַ סאַך און מיט היסלײַוועס געזונגען, מ׳האָט נאָך מער און מיט נאָך גרעסערער היסלײַוועס געטאַנצט. אַשער האָט עס ליב געהאַט. געווען אין דעם ריטם פֿונעם טאַנץ עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיך איבערגערופֿן מיטן ריטם פֿון זײַנע אויפֿגעוויגטע, אויפֿגעכוואַליעטע יוגנטלעכע געפֿילן.

ווי ווײַט עס געדענקט זיך מיר, זײַנען צווישן די קאַווקאַזער סטודענטן געווען אייניקע, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. מעגלעך, אַז די באַקאַנט־שאַפֿט מיט די דאָזיקע קרײַזן — די קאַווקאַזער — האָט דעריבער געהאַט דעמלט פֿאַר אַשער שוואַרצמאַנען נאָך אַ גרעסערן באַטײַט.

איך האָב דעמלט צום ערשטן מאָל געזען, ווי אַשער שוואַרצמאַן לייענט פֿאַר אַ ברייטערן עולם. זײַן לייענען איז ניט געווען אויפֿגעשרויפֿט, טעאַטראַליש, ווי דאָס טרעפֿט זיך בײַ אַנדערע דיכטער. ער האָט געלייענט מיט אַ פֿרײַער, נאַטירלעכער שטים, נאָר אין דער ליד האָט דאָך געקלונגען יוגנטלעכער אימפּעט, יוגנטלעכע ראָמאַנטיק, פֿלעג אויך די שטים ווילנ־דיק ניט ווילנדיק זיך אַ הייב טאָן אין דער הייך, שטײַגן צום שפּיץ פֿון יונגער האָפֿערדיקײַט און דרייסטקײַט.

געווען בײַ אים לידער, וועלכע ער פֿלעגט לייענען מיט אַ באַזונדערער פֿײַערלעכקײַט, אָט ווי אַ מין כּעזשבן־האַנעפּעש זײַנעם, אין אַנדערע לידער איז דאָס פֿײַערלעכע געווען ניט מער ווי אַ בײַקלאַנג, אָבער אײַנגאַנצן פֿאַרשוווּנדן האָט עס ניט געקענט. די נייגונג צום פֿײַערלעכן טאָן איז געווען בײַ אים ווי אײַנגעבוירן.

אויפֿגענומען זײַנע לידער האָט מען זייער וואַרעם. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מער וואַרעמקייט האָט דערבײַ אַרויסגעוויזן די יוגנט. זי, די יוגנט, האָט אין שוואַרצמאַנס ליד פֿאַרנומען די שטים פֿון אירע אייגענע באַגערן, פֿון איר דאָרשט נאָך גליק. פֿון איר אינסטינקטיוון, — אין פֿלוג, מיט גאָרניט באַגרינדעטן גלויבן, אַז אַזאַ גליק איז מעגלעך אויף דער וועלט. מיט וואָס צו באַגרינדן אָט דעם גלויבן האָט אויך אַשער שוואַרצמאַנס ליד ניט געהאַט, אָבער אַליין די שטאַרקײַט פֿון שוואַרצמאַנס גלויבן אין דער וועלט, די שטאַנדהאַפֿטיקײַט פֿון דעם גלויבן — דאָס האָט געווירקט שוין אין זײַנע פֿריִע לידער.

שוואַרצמאַנס דערפֿאָלג אויף סאָלאָמענקער אָוונט איז געווען גאַנץ גרויס. מיר דאַכט אָבער, אַז אים, שוואַרצמאַנען, האָט ער געגעבן אַ סאַך ווייניקער איידער זײַנע צוהערער. וואָרעם

ערשט נאָך אזא מין אָונט מיט ווישניק, מיט היימישן קומישברויט און מיט גרעטענע, שווארצ־כיינעוודיקע מיידלעך האָט זיך נאָך שארפער געלאָזט פילן, אז די עמעסע געזעלשאפטלעכע אטמאָספער איז ניטא, זי ווערט דערשטיקט אין דעם אײַזערנער קלעם פון דער רעאקציע־צײַט.

צו יענער צײַט האָט אָשער שווארצמאַן אָנגעהויבן ארויסטרעטן מיט זײַנע לידער אף אָונטן — היימישע, נאָר שטארק באלעבטע אָונטן אין די קיִווער פּארשטעט. די אָונטן פלעגן פּארקומען אָן א פּאָליציי־דערלויבעניש און האָבן געטראָגן א האלב־געהיימען כאראקטער. געוויינלעך פלעגט מען זיי צופּאסן צו א יאָמטעוו, ס׳זאָל זײַן וויניקער פּארדעכטיק.

אף איינעם אזא אָונט בין איך בײַגעווען. דער אָונט האָט געזאָלט פּארקומען אף סאלאָ־מענקע. מיר זײַנען געגאנגען אהער צופוס פּארבײַ דעם וואָקזאל. מיר האָבן געשפּאנט, גע־דענק איך, אונטער אן אײַזנבאַן־בריק. די שטימונג איז געווען א געהויבענע. אויסגעבענקטע נאָך א געזעלשאפטלעכער אטמאָספער, דאָרשטיקע נאָך אוועלכן־עס־איז קאָנטאקט מיט דער עפנטלעכקײַט, האָבן מיר שוין לאנג אָנגעהויבן פילן, ווי עס ווערט ענג, אומדערטרעגלעך ענג בא ראכיל איסײַעווען אין שטוב. דער וועג אף סאלאָמענקע — האָט זיך געדאכט — איז עפּעס אן אויסוועג. מע איז געגאנגען אהער מיט אזא געפיל, אז אָט באלד וועט געשען עפּעס וויכ־טיקס, גאָר וויכטיקס, מיר וועלן מיט די אייגענע אויגן זען, וויאזוי א ליד גייט אריבער אין רעשוס פון א גאנצער מענטשן־מענגע, א ליד ווערט א געזעלשאפטלעכע אקציע.

געקומען אף סאלאָמענקע, בין איך געווען איבערראשט, ווי שטעטלש דאָ זעט אלצדינג אויס: אָ די קליינע, איינשטאָקיקע הײַזער, אָ די גאנגעקעס בא די הײַזער, אָ די מענטשן, וואָס פּארברענגען אף די גאנגעקעס. ס׳האָט זיך וויניק־וואָס געלאָזט פילן, אז אָט דאָ נאָענט ליגט די גרויסע שטאָט קיִעוו. און פּונקט אזוי שטעטלש איז געווען אויך דער אויפן, ווי ס׳איז געגאנגען דער אָונט. אפן טיש איז געשטאנען ווישניק, פּארביסן האָט מען מיט היימישן קו־מישברויט, וואָס עס האָבן דערלאנגט א פּאָר גרעטענע שווארצכיינעוודיקע מיידלעך, מ׳האָט דערבײַ געזונגען, אפן שטעטלשן אויפן עפּעס פּאַרגעשטעלט, דעקלאמירט. און צווישן דעם אלעמען האָט געזאָלט זיך געפינען אן אָרט די ליטעראטור — אָשער שווארצמאַנס לידער.

צענטער קאפיטל

באם ראָג וואסילקאָווער און קאראוואיעווער גאסן איז געשטאנען א קיִאָסק — א קליינטשיק ברעטל־געבײַ מיט א גרין־געפּארבט דעכל און מיט א פּיצעלע פענצטערל, פּונוואנען עס האָט ארויסגעקוקט א בערדיקער, באברילטער ייִד — דער צײַטונגס־פּארקויפער. דער ייִד איז געווען זייער אלט. ער איז שוין געשטאנען מיט איין פוס אין קייווער.

ס׳איז געווען לעכערלעך צו זען, ווי דער אלטער ייִד פּלײַסט זיך, אז בא אים אין קיִאָסק זאָל זײַן אלע נײַסטע ייִדישע אויסגאבעס און באזונדערס שימינס „וועלט־ביבליאָטעק״. שימינס „וועלט־ביבליאָטעק״ דאָס איז געווען א סעריִע ביכער פון די ייִנגערע ייִדישע שרײַבער, ביכער מיט פּארדרייטע מאָדערניסטישע נעמען און מיט נאָך מער פּארדרייטע מאָדערניסטישע גע־מעלן אפן טאָוול פונעם בוך. אין די דאָזיקע געמעלן איז געווען עפּעס פון יענעם מין מאָ־דערניזם, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט דעמלט אָנגערופן די „בערדיטשעווער פיִאָרדן״. דער אלטער קיִאָסק־ייִד האָט שטארק געהאלטן פון אזעלכע ביכער, ער פלעגט זיי ארויסהענגען אויבנאָן, אונטערן סאמע דעכל, זיי פלעגן דאָרט פלאטערן אפן ווינט, און דער אלטער פלעגט אלע ווײַלע ארויסשטעקן דעם קאָפּ פון זײַן פענצטערל, ער פלעגט ווארפן א בליק אף די „בערדיטשעווער פיִאָרדן״ און זיך פרעגלען פון נאכעס...

קאָן זײַן, דערפאר האָט אף דעם קיִאָסק געוואָרפן אזא אומכיין דער פרײַנט אונדזערער רוווען ראבינאָוויטש. ער האָט ניט געקאָנט פארלײַדן ניט דעם אלטן קיִאָסק־ייִד, ניט דעם קיִאָסק אליין. „דער אויהעל״ האָט עס געהייסן אף ראבינאָוויטשעס שפּראך. און ער האָט געקאָנט אזוי א רעד טאָן, אונדזער ראבינאָוויטש, אז עס האָט זיךווירקלעך א שפּרייט געטאָן פאר די אויגן דער בעסוילעם פון דער ייִדישער קולטור, די פּארוואָרפענע, פּארגעסענע קוואָרים און צווישן זיי דער „אויהעל״ — דער קיִאָסק אפן ראָג וואסילקאָווער גאס, ווו דער אלטער ייִד פּאָרעט זיך ארום מעס — דעם ייִדישן מאָדערניזם...

מיר פלעגן צוהערן אָט די אָפּלאכערישע רייד, עמעצער פלעגט פּרוּוון אים אָפּענטפערן, אָבער וואָס צו ענטפערן איז ניט געווען. אין דער ייִדישער ליטעראטור האָט דאָך דעמלט בעעמעס געהערשט אזא שווערע בעסאלמען־שטילקײַט.

און פּלוצעם האָבן זיך אין דער דאָזיקער שטילקײַט ארײַנגעריסן גאָר אנדערע שטימען,

עס האָבן זיך באַוויזן ביכער, וואָס זײַנען געווען ליטעראַטור־געשעעניש. די ערשטע געשעע־ניש אַזאַ איז געווען צו יענער צײַט דאַוויד בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל".
עס געדענקט זיך אַ שיינער זוניקער טאָג פון אָנהייב־האַרבסט. ס'איז יאַמקיפּער, מיר האָבן זיך נאַרוואָס אַרויסגעריסן פון דער קליין־וואָסילקאָווער גאַס, וווּ עס ווימלט מיט זויערע, פּאַסטנדיקע ייִדן (דאָרט געפינען זיך די שולן). מיר זײַנען אַרויס אויף די דערבײַיִקע שטאָטישע גאַסן, מיר גייען דאָרטן אום אַ ראַשיקע כאָפּטע יונגען און עס דאַכט זיך, אַז מיר גייען גע־אַרעמט, אַזוי פּילן מיר זיך פעסט אָנגעקניפּט איינער אָנעם אַנדערן.
דאָס ניקאָלײַעווער סעדל באַגעגנט אונדז ווי זײַנע אַלטע פרײַנט. פון די ביימער פאַלן די רײַפע, איבער־רײַפע קאַשטאַנעס, זיי קײַקלען זיך איבער דער ערד און בעטן זיך אין די הענט אַרײַן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט שוין עמעצער פון אונדז זיכער זיך אָנגעבויגן און געגנ־מען קלײַבן זיי איינס נאָך איינס — אַ פולע קעשענע. הײַנט ליגט דאָס קיינעם ניט אין זינען. אָט נאַרוואָס האָבן מיר בײַ ראַכיל איסײַעווונען אין שטוב געלייענט דעם פרישן נומער „פרײַנט", און דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אַן אַרטיקל, וואָס האָט אונדז אַלעמען גאָר אויפגע־רודערט. ס'איז דאָס ערשטע אַרטיקל וועגן ד. בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל".
איך געדענק ניט, אַז עמעצער פון אונדז זאָל אַזוי שטאַרק זײַן באַגײַסטערט פונעם אינ־האַלט, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין דעם אַרטיקל. געגאַנגען איז עס ניט אין דעם. דאָס אַר־טיקל באַשטעטיקט אונדזער געפיל, אַז בערגעלסאָנס ערשטער בוך איז אַ געשעעניש אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָט דאָס איז געווען דער איקער.
איך וואָלט ניט זאָגן, אַז אין שוואַרצמאַנס סוויווע האָבן אַלע אויף איין אויפן אויפגענומען „אַרום וואָקזאַל", פאַרקערט, איך געדענק, אַז ס'איז געווען היפּשע כלוקעדייעס. בײַ אייניקע האָט בערגעלסאָן מער פאַר אַלץ אַרויסגענומען דערמיט, וואָס ער שינדט די הויט פון אָורעמטשיקל קויפמאַן און זײַן גלײַכנס. אַנדערע האָט מער צוגעצויגן דאָס פּאָעטישע, וואָס איז פאַראַן אין דעם בוך, און געווען אַזוינע, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דעריקער איז, וואָס ס'איז „אַנדערש". וואָס „אַנדערש" איז אפילו שווער געווען צו דערגיין. נאָר איינס איז געווען קלאָר: ס'איז ניט קיין אָרדנטלעכער בוך פון שימינס „וועלט־ביבליאָטעק", ס'איז אַן אַנטשלאָסענער קלאַפּ איבער דעם „ייִדישן דעקאַדאַנס".
מיר דאַכט, אַז באַלד נאָך יענעם יאָמקיפּער־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אָשער שוואַרצמאַנס פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט ד. בערגעלסאָנען, אַ באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט שטאַרק אַ שטויס געטאָן פאַרויס אָשער שוואַרצמאַנס ליטעראַרישע אינטערעסן. די באַגעגעניש מיט בערגעלסאָנען האָט זיך געצויגן דורכן גאַנצן 1910 און זיי האָבן באַשטימט געלייגט זייער שטעמפּל אויף שוואַרצמאַנס אַנטוויקלונג אין דעם יאָר.
אינגיכן איז אָשער שוואַרצמאַן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ צווייטער ליטעראַטור־געשעע־ניש: קיין קיִעוו איז געקומען י.־ל. פּערעצעס בוך „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".
איך וועל זיך ניט אונטערנעמען צו זאָגן גענוי, מיט וואָסערע ווערטער אָשער שוואַרצמאַן האָט אַרויסגעדריקט זײַן באַציִונג צו פּערעצן, איך קאָן אָבער ניט פאַרגעסן די פּײַערלעכע שטי־מונג, וואָס אָט די געשעעניש האָט אַרויסגערופן בײַ שוואַרצמאַנען.
די דאָזיקע שטימונג האָט זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן אויף דעם ליטעראַרישן אָוונט, וואָס איז דעמלט אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין דער „ייִדישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט". אויף דעם אָוונט האָט געוועלטיקט די גרויסע יוגנטלעכע מאַסע, וואָס האָט — ווער ווייסט, אויף וואָס פאַר אַן אויפן — פאַרפלייצט דעם זאַל. ס'איז ביכלאַל געווען אַן אַנדער אַטמאָספער איי־דער אויף די איבעריקע ייִדישע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען אין דעמלטיקן קיִעוו. ווײַזט אויס, אַז דערפאַר טאַקע האָט די פּאָליציי געוואָרפן אַ שטאַרקן כשאַד אויף דעם פּערעץ־אָוונט...
דער אָוונט איז פאַרלאָפן ניט גלאַט, מיט איבערײַסן און שווערע פּויזעס. עס געדענקט זיך דער מאָמענט, ווען די פאָרשטייער פון דער פּאָליציי האָבן אָפּגעשטעלט י.־ל. פּערעצן אינמיטן דער רעדע, געפאָדערט, דער רעדנער זאָל אויפהערן ריידן ייִדיש. י.־ל. פּערעץ האָט אים אָנ־געקוקט: ווי דען אַנדערש זאָל ער, פּערעץ, רעדן, אַז ניט ייִדיש? ס'האָט זיך געשאַפן אַ שווערע פּויזע. דער אוילעם איז שווײַגנדיק געזעסן אין זאַל, י.־ל. פּערעץ איז שווײַגנדיק געשטאַנען אויף דער טריבונע. דאָס געשטאַלט פון אָט דעם שווײַגנדיקן פּערעצן האָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן אויפן גאַנצן לעבן. געדויערט האָט עס ניט מער ווי אייניקע מינוטן, סאָפּקאָלסאָף איז מען מיטן פּאָליציי־מאַן דורכגעקומען. און פּערעץ האָט ווידער געגומען ריידן! דעם אינ־האַלט פון זײַן רעדע געדענק איך ניט. איך געדענק אָבער, אַז די רעדע האָט געמאַכט אַ סאַך מיט אַ סאַך מיספאַרשטייעניש, וועלכע האָבן דעמלט געשוועבט אַרום י.־ל. פּערעצעס נאָמען. איינע פון אָט די מיספאַרשטייענישן האָט געדרונגען, אַז פּערעץ איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ דעקאַדענט. אַלץ, וואָס ער שרײַבט די לעצטע יאָרן, זאָגט איידעס, אַז פונעם „אַמאָליקן

פּערעצן" איז גאָרניט געבליבן. דער „הײַנטיקער פּערעץ" האָט אײנמאָל פאַר אַלעמאָל אײַנ־געריסן מיט די באַנציע שוויַגס, אופגעהערט ריידן מיט דער שפּראַך פון סאָציאַלן פּראָטעסט, ער זוכט איצט אַ נײַע שפּראַך — יענע געהײמניספולע שפּראַך, וואָס איז באַקאַנט בלויז די דעקאַדענטן. אַזאַ מיספּאַרשטײעניש איז אין יאָר 1910 געוועזן גאַנץ היפּש פאַרשפּרייט און דאָס פלעג דריקן אָפּן געמיט פון שוואַרצמאַנען און זײַנע פרײַנט, וואָס האָבן בעשום־אופן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך צעשיידן מיטן „אַמאָליקן" י.־ל. פּערעצן.

דעם אָונט, ווען י.־ל. פּערעץ איז אַרויסגעטראָטן אין קיִעוו, איז געוואָרן קלאָר, אַז קיין שום מעכיצע צווישן „אַמאָליקן" און „הײַנטיקן" פּערעצן איז ניטאָ. ס'איז ניט מער ווי אַ בײַז־ווילִיקע אויסטראַכטעניש. און דער בעסטער באַווײַז איז געווען דאָס לעבעדיקע געשטאַלט פון י.־ל. פּערעצן, וואָס איז געשטאַנען אָף דער טריבונע. פאַר אונדזערע אויגן איז געשטאַנען דער אומבאַקאַנטער פּערעץ — דער שטורמער, דער ראַנגלער, דער קעמפער. דער שטראָם פון זײַן רעדע האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ קויעך, אַז זי האָט שוין גאָר אין די ערשטע מינוטן אַראָפּגע־שווענקט אַלע מיספּאַרשטייענישן. אָט דאָס זאָל עס זײַן פּערעץ דער דעקאַדענט? אָבער דע־קאַדאַנס האָט זיך דאָך אַלע מאָל אָנגעהויבן פון מאַכטלאָזיקײַט און ציללאָזיקײַט. י.־ל. פּערע־צעס געשטאַלט איז געווען באַשטראַלט פון ווײַטע צילן, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט, און זי איז געווען פול מיט גוורע פון אַ קעמפער, וואָס ווייסט ניט קיין אָפּשטעל אָפּן וועג צו אָט די צילן... ניין, קיין דעקאַדענט איז עס ניט. ס'איז י.־ל. פּערעץ, דער אַלט־באַקאַנטער י.־ל. פּערעץ.

דאָס שטאַרקסטע אין פּערעצעס רעדע איז געווען דער ריטם. יעדעס אײנציקע וואָרט איז געווען באַפליגלט פון אָט דעם אומגעווײנלעכן ריטם, וואָס האָט געלעבט אין פּערעצעס גאַנצן וועזן. און דערפאַר האָט זיך טאָקע גלײַך געשאַפן אַזאַ אײַנדרוק: עס רעדט זײַן גאַנצער וועזן, עס רעדט די טיפסטע טיף פון זײַן גײַסט. און באַגלייבט איז זײַן וואָרט דערפאַר געוואָרן — ביזן העכסטן גראַד באַגלייבט...

דער אײַנדרוק פון פּערעצעס אַרויסטרעטונג האָט אַ צײַט לאַנג ניט געלאָזט אונדז רוען. ס'איז אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער, און פאַר די אויגן איז אַלץ נאָך געשטאַנען פּע־רעצעס געשטאַלט, אין די אויערן האָט אַלץ נאָך געקלונגען פּערעצעס וואָרט. און ס'איז גע־ווען אַזאַ פעסטער געפיל: דאָס איז ניט בלויז ליטעראַטור, דאָס איז עפּעס מער...

אין שטאָט זײַנען אומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אינגיכן (נאָך דער רײַזע קיין בערדיטשעוו) וועט פּערעץ האָבן אין קיִעוו נאָך אײן עפנטלעכע אַרויסטרעטונג. נאָר מער ווי קלאַנגען זײַ־נען דאָס ניט געווען. פּערעץ, איז מען געווירע געוואָרן, קלײַבט זיך שוין אָפּפאָרן פון קיִעוו צוריק קיין וואַרשע. אָט דעמלט איז עס באַ אַשער שוואַרצמאַנען און זײַנע פרײַנט אופגעקו־מען אַ געדאַנק בײַצוזײַן אָפּן וואָקזאַל, בײַס מע וועט אַרויסבאַגלייטן פון קיִעוו י.־ל. פּערעצן. אָט ווי עס דערציילט וועגן דעם אײנער פון שוואַרצמאַנס יוגנט־פרײַנט אין אַ בריוו (גע־שריבן אין יאָר 1929):

„אויב דו געדענקסט, האָבן מיר זיך אַלע אין יענער צײַט באַצויגן מיטן גרעסטן ערעפּורכט צו פּערעצן. און איך דערמאָן זיך ווידער אַ פּאַל. פּערעץ איז געקומען קיין קיִעוו. פאַרשטייט זיך, מיר זײַנען געווען אָף זײַן פאָרלעזונג אין דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט", האַגאַם ס'איז אונדז אָנגעקומען מיט צאָרעס. אַז פּערעץ האָט געדאַרפט אוועקפאָרן, האָבן מיר זאַלבע־פערט באַשלאָסן גיין אָפּן וואָקזאַל אים באַגלייטן. פּערעץ האָט, אַפּאָנעם, באַמערקט, אַז סע דרייען זיך אַרום פיר באָכערים לעבן זײַן וואַגאָן. האָט ער זיך מיט אונדז געזעגנט, מיט יעדן באַזונדער. דער פאַקט איז אַוודע ניט אַזאַ באַדײַטנדיקער, נאָר ער באַווײַזט, אַז אַשער האָט פאַר פּערעצן געהאַט פיל ליבע און באַגײַסטערונג. מיר דאַכט, אַז מיר האָבן אַשערן אײַנגע־רעדט, ער זאָל טראָגן צו פּערעצן זײַנע לידער, נאָר ער האָט דאָס ניט געטאָן".

עלפטער קאַפּיטל

מיר דאַכט, דאָס איז געווען דעם זעלבן יאָר 1910: מיטאַמאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין קיִעוו געפינט זיך כ.־נ. ביאַליק.

קענטיק, דאָס איז פאָרגעקומען שוין נאָכדעם, ווי י.־ל. פּערעץ האָט געהאַט באַזוכט קיִעוו, וואָרעם עס געדענקט זיך, אַז אײניקע האָבן דעמלט געפּרוּווט פאַרגלײַכן אָט אָ־די צוויי באַ־זוכן: פּערעצעס און ביאַליקס. און פאַרגלײַכן איז דאָ ווירקלעך געווען וואָס — דער אונטערשייד האָט זיך גלײַך געוואָרפן אין די אויגן.

י.־ל. פּערעצעס אָנקום קיין קיִעוו איז גאָר פון דער ערשטער מינוט געווען א געזעל־שאַפטלעכע אַקציע. צו דעם האָט פּערעץ געשטרעבט, און דאָס האָט ער דערגרייכט. געקומען קיין קיִעוו, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן אין רעשוס פון דער ברייטער לייענער־מאַסע, וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אים, און אַט דעם קאָנטאַקט מיט דער מאַסע האָבן ניט געקענט צעשטערן אַפילו די גרויסע באַמיִונגען פון דער קיִעווער פּאָליציי.

אַנדערש איז פאַרלאָפן ביאַליקס באַזוך אין קיִעוו. דאָ האָט אַלעס געטראָגן אַן אונטער־געשטראָכן פּריוואַטן כאַראַקטער. מעגלעך, אַז ערגעץ צווישן די „פּניי״ פון די קיִעווער צוקער־מאַגנאַטן האָט ביאַליק געהאַט וועלכע־עס־איז באַגעגענישן, אָבער קומען צו דער ברייטער מאַסע האָט ער, ווי־זיך אויס, קיין איבעריקן כיישעק ניט געהאַט.

אַט אין אַזאַ אַטמאָספער איז פאָרגעקומען אַשער שוואַרצמאַנס באַגעגעניש מיט ביאַליקן. געקענט האָבן זיי זיך נאָך פון לאַנג, ווען אַשער שוואַרצמאַן האָט געוווינט אין דאָרף, וווהין עס פלעג פון צײַט צו צײַט אַראָפּקומען כ.־נ. ביאַליק. איצט האָבן זיי זיך באַגעגנט ווידער. ביאַליק איז צו דער צײַט שוין געוואָרן א באַדײַטנדיקע ליטעראַרישע פיגור, אָבער פאַר אַשער שוואַרצמאַנען איז ביאַליק געווען ניט בלויז א ליטעראַטור־פּראָבלעם.

איך דערמאָן זיך, אַז דער פאַרשטאָרבענער ראַבינאָוויטש פלעגט זאָגן: „איך האַלט פון ביאַ־ליקן דערפאַר, וואָס ער האַלט ניט פון אונדז״. געקלונגען האָט עס ווי א פּאַראַדאָקס, נאָר א געוויסער זין האָט געשטעקט דערין. ביאַליק איז געווען פול מיט אומגלויבן אינעם פאָלק, אין אונדזער יוגנט. און גראָדע אַט דער אומגלויבן זײַנער האָט עס אויסגענומען בא דעם אַפּלאָ־כער רוווון ראַבינאָוויטש. אָבער ניט אַלע אין שוואַרצמאַנס סוויווע פלעגן אַזוי אופנעמען ביאַליקן.

צו יענער צײַט פלעגט ביאַליק האָבן א גאַנץ מאָדנע ווירקונג. מענטשן שוואַכע, מיט גע־בראָכענעם ווילן, מיט געפּאַלענעם מוט, האָט ביאַליקס וואָרט אופגעהויבן פון זייער געפאַלנ־קײַט, געשטאַרקט זיי, פאַרהאַרטעוועט זיי. גאָר אַנדערש איז געווען ביאַליקס ווירקונג אויף שטאַרקערע מענטשן. זיי האָט זײַן וואָרט, פאַרקערט, נידערגעשלאָגן מיט דער פאַרצווייפלונג, מיט דער האָפענונגלאָזיקײַט, מיט דעם אומגלויבן, וואָס האָט ניט געוואָלט שאַנעווען קיינעם, גרייט געווען אַלעמען גלײַך שטעלן צום שאַנד־סלופּ פאַר אָנמאַכט און ווילנלאָזיקײַט.

ווער־ווער, אָבער אַשער שוואַרצמאַן, ווי דאָס האָט באַוויזן דער גאַנג פון זײַן ווײַטערדיק לעבן, האָט דאָך שוין געוויס ניט געהערט צו יענעם מין מענטש, אויף וועמען עס האָט זיך געזאָלט באַציִען ביאַליקס אומגלויבן. איז דערפאַר בא אַשער שוואַרצמאַנען — אַפילו אין זײַנע יוגנטלעכע יאָרן — די באַציִונג צו ביאַליקן געווען א דאָפּלטע: אי עס האָט אים געצויגן צו ביאַליקן, אי עס האָט אים אָפּגעשטויסן פון אים, ס׳האָט זיך געפילט, אַז ביאַליקס אומגלויבן דריקט שווער אויף אַשערס געמיט, און — באַוווסטזיניק אָדער ניט באַוווסטזיניק — זוכט שוואַרצ־מאַן, אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, ער זוכט א שטיצע פאַר דעם גלויבן אין מענטשן, וואָס איז געלעגן בא אים טיף אין דער נאַטור.

איך געדענק, ווי אַשער פלעגט לייענען ביאַליקס „אַכיין כאַציר האָאָם״. די ערשטע שו־רעס פון ביאַליקס ליד פלעגן אַליין פון זיך אַראָפּקײַקלען זיך פון אַשערס ליפּן. און מער ווי עטלעכע שורעס האָט ער ניט געלייענט. געפילט האָט זיך אָבער, אַז די ליד האָט ביז גאָר געטראָפן אים, און אַט הערט ער זיך ווידער און ווידער אײַן אין דעם קלאַנג פון ביאַליקס ווערטער, ווי ער וואָלט פרעגן בא זיך: איז עס טאַקע אַזוי ווי ביאַליק מאָלט עס אויס? איז טאַקע דאָס פאָלק אונדזערס א פאַרוועלקטע בלאַט? האָט עס טאַקע אויסגעהויכט, ביז לעצט אויסגעהויכט זײַן גאַרע ווילנסקראַפט? קאָן זײַן, אַז שוין דעמלט האָט אַשער שוואַרצמאַן גע־פילט, ווי

אונטער פעלדזן, הער איך, רינט
און ריזלט פריש א שטראָם...

האָט ער דעריבער ניט געקענט שאָלעם מאַכן מיט ביאַליקס פאַרצווייפלונג.

די פּערזענלעכע באַגעגעניש מיט ביאַליקן אין קיִעוו אין יאָר 1910 האָט קיין נײַס אין דעם פראַט ניט געגעבן. אוודאי איז אַשער שוואַרצמאַן געווען פול מיט באַוווּנדערונג פאַר דער גרויסער דיכטערישער קראַפט, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אין ביאַליקס פּערזענלעכקײַט, אַשער האָט ווידער און ווידער דערציילט זײַנע פרײַנט, ווי ביאַליק קאָן אויסהערן א דיכטער, ווי ער קאָן פון איין־איינציקער שורע דערהערן אַלץ, מיט וואָס עס לעבט א מענטשלעך הארץ (דאָס האָט זיך באַשטעטיקט אויך אין דעם פאַל, ווען ביאַליק האָט אויסגעהערט אַשער שוואַרצ־מאַנס ביז גאָר קורצע ליד „א שטראַל פון דער זון״, וועלכע האַלט מער ניט ווי פיר שורעס). דערציילט האָט אַשער אויך וועגן ביאַליקס אייגנאַרטיקן רייד־נוסעך, וואָס שפּרודלט מיט פאַע־

טישע בילדער. אזוילכע, און נאָך ענלעכע אויסדרוקן פון אַשער שוואַרצמאַנס פאַרערונג פאַר ביאַליקן האָב איך דעמלט געהערט ניט ווייניק. און דאָך, געדענקט זיך, איז אַשער שוואַרצמאַן געקומען פון אַט דער באַגעגעניש ניט קיין פריילעכער, אפילו — וואָלט איך געזאָגט — א פאַרומערטער.

כ.־נ. ביאַליק האָט פאַרלאָזט קיִעוו, און עפּעס מאָדנע גיך זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן אַלע שפּורן פון אַט דער באַדײַטנדיקער ליטעראַרישער געשעעניש. נאָר אַ נײַער נאָמען איז דעמלט מיטאַמאָל אויפגעשווומען אין שוואַרצמאַנס סוויווע — דער ניסטער. ביז דעמלט, דה. ביזן יאָר 1910, האָבן ניסטערס ווערק קיין אָפּקלאַנג אין שוואַרצמאַנס סוויווע ניט באַקומען. אייניקע פון אונדז האָבן שוין געהאַט געלייענט עפּעס־וואָס זײַנס, — דאַכט זיך, „העכער פון דער ערד” — נאָר באַנעמען, אין וואָס עס גייט דאָ, זײַנען מיר ניט געווען אימשטאַנד און, דעם עמעס צו זאָגן, מע האָט זיך אויך ניט געגעבן די מי זיך אײַנצוטראַכטן אין דעם בוך. אין יאָר 1910 איז דערשינען אין קיִעוו דער „יידישער אַלמאַנאַך” — דער ערשטער זאַמלבוך, וואָס מע האָט דעמלט געפּרוווט אַרויסגעבן אין קיִעוו. מע האָט אין דעם זאַמלבוך איבערגעלייענט ד. בערגעלסאָנס „טויבן”, וואָס האָט ענדגילטיק איבערצײַגט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ באַזונדערער בערגעלסאָנישער אַרט שרײַבן, נאָר אַז ס׳איז פאַראַן אויך אַ באַזונדערער ניסטערישער אַרט שרײַבן, האָבן מיר דעמלט ניט געוווּסט. מע האָט ניט אויפגעהערט צו פרעגן: ווער איז עס אָט דער מענטש, וואָס קומט אין דער ליטעראַטור מיט אַזאַ ליריש באַהאַרצטער וועלט־באַגריסונג:

איך וויל ניט זײַן אַליין,
איך וויל ניט זײַן באַזונדער,
כ׳וויל מיט דיר איינייִנעם זײַן,
גרויסער־גרויסער וווּנדער...

דער „גרויסער וווּנדער” — אַזוי האָט באַצייכנט ניסטער דעם פרילינג. און באַזונגען האָט ער דעם פרילינג מיט אַזאַ צאַרטער לירישקייט און מיט אַזאַ שטאַרקייט פון אָפּטימיסטישן טאָן, אַז די פּאָעמע האָט גלײַך אַ ציִ געטאָן צו זיך אַשער שוואַרצמאַנען. ס׳וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז פונדאַנען האָט אַשער שוואַרצמאַן געשעפּט דעם מאָטיוו „פרילינג”, וואָס פאַרנעמט אַזאַ אָרט אין זײַן דיכטונג. דער מאָטיוו „פרילינג” איז אָן שום ספק שוואַרצמאַנס אייגנס, ס׳איז אַ מאָטיוו, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין דער טיף פון זײַן פּאָעטישן וועזן. מעגלעך אָבער, אַז ניסטערס פּאָעמע „פרילינג” האָט געהאָלפן שוואַרצמאַנען צו אַנטפּלעקן אין זיך דעם דאָזיקן מאָטיוו. און ווי אַלע מאָל בײַ שוואַרצמאַנען: קוים האָט ער אָנגענומען אַ דיכטעריש ווערק, איז מיט לײַב און זעל, האָט דאָס ווערק שוין געזונגען אין אים. פלעגט ער אומגיין און כאַזערן אָף אויסווייניק:

איך וויל ניט זײַן אַליין,
איך וויל ניט זײַן באַזונדער,
כ׳וויל מיט דיר איינייִנעם זײַן,
גרויסער־גרויסער וווּנדער...

צוועלפטער קאַפּיטל

דאָס יאָר 1911 איז, ווידליק איך געדענק, געווען פאַר אַשער שוואַרצמאַנען און אַלע זײַנע פרײַנט אַ יאָר פון האַרבע באַשלוסן. אין יענעם יאָר, דאַכט זיך, האָט דאַוויד האָפּשטיין פאַרלאָזט קיִעוו. ער איז אָנגעקומען אין דער אַרמיי און האָט געדינט זײַן קורצטערמיניקע דינסט ערגעץ ווײַט אָף קאַווקאַז. ס׳האָט פאַרלאָזט קיִעוו אויך בערעך גלאַזמאַן, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט כײַשעק פאָרן קיין אַמעריקע. ס׳האָבן זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט די יונגען פון „לאַבאָראַטאָרנע”. מיטאַמאָל זײַנען ניט געבליבן ניט ראַבינאָוויטש, ניט דער מאַקאַרעווער זינגער. געווען דאָרטן, אָף „לאַבאַראַטאָרנע”, צוויי ברידער — יאַמפּאָלסקי, — די סאַמע באַר טראַקטע און באַזעסענע פון שוואַרצמאַנס יוגנט־פרײַנט, — זײַנען זיי אויך אָפּגעפאָרן קיין פאַריזש.

דאָס יאָר איז געווען פול מיט געזעגענישן. אָט, געדענקט זיך, הייבן מיר אָן אַרויסבאַגלייטן אין ווײַטן וועג אַרײַן בערעך גלאַזמאַנען. ס׳האָט זיך פאַרגעדענקט דער טאָג, ווען מיר גייען — אַשער, גלאַזמאַן און איך — זיך פאָטאָגראַפירן. נאַטירלעך, איז דער גאַנג אויסערלעך אַ פריילעכער גאַנג, מע הערט ניט אויף צו ווערטלען זיך, אָבער דער צעשיידונגס־געפיל דרינגט

ארײַן אויך אין דער דאָזיקער לוסטיקער ווערטלערײַ, ער באַפאַרבט אַלץ, וואָס ווערט געזאָגט, און נאָך מער דאָס, וואָס ווערט ניט געזאָגט.

אָן אַנדערש מאָל, געדענקט זיך, באַגעגן איך אַשער שווארצמאַנען אין גאַס. לויט זײַן מיד־לעכן אויסדרוק שטויס איך זיך אָן, אַז ער גייט פון ערגעץ ווײַט. נו, יאָ, דאָס גייט ער פונעם וואָקזאַל, ער האָט שוין ווידער עמעצן באַגלייט (דאַכט זיך, דעם „מאַקאַרעווער זינגער").

פון אָט די אַרויסבאַגלייטענישן פלעגט אַשער קומען אין אַ גאַנץ שווערער שטימונג. עס האָט זיך געפילט, אַז יעדער פאַל, ווען עס פאָרט אַפּ עמעצער פון זײַנע יוגנט־פרײַנט, רו־דערט אויף אַשער שווארצמאַנס געדאַנקען, פאַרפלייצט דעם קאָפּ מיט שווערע מאַכשאָוועס...

און ווירקלעך: ווער זײַנען זיי געווען אָט אָ־די אַפּפאָרנדיקע: די שטאַרקערע צי די שוואַכערע? וואָס האָט באַטײַט זייער אַפּפאָר: מוט צי אוממוט?.. קאָן זײַן, זיי נאַרן זיך אָפּ, זיי פאָרן פון שווערס צו שווערערס? און קאָן זײַן, עס וואַרט אַף זיי דאָרטן, אין די ווײַטע לענדער, בע־עמעס אַ שיין און גרינג לעבן?..

קיין ענטפער אַף די דאָזיקע פראַגן איז ניט געווען. און ס'איז אויך קיין ענטפער ניט געווען: ווי וועט גיין ווײַטער זײַן, אַשערס, אייגענע לעבן? שוין זשע וועט ער בלײַבן באַם שטונדן געבן נאָך אַף יאָרן און יאָרן?

אויסערלעך איז דערווײַל אַלץ געגאַנגען, ווי פריער. אַשער האָט פון צײַט צו צײַט גע־שריבן לידער, געלייענט זיי פאַר זײַנע פרײַנט, געלייענט, וואָס די פרײַנט האָבן אָנגעשריבן נײַס. ער פלעגט אַלץ אָפּטער קומען אַ באַגײַסטערטער פון זײַנע באַגעגענישן מיט אַרקע קוש־ניראָוון.

קושניראָוו האָט דעמלט נאָך מער זיך פאַרפעסטיקט אין זײַן נייגונג צו געזעלשאַפטלע־כער סאַטירע. ער האָט געשריבן איינס נאָך איינס נײַע סאַטירישע לידער, אַרויסגעשטעלט אַ גאַנץ בינטל פאַרשוינען, וועלכע אײַלן זיך אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַמאָליקע „פרײַדנקערײַ" און פלײַסן זיך ווידער ווערן „צו גאָט און צו לײַט". איינע אַ ליד האָט דערציילט וועגן אַזאַ אַרט „קעמפער":

דאָס שווארצע סאַטינענע העמדל
האָט ער אַף אַ סורדוט פאַרביטן,
ווי נאַר ר'איז פון „שלאַכטפעלד" געקומען,
און לאַנג זיך ניט לאָזנדיק בעטן,
פאַרקנאַסט זיך און נאַדן גענומען...

ווײַטער דערציילט די ליד, ווי דער געוועזענער „קעמפער" האָט אַרויסגעטראָגן די פּאָלי־טישע ליטעראַטור אַפּן בוידעם, „זאָל וואַלגערן זיך פאַר אַ זייכער", און אַליין האָט ער גע־פאָלגט דעם רײַכן שווער און „געוואָרן אַ סויכער".

די ליד האָט שווארצמאַן געקענט אַף אויסווייניק, ער פלעגט זי לייענען הויך, אַף אַ קאָל, און מיט אַזאַ אינטאָנאַציע, ווי ער וואָלט שלאָגן איבער טעמפּע, שטאַרק־פאַרהאַסטע קעפּ...

קאָן זײַן, די דאָזיקע ליד האָט אַרויסגערופן בײַ שווארצמאַנען אַ באַזונדער געפיל דער־פאַר, ווײַל זי פלעגט — לויטן קאָנטראַסט — אויפשטעלן פאַר זײַנע אויגן דאָס געשטאַלט פון זײַן עלטערן ברודער, דאָווידן, אַן עכטן קעמפער, וואָס האָט קיינמאָל, בײַ קיינע אומשטענדן דאָס שלאַכטפעלד ניט פאַרלאָזט.

אַז אַשער האָט אַ ברודער אַ רעוואָליוציאָנער, האָב איך שוין לאַנג געוווּסט. נאָר געזען האָב איך אים בלויז פאַרבײַגייענדיק. ער פלעגט זיך זעלטן באַווײַזן אינאיינעם מיט אַשערן, און פיגורירט האָט ער דערבײַ ווי אַ מאָלער, אַ שילער פון דער קיִעווער מאָלערײַ־שול. אַשער פלעגט זעלטן־ווען ריידן וועגן אים. מעגלעך, דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דער ברו־דער איז געווען פאַרקאָנספּירירט, און, מעגלעך, דערפון, וואָס אַשער האָט ביכלאַל ווייניק־וואָס גערעדט וועגן זאַכן, וועלכע ער האָט נאָך אַליין פאַר זיך ניט געהאַט באַשלאָסן. און אין דער באַציִונג צום עלטערן ברודער איז געווען — אַזוי דאַכט זיך מיר — עפּעס אַזוינס, וואָס אַשער האָט אַליין פאַר זיך ניט געקענט באַשליסן.

אַשער האָט געקענט דעמלט ווי־ניט־איז, מיט אַ שפּאַסיק וואָרט, אָוועקמאַכן ראַכיל איסײַ־עוונעס רייד, בייס זי האָט געהאַט אַ טײַנע, האַלעמײַ זײַן געזאַנג איז ניט מער ווי אַ געזאַנג וועגן מיידלעך, אָבער ווי וואָלט געווען, ווען מיט דער זעלבער טײַנע וואָלט אַרויסטרעטן אויך זײַן עלטערער ברודער, דאָווידן?

איך האָב דעמלט געהערט דערציילן, אַז דער ברודער איז באַקאַנט מיט אַשערס לידער, אַז קיין סיכסוכים אַף דעם באָדן איז בײַ זיי קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. און דאָך האָט אַשער דעמלט געפילט אַף זיך דאָס שטענדיק וואַכע אויג פון זײַן ברודער, און מיר דאַכט, דאָס האָט

אים אָפּטמאָל געבראַכט אין אַ געוויסער פאַרלעגנהייט. קאָן זײַן, דערפאַר איז ער געווען אַזוי פריידיק־געשטימט, בייס ער איז געקומען צום ערשטן מאָל (אין יאָר 1911) מיט זײַן ליד „ס'זײַנען וואָלקן אָנגעשוואָומען". עפּעס אַן ענטפער דעם ברודער איז דאָ שוין געווען. „מוט צו טאָט און לעבן" — אַזוי האָט געהייסן דער ענטפער. און געקלונגען האָט עס ניט בלויז ווי אַ ווענדונג צו זיך אַליין, ס'איז געווען אַ ווײַטגייענדיקער רוף, — דער ערשטער רוף, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין שוואַרצמאַנס דיכטונג. און שוין אָט דער ערשטער רוף, — ווי ווײַט ער איז אַוועק פאָרויס אין פאַרגלײַך מיט דעם אַלעמען, וואָס עס האָט דעמלט פאַרמאָגט די ייִדישע דיכטונג.

אַלע זײַנע פרײַנט האָבן געפּילט: מיט דער ליד איז אַשער אַריבערגעטראָטן עפּעס אַ שוועל. זי האָט אַשערן אַרײַנגעפירט אין דעם עטאַפּ פון דיכטערישער רײַפקייט. איז שוין קיין וווּנדער ניט געווען, וואָס באַלד דעם נאָך דעם איז געקומען די ליד „פון דער ווײַטקייט" — אויך דאָס איז געווען אַ מין סאַכאַקל־ליד. אויך דאָ האָט די שורע וועגן דער „שטאָלצער ליד פון לעבן" געקלונגען ווי אַ ווײַטגייענדיקער רוף, וואָס איז געווענדט ניט בלויז צו זיך אַליין. און אַפילו דער ליבע־מאָטיוו האָט איצט אַ קלונג געטאָן אַנדערש אין דער ליד „און ס'וואָלט באַנאַכט דעם סאָד די ערד". אויך דאָ האָבן די שורעס געהאַט עפּעס אַ באַזונדערן בײַקלאַנג: ס'האָבן זיך דאָ געלאָזט הערן ליריש־באַפאַרבטע, אָבער שטײַף־אויסגעדריקטע דעוויזן, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער אים, דעם דיכטער אַשער שוואַרצמאַן, און האָבן געהאַט דאָס זעלבע רעכט צו געוועלטיקן אויך איבער אַנדערע דיכטער.

אַשער שוואַרצמאַנס ווענדונג, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין די דאָזיקע לידער פון 1911, האָט געקענט ווערן אַ ווענדונג פאַר אַ גאַנצן שטראָם ייִדישער דיכטונג פון יענער צײַט. און אָט פונקט האָט זיך דער פאָדעם פון זײַן דיכטערישער אַנטוויקלונג געטאָן אַ ריס. עס האָבן זיך געשאַפן אומשטענדן, וואָס האָבן אויף אַ לאַנגער צײַט צוגענומען בײַ אים די מעגלעכקייט צו זײַן טעטיק אַלס אַ דיכטער. אָן אַנדער, גאָר אַן אַנדער מין טעטיקייט האָט מיטאַמאָל אײַנגעשלונגען זײַנע יאָרן און טעג. ס'איז געקומען די צײַט, ווען אַשער שוואַרצמאַן האָט געזאָלט זיך אָפּזונדערן פון דער גאָרער וועלט און אויף יאָרנלאַנג פאַרשפּאַרט ווערן אין דער קאַזאַרמע פון די צאַרישע צײַטן...

אין יענע יאָרן איז געווען אַזאַ אײַנפיר: יונגען — פּריזיוויניקעס הייבן זיך אָן געזעגענען מיט זייער היים נאָך גאָר פרי, אַ פאָר כאַדאָשים פאַרן פּריזיוו. נאָך דעמלט פּרעסירן זיי די אַרבעט, זיי גייען אום בינטלעכווײַז, זיי מאַכן אָן אָנשטעל פון אויפגעלייגטקייט, זאָרגלאָזיקייט. אַשערס דעמלטיקע האַלטונג איז געווען ווײַט פון אַזעלכע אָנשטעלן. ער האָט געוווּסט, קלאָר געוווּסט, אַף וואָס ער גייט. נאָר געהאַלטן האָט ער, אַז דאָס איז אַ מוז, טאָן אַנדערש איז אונטער דער מענטשלעכער ווירדע. און ניט נאָר ער אַליינער האָט אַזוי געטראַכט אין שוואַרצמאַנס סוויווע. ס'איז דאָך געוויס קיין צופאַל ניט, וואָס אין דער סוויווע אַרום אַשערן טרעפן מיר אַזוי אָפט דאָס זעלנער־געשטאַלט. דאָס דאָזיקע זעלנער־געשטאַלט זעט אַשער אַרום זיך נאָך אין דער פּריזער יוגנט, אין יאָר 1904, ווען זײַן עלטערער ברודער, דאָוויד, גייט אַוועק דינען אין דער אַרמיי. אין יאָר 1911 גייט אַוועק דינען דאָוויד האָפּשטיין, אין יאָר 1911 ווערט אַ סאָלדאַט אַרקע קושניראָוו. אין יאָר 1913 — האָפּשטיינס ברודער — וועלי — אַשער שוואַרצמאַנס אַ פרײַנט פון די קינדער־יאָרן. אין זעלבן יאָר גייט אַוועק דינען אויך אַשערס ייִנגערער ברודער.

אַשער שוואַרצמאַן האָט ניט געוואָלט — ער האָט עס קיינמאָל ניט געקאָנט — טראַכטן, אַז ער האָט רעכט אַף באַזונדערע פּריווילעגיעס. האָט ער באַשלאָסן, אַז ער גייט דינען, און דער גאַנצער האַרבסט 1911 איז געווען בײַ אים פול מיט אָט דער שטימונג. יענעם האַרבסט האָט ער קיין סאַך נײַע לידער ניט אָנגעשריבן, ער פּלעגט בלויז מיט אַ באַזונדערן שווערפאַלנדיקן טראָפּ לייענען זײַנע פריִער אָנגעשריבענע לידער. און געווען איז דאָך צווישן זיי אײַנע גאָר אַ מאָדנע ליד. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

שוועסטער, שוועסטער, ס'איז מיר פּלוצעם
שווער געוואָרן אָפּן האַרצן,
גלײַך ווי דאָרט, וווּהין מיר גייען,
וואַרט דער טויט אין אָנטאָן שוואַרצן...

ס'איז געווען ניט פאַרשטענדלעך: פונוואַנען נעמט זיך עס צו אַשערן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַזוי פעסט און אַנטשלאָסן, אַזאַ שווערער פאָרגעפיל?..

דרײַצנטער קאַפּיטל

דאָס איז געווען אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דעם, ווי מיר האָבן אַרויסבאַגלייט פון קיִעוו אַשער שוואַרצמאַנען. פאַר דעם האַלבן יאָר האָב איך שוין אויך באַוויזן צו פאַרלאָזן קיִעוו. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, דאָרטן שטודירט מעדיצין. און דאָרטן טאַקע האָב איך באַקומען פון שוואַרצמאַנס אַ יוגנט־פרײַנט, וועלכער איז פאַרבליבן אין קיִעוו, אַ בריוו, וואָס האָט דעמלט זייער שטאַרק אויפגערודערט מײַן געמיט. אָט איז דער בריוו:

קיִעוו 10/5 1912.

טײַערער ניוקע! דײַן קאַרטל האָב איך, פאַרשטייט זיך, דערהאַלטן און ענטפער דיר ערשט איצט. פריִער האָט זיך עפּעס ניט געשריבן און ס'איז טאַקע ניט געווען וואָס צו שרײַבן. איצט וועל איך דיך פריִער פאַר אַלץ בעטן, אַז דו זאָלסט צושיקן דײַן „פּראָזע". זי אינטערעסירט מיך עפּשער אַזוי ווי דיך. הײַנט דאַרף איך דיר איבערגעבן אַ גאַנצן פּלאַן, וואָס איז דאָ בײַ אונדז געבאָרן געוואָרן. דו געדענקסט דעם פּאָדאָלער „פּריקאַזטשיק", אַרקע, דעם, וואָס האָט אָנגעשריבן די ליד וועגן דער קאַראַקולנער קאָפּטע? געוויס געדענקסטו אים. ער איז בײַ מיר געווען אַ פּאָר מאָל און האָט מיר איבערגעלייענט עטלעכע זײַנע נײַע שירים. זאָג איך דיר, האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע שירים — מעכײַעדיקע! אייניקע וועל איך דיר אַרײַנלייגן אין דעם בריוו, נאָר, צום באַדויערן, זײַנען די בעסטע, אַ ציקל לידער „פון מײַן שטעטל", ניטאָ בײַ מיר. האָט ער פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן צונויפשטעלן און אַרויסגעבן אויפן אייגענעם כעזשבן אַ זאַמלבוך, וווּ ס'זאָלן אַרײַן דײַנע, אַשערס, זײַנע און עליק ציִאַנאָווסקיס שירים און, אויב ס'וועט זײַן מעגלעך קריגן, עפּעס פּראָזאַישס. ער אַליין האָט אַ פּלאַן פון אַ דערציילונג און עפּשער דײַן דערציילונג, אויב זיי וועלן טויגן, פאַרשטייט זיך. דערעכאַגעוו דאַרף איך באַמערקן, אַז בײַ ציִאַנאָווסקין זײַנען אויך דאָ גוטע שירים, לויט מײַן מיינונג, פאַרשטייט זיך. און אים געפעלט אויך דער פּלאַן. איז די מעניִע אין געלט, אין אַשערן און אין דיר. איך רעכן, אַז אַשער און דו וועט איר אײַנשטימען, נאָר אײַנגאַנצן די זאַך איז, ווי ס'ווײַזט אויס, אין געלט. האָט מען באַקלערט, אַז אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך פון אַן ערעך 50 בלעטלעך און אַן ערעך 300 עקזעמפּליאַרן דאַרף קאָסטן אַן ערעך 40—50 רובל. איך שרײַב אַלץ „אַן ערעך", ווײַל מיר ווייסן ניט גענוי — מיט קיין טיפּאָגראַפיע האָבן מיר ניט גערעדט, נאָר אַזוי וועט דאָס זײַן. איז ווי זשע קריגט מען עס אַזויפיל געלט? נאָר, דו פאַרשטייסט, איין זאַך מאַכט אַ ביסל גרינ־גער — דאָס, וואָס אַז מ'קוקט זיך אַרום, זעט מען, אַז ס'איז ניט אַזויפיל געלט. מיר רעכענען, נעמענדיק אין אַכט דאָס, וואָס אַשער איז אין מאַטעריעלן זין אומבאַהאָלפן. און יענע צוויי זײַנען, דאַנקען גאָט, אויך ניט קיין גרויסע נעגידים, און דו ביסט בײַ אונדז דער איינציקער גוויר אין דער מישפּאָכע, כאָטש אַז אָך און וויי צו דײַן גווירעשאַפט, אַז דו זאָלסט געבן אויף דער אונטערנעמונג 25 רובל. אויפן איבעריקן וואָלטן זיי זיך שוין צוגעמוטשעט. איך פאַרשטיי, אַז פאַר דיר איז דאָס גאַנץ שווער, אָבער פונדעסטוועגן, רעכן איך, גרינגער ווי פאַר זיי. און נעמענדיק אין אַכט, אַז אַזאַ אונטערנעמונג איז זייער ווינטשנד, וואָלסטו זיך געדאַרפט אַ סטאַרע טאָן. און איך רעכן, אַז די דאָזיקע אונטערנעמונג איז זייער ווינטשנד. איר אַלע פיר זײַנט, נאָך מײַן מיינונג, ווערט, אַז מ'זאָל אײַך דרוקן. און אַפילו ניט נאָר ווערט, נאָר מ'דאַרף אײַך טאַקע דרוקן..."

דער בריוו פון קיִעוו האָט מיך דעמלט, געדענק איך, שטאַרק אויפגערודערט. אָנשרײַבן אַן ענטפער די קיִעווער פרײַנט, צוזאָגן זיי, אַז אָט באַלד, בײַ דער ערשטער מעגלעכקײַט, שיק איך אַרויס די געווונטשענע סומע — דאָס איז געווען צו ווייניק. ס'האָט זיך געוואָלט טאָן עפּעס מער, אַ סאַך מער. האָב איך באַשלאָסן: אַראָפּפאָרן צו אַשער שוואַרצמאַנען, אַ רעד טאָן מיט אים וועגן דעם פּלאַן פון אונדזערן אַ זאַמלבוך. אַ געלעגנהײַט איז געווען ניט שווער צו געפינען. ס'איז גראָדע געווען זומער־צײַט, דאָס לערניאָר איז געגאַנגען צו ענדע. איך האָב סײַווי אויף אַ כוידעש־אָנדערהאַלבן געזאָלט פאָרן אַהיים, קיין רוסלאַנד. איז געווען גאַנץ נאַ־טירלעך, אַז אונטערוועגס, בײַ דער גרענעץ, וועל איך אַראָפּגיין אין קאַליש און וועל זיך דורכשלאָגן עפּעס אַ וועג צו דער קאַזאַרמע, ווו עס זיצט פאַרשפּאַרט אַשער.

געקומען קיין קאַליש, בין איך אַרויס פון צוג און האָב געלאָזט זיך זוכן די קאַזאַרמע פון דעם „14־טן מאַלאָראָסישן דראַגונער פּאָלק". די קאַזאַרמע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, געפינט זיך אין סאַמע מיט שטאָט, אָבער שוואַרצמאַנען האָב איך דאָרט ניט געטראָפן. דעם טאָג איז ער נאָך פון אינדערפרי אָן געווען אין פעלד. אַוועק „אויף דזשיגיטאָווקע" — אַזוי האָט עס געהייסן בײַ די עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען מיר אַנטקעגן געקומען אין הויף פון דער קאַזאַרמע. אַלע האָבן זיי געקענט שוואַרצמאַנען, אַפילו געהאַלטן פון אים, און די דאָזיקע באַציִונג האָט זיך באַלד אַריבערגעטראָגן אויף מיר. ס'האָט ניט געדויערט קיין סאַך צײַט, בין איך שוין געווען

ארומגערינגלט מיט א גאנץ בינטל „פרײַנט". שווארצמאנס גאסט איז אויך זייער גאסט — האָבן זיי מיר געגעבן צו פארשטיין.

מיטיק־צײַט, ווען שווארצמאן האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, איז אים טכילעס זייער געפעלן געוואָרן, וואָס ער טרעפט מיך אן ארומגערינגלטן מיט אזויפיל „פרײַנט". ער איז אפילע גרייט געווען, מיר זאָלן אויך ווײַטער פארברענגען צוזאמען. ער האָט ביכלאל די ערשטע פאָר שאָ געוואָלט מיך איבערצײַגן, אז ער פילט זיך צו פרײַ, אינגאנצן פרײַ. און לעבן לעבט זיך אים, האָט עס געזאָלט הייסן, אויסגעצייכנט...

אזא טעווע האָט ער שטענדיק געהאַט: אים פלעגט מאמעש א שוידער טאָן, ווי נאָר עס פלעגט זיך אים דאכטן, אז ער קען אף א רגעע ווערן דער אָביעקט פון עמעצנס מיטלײַד... האָט ער אויך דאָס מאָל געהאלטן זיך צופיל מונטער. ערשט שפּעטער, ווען ס'האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן א דערלויבעניש אף אייניקע שאָ צו פארלאָזן די קאזארמע, האָט ער ביסלעכווײַז אראָפּגעוואָרפן פון זיך אָט אָ־די איבערגעטריבענע מונטערקײַט.

מיר זײַנען געגאנגען איבער די קאַלישער גאסן, און דאָס ערשטע, וואָס אָשער האָט געוואָלט מיר ווײַזן, איז געווען דער מארשרוט, מיט וועלכן ער איז אָקאָרשט הײַנט אינדערפרי געפאָרן אף „דזשיגיטאָוועקע".

דעם דאָזיקן מארשרוט מאכט ער דורך קימאט יעדן טאָג, און איינעם א טאָג — אזוי האָט ער מיר דערציילט — האָט ער, זיצנדיק אפן פערד, אָנגעשריבן א ליד:

שיין איז דײַן געשטאלט
פײַנער באָכער־העלד,
און דײַן פערד די טריט
אף דער ערד פעסט שטעלט...

די ליד האָט מען געקענט אופנעמען פארשיידנערליי: אז מע וויל, קען מען דאָ הערן א ביסל איראָניע אויך. דער דאָזיקער האלב־איראָנישער טאָן האָט זיך נאָכדעם געלאָזט הערן אין אלץ, וואָס ער האָט דערציילט וועגן זיך. אָט אזוי האָט ער דערציילט וועגן זײַנע דערפּאָלגן אין דער סאָלדאטישער לער, עס האָט אים אוואדע געפרייט, וואָס ער איז דאָ ניט קיין „אבי־ווער", ער האָט שוין אפילע א שעם פון א געשיקטן קריגסמאן, מע זאָגט אף אים, אז ער קען האלטן אין די הענט א שווערד... אָבער דאָך... עס האָט דען טאקע אזא גרויסן באַטרעף... אזוי האָט ער דערציילט וועגן זײַנע „זײַטיקע" באשעפטיקונגען: ער לערנט זיך פּויליש, ער קען שוין אפילע אייניקע פּוילישע לידער, עמעס, דאָס זײַנען דערווײַל נאָך בלויז קינדערלידער, אָבער דאָך...

און אויך פון „יידישקײַט" האָט ער זיך דאָ ניט דערווײַטערט. ער האָט דאָ א באקאנטע שטוב, וווהין ער כאפּט זיך אריַין און טוט א לייען דעם „מאָמענט"... עמעס, טאקע א גאנץ נישטיקע צײַטונג, אָבער דאָך...

הײַנט האָט ער דאָ אייניקע באקאנטע „ייִנגלעך", מיט וועלכע ער קען ריידן וועגן ייִדישער ליטעראטור. איינער פון זיי איז אפילע א דיכטער... עמעס, א גאנץ געמיינער דיכטער, אָבער דאָך...

אלץ אין דעם זעלבן האלב־איראָנישן טאָן, פון וועלכן ס'איז געווען קענטיק, אז ניט דאָס ליגט אים, אָשערן, איצט אין קאָפּ, ניט וועגן דעם וואָלט ער וועלן רעדן...

ער האָט מיך באלד טאקע פארשלעפּט צו די „ייִנגלעך", באקאנט געמאכט מיט זיי. איינער פון זיי — דער דיכטער — איז געווען הערשעלע (דאנילעוויטש), ער האָט צו יענער צײַט שוין געהאט אָפּגעדרוקט א היפּשן באנד לידער. די לידער פלעגט ער, — און אייניקע קריטיקער האָבן עס אויך געטאָן, — באצייכענען אלס פאָלקס־לידער. אָבער הערשעלעס באגריף וועגן „פאָלקס־לידער" איז געווען זייער פּרימיטיוו. שרײַבן „אין פאָלקס־טאָן", ווי מע פלעגט דעמלט זאָגן, האָט בא הערשעלען געהייסן מעכאניש אימיטירן דעם פאָלקלאָר. דערבײַ איז די אימיטאציע אָפּטמאָל ארײַנגעפאלן אין ווולגארישקײַט, אָן איין טראָפּן פון עכטער פאָלקסטימלעכער טמימעס.

אָשער שווארצמאן האָט געהאלטן פון די קאַלישער „ייִנגלעך", ער האָט זיך געקאָנט באַפרײַנדן אויך מיט הערשעלען, אָבער צו הערשעלעס דיכטונג האָט אָשער זיך באצויגן מיט א באשטימטער גרינגשעצונג. קאָן זײַן, ערגעץ טיף אין זיך האָט שווארצמאן געפילט, ווי עס צײַטיקט און בעט זיך צום וואָרט אן אנדער ארט פאָלקסטימלעכקײַט. אָבער ניט אזא צײַט איז דאָך דעמלט געווען בא אָשערן, אז ער זאָל זיך באשעפטיקן מיט אזעלכע פראגן, וואָס האָבן דעמלט קוים־קוים זיך אײַנגעשניטן אין זײַן באוווסטזײַן.

לאנג פֿארזאמען זיך אין שטאָט האָט אַשער ניט געטאָרט. האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק אין קאזארמע און איך האָב געקאָנט צוזען, ווי עס פֿארלויפֿט אַשערס טאָג.

דער קאזארמע־טאָג איז געווען פֿול מיט שווערער הארעוואניע. דאָס דעמלטיקע דינען אין קאוואלעריע האָט געפֿאָדערט אַן א שיר שווערע פיזישע מי. פֿון פֿריִען פֿארטאָג ביז שפּעט אין אָוונט האָבן די הענט ניט געטאָרט רוען. אָבער די הויפּט־שוועריקייט פֿון דער ארבעט איז באַשטאַנען דערין, וואָס, לויט דעם קאזארמע־סיידער פֿון יענער צײַט, האָט די דאָזיקע ארבעט געזאָלט געטאָן ווערן דורכויס אווטאָמאטיש און געדאַנקענלאָז, אָט ווי געדאַנקענלאָז עס האָט געזאָלט זײַן דאָס גאַנצע לעבן פֿון א סאָלדאַט אין דער צארישער קאזארמע. און אין דעם איז באַשטאַנען די גרעסטע פּײַן פֿאַר אַשער שווארצמאַנען. געגעג, וואָס די צארישע קאזארמע האָט אים אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַרער אויסערלעכער וועלט, האָט זי נאָך געוואָלט אים אָפּ־רײַסן פֿון זײַן אייגענער אינערלעכער וועלט, געוואָלט פֿארוואַנדלען אים אין א געדאַנקענלאָזן אווטאָמאַט...

א היפּשע צײַט האָבן מיר פֿארבראַכט אין שטאַל, ווו אַשער איז געווען באַשעפֿטיקט ארום זײַן פֿערד. איך האָב זיך צוגעקוקט צו אַשערן און האָב זיך געוווּנדערט: נאָך א גאַנצן טאָג שווערע מי האָט ער דאָך ניט פֿארלאָרן די פֿלינקע רירעוודיקײַט פֿונעם קערפּער, די לויטער־קײַט פֿונעם בליק, די באַפֿליגלטקײַט פֿונעם בילדערישן וואָרט.

ס'פֿארשטייט זיך, אַז ער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע טנועס און געוווּינהײַטן פֿון זײַן פֿערד. די לידער וועגן דעם פֿערד זײַנען נאָך ניט געווען אָנגעשריבן, ס'האָט זיך אָבער געפֿילט, אַז אַשער הייבט שוין אָן ליב האָבן זײַן פֿערד און איז גרייט אים פֿארטרויען דאָס בעסטע, וואָס א מענטשלעך הארץ פֿארמאָגט.

אָט אַזוי, האָבנדיק צו טאָן ארום פֿערד, האָט אַשער אויסגעהערט מײַנע רייד וועגן דעם זאַמלבוך, וואָס מע פֿלאַנעוועט ארויסצוגעבן אין קיִעוו. געוווּסט האָט ער פֿון דעם פּלאַן לויט אייניקע בריוו, וואָס זײַנען צו אים דערגאַנגען, נאָר קיין עמונע אין דעם פּלאַן האָט ער ניט געהאַט. און וואָס שײַעך זײַנע אייגענע לידער, האָט ער געצווייפֿלט, צי האָט ער אַפֿילע וואָס צו געבן פֿארן זאַמלבוך. נײַע לידער שרײַבט ער ווייניק, די אַלטע גייען אים איצט גאָר ווייניק אָן. פֿארוואָס זאָל מען מיינען, אַז עמעצן אַנדערש דארפֿן זיי יאָ אָנגיין...

לאַנג ריידן אָף דער טעמע איז אונדז ניט אויסגעקומען. דאָס קאזארמע־לעבן ארום אונדז האָט זיך צעראַשט, צעטומלט. און אַפּזונדערן זיך פֿון דעם איז ניט געווען קיין שום מעגלעכ־קײַט. האָט אַשער פּלוצעם באַקומען כיישעק מיך צו באַקאַנען מיט די מענטשן, וואָס רינגלען אים ארום דאָ אין דער קאזארמע. טײַטנדיק מיר מיטן פֿינגער אָט אָף דעם, אָט אָף יענעם סאָלדאַט, האָט אַשער אָנגעהויבן דערציילן, וואָס ער ווייסט וועגן זיי.

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געלעבט אינײנעם מיט אים שוין העכער א האַלב יאָר, זײַנען געווען קימאַט אַלע פּויערים. זיי זײַנען אַלע געווען יונג, אָקאָרשט ארויסגעריסן פֿון זייער דאָר־פֿישער יוגנטלעכקײַט. און פֿון אָט דער דאָרפֿישער יוגנטלעכקײַט זייערער, ווי פֿון א פֿרישן קוואַל, האָט אַשער שווארצמאַן געשעפּט מונטערקייט, האָפֿערדיקײַט.

אַשער האָט געקאָנט אויסגעצייכנט דערציילן די געשיכטע פֿון דעם אָדער יענעם פּויער־יונג, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אַרײַנגעפֿאַלן אין דער קאזארמע, פֿלײַסט זיך מיט אַלע קויכעס צו ווערן אַזוי גוילעמדיק־אווטאָמאַטיש, ווי דאָס פֿארלאַנגט „נאַטשאַלסטוואָ", און טראָגט דאָך ערגעץ טיף אין די ווינקלען פֿון דער נעשאָמע די בענקשאַפֿט נאָך אַן אַנדער, א שענער און בעסער לעבן. ס'איז געווען צו באַוווּנדערן, וויפֿל מענטשלעכע ביִאָגראַפֿיעס אַשער שווארצמאַן האָט דעמלט אַרײַנגענומען אין זיך, וויפֿל מענטשלעכע ליידן ער האָט פֿארגעדענקט, וויפֿל טרוימען, עמעסע פֿאָלקס־טרוימען וועגן אַן אַנדער, א בעסער לעבן ער האָט דעמלט אויסגע־הערט.

די סאָלדאַטן האָבן געוווּסט, אַז ער שרײַבט לידער. ער פֿלעגט אַפֿילע ווען־ניט־ווען פֿאָר־לייענען זיי זײַנע א ליד, איבערזעצנדיק זי אָף רוסיש.

עס דערמאָנט זיך אַזאַ פֿאַקט. זײַענדיק אין קאזארמע, האָב איך פּלוצעם צווישן אַשערס סאָלדאַטישן האָב־און־גוטס באַמערקט א בוך לידער פֿון דעם פֿראַנצויזישן דיכטער ווערלען. שווארצמאַן האָט געדעדט וועגן דעם בוך מיט באַגײַסטערונג. אים איז געפֿעלן די מאָלערישע קראַפֿט ווערלענס, זײַן רײַכע לאַנדשאַפֿט־מאָלערײַ. און אָט דעמלט בין איך געוווירע געוואָרן: אייניקע לידער ווערלענס האָט שווארצמאַן געפֿרוווט פֿאַרלייענען פֿאַר סאָלדאַטן — פּויערים, וואָס האָבן קיינמאָל קיין געדרוקט וואָרט ניט געהאַלטן פֿאַר די אויגן.

— אָבער די לידער האָבן זיי פֿארשטאַנען, — האָט שווארצמאַן דערציילט, — זיי האָבן געמוזט עס פֿארשטיין. עמעסע דיכטונג מוז יעדערער פֿארשטיין.

דער דאָזיקער גלויבן, אַז עמעצע דיקטונג מוז יעדערער פאַרשטיין, איז געווען אין איר זייער שטאַרק. דערפאַר פלעגט ער אויך פון זײַנע אייגענע לידער פאָדערן, אַז יעדערער זאָל זיי קאָנען פאַרשטיין. ער פלעגט לייענען זײַנע לידער ניט בלויז פאַר די סאָלדאַטן אין דער קאַזאַרמע, נאָר ביכלאַל מענטשן, וואָס זײַנען ווײַט פון ליטעראַטור.

פון יענעם טאָג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט אָשער שוואַרצמאַנען אין קאַזאַרמע, האָט זיך מיר פאַרגעדענקט נאָך איין פאַקט: אָשערס באַגײַסטערונג פאַר געווער. ס׳איז געווען א באַשײַמפּערלעכער פאַקט: אָשער שוואַרצמאַן האָט דעמלט ליב געקראָגן געווער. ער האָט מיך פאַרשלעפּט אין עפּעס אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל פון דער קאַזאַרמע, באַוויזן מיר א גאַנצע קאָלעקציע געווער. דורכגעמאַכט פאַרשיידענע איבונגען מיט דער ביקס, מיט דער שווערד, מיט דער פּיקע, און איז דערבײַ שטאַרק באַגײַסטערט געוואָרן.

אינגיכן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די באַגײַסטערונג גייט פון א טיפן קוואַל. עפּעס איז געווען אין אים אַזאַ שטאָלץ דערמיט, וואָס דער מענטש איז ניט אומבאַהאָלפן, וואָס ער קאָן זיך באַוואָפענען, קאָן באַשטיין פאַר זיך פאַרטיידיקן זײַנע רעכט. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער שטאָלצער געפיל איז געווען אין א היפשן ווידערשפּרוך מיט דער אַטמאָספער פון דער צאַרישער קאַזאַרמע, ווו עס האָט אַזוי אָפט געגומען די אויבערהאַנט גראָדע דאָס אומרעכט. האָט אָשער שוואַרצמאַן דעריבער געטראָגן זײַן באַגײַסטערונג פאַרן געווער טיף אין זיך פאַרבאָרגן, ס׳איז געווען בא אים א פאַרטײַעטער געפיל, א מין פאָרגעפיל פון יענער צײַט, ווען דאָס געווער וועט אַריבער אין די הענט פונעם באַפרײַטן פאָלק און ווען שוואַרצמאַן וועט מיטן פולן מויל אויסרופן:

ס׳איז איצט די שווערד,
די שפּיז — א פאָן!
דער סוינע בא די טויערן!

פופצנטער קאַפּיטל

אין א יאָר אַרום — האַרבסט 1913 — בין איך צום צווייטן מאָל געקומען קיין קאַליש. דאָס מאָל האָט מיר אָפּגעגאָלטן: איך בין אַרײַן אין דער קאַזאַרמע און האָב גלײַך געטראָפן דאָ אָשערן. קאָן זײַן, דאָס האָט זיך דערקלערט דערמיט, וואָס ס׳איז געווען א שפּעט־האַרבסטיקער רעגנדיקער טאָג, און קאָן זײַן, אָשער, אַלס „אַלטער סאָלדאַט”, איז שוין צו דער צײַט ביכלאַל געווען א ביסל פרײַער. דעם אײַנדרוק „אַלטער סאָלדאַט” האָב איך דעם טאָג געהערט פון אָשערן אַליין, סײַ פון זײַנע פרײַנט, די דראַגונער פון פינפטן עסקאַדראָן, און געקלונגען האָט אין דעם אויסדרוק א האָפענונג, אַז איצט איז שוין, מעגלעך, ניט אַזוי ווײַט צום סאָף, איצט קאָן מען שוין אָנהייבן טראַכטן וועגן יענעם טאָג, ווען ס׳וועט זיך עפענען דער טויער פון דער קאַזאַרמע און ער וועט אַרויס אין דער גרויסער וועלט...

די דראַגונער פונעם פינפטן עסקאַדראָן האָבן אויך איצט, פונקט ווי פאַראַיאָרן, שטאַרק געהאַלטן פון אָשער שוואַרצמאַנען. אָבער אים איז עס דאָס מאָל שוין א סאַך ווייניקער אָנגעגאַנגען. עס האָט זיך אים זייער געגלוסט, מיר זאָלן וואָס גיכער אַרויס פון דער קאַזאַרמע. אָט האָט ער באַקומען די דערלויבעניש, און מיר זײַנען שוין אין שטאָט.

פירן מיך צו זײַנע אָרטיקע באַקאַנטע, צו די קאַלישער „ייִנגלעך”, ווי ער האָט עס געטאָן פאַראַיאָרן, ווילט זיך אים איצט ניט. כאָטש ס׳איז טיף האַרבסט און ס׳איז א רעגנדיקער טאָג, דרייען מיר זיך אַרום איבער דעם קאַלישער שטאָט־גאָרטן. אָשער פרעגט זיך ווייניק־וואָס נאָך וועגן קיִעוו, פונוואַנען איך קום אָקאָרשט. ער ווייסט, וואָס דאָרט טוט זיך. עס גייט דער ביילים־פּראָצעס. זיצן אין דער קאַלישער קאַזאַרמע און לייענען די באַריכטן וועגן דעם קיִעווער פּראָצעס — דאָס איז שוין גאָר א באַזונדערע פּײַן. און אָט אָ־די פּײַן מוז ער, אָשער, פאַרזוכן פון טאָג צו טאָג...

און ביכלאַל: וואָס וועט פון אים ווערן אָט דאָ אין דער קאַלישער קאַזאַרמע? ביזוואַנען וועט ער זײַן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט? ווי לאַנג קאָן א מענטש בלײַבן א מענטש, אַז ער איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט? אָפּטמאָל דאַכט זיך אים טאַקע, אַז ער איז שוין קיין מענטש ניט. מיט וואָס, נו, מיט וואָס, פרעג איך דיך, קאָן איך דערווײַזן, אַז איך בין נאָך א מענטש?

אָט אַזוי רעדט אָשער שוואַרצמאַן אין אָט דעם רעגנדיקן טאָג, בייס מיר דרייען זיך אום הין און צוריק לעבן דער סאַזשלקע אין דעם קאַלישער שטאָט־גאָרטן. און פּלוצעם בלײַבט ער שטיין אויף איין אָרט, ער קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן, און ער פרעגט:

— אַך, איך וועל טאַקע קיינמאָל ניט לעבן שוין?..

איך פּרוּוו אָפּוועגדן דעם געשפּרעך אין אַ זײַט. איך גיב איבער אײניקע ליטעראַרישע נײַס. ס'איז אַרויס בערגעלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען", איך האָב געבראַכט פון אָשערס וועגן אַן עקזעמפּליאַר. אָשער דאַנקט, ער וועט לײענען, אַוודאי וועט ער לײענען. נאָר...

— איך האַלט איצט ניט דערבײַ.

און אַזוי גײט עס דעם גאַנצן טאָג. מיר שפּאַנען אום שוין וויפל צײַט איבער דעם האַרב־סטיקן שטאָט־גאָרטן, אָשער רעדט ווײניק, און איך פיל שוין זײַן נײַעם בליק, יענעם בליק, וואָס וועט שפּעטער הײסן באַ אים:

מײַן בליק ווערט קלאָר, ווי גרויער טאָג פון עסקימאָסן
אין שנײיק־ווילדן לאַנד...

ווי זעלטן שפּריצן שוין די ראָמאַנטישע פונקען אין זײַנע רײד! איך לײען אָשערן דעם דיכטער רײנער מאַריאַ רילקע. אָשער איז אַ ווײלע פאַרגאַפט, די ברעמען גײען אויף און אַפּ (אַזאַ טעווע האָט ער געהאַט אַמאָל באַם הערן) און מיטאַמאָל ווידער:

— איך האַלט איצט ניט דערבײַ.

דאָס איז געזאָגט מיט פײַנלעכער אָפּנהאַרציקײט. עס פילט זיך די נאַקעטע וווּנד. אַלײן שרײַבט ער איצט גאָר ווינציק. ער לײענט מיר די ליד צו דער מאַמען. עס קלינגט אַזוי אומגעווײנלעך פאַר אָשערן די אָנהײב־שורע פון דער ליד:

איך דאַרף איצט ניט קײנעם...

און פונקט אַזוי אומגעווײנלעך איז צו הערן אויך דאָס איבעריקע, וואָס אָשער לײענט מיר דעם טאָג. וואָס פאַר אַ פאַרלאַנגזאַמטע ריטמען, סאַראַ לאַנג־אַויסגעצויגענע שורעס. ווען האָט מען עס געקאָנט טרעפן באַ אָשער שוואַרצמאַנען אַזעלכע לאַנגע שורעס:

זינקט די זון. נאָר איך די רויטקײַט שטײט נאָך לאַנג און וואַרט פאַרצווייפלט.

און אָט די „גרויזאַמע שטילקײַט", וואָס ווערט דערמאָנט אין אײנער פון זײַנע נײַע לי־דער, — זי גײט דאָך איצט מאַמעשׂ פון ליד צו ליד.

נאָכפאַרגען זיך וועגן די סיבעס, פאַרוואָס ער האָט גענומען שרײַבן אַזעלכע לידער, איז געווען איבעריק. ס'איז אַלעם געווען קלאָר. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרלײַדן, אַז עמעצער זאָל אים מונטערן, טרייסטן.

ס'האָט דעמלט פּאַסירט אַזוי. אײנײנעם מיט מיר איז פאַרבײַ קאַליש געפאָרן אײנע אַ קינ־דער מיידל, וואָס האָט געהערט דערצײלן וועגן שוואַרצמאַנען, כאָטש אַלײן האָט זי אים ניט געקענט. אַז מ'איז אָנגעקומען קײן קאַליש, האָט דאָס מיידל באַשלאָסן זיך באַטײליקן אין דעם באַזוך באַ שוואַרצמאַנען. מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט איר אין אַ באַשטימטן אָרט פון שטאָט און נאָכדעם זײַנען מיר זאַלבעדריט אַ געוויסע צײַט אומגעגאַנגען איבער די קאַלישער גאַסן. אָשער איז, ווי אַלע מאָל, געווען נײַגעריק צו אַ פרישן מענטשן, ער האָט גערן גערעדט מיט דער אומבאַקאַנטער. אָבער פון אַ פּאָר איבעריקע קנײטשן, וואָס האָבן זיך עטלעכע מאָל באַ־וויזן אָף זײַן פּאָנעם, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז אומצופרידן: אים דאַכט זיך, אַז דאָס מיידל איז אײגעגעבן ווילן, אַז דאָס „מאַבילירן" ניט מיט איר אהער איך מענטשן, קעדײ אים אויפצומונטערן.

שפּעטער, אַז מיר זײַנען געקומען אַפּן וואָקזאַל, האָט אָשער אָף אײניקע ווײַלעס זיך באַ־פרײַט פון דער „גרויזאַמער שטילקײַט". ער האָט גענומען דערצײלן וועגן זײַנע כאַווײרים, די סאָלדאַטן. ער האָט זײער טרעפלעך איבערגעגעבן, ווי די פויערים־יונגען ווערן ביסלעכווײַז געעלטערט אין דער קאַזאַרמע, ווי זײ בענקען נאָך זײערע יוגנטלעכע יאָרן.

זײַן יוגנט איז שוין געווען פאַרבײַ. אַ קרעפּטיקער, וווּקסיקער מאַן, וואָס האָט דערגרײכט דעם העכסטן שטאַפּל פון קערפּערלעכער רײַפקײַט, איז אָשער שוואַרצמאַן אין האַרבסט 1913 געשטאַנען אָף דעם פּעראָן פון קאַלישער וואָקזאַל. בלויז ווען־ניט־ווען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַז אין זײַן געשטאַלט איז פאַראַן עפּעס צופיל פאַרשטײַפּטס, צופיל פאַרהאַרטעוועטס פון דעם שווערן סאָלדאַטישן לעבן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. אָבער קײנעם האָט דאָך ניט געקאָנט קומען אָפּן זינען, אַז אָט־אָט, שוין גאָר נאָענט באַ דער שוועל, וואַרט שוין אָף אים נאָך אַ שווערער לעבן, עס וואַרט אָף אים דער גורל פון דער וועלט־מילכאָמע, די שלאַכטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פונקט פון דער גרענעץ־שטאָט, ווו אָשער שוואַרצמאַן האָט זיך דעמלט געפונען.

צו אונדזער
קינסטלערישער
בײַלאַגע

א. קאַנטאָר

דער קינסטלער אַלעקסאַנדער דובינטשיק

אַף גרויסע קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען דוכט זיך אָפט, אַז אַלעקסאַנדער דובינטשיקס בילדער זײַנען שטאַרק ענלעך איינס אַפן צווייטן. ווען מע זעט זיי אָבער אין א קאָמפּלעקס, איבעראַשן זיי מיט זייער פאַרשיידנאַרטיקײַט. אין דובינטשיקס בילדער אַנטפּלעקט זיך פאַרן צושויער די קאָמפּליצירטע, רײַכע וועלט פון דער נאַטור — אָזערעס פון קאַרעליע, וועלדלעך פון פּסקאָווער אומגעגנט, לייזמיקע פליינען פון בוכאַרע און בערג פון דאַגעסטאַן. די שיינקײַט פון יעדן ווינקל פון דער נאַטור איז אויסגעדריקט מיט דינסטע ניואַנסן פון פאַרבן, מיט זייערע אַריבערגאַנגען, וועלכע ס׳איז אוממעגלעך אויפצוכאַפּן מיטן אויג. דערפאַר טאַקע טרעפט אָפט, אַז דובינטשיקס ווערק פאַרלירן א סאַך צוליב דער שלעכטער עקספּאָזיציע און באַלײַכטונג: ווען די דאָזיקע כעסרוינעס ווערן אָבער באַזײַטיקט, אַנטפּלעקן זיי זייער גאַנצע פּראַכט.

אַלעקסאַנדער דובינטשיק איז געבוירן געוואָרן אין 1922 אין מאָסקווע. מאָלן האָט ער אָנגעהויבן, ווען ער האָט נאָך געלערנט אין שול. זײַנע אַרבעטן זײַנען שוין דעמלט עקספּאָנירט געוואָרן אין די מוזייען, רעפּראָדוצירט אין די פּרעסע־אָרגאַנען, געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. די פּעדאַגאָגן, וועלכע האָבן נאָכגעפאָרשט נאָך דער אַנטוויקלונג פונעם יונגן קינסטלער, — אי. ע. גראַבאַר און דער אָנפירער פון דער קינסטלערישער סטודיע באַם מאָסקווער פּיאָנערן־הויז א. מ. מיכײַלאָוו, — האָבן הויך געשאַצט די לירישקײַט פון זײַן טאַלאַנט, די ערנסטקײַט און קאָנצענטרירטקײַט פון זײַן וועלט־אויפאַסונג. די דאָזיקע שטריכן טיילן זיך אויס באַזונדערס אינעם בילד, וווּ עס איז באַוויזן דעם קינסטלערס עלטערער ברודער, א יונגער פיזיקער (שפּעטער אומגעקומען אין דער מאָסקווער אָפּאָלטשעניע), וואָס איז פאַרטיפט אין זײַן אַרבעט. דער אוטאָפּאָרטרעט פונעם יעפרייטאָר דובינטשיק, אָנגעשריבן דעם 22 יוני 1941, רופט אויך איצט אַרויס אַן אינטערעס. אינעם געשטאַלט פון א יונגן מענטשן איז דאָ באַוויזן די גרייטקײַט צו באַגעגענען די אומבאַוווּסטע צוקונפט. אייגנטלעך איז דאָס א פּאָרטרעט פונעם יונגן מיל־כאָמע־דאָר, וועלכער האָט ניט געשווינט דאָס לעבן אינעם קאַמף פאַר דעם היימלאַנד.

לויט דער הישטאַדלעס פון דער מעלוכישער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי איז דובינטשיק נאָך ביז דער מילכאָמע אָנגענומען געוואָרן אין דער סטודיע פון מיליטערישע קינסטלער אַף מ. ב. גרעקאָווס נאָמען. ער האָט אָבער דאָרט געאַרבעט ניט לאַנג. אַפן פראָנט איז ער אַוועק שוין ניט ווי א מיטגליד פון דער סטודיע. זײַנע בילדער און עטיודן פונעם פראָנט זײַנען ניט גרויס אין צאָל. דאָס זײַנען ווערק פון א קריגער, וואָס האָט געמאָלט אין דער פרײַער צײַט אָדער אין שפּיטאָל. אַף די אויסשטעלונגען האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט אַזעלכע אַרבעטן, ווי דער פּאָרטרעט פונעם עלטערן לייטענאַנט באַגאַזאָוו, די פיגור פונעם מאַטראָס, וואָס שטייט אַף דער וואַך. די פּייזאַזשן — אוממענדלעכע וועגן און וועלדער.

ווען די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, האָט אי. ע. גראַבאַר, וואָס האָט גוט געדענקט דובינטשיקס ערשטע טריט אין דער קונסט, געהאָלפן אים אומקערן זיך צו מאָלערײַ און אָנקומען אינעם מאָסקווער קינסטלערישן מעלוכע־אינסטיטוט. דאָ האָט ער געטראָפן זיך מיט ס. געראַסימאָוון — א טאַלאַנטפולן קינסטלער, א פּרעכטיקן פּעדאַגאָג.

אין 1952 האָט דובינטשיק געענדיקט דעם אינסטיטוט און אָנגעשריבן זײַן סוזשעטיש בילד „ג. יע. זשוקאָווסקי מיט יונגע סאָוועטישע פלי̇ער". דאָס בילד איז פאַרטראַכט געווען זייער אינטערעסאַנט און אינהאַלטסרײַך, אָבער עס איז געווען ניט פרײַ פון ווידערשפּרוכן. ניט דער „פאָטער פון דער רוסישער אוויִאַציע", ניט די פלי̇ער האָבן ניט באַקומען די געהעריקע קינסטלערישע כאַראַקטעריסטיק. אַלס „הויפּט־העלד" זעט מען אַפן בילד דעם הימל, דעם שײַנענדיקן, זוניקן, רופנדיקן הימל, וואָס זײַן אָפּגלאַנץ באַשײַנט אַלע פּנעמער. אייגנטלעך איז דאָס א פּייזאַזש מיט פיגורן.

געענדיקט דעם אינסטיטוט, האָט דובינטשיק זיך אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן דער שעפערישער, געזעלשאַפטלעכער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט. א סאַך צײַט האָט ער געשענקט דעם מאָסקווער טעקסטיל־אינסטיטוט און באַזונדערס דער מאָסקווער קונסט־שול אַפן נאָמען פון 1905 יאָר, ווו ער אַליין האָט געלערנט, ווען ער איז נאָך געווען א ייִנגל, און איצט איז ער געוואָרן דאָרט א פּעדאַגאָג. אין

אַט די יאָרן מאָלט ער פּאָרטרעטן פון שרײַבער און קולטור־טוער (צווישן זיי פון פּאַבלאָ נערודאַ), וועלכע ווערן פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס. עס באַווײַזן זיך זײַנע פּאָרטרעטן פון די אָנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציע פון 1905 — פּ. אי. דראַבקינאַ און ק. מ. נאָוויקאָוו און א ריי אַנדערע.

דאָס זײַנען גוטע, פּראָפעסיאָנעלע ארבעטן, אויסגעפילטע מיט גרויס אכטונג צום מענטשן. אַלץ איז אין זיי זאָרגזאַם דערלערנט און געמאָלט, אָבער אָן אַן איבערצײַגנדיקער און קלאָרער אַלגעמיינער קאָנצעפּציע. די אינדיווידואַליטעט ווערט ניט קיין טיף, באַקומט ניט קיין ברייטע אויסטײַטשונג. דובינטשיק האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז זײַן עמעסער באַרוף איז דער פּייזאַזש, צו וועלכן ער האָט צוגעגעבן אויך דעם נאַטיורמאָרט פון א ספּעציעלן טיפּ, ווו די זאַכן באַווײַזן זיך אָפן פאָן פון דעם פּייזאַזש.

דובינטשיקס פּייזאַזש־מאָלערײַ האָט א גאַנץ ברייטע געאָגראַפיע. דער קינסטלער פּאָרט גערן זוכן נײַע, פרישע קינסטלערישע אײַנדרוקן. ער אַרבעט אָפן אוראַל און אין דאָנבאַס, בא דער באַלטיק און אין מאָלדאַוויע, אָף דער אָזערע סעליגער, אָף קאַווקאַז, אין מיטלאַזיע, אָפן ווײַסן און אַזאָווער יאַמען.

די דאָזיקע איבערוואַנדערונגען זײַנען צו דערקלערן ניט בלויז מיט דעם קינסטלערס אימפּולסיוויקײַט, וועלכע רײַסט זיך צו נײַע אײַנדרוקן. עס געשעט אַזוי, אַז ס'זײַנען אים מער געפעלן די ווענט פון פּסקאָוו און טאַלין. אַן אַנדערשמאָל בינדט ער זיך צו צו די קאַרעלישע דערפער, דערנאָך באַקומט ער כיישעק צו אַרבעטן בא דער דאַרעמדיקער נאַטור מיט אירע קאָמפּליצירטע שײַן־סימפּאָניעס, וועלכע צעשפּילן זיך איבער מאַכאַטשקאַלאַ און דערבענט, בוכאַרע און סאַמאַרקאַנד.

אינמיטן פון די 50־ער יאָרן איז דובינטשיק שוין אַן אויסגעפורעמטער פּייזאַזשיסט מיט זײַן אייגענער טעמע, מיט זײַן באַציִונג צו דער נאַטור און צו מאָלערײַ. זײַנע פּייזאַזשן קאָן מען לײַכט דערקענען לויט דער ספּעציפישער שטימונג און באַלײַכטונג. עס טיילן זיך אויס זײַנע כאַראַקטעריסטישע מאָטיוון — די זילבערדיק־גרויע און שמאַראַגדן־גרויע, בלוילעך־גראַנאַטענע און גרוילעך־ווײַסע קאָליר־גאַמעס, כמורנע וואָלקנס אָפן גרויען הימל, דער בלײַ־קאָליר אָפן וואַסער, איינזאַמע צוואָרפענע סילועטן פון הײַזער, א שיפל, וואָס איז פאַרגעסן געוואָרן אָפן ברעג, א מאַסע ביימער, וועלכע טונקלען זיך אָפן האָריזאָנט. אין די פּייזאַזשן פון אַט די יאָרן (א כאַראַקטעריסטישער בײַשפּיל — דאָס בילד „א קאַלטער טאָג", 1956) פילן זיך די טראַדיציעס פון לעוויטאַנען, סעראָוון און קאָראָווינען.

לעוויטאַן איז זײַן באַליבטער לערער אינעם שאַפן דעם שטימונג־פּייזאַזש. צום אונטערשייד פון דער מערהײַט פּייזאַזשיסטן פון זײַן צײַט האָט דובינטשיק ניט געזוכט קיין יאָמטעוודיקע מאַזשאָר־קלאַנגען. ער האָט זיך געהאַלטן בא אַן אַנדער טיפּ פּייזאַזש — אַזעלכע, ווי לעוויטאַנס „אָן אָוונט אָף דער וואָלגע", סעראָווס „א גרויער טאָג". א מין אומעטיקע, פאַרדײַלאָזע, ווי עס דוכט, שטימונג טראָגט זיך פון די אַלטע נידעריקע הײַזקעס, פון די ביימלעך, וועלכע לויפן מאַכנעסווײַז איבער די הימל־כמאַרעס. נאָר הינטער דעם אַלעמען פילט זיך פרישקײַט, מונטערקײַט, קראַפט, מע זעט מאַמעש די פעסטע פאַרהאַרטעוועטקײַט פונעם פאָלק, וואָס לעבט דאָ. דער צאָפן־פּייזאַזש האָט פאַרכאַפּט דובינטשיקן, ער האָט געפונען צו אַט דער טעמע זײַנע אַקצענטן און אַן אייגענעם צוגאַנג.

דובינטשיקס פּייזאַזשן זײַנען אינטערעסאַנט מיט זייער שטאַנדהאַפטיקײַט, שטרענגן קאָנטראָל פון דער קאָמפּאָזיציע, וועלכע געפינט זיך אין א קאָנטראַסט מיט דער דינאַמיק פון דער שײַן, פונעם ווינט, פון די וואָלקנס. דער דיאַגאָנאַל פונעם טײַך, די נידעריקע הײַזקעס, די פינצטערע סילועטן פונעם וואַלד זײַנען סטאַטיש, ווען די צעפּודלטע הענגענדיקע וואָלקנס טראָגן זיך איבערן הימל, דער פּײַפנדיקער ווינט בייגט די ביימער, די באַוועגונג פון דער שײַן איז זייער א האַסטיקע. עס לעבט אוף דאָס וואַסער, ווען די באַוועגונג פונעם ווינט גייט זיך איבער דעם גאַנצן פּייזאַזש. אין א געוויסער צײַט האָט זיך געדוכט, אַז דובינטשיק וועט אַזוי פאַרבלײַבן א פּאָעט פון דער טונקעלער, פינצטערער צאָפן־נאַטור. אָבער שפּעטער איז די אַנטוויקלונג אַוועק מיט אַן אַנדער וועג.

דער נײַער וועג איז אָפּגעשפּיגלט אין דעם בילד „אינעם פישער־קאָלווירט אָפן דונײַ" (1958), אין די פּייזאַזשן פון די 60־ער יאָרן, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן אין פּסקאָווער געגנט און אָף דער באַלטיק. דער איקער איז דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט פאַרלאָרן דעם רויקן, גלײַכמעסיקן געמיט. איצט ווערט דער פירנדיקער פּרינציפּ די אינערלעכע אויפרעגונג, וועלכע האָט געבוירן דעם פּאָעטישן געדאַנק, די ריזיקע עמאָציאָנעלע אָנשטרענגונג. דאָס האָט געענדערט דעם גאַנצן גאַנג פון דער אַרבעט איבערן בילד. דאָס ווערק ווערט איצט ניט פאַרטראַכט, נאָר פלאַמט אוף אין דער פאַנטאַזיע. דער טאָן פונעם ווערק איז די באַוועגונג פון שײַן און קאָליר, וואָס טראָגט זיך פון דער טיף, זייער געבוירן ווערן פאַר די אויגן פונעם צושויער. אַט די שנעלע באַוועגונג פונעם ווונדער וויל דער קינסטלער אָפּשטעלן, פאַרהאַלטן אָפן לײַוונט, און דאָס צווינגט אים צו אַרבעטן מיט א פיבערהאַפטער שנעלקײַט, אָבער אין דעם באַשטייט דאָך דובינטשיקס ספּעציפיק, וואָס קיין שום פיבערהאַפטן און קיין שום קינסטלערישן עקסטאַז זעט מען ניט אָפן לײַוונט. די קאָמפּאָזיציע פונעם בילד איז אונטערגעוואָרפן ניט דעם ריטם, מיט וועלכן דאָס האַרץ קלאַפּט, און ניט דעם ריטם פון דער באַוועגונג פון די הענט, נאָר דעם ריטם דערפון, וואָס עס קומט פאָר אין דער נאַטור. די באַוועגונג פון דער שײַן, פונעם ווינט, פון דעם וואַסער קאָן זײַן א האַסטיקע אָדער לאַנגזאַמע, א פּלוצעמדיקע אָדער א מאָנאָטאָנע, דאָס איז אָפּהענגיק דערפון, וואָס דאָס בילד דאַרף דערציילן. דער קינסטלער באַווײַזט ניט זיך, און דאָס איז ניט נאָר צוליב זײַן באַשיידנקײַט, — דאָס איז זײַן שעפערישע פּאָזיציע.

אינעם פאָלגנדיקן יאָרצענדליק איז פאַר דובינטשיקן כאַראַקטעריסטיש די באַציִונג צום פּייזאַזש ווי צו א קישעף־בילד, וואָס כאַזערט זיך ניט איבער, און דער קינסטלער איז אימשטאַנד צו פאַרוואַנדלען דעם קעהערעף־אײַען אין א שטענדיק בילד. אין העסקעם דערמיט ווערט געשאַפן א קאָלאָריט־סיסטעם

פון זײַנע מאָלערישע ווערק: אין יעדער טאָנאַלי־
טעט, וואָס איז פּאַנאַנדערגעאַרבעט בלויז פאַר אַן
איינציק בילד, הערשט איין וואַריאַנט, אַזאַ קאָמפּלי־
צירטער, אַז מע קאָן ניט געפינען פאַר אים קיין נאָ־
מען, און די זוכעניש פון אָט דעם וואַריאַנט ווערט
די הויפּט־אויפגאַבע פונעם קינסטלער, קאַלזמאַן ער
שרײַבט דעם פּייזאַזש.

אפילו לײַוונט, וואָס ווערט אָפּט צוגעגרייט מיט
אוועלכן־ניט־איז לעפּיערעכדיק נייטראַלן טאָן, לייגן
זיך צוערשט אַזעלכע פאַרבן, וועלכע אַנטשפּרעכן
בלויז אומגעפער דעם נייטיקן אײַנדרוק. מיט דער
צײַט אָבער בילדעט זיך אויס אָף דער פּאַליטרע דער
נייטיקער וואַריאַנט, וואָס לאָזט זיך ניט אַנאַליזירן,
און ער ווערט דער גרונט־וואַריאַנט פאַרן גאַנצן פּיי־
זאַזש. דער וואַריאַנט נעמט אָף זיך אַן אומגעווייני־
לעכע אָנלאָדונג לויט דער עמאָציע און לויטן זין:
פאַנאַנדעראַרבעטן די הויפּט־טעמע פאַרן קאָליר,
וועלכע זאָל אָפּן פינקטלעכסטן אויפן אויסדריקן ניט
בלויז די אינטאָנאַציעס פון דער נאַטור, נאָר אויך
די אינטאָנאַציעס פון דער שטימונג, די שפּירונגען
פון וואָרעמקײַט און קעלט, פון טרויער און גליק, פון
קריעך און צערטלעכקײַט. די פּייזאַזשן זײַנען קאָנ־
קרעט, און אַלץ, וואָס ווערט אין זיי ווידער באַ־
שאַפן, אין זייער קאָנקרעט, זיי באַלאַנגען אָבער
צו דער נאַטור, ווי אַ לירישע מיניאַטיור באַלאַנגט
צו דעם, וואָס האָט געבוירן איר אײַנדרוק. דעריבער
איז אינעם פּייזאַזש אַזוי וויכטיק דער מאָמענט פון
פאַראַלגעמיינערונג — ניט דער סימבאָל, אפילו ניט
די מעטאַפאָר, נאָר די פּאָעטישע סובלימאַציע פון
דער רעאַליטעט: אין איר ווערט פאַרהיט דער גאַנ־
צער אַראָמאַט, די גאַנצע לעבנס־מעלאָדיע מיט אירע
האַלבע טענער און אָבערטענער. דאָס אָבער, וואָס
איז ניט אָבליגאַטאָריש צו זען, האָט מען ניט געזען,
און דאָס, וואָס עס קאָן פאַרגעסן ווערן, איז אומ־
באַדינגט פאַרגעסן געוואָרן. דער שמיר פאַרבלײַבט
אַ פּלאַסטישער, אָבער זײַן פּלאַסטיק איז אַ ספּעציֿ־
פישע: דאָס פּענדזל פורעמט ניט אויס די פאָרם,
נאָר גייט נאָך דער באַוועגונג פונעם קאָליר. אָט אַזוי
ווערט געשאַפן אַ קאָלאָריט־געשמעלץ, וווּ דער פירנ־
דיקער פּרינציפּ איז — ניט דער קאָנטראַסט, אָבער
אויך ניט די מאָנאָכראָנישע גאַמע, נאָר די מילדע,
בייגעוודיקע טאָנאַליטעט, וווּ לויטן אָנגענומענעם
קלאָל פלעכטן זיך איבער נאָענטע פאַרבן, וואָס
ווירקן קעגנזײַטיק, ווי דעריאַגנדיק איינע די אַנדע־
רע. אין אָט דער דעליקאַטער נאָענטקײַט און קעגנ־
זײַטיקער שטיצע פון די שטרײַטנדיקע קאָליר־טע־
מעס באַשטייט די גאַנצקײַט פונעם אַלגעמיינעם גע־
בוי פון דעם בילד.

די דאָזיקע פּרינציפּן ווערן אָבער פאַרווירקלעכט
אין לעבן אָף אַ פאַרשידענעם אויפן. דובינטשיק
איז איינער פון די קינסטלער, וועלכע פילן די וועלט
אין איר גאַנצקײַט, פאַר אים אין די סוויווע, ווו עס
געפינען זיך די כּפיצים, ניט קיין פוסט אָרט, ניט
קיין נייטראַלער רוים, נאָר אַן אַקטיווער גלײַכבאַ־
רעכטיקטער קאָמפּאָנענט פונעם בילד. אָבער פון בילד
צו בילד, פון יאָר צו יאָר ענדערט זיך דער באַ־
גריף וועגן דער סוויווע, ער ווערט רײַכער. אין
1965 איז אָנגעשריבן געוואָרן דער פּייזאַזש „אין
דעם קאָנט קיזשי". די הילצערנע קירך אין פּאַק־
ראַווסק זעט דאָ אויס זייער אימפּאָזאַנט און פּײַער־
לעך, דובינטשיק האָט ליב צו שרײַבן די אַרכיטעק־
טור אין דער נאַטור, ווײַל אין אַזאַ פאַל פילט זיך
גוט דער אָטעם פון אירע ליניעס, זיי לעבן אין רוים.
די שאָטנס זײַנען ניט נייטראַל, אין זיי דרינגט אַרײַן
די בלויקײַט פונעם הימל, דער גלאַנץ פונעם וואַסער
און די פרייידיקע שײַן פון דער זון. יענע קלינגענ־
דיקע, הייסע פרייד, מיט וועלכער די לופט איז דורכ־
געזאַפּט, דערוואָרעמט אויך דעם אַלטן בוים.

אין זעלבן יאָר 1965 איז אָנגעשריבן געוואָרן דאָס
בילד „אין מיראַזשער מאָנאַסטיר". דער הויפּט־העלד
איז דאָ ניט די אַלטע פּסקאָווער קירך. די מאָזאַיק
פון בלויע, געלע, ראָזעווע פּענדזל־שמירן פּאַרדעקט
מיט אַ פּראַסטיק רויכל דעם פּאַסאַד. וווּנדערלעך
איז דעם קינסטלערס כּוש פאַר דער אײַז־קאַלטער
לופט, פאַרן אָנגעכמורעטן הימל און פאַרן צערטלעכן
שטיין, וואָס איז אָנגעוואָרעמט געוואָרן דורך די
שײַנענדיקע פרילינגלעכע זונען־שטראַלן.

נאָך אַקטיווער איז די סוויווע אינעם זומערדיקן
פּסקאָווער פּייזאַזש „אַ נאַכט אָפּן טײַך פּסקאָוו", גע־
מאָלט אין דעם זעלבן יאָר. די מאַסע באַנאַכטיקע
לופט איז אָפּגעאַרבעט אין אַ גרינלעכן טאָן, און דער
גאַנצער פּייזאַזש זעט זיך ווי דורך דעם גלאָז פון אַ
פלאַש. דאָס רופט אַרויס אַן אומגעווייגלעכן פאַנטאַ־
סטישן, קימאַט טעאַטראַלן אײַנדרוק.

דער בעסטער פון די פּסקאָווער פּייזאַזשן פונעם
זעלבן יאָר איז — „אָף דער סעבעזשער אָזערע".
מיר זעען אומגעריכט, ווי עס פאַרט זיך צונויף
דאָס דורכזיכטיקע וואַסער אונטערן פענצטער מיט אַ
דורכזיכטיקן קרוג אָפּן פענצטער. אַן אומגעריכטע
באַלײַכטונג — איינצײַטיק אַ קאַלטע, אַ זילבערנע,
אַ גרוי־בלויע און אַ וואָרעמע, ראָזלעכע. אין עפּעס
אַ מאָמענט פונעם אָנקומענדיקן אָוונט געבוירט זי
דעם כּוש פון אַ קישעפדיק מאַגיש בילד. די בלויק
ווײַסע זון־העזלעך אָפּן וואַסער און אָפּן קרוג לײַכטן
זיך, ווי צעשמאָלצענער זילבער...

אָבער די עמעסע איינהײַט פון שײַן, לופט און
פון דער כּפיצים־וועלט באַווײַזט זיך אָף דובינטשיקס
לײַוונטן שפּעטער, זינט דעם סאָף פון די 60־ער
יאָרן. צוערשט איז די דאָזיקע איינהײַט דערגרייכט
געוואָרן מיט דער הילף פון עטלעכע דעקאָראַטיווע
מעטאָדן. אינעם פּייזאַזש „די צאָפּנדיקע נאַכט"
(1969), אָנגעשריבן אָף דער אָנעגער אָזערע, קערט
זיך דער קינסטלער אום צו די צאָפּנדיקע מאָטיוון,
פאַרשטייענדיק זיי איצט אינגאַנצן אַנדערש, אָפּהענג־
דיק זיך צו מאָלן דעם צאָפּן מיט דער געווייגלעכער
האַרבקײַט, ניט געמיטלעכקײַט, ווי דאָס איז געווען
אין זײַנע פּייזאַזשן פון די 50־ער יאָרן. דער שײַ־
נער אַלגעמיינער טאָן פונעם בילד ווערט באַרעכ־
טיקט מיט דער אומגעווייגלעכער יאָמטעווודיקער שײַן
פון דער ווײַסער נאַכט. די ערד, דער הימל, די שטי־
בער — אַלץ איז באַגאָסן מיט דער געדיכטער שײַנ־
כוואַליע, וועלכע איז אַמאָל אַ קאַלטע, אַ בלויע,
אַמאָל אַ ראָזעווע, אַ וואָרעמע. אַנדערש איז דער
גרייכט די מאָלערישע איינהײַט אינעם בילד פון
1970: „טעראַסע. ביין־האַשמאַשעס". דאָס איז האַלב־
פּייזאַזש, האַלב־אינטעריער. דאָ זינקט אַלץ אין דער
ניט ריכטיקער שײַן, ווו די בלויע אָוונט־קעלט מישט
זיך צונויף מיט דער בלאַס־געלער מיט אַ ראָזעווען

טאָן אין גרינלעכער אָפּשײַן פֿונעם בײַנהאַשמאָשעסדיקן הימל.

א נײַע נאָטע אין דובינטשיקס שאפֿונג טראָגט אַרײַן דער פּייזאזש „דערבענט". פֿונדאנען זעט זיך דער „דזשום־מעטשעט", געשאפֿן אין 1971 צוזאמען מיט א גאנצער סעריע דאגעסטאנער פּייזאזשן. דער מעטשעט פֿארנעמט אזא קליין אָרט, אז ער וואָלט זיך אינגאנצן ניט געזען, ווען ניט דער קופּאָל מיט די בלויע קאכלקעס. דער קופּאָל דינט אלס צענטער פֿון דער גאנצער פֿארבן־קאָמפּאָזיציע. דער איזאָלירטער בלויער אקצענט שטעלט זיך אנטשיידן קעגן דער אינערטער מאסע פֿון די שמוציק־זאמדיקע הײַזער פֿון דער אלטער שטאָט. זײַן קאָליר רופֿט זיך איבער מיט די אָוונט־שאָטנס, מיט דער קאלט וועדנדיקער לופֿט, ווו דער הייסער באטאָגיקער שטויב שטויסט זיך צונויף מיט דער בלויקײַט פֿון דער קעלט. דאָס מאכט דעם קליינעם קופּאָל ווי פֿאר דעם הויפּט־קוואל, פֿונוואנען עס שטראַלט די לעבן ברענגענדיקע קעלט, וואָס פֿארשפּרייט זיך צוביסלעך איבער דער גרויסער שטאָט. די קאָמפּליצירטע שפּיל פֿון די קאָלירן כאפּט ארום סײַ די ערד, סײַ דעם הימל, סײַ די לופֿט, סײַ די ארכיטעקטור.

אָבער דער עמעסער איבערבראָך איז געווען דער אייגנארטיקער נאטיורמאָרט „אין בײַן־האשמאָשעס" (1972). אין אים פֿארנעמט דאָס ערשטע אָרט דער פּייזאזש־פּרינציפּ. געמאָלט זײַנען נאָר דאָס פֿענצטער פֿונעם ווארשטאט און די וואזע מיט א צווײַגל פֿון א געוויקס, אָבער די ווונדערלעכע באלײַכטונג פֿארוואנדלט אָט די פּאָשעטע קאָמפּאָזיציע אין דעם קינסטלערס גליקלעכסטן אײַנפֿאַל. די קאלטע זילבערדיקע בלוי־ווײַסע באלײַכטונג שווימט ווי ארויס אין צימער און אין אים גיסן זיך ארײַן ווארעמע שטראַלן, וועלכע קומען פֿון דער טיף פֿונעם צימער. די שײַן רינגלט ארום ניט פּאָשעט די קליינינקע וואזע און די ווײַסע, ווי זײַדענע, בלעטעלעך; די שײַן קאָנצענטרירט זיך, ווערט געדיכטער און פֿארוואנדלט זיך אין גלאָז, זי ווערט ווי פּליסיק, גיסט זיך איבער און צינדט זיך אָן, אָנהייבנדיק שײַנען. דאָס העלדזל פֿון דער וואזע, וואָס דער קינסטלער האָט מאָדנע אויסגעבויגן, האָט ניט געקאָנט זײַן גלײַך אין אָט דער פֿאנטאסטישער, דורכזיכטיקער שײַן. דער שאָטן פֿון דער פֿענצטער־ראם און דער ווײַטער פּלאן האלטן אײַן אָט די רעגונגספֿולע וועלט אין א רעאלן צושטאנד, און זיי דערמאָנען, אז מיר זעען פֿאר זיך ניט קיין מײַסעלע, נאָר איינעם פֿון די ווונדער, וועלכע דאָס לעבן האָט געשענקט.

אינעם בילד „איבער יאָרהונדערטער" (1973) פֿילט זיך באזונדערס דער אָטעם פֿון אייביקײַט, ווי די שטענדיקע היץ, וועלכע די ערד און די אוראלטע שטיינער שטראַלן אויס פֿון זיך. אָבער אינעם בילד „בוכארע. א פּייזאזש מיט אן אייזעלע" זײַנען ניטאָ ניט קיין קופּאָלן, ניט קיין מינארעטן, עס זײַנען פֿאראן ליימיקע דוואלן, אן אויסגעקרימטער בלעטער־בוים און א פֿיגור פֿון א זאָקן מיט אן אייזל. א בלויער כווישעך ליגט איבער בוכארע, און די אומגעווייגלעכע פֿארן קינסטלער קאָנטורן זײַנען געצייכנט מיט בלויע ליניעס. דאָס באטײַט ניט, אז עס האָט זיך ארײַנגעריסן דער פּרימיטיוו אינעם איידלסטן געוועב פֿון דער הארמאָניע. דער קאָנטור גיט אן אנדער עמאָציאָנעלן עפֿעקט. אין די נעכט איז ניטאָ קיין רו, ווי א קאלטער ווינט פֿונעם מידבאָר וואָלט פֿארפֿלויגן קיין בוכארע און קילט אָפּ די שטאָט פֿון די באטאָגיקע היצן. יעדער סילועט ווערט סײַ אומרויִק, סײַ ווונדערלעך פֿילזאָגנדיק. אין אָט דעם שיינעם פּייזאזש איז פֿאראן עפּעס, וואָס רייצט, וואָס זאָגט, אז דאָס בילד איז נאָך ניט דאָס לעצטע זײַטל אין דעם קינסטלערס שאפֿונג. עס וועלן זיך אָפּגעפֿינען נאָך פֿיל אומדערוואַרטע לייזונגען.

אין 1976 האָט אלעקסאנדער דובינטשיק באקומען דעם טיטל פֿארדינסטפֿולער קינסטלער פֿון רספסר.

טוישוים פון ייִסראָעל

מישע און סאָניע אײדעלבערג

מישע און סאָניע אײדעלבערג װױנען אין ייִסראָעל שױן מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. מישע אײדעלבערג איז ניט לאַנג צוריק געװאָרן אַ בען־שמױנים, ער געהערט אָבער צו יענעם מין מענטשן, װאָס די עלטער האָט אױף זײ קײן שליטע ניט, זײ זײַנען שטענדיק יונג, געזעלשאַפטלעך אַקטיװ.

אין די יונגע יאָרן איז מישע אײדעלבערג געװען אַ בױ־אַרבעטער אין כײַפע, אַ טרעגער אין דער ענגלישער פירמע „ספינעס". שפּעטער איז ער געװאָרן אַן אָנגעשטעלטער אין דער זעלבער פירמע, מיטגליד פונעם פּראָפאַרײן פון די אָנגעשטעלטע, װוּ מע װײלט אים אױס אין סעקרעטאַריאַט און אין צענטראַל־קאָמיטעט. אין יענע יאָרן האָט ער אָנטײלגענומען אין די אַרבעטער־פּיקעטן, װעלכע ער צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיװיסטן האָבן אָרגאַניזירט אין קאַמף פאַר אַן 8־שאָ׳ִקן אַרבעטסטאָג. פאַר אָט דער טעטיקײַט איז ער אַרעסטירט געװאָרן.

אַ לאַנגן און שװערן װעג אין דער אַרבעטער־באַװעגונג פון ייִסראָעל האָט דורכגעמאַכט מישע אײדעלבערג, דערבײַ שטענדיק געהאַלטן זיך באַם לינקן פליגל, געהאַט אַקטיװע באַציִונגען מיט דער קאָמפּאַרטײ. ער איז אין פאַרשײדענע צײַטן דורכגעגאַנגען ניט װײניק שטאַפּלען פון פּאָליטישער אַנטװיקלונג: געװען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטײ „אַכדוט־האַאַװאָדאַ", דערנאָך פון „מאַפּאַי", פון „מאַפּאַם". אין „מאַפּאַם" געװען אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. אין 1950 איז ער אַרױס פון דער דאָזיקער פּאַרטײ און געװאָרן אַן אַקטיװיסט אין דער פרײַנטשאַפט־באַװעגונג „ייִסראָעל — פּססר" און אינעם קאָמיטעט צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָװעטנפאַרבאַנד.

מישע אײדעלבערג איז אַ פּרינציפּיִעלער קעגנער פונעם ציִעניזם. װען צו דער מאַכט אין ייִסראָעל איז געקומען דער „ליקוד" און די ברײטע עפנטלעכקײַט האָט דערזען, װאָס עס באַטײַט די מעמשאָלע פונעם בעגינישן עקסטרעמיזם, האָט אײדעלבערג אין זײַנער אַן אַרױסטרעטונג אױסגערופן:

„דער ציִעניזם — דאָס איז בעגינס „כערוט".

אַ צװײט מאָל מעלדעט ער:

— װען מע זאָגט מיר, אַז אונטערהאַלטן גוטע באַציִונגען מיט די סאָװעטן איז שװער, װײַל דער סאָװעטנפאַרבאַנד איז צו אײנזײַטיק, ענטפער איך: אַװאַדע אײנזײַטיק, װי דען אַנדערש. דער סאָװעטנפאַרבאַנד איז געװען אײנזײַטיק, װען ער האָט געשטימט פאַר שאַפן צװײ מעלוכעס באַנאַנד — די ייִסראָעל־מעלוכע און די פּאַלעסטינער; ער איז געװען אײנזײַטיק, װען ער האָט געראַטעװעט די ייִדן אין די שװידערלעכע יאָרן פון דער צװײטער װעלט־מילכאָמע. איז דאָס שלעכט? נאָך דער אױסבילדונג פון דער מעלוכע ייִסראָעל בין איך געװען אײנער פון די גרינדער פון דער פרײַנטשאַפט־באַװעגונג „ייִסראָעל — פּססר". קומט אױס, אַז איך בין אױך צו אײנזײַטיק, האַ? מיט 10 יאָר צוריק בין איך צוזאַמען מיט יאַנקעװ ריפּטינען געװען די איניציאַטאָרן פון שאַפן דעם קאָמיטעט צו פאַרבעסערן די באַציִונגען צװישן ייִסראָעל און דעם סאָװעטנפאַרבאַנד. אָט האָט איר נאָך אַן אײנזײַטיקן מענטשן — דעם לינקן ציִעניסטישן טוער ריפּטינען!

מישע אײדעלבערג דערצײלט װעגן זײַנע אָנשױװנגען:

— איך האָב זיך קײנמאָל ניט אַנטױשט אינעם סאָװעטנפאַרבאַנד, אומאָפּהענגיק, װאָס די סאָנים זאָלן אױף אים ניט זאָגן. איצט האָט שױן די גאַנצע װעלט זיך איבערצײַגט, װי גרױס עס זײַנען זײַנע דערגרײכונגען אינעם בױען אַ נײַע געזעלשאַפט, אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אָן קאַפּיטאַליסטן, אָן עקספּלואַטאַציע. קעדײ פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָװעטנפאַרבאַנד (און דער קאָמיטעט, װאָס איז אָרגאַניזירט צוליב דעם ציל, װעט געװיס ברענגען צו אַ פאַרבעסערונג), דאַרפן מיר זיך דערשלאָגן, אַז ייִסראָעל זאָל ענדערן זײַן פּאָליטיק. מיר דאַרפן דערצײלן װעגן דער אַרבעט אונדזערער די סאָװעטישע דעלעגאַציעס, װעלכע קומען צו אונדז צוגאַסט.

מישע אײדעלבערג האָט עטלעכע מאָל באַזוכט דעם סאָװעטנפאַרבאַנד, געװײנלעך צוזאַמען מיט זײַן פרױ סאָניע, װאָס איז פּרעזידענט פון דער באַװעגונג פון דעמאָקראַטישע פרױען אין ייִסראָעל. צװישן די סאָװעטישע מענטשן האָבן זײ שױן אַ גרױסע צאָל פרײַנט.

אין איר אַן אַרױסטרעטונג אױף דער קאָנפערענץ פונעם װעלט־ראַט פון דעמאָקראַטישע פרױען האָט סאָניע אײדעלבערג דערצײלט, װי אַזױ אין ייִסראָעל איז אָפּגעמערקט געװאָרן דאָס אינטערנאַציאָנאַלע יאָר פונעם קינד. יאָמ־

טויווים, פּיקניקן פאר ייִדישע און אראבישע קינדער זײַנען פּאָרגעקומען געייניקט אין אן אטמאָספער פון נאטירלעכער הארציקער פרײַנטשאפט. א שטארקן אָפּקלאנג האָבן געהאט די פאַרזאמלונגען, מערק, אויסשטעלונגען פון קונסט־בילדער, וואָס עס האָבן געמאָלט ייִדישע און אראבישע קינדער. עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן פעסטיוואלן און קארנאוואלן פון קינדער אין די דערפער און קלענערע שטעט. דאָרט, ווו די אָרטיקע מוניציפּאליטעטן האָבן אונטערגעהאלטן אונדזערע איניציאַטיוון, איז אין אלע שולן דער 1־טער יון דערקלערט געוואָרן פאר א יאָמטעוו־טאָג, די קינדער האָבן באקומען מאטאָנעס, מע האָט זיי דערציילט, אז די גאנצע וועלט פירט דורך א יאָר פונעם קינד.

דער פּאָליטישער פּאָן, וועלכער עקזיסטירט באנאנד מיט אונדזער פרײַנטשאפט־באוועגונג, איז קאָמפּליצירט איבער די אָפטע באָמבארדירונגען, וואָס די ייִסראָעלדיקע מיליטער־קויכעס פירן דורך אין דאָרעם־ליבאן, איבער די אכזאָריעסן אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. די אראבישע מאסן, באזונדערס די סטודענטן, פרויען, שול־קינדער, טרעטן ארויס מיט אנטי־מילכאָמע־דעמאָנסטראציעס, פּראָטעסטירן קעגן דער אָקופּאציע. אזעלכע ארויסטרעטונגען ווערן אונטערדריקט מיט מיליטערישער קראפט, און עס קומען אום פיל מענטשן. דאָס מיליטער פון ייִסראָעל רעקוויזירט די ערד בא די אראבער, מאכט כאָרעוו זייערע הײַזער בא יעדן כשאד, אז דאָ אָדער דאָרט האָט זיך אופגעהאלטן א פּארטיזאן.

אונדזער באוועגונג האלט, אז אזעלכע צוואנגס־מיטלען רופן ארויס סינע צווישן די ייִדן און אראבער, בעמיילע ווערט שווערער צו דערגרייכן א יוישערדיקן שאָלעם.

אין ייִסראָעל הערשט איצט א יאקרעס, די אינפליאציע שטײַגט און שטײַגט. דערפון ווערן, ווי שטענדיק, די רײַכע נאָך רײַכער, די אָרעמע — אָרעמער.

ייִסראָעל איז א קליין לאנד. די פעלקער, וואָס באווינען עס, האָבן דערגרייכונגען אין דער לאנדווירטשאפט און אין דער אינדוסטריע. זאָל נאָר זײַן שאָלעם און פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער, זאָל נאָר קומען א צײַט פון סאָציאלן פּראָגרעס, — דאן וועט אויך אונדזער לאנד שעפּן פונעם קוואל פון פרידלעכער מי.

די לאגע פון די פרויען אין ייִסראָעל איז ניט קיין געהויבענע. אין 1975 איז געשאפן געוואָרן אן אָפיציעלע קאָמיסיע אף באהאנדלען די פּראָבלעם. נאָך צוויי יאָר אינטענסיווער ארבעט האָט די קאָמיסיע צוגעשטעלט דער רעגירונג 231 רעקאָמענדאציעס וועגן פארבעסערן די לאגע פון די ייִדישע און אראבישע פרויען. ביז איצט איז אָבער אָנגענומען געוואָרן סאכאקל איין־איינציקע רעקאָמענדאציע: שאפן אינעם ארבעטס־מיניסטעריום אן אָפּטייל וועגן פרויען־ארבעט. צווישן די 231 רעקאָמענדאציעס זײַנען פאראן אזעלכע, ווי אײַנפירן א געזעץ וועגן גלײַכן לוין פאר פרויען און מאנצבלען, וועגן גלײַכן לוין פאר די אראבישע ארבעטערנס, ווען זיי פילן אויס די זעלבע ארבעט, וואָס די ייִדישע.

א גרופּע אקטיוויסטן פון דער געזעלשאפט „ייִסראָעל — פססר” און פונעם קאָמיטעט פאר פארבעסערן די באציִונגען צווישן ייִסראָעל און דעם סאָוועטנפארבאנד האָט צום 80־טן געבורטסטאָג פון מישע איידעלבערג באשלאָסן אָפּשטאטן אים א היימישן וויזיט. און אָט זײַנען מיר בא די איידעלבערגס אין דער היים. א באשיידענע דירע, אף די ווענט א סאך בילדער פון פרײַנט קינסטלער. אפן טיש און אף די ביכער־פּאָליצעס — ביכער, ביכער און ביכער. „יעדע עמעסדיקע שורע איז אן אויסדרוק פון קאמף און פרײַנטשאפט לעשעם די אידעאלן, וועלכע פארייניקן אונדז”. אונטערשריפט — אלעקסאנדער פּען. נאטאן יעלין־מאָר שרײַבט: „סאָניען און מישען — די ייִנגסטע פון מײַנע פרײַנט”. ביכער מיט ווארעמע באגריסונגען פון דער דיכטערן לייע גאָלדבערג, פונעם דיכטער אווראָם שליאָנסקי, פונעם שוישפּילער פינקעל...

איך פרעג מישע איידעלבערגן: „דו האָסט געוווּסט פון א גוט לעבן?”. ער ענטפערט: „איך האָב וועגן דעם ניט געטראכט. איך בין געוועזן צו שטארק פארנומען...”

מ. יאליט (טעל־אוויוו)



סאָניע און מישע איידעלבערג

ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפרייטער פון ס״ה

פון ״סאָוועטיש היימלאַנד״

א ריי אַף אויסשרײַבן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"

די שרײַבער בראַכע און אַרן בורשטיין
(פּערם)

פיר אָוונטן נאָכאַנאַנד, פונעם 7 ביזן 10 יון 1979, האָבן מיר באַוויזן אין דער אוראַלטער שטאָט פּערם אַף דער בינע פונעם קולטור־פּאַלאַץ „גאָזנאַק" אונדזערע ספּעקטאַקלען „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" לויט שאָלעם־אַלייכעמען און מ. גערשנזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער".

עס געפעלן מיר בײדע פאָרשטעלונגען, סײַ די ערשטע, וועלכע עס האָט געשטעלט בא אונדז אין קאָלעקטיוו פעליקס בערמאַן, מוזיק האָט אָנגעשריבן יעווגעני ראָכלין און טענץ האָט פאַרפאַסט דאָוויד פּלאָטקין, סײַ די צווייטע, ווו אַלס רעזשיסער טרעט אַרויס דער פאַרדינטפולער קונסט־טוער פון קאַססר יוסעף ריקלין, אַלס קאָמפּאָזיטאָר יעווגעני ראָכלין און אַלס באַלעטמייסטער באָריס זאַוויאַלאָוו.

נעמט עס ניט אויף ווי א באַרימערײַ, נאָר איך מוז זאָגן, אַז איך בין שטאַרק צופרידן מיט אונדזערע אַרויסטרעטונגען, מיט אַלע, נאָר באַזונדערס ווײַל איך אויסטײלן דעם זונטיקדיקן ספּעקטאַקל. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס — עפּשער דערפאַר, ווײַל די צושויער האָבן דערפילט, אַז זיי געזעגענען זיך שוין מיט אונדז, אָדער ווײַל מיר אַליין האָבן דעם פערטן ספּעקטאַקל אין פּערם געשפּילט מיט א ביז גאָר דערהויבענער שטימונג, באַגײַסטערטע פונעם קאָװעד, וועלכן די פּערמיאַקעס האָבן אונדז אָפּגעגעבן אין די פריקע דרײַ אָוונטן, נאָר אין זאַל און אַף דער בינע האָט זונטיק געהערשט א יאָמטעוודיקע אַטמאָספער. וואָס קאָן זײַן ליבער פאַר אַן אַרטיסט, ווען דער צושויער פאַרשטייט אים?

איך מאַך אַן אויספיר פון די פּערמער גאַסטראָלן, אַז די דאָרטיקע טוישווים האָבן ליב די ייִדישע קונסט ביכלאַל און דאָס ייִדיש וואָרט ביפראַט.

אָט איז נאָך איין פאַקט, וועלכער באַשטעטיקט עס. דער ייִדישער שרײַבער אַרן בורשטיין, וועלכער וווינט אין פּערם, האָט בייס די אַנטראַקטן דורכגעפירט די אַבאָנירונג אַפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". וואָלט איר געדאַרפט זען, וואָס עס האָט זיך געטאָן לעבן זײַן טישל. א. בורשטיין און זײַנע באַהעלפער האָבן קוים זיך ספּראַוועט מיט דער אַרבעט. צום טישל האָט זיך געצויגן א לאַנגע ריי ליבהאָבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, צווישן זיי א סאַך יונגעלײַט.

מיר האָבן בעקיוון פאַרלענגערט די צײַט פון די אַנטראַקטן, קעדיי וואָס מערער מענטשן זאָלן זיך קאָנען אונטערשרײַבן אַפן זשורנאַל. איך ווייס ניט וויפל אַבאָנענטן האָבן האיאָר געשאַפן ביכלאַל א. בורשטיין און זײַנע כאַווײרים, נאָר אַף אונדזערע אָוונטן האָבן זיך אַפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" באַוויזן אַבאָנירן 72 נײַע לייענער. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז ניט ווייניק.

זונטיק נאָכן ספּעקטאַקל האָבן אונדז באַגלייט צום אויטאָבוס פיל דאַנקבאַרע מענטשן, צווישן זיי האָבן מיר באַמערקט אַרן בורשטיינען און זײַנע פרײַנט, די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער.

מ א נ י ע ק אָ ט ל י א ר אָ װ ע, שוישפּילערן. מאָסקווע

דער שרײַבער פֿירט דורך די אַבאָנירונג

דער שרײַבער הירש רעלעס (ערשטער פֿון לינקס) מיט נײַע לייע־נער פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"

די לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין ווײַסרוסלאַנד ווייסן גוט הירש רעלעסן, דעם שרײַבער און געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרשפּרייטער פֿונעם זשורנאַל. אָפֿט קען מען אים באַגעגענען אין די שטעט און יישובים פֿון דער רעפּובליק בײַם דורכפֿירן די אַבאָנירונג אַף „סאָוועטיש היימלאַנד". ער טרעפֿט זיך מיט די ליבהאָבער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּראָפּאַגאַנדירט דעם זשורנאַל צווישן די פּאָטענציעלע לייענער.

ס'איז א פֿריידיקע דערשײַנונג, ווען די לייענער פֿונעם זשורנאַל באַקומען א מעגלעכקייט צו האָבן א קאָנטאַקט מיט לעבעדיקע שעפֿער פֿון דער ליטעראַטור.

ל. פּינקוסמאַן
גראָדנע

ניט נאָר א קיאָסקער

ניט אין אַלע קיאָסקן בא אונדז אין אָדעס איז שטענדיק פֿאַראַן דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אָבער בא איין קיאָסקער וועט איר אים טאָמיד קריגן — בא ב. שטיוועלמאַנען. ער איז ניט בלויז א קיאָסקער, נאָר א געטרײַער פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

מיר דוכט, אַז אַזעלכע מענטשן ווי ב. שטיוועלמאַן, דאַרף מען באַזונדערס אָפּמערקן. עס וואָלט געווען, אַשטייגער, גוט, אַז די אַקטיווע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער זאָלן באַלוינט ווערן מיט ערן־גראַמאָטעס. אָדער די רעדאַקציע זאָל אײַנפֿירן אַן ערן־טאָוול אינעם זשורנאַל.

מ. קליינבערג
אָדעס

פֿון רעדאַקציע

מיר האָבן באַקומען נאָך עטלעכע בריוו פֿון אָדעס, אין וועלכע ב. שטיוועלמאַנס לאַנדסלײַט באַדאַנקען אים פֿאַר זײַן אַרבעט. מיר דרוקן דאָ זײַן פּאָטאָ און ווינטשן אים דערפֿאָלג און געזונט. דער פֿאָרשלאָג פֿונעם ח׳ מ. קליינבערג וועגן אָפּמערקן די מי פֿון די ענטוזיאַסטן אין דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועט באַטראַכט ווערן.

א באַקאַשע

צו אונדז, לייענער־וועטעראַנען פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", ווענדן זיך מיט פֿאַרשיידענע באַקאַשעס די כאַווײרים, וועלכע מיר אַבאָנירן אַפֿן זשורנאַל און זיי הייבן שוין אָן פֿאַרכאַפּט צו ווערן מיט זײַן אַטמאָספֿער. זייער אָפֿט ווײַזט מען אַרויס נײַגעריקייט צו די שעפֿער פֿונעם זשורנאַל, און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. מע וויל וויסן, וואָזוי עס זעט אויס די רעדקאָלעגיע אין איר פֿולן באַשטאַנד.

מיר בעטן די רעדאַקציע זיך באַנוצן מיט דער נאָענטסטער פּלענאַרער זיצונג, ווען ס'קומען זיך צונויף אַלע מיטגלידער, און מאַכן א פֿאָטאָ־בילדל, אַזוי, אַז סײַ די נײַע לייענער, סײַ אַלע אַנדערע זאָלן האָבן א פֿאָרשטעלונג וועגן דעם רעדקאָלעגיע־קאָלעקטיוו.

ר. טונקלרוויט,
ב. שײַנערמאַן
מאָסקווע

פון רעדאַקציע

מיר פילן אויס די באַקאַשע פון די כאַווײרים ר. טונקלרויט און ב. שײנערמאַן. צום באַדויערן, האָבן מיר ניט אַף דער פאָטאָ דעם גאַנצן באַשטאַנד פון דער רעדקאָלעגיע. אַף דער פּלענאַרער זיצונג איז איבערן געזונט־צושטאַנד ניט בײַגעווען דער מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע כ. מעלאַמוד.

אין דער ערשטער ריי פון רעכטס אַף לינקס: א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, א. ווערגעליס, ה. פּאָליאַנקער, ט. גען. אין דער צווייטער ריי פון רעכטס אַף לינקס: ב. מאָגילנער, כ. ביידער, י. שוסטער, ב. מילער, נ. לוריע, ה. רעמעניק.

ייִדישע מוזיק אין די קאָנצערט־פּראָגראַמען פונעם פעסטיוואַל „רוסקאַיאַ זימאַ“

די פײַערלעכע עפענונג פונעם זעכצנטן לויט דער צאָל טראַדיציאָנעלן יאַמטעוו פון קונסט אונטערן נאָמען „רוסקאַיאַ זימאַ“ („דער רוסישער ווינטער“) איז פאָרגעקומען דעם 25 דעקאַבער אין מאָסקווער באָלשאָי טעאַטער, וווּ עס איז אין דעם זעלבן אָוונט באַוויזן געוואָרן אַנדריי עשפּײַס באַלעט „אַנגאַראַ“. אין די פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, וועלכע זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אין דער פעסטיוואַל־אַפישע, האָבן זיך באַטייליקט ערשטראַנגיקע סאָליסטן פון דער אָפּערע און באַלעט. אַף די קאָנצערט־עסטראַדעס פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט זײַנען, אויסער אַרטיסטן פון מאָסקווע, אַרויסגעטראָטן געסט פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, ווי אויך שוישפּילער פון אויסלאַנד.

אַפן פעסטיוואַל זײַנען קיין מאָסקווע געקומען צופאָרן באַ 40 טויזנט אויסלענדישע טוריסטן פון קימאַט 50 לענדער.

איינע פון די פּראָגראַמען פון דעם אַקאַדעמישן מעלוכישן סימפאָנישן אָרקעסטער, איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון ווערק פון דער ייִדישער קלאַסישער און הײַנטצײַטיקער מוזיק. דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אינעם גרויסן זאַל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע אַפן צווייטן טאָג פון דעם פעסטיוואַל. הויפּט־דיריזשאָר פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער איז געווען דער פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר, לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע און פון דער מעלוכע־פּרעמיע פון רספּסר יעווגעני סוועטלאַנאָוו.

אין אָט דעם אָוונט האָבן אין דעם איבערגעפולטן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע געקלונגען אַזעלכע שעדעוורען, ווי סערגיי פּראָקאָפיעווס „אוווערטיור אַף ייִדישע טעמעס“ און דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשעס „פון דער ייִדישער פאָלקס־פּאָעזיע“ (אַ וואָקאַלער ציקל פאַר סאָפּראַנאָ, קאָנטראַלטאָ און טענאָר מיט אַן אָרקעסטער אין דער אויספירלונג פון דער פאַרדינסטפולער אַרטיסטקע פון רספּסר ראַיסאַ באָבריניאָווא, און די פאָלקס־אַרטיסטן פון רספּסר גאַלינאַ באָריסאָווא און אַלעקסיי מאַסלעניקאָוו). צום ערשטן מאָל איז אין באַשטאַנד פון דעם דאָזיקן אָרקעסטער אויסגעפילט געוואָרן ערנעסט בלאָכס אימפּראָוויזאַציע „דער באַלשעם“, ווי אויך פאַנטשאָ וולאַדיגעראָווס ייִדישע פּאָעמע און יעווגעני סוועטלאַנאָווס ראַפּסאָדיע נומ. 2.

צום שלוס פונעם קאָנצערט האָט יעווגעני סוועטלאַנאָוו געמאָלדן, אַז דער אַקאַדעמישער מעלוכישער סימפאָנישער אָרקעסטער פון פּססר האָט אויך צוגעגרייט, אויסער דער פּראָגראַם זינאָווי קאָמפּאַנייעצעס ראַפּסאָדיע אַף ייִדישע טעמעס. די ראַפּסאָדיע איז זייער וואַרעם אופגענומען געוואָרן, און דער אָרקעסטער האָט אויסגעפילט איר פינאַל אַף „ביס“.

■ ■ ■

דאָס איז טשיקאַווע

שאָלעם־אַלייכעמס עקסליבריס

אינעם „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" (צווייטע אופלאגע, ניו־יאָרק, 1958) ווערט אף דער זײַט 360 רעפּראָדוצירט איינער פון שאָלעם־אַלייכעמס שטעמפּלען מיט זײַן נאָמען אף ייִדיש און לאַטײַן. וועגן דעם, אז דאָס איז ניט דער איינציקער שטעמפּל, מיט וועלכן דער שרײַבער האָט זיך באנוצט, זאָגט איידעס די פאקסימילע פון זײַנע בריוו צו מענדעלע מויכער־ספאָרים, א רעפּראָדוקציע פון וועלכער עס איז אָפּגעדרוקט אין דעם זעלבן „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" אף דער זײַט 253. מע זעט דײַטלעך אף דעם אָפּדרוק, אז שאָלעם־אַלייכעם האָט דעמלט גע־לעבט אינעם לאָזאנער (שווייץ) פּאנסיאָנאט „העליאָס".

און אָט האָבן מיר ערשט ניט לאנג צופעליק זיך אָנגעשטויסן אף נאָך איינעם פון שאָלעם־אַליי־כעמס שטעמפּלען, ריכטיקער גע־זאָגט — אף זײַנעם אַן עקסליבריס, מיט וועלכן ער האָט זיך באנוצט, וווינענדיק אין לאָזאן. געפונען האָבן מיר אָט דעם בוך־צייכן ניט אין אַן ארכיוו, נאָר אין דער לע־נינגראַדער טעאַטראַלער ביבליאָ־טעק אף א. וו. לונאַטשארסקיס נאָמען.

בלעטערנדיק דעם קאַטאַלאָג פון ייִדישע פּיעסן, וועלכע פלעגן צו־געשטעלט ווערן פאַר דער צאַריי־שער צענזור — סײַ געשריבענע פון דער האַנט, סײַ געדרוקטע, — האָבן מיר זיך פאַרינטערעסירט מיטן נומ. 35, אונטער וועלכן עס איז באצייכנט שאָלעם־אַלייכעמס „א גאַסט". מיר האָבן געבעטן ארויסגעבן אונדז דעם דאָזיקן „גאַסט", און ס'האָט זיך ארויס־געוויזן, אז האַגאַם אפן שאַרבלאַט איז אָנגעוויזן טאַקע „א גאַסט",

איז דאָס גאָר אינדערעמעסן א געדרוקט קאַפּיטל פון „מאָטל פּיי־סי דעם כאַזנס", פּינקטלעכער — דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן ווערק „איך און דאָס קעלבל".

אף דער הילע — א שטאַמפּ פון צענזאָר: „צום אויספּילן דער־לויבט", און די דאַטע: 7 יאַנוואַר 1914.

איצט איז שוין געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס שאָלעם־אַלייכעמס דער־ציילונג איז ארײַנגעפאַלן צווישן טעאַטראַלע פּיעסן: זי איז געווען באַשטימט פאָרגעלייענט צו ווערן פאַר דער עפנטלעכקײַט, און אָן א דערלויבעניש פון דער צענזור האָט מען דאָס טאָן ניט געקאָנט.

בא דער געלעגנהײַט וועלן מיר אופשטעלן די געשיכטע פון איי־נער אַזאַ דערלויבעניש.

אין סאָף 1913, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך געהיילט אין איטאַליע און אין דער שווייץ, האָט א גרופּע וואַרשעווער זיך גענומען אײַנאָרדענען זײַנע פאָר־לעזונגען אין פּוילן. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פאָרלע־זונגען איז געווען זײַן אַלטער פרײַנט דאָקטער גערשן לעווין. טאַקע צווישן זיי ביידן וויקלט זיך פאַנאַנדער א בריוו־אויסטויש. ג. לעווין שרײַבט שפּעטער אין זײַנע זיכרוינעס (געדרוקט אינעם „שאָלעם־אַלייכעם־בוך"):

„די האַכאָנעס פון די פאָרלע־זונגען זײַנען אָבער צוגעגאַנגען זייער שווער איבער עטלעכע סי־בעס: ערשטנס, איז געווען א מעניע מיצאַד דער מעלוכע, ווײַל מיר האָבן געמוזט צענזורירן אַלצדינג, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געזאָלט לייענען, און דאָס האָט זיך געצויגן לאַנג, ווי דער גאָלעס. צווייטנס, האָט די פּאָלי־ציע געמוזט כויקער וועדוירעש זײַן וועגן דער „בלאַגאָנאַדיאָזשנאָסט" פון שאָלעם־אַלייכעמען גופע...".

ג. לעווין האָט וועגן דעם מיט־געטיילט שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכער איז, אַגעוו, שוין געווען צוגעוווינט צו די דאָזיקע זאַכן. דעם 17 פעברואַל 1914 שרײַבט ער פון נערווי (איטאַליע) צו מאָרדכע ספּעקטאָרן אין זײַן גע־וויינלעכן הומאָריסטישן נוסעך:

„דו פרעגסט, וואָס קאָנסטו טאָן, ביכדיי מיר זאָלן זיך זען אינגיכן אין וואַרשע? אָט א נאַיווער מענטש ספּעקטאָר! דו ווייסט ניט, אז מע וואַרט אף א „ראַזרעשע־ניע"? זיצסט צוואַנציק יאָר אין וואַרשע, צי נאָך מער, ביסטו קראַנק א זאָג טאָן דאָרט דעם פּאָליצמייסטער א פּאָר ווערטער, ער זאָל ניט מאַכן קיין אָנשטעלן? „פּאַני, — זאָג אים מיט א מויל אף דײַן רישעס, — פּאַני! ווי דומאַיע־טע שאָלעם־אַלייכעם רעפעראַט טאָוואַרישטשי קיש־קיש קורי נא

סוואָבאָדו? אי ניע נאטשינאיעט־
סיאַ! צע ניע באָלי מעניע דאָברע
בראטיקל טשיטאיעט פּאָ נאשע־
מו, פּאָ זשארגאָנסקעמו, א מי,
יעווריײטשיקי, דיערזשימסיא זא
סטאָראָני אי קאטשאיעמסיא נא
זעמליא!" (פּאָרעץ! דו מיינסט, אז
שאָלעם־אליײכעמס רעפעראט האָט
צו טאָן מיט די טאָווארישטשעס,
וואָס טרײַבן די הינער אף דער
פרײַהײַט? עס הייבט זיך גאָרניט
אָן! ס'איז ניט מער און ניט ווײַ־
ניקער ווי א גוט־ברודערל, וואָס
לייענט אף אונדזער לאָשן, אף
זשארגאָן, און מיר, ייִדעלעך,
האלטן זיך בא די זײַטן און קא־
טשען זיך אף דער ערד!")... אָט
אז דו טרעטסט ארויס מיט אזא
לאָשן, באקומט ער דאָס נײַניערי־
קע און טוט זיך א שרײַב אונ־
טער: „שאָלעם־אליײכעם ראזורע־
שאיו אי קאָניעץ!"

„ענדלעך, סאָף פעווראל, —
שרײַבט ג. לעווין, — האָבן מיר
באקומען די דערלויבעניש אף
שאָלעם־אליײכעמס פאָרלעזונגען.
איך האָב אים, זעלבסטפארשטענד־
לעך, טייקעף אומיִאד מוידיִע
געווען...".

שאָלעם־אליײכעם איז געקומען
קיין ווארשע ערשט אין אפּרעל
1914, און צווישן די ווערק, וועל־
כע ער האָט דעמלט פאָרגעלייענט
אינעם גרויסן זאל פונעם טעאטער
„מיניִאטור" פאר הונדערטער בײַ־
וועזנדע, איז געווען, אפּאָנעם,
אויך „איך און דאָס קעלבל" אונ־
טער דער הילע „א גאסט".

...פארמאכנדיק דאָס דינינקע
ביכעלע מיטן אופשריפט „א
גאסט", האָבן מיר אף דער לעצ־
טער זײַט פון דער הילע זיך אָנ־
געשטויסן אף שאָלעם־אליײכעמס
פערזענלעכן עקסליבריס, אויסגע־
פילט אין דער פאָרם פון א בוך
מיט לאטײַנישע אויסיִעס: „שאָ־
לעם־אליײכעם — ס. ראבינאָוויטש,
אוועניו ד'אושו 38. לאָזאנא
(שווייץ)". דער שטעמפּל איז
אוועקגעשטעלט געוואָרן דרײַ מאָל
מיט בלויען טינט.

כאִים ביידער

בראָניק

ביראָבידזשאנער נײַס

יאָרן פון שעפערישער מי

אין ביראָבידזשאנער שטאָטישן קולטור־הויז איז
אָפּגעמערקט געוואָרן דער 15־יאָריקער יובילײ פונעם
אָרטיקן פידלער־אנסאמבל.

אף דער בינע הייבן זיך אוף אונטער קלאנגען פון
מוזיק און הילכיקע אפּלאָדיסמענטן פונעם פולגע־
פאקטן זאל אלע אָנטײלנעמער פונעם אנסאמבל. זײַן
אָנפירער — סעמיאָן גרויסמאן — דערציילט וועגן דעם
שעפערישן וועג פונעם קאָלעקטיוו, וועגן דער צו־
גרייטונג צום צווייטן אלפארבאנדישן פעסטיוואל פון
קינסטלערישער שאפונג פון די ארבעטנדיקע.

דעם אנסאמבל האָט באגריסט דער דירעקטאָר פון־
נעם קאנטישן הויז פון פאָלקס־שאפונג וו. זובאריעוו.
וועלכער האָט אונטערגעטראָגן יעדן פידלער א קאָמ־
פּלעקט גראמאָפאָן־פּלאטן פון דער אלפארבאנדישער
סטודיע „מעלאָדיע". אף די פּלאטן זײַנען פארשריבן
מוזיקאלע ווערק אין דער אויספילונג פון די אָנ־
טײלנעמער פונעם שלוס־קאָנצערט פון דעם ערשטן
אלפארבאנדישן פעסטיוואל פון קינסטלערישער שא־
פונג, צווישן זיי אויך פונעם ביראָבידזשאנער פיד־
לער־אנסאמבל.

אין נאָמען פונעם ביראָבידזשאנער ייִדישן פאָלקס־
טעאטער, האָט דעם אנסאמבל באגריסט דער רע־
זשיסער בערטע שילמאן. די ארטיסטן פונעם טעא־
טער כײַע און מאקס עפּשטיין האָבן אויסגעפילט א
ליד, וואָס זיי האָבן געשאפן ספּעציִעל צום יובילײ־
אָוונט.

דער פידלער־אנסאמבל איז ארויסגעטראָטן מיט
א גרויסן קאָצערט פון די בעסטע ווערק פון זײַן
רעפּערטואר.

■ ■ ■

מאַטעריאַלן פֿאַר אַ לעקסיקאָן
פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

ניסטער, דער (פּסעוודאָנים פֿון פּינכעס קאַהאַנאָוויטש, 1884—1950)



— פּראָזאַיִקער, דיכטער. געבוירן אין בערדיטשעוו, באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע בילדונג. די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור געלערנט בײַ פּריוואַטע לערער. געווען אַ לערער פֿון העברעיִש. אָנגעהויבן פֿרי שרײַבן, דעביוטירט מיט אַ ביכל לידער אין פּראָזע „געדאַנקען און מאָטיוון" (1907). זײַן שאַפֿן האָט זיך אַנטוויקלט, פֿון איין זײַט, אונטער דער ווירקונג פֿון כסידעס, פֿון דער אַלטער רעליגיעזער העברעיִשער קולטור, פֿון קאַבאָלע, מיטלאַלטערלעכע לעגענדעס, און פֿון דער צווייטער זײַט, אונטער דער ווירקונג פֿון דער רוסישער און ייִדישער מאָדערניסטישער ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע, באַזונדערס פֿונעם סימבאָליזם; אין זײַן ליטעראַרישן סטיל פֿילט זיך די ווירקונג פֿון נאַכמען בראַצלאַווער און פֿון י.־ל. פּערעצן.

אין די רעאַקציע־יאָרן צווישן צוויי רעוואָליוציעס האָבן דעם ניסטערס ווערק זיך אויסגעטיילט מיט אַן אייגנאַרטיקן דעמאָקראַטיזם און מיט אַ געוויסן אָפּטימיסטישן אינהאַלט. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט ער אַקטיוו זיך באַטייליקט אין ליטעראַרישן לעבן. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע ווערק אין די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אין די זאַמלביכער „אייגנס", „אויפֿגאַנג" און אַנד. אין 1920 האָט ער געלעבט אין מאָסקווע, אַ געוויסע צײַט מיטגעאַרבעט אין דער מאַלאַכאָווקער קינדער־קאָלאָניע, נאָכדעם אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, געוווינט אין בערלין, האַמבורג. געדרוקט זײַנע ווערק אין אַ ריי אויסלענדישע אויסגאַבעס, אָבער ניט איבערגעריסן די פֿאַרבינדונגען מיט דער סאָוועטישער ליטעראַטור (פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע ווערק אין זשורנאַל „שטראָם"). צוזאַמען מיט מוישע ליפֿשיצן און לייב קוויטקאָ האָט דער ניסטער צונויפֿגעשטעלט דעם זאַמלבוך „גייענדיק", וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיצד דער ייִדישער סעקציע פֿונעם „קאָמיסאַריאַט פֿאַר פֿאָלקסבילדונג" אין מאָסקווע אין 1923. אַ זאַמלונג פֿון זײַנע ווערק „געדאַכט" אין צוויי בענדער איז דערמלט דערשינען אין בערלין. אין 1928 האָט דער ניסטער זיך אומגעקערט פֿון אויסלאַנד און פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור ווי איינער פֿון אירע אָנהייבער און גרונטלייגער.

דעם ניסטערס שאַפֿן לאָזט זיך אײַנטיילן אין דרײַ פּעריאָדן. דער ערשטער פּעריאָד איז דאָס יאָרצענדליק ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע (1907—1917), ווען ער איז געווען דער אוטאָר פֿון סימבאָליסטישער דיכטונג; אין צווייטן פּעריאָד — אין די ערשטע צען יאָר נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע (1918—1928) האָט ער געשאַפֿן הויפּטזאַכלעך סימבאָליסטישע פּראָזע; דער דריטער פּעריאָד — דאָס זײַנען די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פֿון זײַן לעבן (1929—1949), ווען ער איז געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע מײַסטערס פֿון דער ייִדישער רעאַליסטישער פּראָזע. דער ניסטער האָט גוויוער געוועזן די אידייִשע און עסטעטישע ווידערשפּרוכן אין זײַן שאַפֿן אין די ערשטע צוויי פּעריאָדן. אין די דרײַסיקער יאָרן דרוקט ער אַ סעריע פֿאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן, וועלכע זײַנען דערנאָך דערשינען אין בוך „דרײַ הויפּטשטעט" (1934). דער שרײַבער פֿאַרקערפּערט די דערשײַנונגען פֿונעם רעאַלן לעבן און גייט אַזויאַרום אַריבער פֿון סימבאָליזם צו אַ נײַעם שעפֿערישן מעטאָד, צו רעאַליזם. ענדגילטיק פֿאַרפֿעסטיקט ער זיך אויף רעאַליסטישע פּאָזיציעס אין ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער" (1941). טיפּאָלאָגיש געהער „די מישפּאָכע מאַשבער" צו דעם זשאַנער פֿון פֿאַמיליע־כראָניק, וואָס שילדערט די צעפֿאַלונג און רויִנירונג פֿון דער בורזשואַזער פֿאַמיליע. אַזאַ טיפּ פֿון ראָמאַן איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ליטעראַטור פֿון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט — פֿאַר דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער („בודענבראָקן" פֿון טאָמאַס מאַן), רוסישער („דיעלאָ אַרטאַמאָנאָוויך" פֿון מאַקסים גאָרקי) און ייִדישער („נאָך אַלעמען" און „באַם דניעפּער" פֿון דאָוויד בערגעלסאָן). דעם ניסטערס ראָמאַן איז נאָענט אויך צו דאָסטאָיעווסקיס פֿאַמיליע־כראָניק „די ברידער קאַראַמאַזאָווס".

אין לעצטן פּעריאָד, אַדאַנק דעם ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער", האָט ניסטערס שאַפֿן באַקומען די אייגנשאַפֿטן פֿון גרויסער קונסט. מיר געפֿינען דאָ אַ ברייטע און אַכרײַעספֿולע אידייען־וועלט, פֿאַנאַנדערגעוויקלטע לעבנס־בילדער, פֿאַראַלגעמיינערטע קינסטלערישע געשטאַלטן, טיפּן און כאַראַקטערן. די דאָזיקע געשטאַלטן זײַנען אָריגינעל און נײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור לויט זייער טיפּישקײַט און לויט זייער אינדיווידואַליזאַציע, לויט זייער אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן טאָך, לויט דער שפּראַך און פּסיכאָלאָ־

גיע. דאָס וואָרט אין דעם ניסטערס פּראָזע האָט באקומען קאָנקרעטקייט, באשטימטקייט און צוזאמען דערמיט עלאסטישקייט, דורכזיכטיקייט. דאָס וואָרט איז געוואָרן פול מיט רײַכע פּסיכאָלאָגישע אינטאָנאציעס, אקצענטן און ניואנסן, ניט אָנווערנדיק דערבײַ די אונטערגרונטיקע טיפקייט, די אונטערטעקסטועלע סימבאָלישקייט, פילבאדײַטנדיקייט. דעם ניסטערס קינסטלעריש וואָרט איז איצט געוואָרן אין דער פולער מאָס דערציילעריש און אין דער זעלבער צײַט — לאקאָניש, אפאָריסטיש, אָנגעזעטיקט מיט פילאָסאָפישער פובליציסטישקייט, מיט דיִאלאָגישער פּאָלעמישקייט, מיט איראָניע, פּאטעטיק.

„די מישפּאָכע מאשבער" איז דעם ניסטערס הויפּט־ווערק. דער ראָמאן איז געבליבן ניט פארענדיקט, אָבער ער זאָגט אײדעס וועגן שעפערישן אופשטײַג פונעם שרײַבער, וועגן זײַן אופגאנג צו די שפּיצן פון קלאסישער קונסט. אין פּעריִאָד פון רעאליסטישער עפּישער שאפונג איז דער ניסטער געוואָרן א קינסטלערישער געשיכטע־שרײַבער פונעם ייִדישן לעבן, אָנגעהויבן פון די 60 — 70־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, פאָרזעצנדיק מיטן אָנהייב פון דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, באזונדערס מיט דער עפּאָכע פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאנד (דער ראָמאן „ארום 1905"), און געענדיקט מיטן פּעריִאָד פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע (די דערציילונגען פונעם בוך „ווידערוווּקס", מאָסקווע, 1969).

דער ראָמאן „די מישפּאָכע מאשבער" שטייט אין צענטער פון דעם ניסטערס שאפן אלס סינטעטישער סאכאקל פון זײַן ליטעראריש־שעפערישער עוואָליוציע. דערמיט ווערט אבסאָליוט ניט פארמינערט די וויכטיקע באדײַטונג פון אלע אנדערע ווערק, וואָס דער ניסטער האָט געשאפן אין מעשעך פון זײַן פערציקיאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט.

ווערק: „געדאנקען און מאָטיוון" („לידער אין פּראָזע"), ווילנע, 1907; „העכער פון דער ערד", ווארשע, 1910; „געזאנג און געבעט", לידער, קיִעוו, 1912; „מײַסעלעך אין פערזן", דאָרטן, 1918 (צווייטע אופלאגע — 1919, דריטע, פארגרעסערטע אופלאגע מיט צייכענונגען פון מארק שאגאל, ווארשע, 1921); „מאָטיוון", קליינע ביבליִאָטעק „ליריק", קיִעוו, 1922; „געדאכט", 2 בענדער, בערלין, 1922—1923; „געדאכט", קיִעוו, 1929; „פון מײַנע גיטער", כארקאָוו, 1929; „דרײַ הויפּטשטעט", פארצייכענונגען, דאָרטן, 1934; „די מישפּאָכע מאשבער", ערשטער טייל, מאָסקווע, 1939; „פון פינפטן יאָר", ראָמאן, זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" נומער 1 פון 1974; „קאָרבאָנעס", דערציילונגען, מאָסקווע, 1943; „ווידערוווּקס", דערציילונגען, דאָרטן, 1969; „די מישפּאָכע מאשבער", ניו־יאָרק, 1943 (נאָך איין אופלאגע אין 1948); „דער זיידע מיטן אייניקל", דאָרטן, 1943; „העשל אנשעלעס", דאָרטן, 1943; „אינעם אָקופּירטן פּוילן", בוענאָס־אײַרעס, 1945; „דערציילונגען און עסייען", ניו־יאָרק, 1957. דעם ניסטערס ווערק זײַנען איבערגעזעצט אף רוסיש, אוקראַיִניש, העברעיִש און אנדערע שפּראכן. דער ניסטער האָט איבערגעזעצט אף ייִדיש א ריי ווערק פון דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעישער ליטעראטור.

ביבליִאָגראפיע: מ. ליטוואקאָוו, „אין אומרו", ב. 2, מאָסקווע, 1926; י. דאָברושין, „ליטערארישע בלעטער", ווארשע, 1937; א. גורשטיין, „אויסדערוויילטע ארטיקלען" (רוסיש), מאָסקווע, 1959; יא. לוואָווסקי, „דער ניסטער אין זײַנע יוגנט־יאָרן", זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומער 3, מאָסקווע, 1963; דער זעלבער, „אין טאָגטעגלעכן לעבן", דאָרטן, נומער 6 פון 1964. כ. דוניעץ, „פאר מאגניטבויען אין דער ליטעראטור", מינסק, 1932; א. זאַרעצקי, „שריפטן", קיִעוו, 1928; א. אבטשוק, זשורנאל „די רויטע וועלט", קיִעוו, 1932; מ. בעלענקי, „א וואָרט וועגן דעם ניסטער", פאָרוואָרט צו דער זאמלונג „ווידערוווּקס", מאָסקווע, 1969; הערש רעמעניק, „דאָסטאָיעווסקי און דער ניסטער", זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומער 11, מאָסקווע, 1971; דער זעלבער, „פּראָבלעמען פון דעם ניסטערס שאפן", דאָרטן, נומער 10 פון 1974; דער זעלבער, „עסייען און פּאָרטרעטן" (רוסיש), מאָסקווע, 1975; דער זעלבער, „דער ניסטער", „קורצע ליטערארישע ענציקלאָפּעדיע" (קלע, רוסיש), ב. 5, מאָסקווע, 1968; ז. רייזין, „לעקסיקאָן", ב. 2; מוישע קאץ, „מאָרגן־פרײַהײַט", ניו־יאָרק, 1943; ש. ניגער, „ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטן־רוסלאנד", ניו־יאָרק, 1958; ש. ביקל, „שרײַבער פון מײַן דאָר", ניו־יאָרק, 1958; נ. מײַזיל, „דער ניסטער, זײַן לעבן און שאפן".

סאוויקאָווסקי, עליע
(1960—1893)

— דיכטער, דראמאטורג; געבוירן אין א דאָרף לעבן שטעטל פּאָליאקע (ווײַסרוסלאנד). ביז 14 יאָר געלערנט ייִדישע לימודים, דערנאָך, אף א פּריוואטן אופן — וועלטלעכע לימודים. אין די 20־ער יאָרן געלעבט אין מינסק, געארבעט אין רעדאקציע פון פארשיידענע אויסגאבעס („שטערן", „וועקער" און אנד.). געדרוקט לידער אין דער זאמלונג „קעפּ", אין די זשורנאלן „דער יונגער פּיִאָנער", „שטערן".

ווערק: „פּארמעסטעניש", לידער, מינסק, 1924; „אף די וועגן", מינסק, 1924; „פאר יונגע זינגער", לידער, מינסק, 1928; „ערדלינג", פּיעסע אין דרײַ אקטן און 6 בילדער, מינסק, 1928; „פּאפּירענע טויבן", קינדער־פּיעסע אין 2 סצענעס, מינסק, 1934.

ביבליִאָגראפיע: ז. רייזין, „לעקסיקאָן", ב. 2; ב. אָרשאנסקי, „צײַטשריפט", ב. 5, מינסק, 1931; הירש רעלעס, „ער איז געווען צווישן די ערשטע", זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומער 11, מאָסקווע, 1973.

קינסטלער אלעקסאנדער דובינטשיק



אויטאָפּאָרטרעט. 22 יון 1941



פּאָרטרעט פון דער אָנטיילנעמערן
אין דער רעוואָליוציע פון 1905
פ. אי. דראבקינא

באַ די פֿישער פֿון פּיארנו

פּיריטאַ. יאַכטעס

קיזשי

סאמארקאנד. שאקי־זינדא

וואָראַטשקע



דער סאָוועטישער
קינאָאַרטיסט י. ר. פּעלטצער

Урок VIII
לימעד אכט

Содержание: 1) Грамматика: [мэн]; отрицания [ныт], [кэйн]; Будущее время. 2) Текст: «Пословицы».

אינהאַלט: 1) גראַמאַטיק „מע(ן)"; „ני(ש)ט"; „קיין"; צוקונפֿט. 2) טעקסט: „שפּריכווערטער".

§ 6а. Когда в предложении говорится о действии каких-либо лиц без точного указания, кто именно из них выполняет данное действие, в идише употребляется неопределенное **местоимение** [мэн] или, сокращенно [мэ], например:

1. В столовой кушают.	1. אין דעם עס־צימער עסט מען.
3. В спальне спят.	2. אין דעם שלאָף־צימער שלאָפֿט מען.
3. Этот роман читают с интересом.	3. מע לייענט דעם דאָזיקן ראָמאַן מיט אינטערעס.

Как видно из примеров, само местоимение [мэн] отдельным словом на русский язык не переводится; глагол же, стоящий рядом с [мэн] переводится соответствующим русским глаголом в форме **3-го лица множественного числа** («кушают», «спят», «читают» и т. п.).

Задание 1*. Переведите следующие предложения

אויפֿגאַבע 1. איבערזעצט פֿאָלגנדיקע זאַצן:

1. אין דער פֿאַבריק אַרבעט מען. 2. אין דעם קלוב טאַנצט מען. 3. אויף דעם סטאַדיאָן שפּילט מען פֿוטבאָל. 4. אין דעם זשורנאַל דרוקט מען דעם נײַעם ראָמאַן פֿון א. ריבאַקאָוו. 5. מע לייענט דעם ראָמאַן מיט גרויסן אינטערעס. 6. מע פֿאַרעפֿנטלעכט אויך נײַע ווערק פֿון אונדזערע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער.

§ 6б. Спишите в словарные тетради и запомните перевод следующих словосочетаний:

1. надо, требуется — не надо... 2. хотят... — не хотят, не желают... 3. следует... — не следует... 4. необходимо... — необязательно... 5. можно (разрешается)... — нельзя (запрещено)... 6. можно (есть возможность)... невозможно... 7. умеют... — не умеют...

1. מע דאַרף... — מע דאַרף ניט... 2. מע וויל... — מע וויל ניט... 3. מע זאָל... — מע זאָל ניט... 4. מע מוז... — מע מוז ניט... 5. מע מעג... — מע טאָר ניט... 6. מע קאָן... — מע קאָן ניט... 7. מע קען... — מע קען ניט...

אויפֿגאַבע 2*. איבערז'עצט פֿאָלגנדיקע זאַצן (דעם באַטײַט פֿון די נײַע ווערטער זע אונטן).

Задание 2*: Переведите следующие предложения (перевод новых слов см. под чертой).

1. דעם ראָמאַן „שווערער זאַמד"[1] קאָן מען לייענען אין די נומערן 4, 5, 6 יאָרגאַנג[2] 1979. 2. די זשורנאַלן דאַרף מען אויסשרײַבן אין „סאָיוזפּעטשאַט". 3. אויב מע וויל קענען[3] ייִדיש, דאַרף מען סיסטעמאַטיש לייענען ייִדישע ביכער. 4. דאָ[4] טאָר מען ניט רייכערן[5]! 5. אַז מע קען ניט שרײַבן, זאָגט מען[6], אַז[7] די פֿען[8] איז שלעכט[9]. 6. אויב[10] מע קאָן ניט, וואָס מע וויל, מוז מען וועלן[11], וואָס מע קאָן.

§ 7а. В отличие от русского языка **отрицание «не» — [нышт] или [ныт]** ставится в идише **не перед,** а **после** личной формы глагола (или поодаль от неё). Сравните, например:

1. Я не иду домой.	1. איך גיי ניט אַהיים.
2. Ребенок еще **не спит.**	2. דאָס קינד שלאָפֿט נאָך נישט.

[1] «Тяжелый песок; [2] год издания журналов, газет; [3] знать; [4] здесь; [5] курить; [6] говорят; [7] что; [8] перо; [9] плохо; [10] если; [11] хотеть.

§ 7б. Русскому «не» соответствует также сочетание частицы [ныт] с отрицательным артиклем [кэйн], который стоит перед отрицаемым существительным, например:

1. Он **не учитель.**
2. Я **не** имею (у меня нет) **времени.**
3. Собаку **не** посылают за мясом.

1. ער איז ניט קיין לערער.
2. איך האָב ניט קיין צײַט.
3. קיין הונט שיקט מען ניט נאָך פלייש.

Задание 3. Читайте вслух следующие пословицы; добейтесь беглого чтения. Учтите: знак ударения ставим в дальнейшем только тогда, когда ударение падает не на первый слог.

Пословицы

שפּריכוואָרטער

1 — אז מע זוכט, געפ׳ינט מען. 2 — אז מע האקט האָלץ, פלי̇ען שפ׳ענער. 3 — אז מע שלאָגט דעם קאלטן שטיין, פליט ארויס א הייסער פונק. 4 — אז מע גראָבט א גרוב אף יענעם, פאלט מען אליין ארײַן. 5 — אין א גרויסן טײַך כאפּט מען גרויסע פיש. 6. א גוטן פרײַנט דערק׳ענט מען אין דער נויט. 7 — מע דערק׳ענט אין די באקן, ווי די ציינער קנאקן. 8 — א קראנקן פרעגט מען, א געז׳ונטן גיט מען. 9 — ווערטער זאָל מען וועגן און נישט ציילן. 10 — אליין קאָן מען עסן, אָבער נישט ארבעטן. 11 — אז מע קאָן נישט בײַסן, זאָל מען די ציין נישט ווײַזן. 12 — אָפּנארן קאָן מען נאָר איין מאָל. 13 — מע מעג זײַן שווארץ, אבי האָבן א גוט הארץ. 14 — ווו מע דארף האָבן מויעך, העלפט נישט קיין קויעך. 15 — א נאר ווײַזט מען נישט קיין האלבע ארבעט. 16 — אז מע עסט ניט קיין קנאָבל, שטינקט ניט פון מויל.

Задание 4*. Используя ниже приведенный список новых слов, переведите текст «пословицы» (задание 3) на русский язык. Сверьте затем свой перевод с ключом к заданию 4.

[а] 1 — лишь бы 2 — когда; если; что 3 — один 4 — сам; в одиночку 5 — работать 6 — вылетать 7 — упасть в... 8 — на; для. **[о]** 9 — но; однако 10 — обмануть. **[г]** 11 — дают 12 — находить 13 — копать 14 — яма, -ы 15 большой, великий. **[д]** 16 — узнавать (по...) **[h]** 17 — половина 18 — рубить 19 — сердце, -а 20 — дрова 21 — горячий, жаркий 22 — помогать **[в]** 23 — показывать 24 — взвешивать **[з]** 25 искать **[т]** 26 — река **[и]** 27 — тот, другой **[х]** 28 — ловить, поймать **[м]** 29 — раз 30 — рот — рты 31 — мозг, -и **[н]** 32 — глупец, -ы 33 — только, но 34 — нужда; беда **[э]** 35 — кушать, есть **[ф]** 36 — падать 37 — искра, -ы 38 — рыба, -ы 39 — летать 40 друг — друзья 41 — спрашивать **[к]** 42 — холодный 43 — сила, -ы 44 — больной, -ые 45 — трещать, колоть (напр. орехи и т. п.) 46 — чеснок **[ш]** 47 — черный 48 — вонять 49 — камень, -и 50 — бить 51 — щепка, -и

א — 1 — אבי, 2 — אז, 3 — איין(ס), 4 — אליין, 5 — ארבעטן, 6 — ארויספלי̇ען, 7 — ארײַנפאלן, 8 — אף. **אָ** — 9, אָבער 10 — אָפּנארן. **ג.** — 11 — גיט מען, 12 — געפינען, 12 — גראָבן, 14 — די גרוב — די גרובן, 15 — גרויס. **ד** — 16 — דערק׳ענען (אין..., לויט...). **ה** — 17 — האלב, 18 — האקן, 19 — דאָס הארץ — די הערצער, 20 — דאָס האָלץ, 21. הייס, 22. העלפן. **וו** — 23 — ווײַזן, 24 — וועגן. **ז** — 25 — זוכן, **ט** — 26 — דער טײַך די טײַכן. **י** — 27 — יענער. **כ** — 28 — כאפּן. **מ** — 29 — דאָס מאָל, 30 — דאָס מויל — די מײַלער. 31 — דער מויעך — די מויכעס. **נ** — 32 — דער נאר — די נאראָנים. 33 — נאָר, 34 — די נויט. **ע** — 35 — עסן. **פ** — פאלן, 37 — דער פונק — די פונקען, 38 — דער פיש — די פיש. 39 — פלי̇ען, 40 — דער פרײַנט — די פרײַנט, 41 — פרעגן. **ק** — 42 — קאלט, 43 — דער קויעך — די קויכעס, 44 — דער קראנקער — די קראנקע. 45 — קנאקן, 46 — דער קנאָבל. **ש** — 47 — שווארץ, 48 — שטינקען. 49 — דער שטיין — די שטיינער. 50 — שלאָגן, 51 — דער שפּאָן — די שפּענער.

Задание 5. Разнесите слова задания 4 по буквенным рубрикам словарной тетради.

§ 8. Форма будущего времени в идише очень сходна с формой сложного будущего в русском языке, сравните:

Будущее время

צוקונפט

Единственное число

א ײ נ צ א ל

1. Я буду читать и писать
2. Ты будешь читать и писать
3. Он (Она, Оно) будет читать и писать

1. איך וועל לייענען און שרײַבן
2. דו וועסט לייענען און שרײַבן
3. ער (זי, עס) וועט לייענען און שרײַבן

Множественное число

1. Мы будем читать и писать
2. Вы будете читать и писать
3. Они будут читать и писать

1. מיר וועלן לייענען און שרײַבן
2. איר וועט לייענען און שרײַבן
3. זיי וועלן לייענען און שרײַבן

Как видно из примеров, форма будущего времени в обоих языках состоит из двух частей: 1) вспомогательного глагола (в русском «буду», в идише — «вэл»)

и 2) основного глагола («писать», «читать» и т. п. — [шрайбн], [лэйнэн] и т. п.). Вспомогательный глагол **изменяется** по лицам (ср. «буду», «будешь»... — «вэл», «вэст»...); основной же глагол остается во всех лицах в неопределенной форме без изменения.

З а м е т ь т е! во 2 и 3 п. ед. числа и во 2 л. множ. числа вспомогательный глагол без «л» — [вэст], [вэт]!

Задание: Спрягайте в будущем времени предложения:

1. איך װעל אַרבעטן. 2. איך װעל קױפֿן אַ בוך. 3. איך װעל גײן אין קינאָ.

§ 8б. В зависимости от смысла всего предложения форма с [вэл] переводится на русский язык то формой сложного будущего (типа «буду писать»), то формой простого будущего (типа «напишу», «пойду» и т. п.), сравните, например:

1. Я **буду писать** тебе очень часто.	**1. איך װעל דיר שרײַבן זײער אָפֿט.**
2. Первое письмо я **напишу** завтра.	**2. דעם ערשטן בריװ װעל איך אָנשרײַבן מאָרגן.**

§ 8в. Сочетание [вэл] с глаголом [зайн] — «быть» переводится на русский язык одним словом — «буду» («будешь» и т. д.). Сравните:

1 — Завтра я **буду** дома.	**1. איך װעל מאָרגן זײַן בײַ דיר.**
2 — Когда **будешь** дома?	**2. װען װעסטו (װעסט דו) זײַן אין דער הײם?**

Ключи к уроку 8 — שליסלען צום לימעד אַכט

К заданию 1: 1) ...работают 2) ...танцуют 3) ...играют 4) печатают... 5) читают 6) ...печатают (публикуют) новые произведения...

К заданию 2: 1) ...можно прочесть в... 2) следует — выписать... 3) Если хотят знать... (если хочешь овладеть), (то) необходимо... 4) здесь нельзя курить! 5) когда не умеют писать, говорят, что перо плохое 6) Если невозможно (сделать), что хотят, надо (желать) хотеть, то что возможно.

К заданию 4: (дословно) 1) когда ищут, находят 2) когда рубят лес (дрова), летят щепки 3) когда бьют холодный камень, вылетает горячая искра 4) когда копают яму..., попадают 5) ...ловят 6) узнают в беде 7) узнают по щекам, как зубы перемалывают (колют, трещат) 8) больного спрашивают (насчет еды), здоровому (по)дают 9) слова надо взвешивать, а не считать 10) В одиночке можно кушать, но не работать 11) Если нельзя (не можешь) кусать, не следует показывать зубы 12) обмануть можно только раз 13) Можно быть черным, лишь бы иметь хорошее сердце 14) Там где требуется ум, сила не поможет 15) Глупому не показывают половину работы 16) Если не кушают чеснока, не пахнет изо рта.

דאָצענט שימען סאַנדלער

צו דעם דאָזיקן נומער „סאָװעטיש הײמלאַנד"
װערט געגעבן אַ בײַלאַגע:
כאַים גורעװיטש „אױף דער סיבירער ערד".

שלאָף, מײַן קינד, איך װעל דיך װיגן



שלאָף, מײַן קינד, איך װעל דיך װיגן,
איך װעל דיר זינגען אַ שײנעם ניגן,
שלאָף, מײַן קינד, אין דײַן רו,
מאַך זשע דײַנע אײגעלעך צו!

מאַך זײ צו און עפֿן זײ אויף:
אַ געזונט דיר אין דײַן קאָפּ!
שלאָף, מײַן קינד, אין דײַן רו,
מאַך זשע דײַנע אײגעלעך צו!

Maimudes is in a difficult position. He is trying to find a solution *for himself*. Let us hope that he finds it. Our present meeting as not meant for polemics, much less for the issue of a joint communiqué. We'll simply spend an hour or so together. We've dined in a cosy little restaurant and now we're strolling round the city. As we walk past the big reformist synagogue, we remember what the wits say about it. Such synagogues are really nothing more than clubs for the all-rightniks (maybe clubs in the form of premises for public assembly exist in America anyway, but not for ordinary people and not for the followers of Emma Lazarus.) The all-rightnik who wants to become a member of the congregation contributes a few hundred dollars. A Jew normally visits the synagogue two or three times a year, during the traditional festivals. A ticket has to be bought at the entrance. But what is the poor man to do? He resorts to little wheezes—he's just going to look in for a moment to see if he can spot a friend whom he urgently needs to see. The poor man is allowed into the reformist synagogue in such a case, but he is warned that he mustn't dare pray without having paid the entrance fee.

Maimudes escorts me into the "Jewish Pentagon", the local name for the information centre of the zionist propaganda services. The first thing that catches the eye on the ground floor is an exhibition of pictures, and I gasp with astonishment: they are reproductions of works by Leningrad artist Tanhum Kaplan! An elderly woman, the manageress of the hall, wispers something in a secretive sort of way (I have not been introduced to her, and she assumes me to be a visiting American): "The pictures by this unfortunate Jewish painter were muggled out of Russia. . ." Maimudes tries to cover up: "Don't take any notice of her rubbish. A local Jew told her that the reproductions you see in the hall here were bought quite legally by him in Leningrad."

I remember something from my childhood, and I tell it to Maimudes. I had an aunt who could never succeed in shaking off the company of a neighbour named Braina. My aunt was a shrewd woman and she used to say:

"When Braina's hens stop laying and she puts her hand under one of my chickens, don't expect her to own up to stealing: she'll just say: 'Your hen got into my chicken coop with its eggs'. . ."

Translated by Alex Miller

The decline of Jewish cultural life is far more noticeable in Los Angeles than in New York.

The community here is growing like wildfire. It's the romantic story of how, in 1842, one Jew wandered into the village of Los Angeles, and a hundred and thirty-seven years later, in other words, now, that *one* became *six hundred thousand*. Yet these 600 thousand Jews, all residents in the same city, haven't even one wretched little theatre, not even one newspaper the size of an exercise-book. The local Jewish big-wigs distract their Los Angeles compatriots by pointing out that the Jewish paper in Birobijan may be a daily now, but it's only Communist propaganda, since there are a mere fifteen thousand Jews in that city, so what would they want with a daily paper? And what use is a people's Jewish theatre to Birobijan? And why, for such a tiny community, have they founded a musical theatre? Why? Because it's all Communist propaganda, that's why. In the end, it works out that it's bad with the Soviets when something's lacking, and it's bad when they've got something, and it's bad when there isn't enough, and it's bad when there's plenty.

Let's imagine, for a moment, that by some miracle we've learned to understand the language of the bats. What is the meaning of the sounds which they emit in the dusty attics and which are addressed to the birds flying across the blue skies? In the eyes of the bats, the life that the birds live is senseless. . .

Here is what was written about the local community, shortly before his death, by bourgeois writer Yakov Gladstein: "Thirty years ago, that is, on the eve of the Second World War, there were a hundred and fifty thousand Jews living in California, and the state could boast not only of its own Jewish newspaper, but of some weeklies. Ten years later, that is, at the end of the Forties and the beginning of the Fifties, California had half a million Jews, but their own newspaper had ceased to exist altogether, except for one English-language weekly in which a Jewish page still survived as a reminder of the past." At the present time, the Jewish population of Los Angeles (600 thousand, as we have already said) would be enough for a city much bigger than Tel Aviv, with its population of about four hundred thousand; but here, in Los Angeles, there isn't even a single Jewish page left in the one and only weekly for Jews — even the reminder of the past has disappeared.

To put it bluntly, there is no Jewish cultural life in Los Angeles today in the true sense of the word. This tragic outcome has been imminent for many years. During my first visit to Los Angeles, the late Gina Medem, a Jewish journalist, presented me with a collection entitled "Californian Notebooks". A number of Jewish writers and journalists from Los Angeles wrote in the foreword that they were "making an attempt to publish a collection containing not only verse, short stories, and essays, but documentary material about the life of the Jews in this city. They hoped that the collection would become a regular publication with time. This was not to be, however, and now I turn over the pages of Gina Medem's gift and reread the passages which the well-known publicist underlined for me *at that time* so that it would be easier for me to fathom the problems of life in the Jewish community. Very relevant today, I think, is what is said by writer Yakov Ashpiz in his article, "Jewish Life in Los Angeles Yesterday and Today".

Among the Jewish population of Los Angeles, he relates, lively activity only occurs during the campaigns by the Gistadrut (trades-union centre of the *State of Israel* — A. V.), by the United Jewish Appeal and by the United Jewish Welfare Fund (an organisation that collects money *for Israel* — A. V.). The Jewish community is mobilised for participation in these campaigns with the aid of the press, radio and TV, the organisation of banquets and concerts, and speeches by notabilities imported from New York or from abroad. Guests from Israel are particularly numerous. These extremely large-scale campaigns for the collection of millions of dollars are vivid proof that there is a well-organised apparatus for planning psychological influence on the Los Angeles Jews and carrying it out with one sole aim — to ensure the success of their undertakings. That same apparatus, which organises various campaigns for the collection of funds is disgracefully inactive whenever there is a need to mobilise the Jewish community in the face of stormy events, in the USA and the world in general, which affect Jewish life.

The smooth-running apparatus, of which Yakov Ashpiz speaks with such restrained anger, is *zionist*. Ashpiz wrote his article in 1961. Since that time, this *well-organised zionist apparatus* has achieved all over America, with the aid of the country's authorities, congress lobbyists and cold war manipulators, an incredible but all too real phenomenon: the biggest Jewish community in the world (six million) which, in the past, in the course of many decades, took shape as a distinctive, socially restive milieu, has been turned, mainly as a result of unscrupulous national blackmail and political speculation, into a kind of periphery for the actions of Israeli zionism, into its milch cow, in fact, and at the same time within this huge community the progressive Jewish movement has been destroyed, while cultural and literary development has virtually been brought to a halt.

From this unseemly picture there also arises the answer to the question *who is to blame* that Jewish cultural life in America is in such a state of neglect.

vaded your new homeland, you went off to defend it. You never let go of your rifle until the day when the hour of victory struck.

"You had one other weapon, the fiery word of a communist, journalist, public figure. . ."

Edith Bek writes poetry in English. When I went to visit her, she presented me with a recently published collection of her verse. I spent a pleasant evening in her beautiful home. There were sixty others there, apart from myself and Alex Kolkin. A whole "meeting", as they say in America.

His closest friends were at Max Gitlin's place when we called on him two days later. Apart from his son Herbert, we found ourselves at table with Lazar Karelitz and his wife, the Galinskys and others. We drank to Gitlin's birthday. During the two hours we spent at the Hancock Hotel, so many fascinating Los Angeles anecdotes were recounted that I couldn't even write them down. For instance, I didn't know that Johnny Weissmuller, the actor who played Tarzan in nineteen films, had formerly been a professional athlete and had won swimming medals at the 1924 and 1928 Olympic Games. In his old age, he got a bee in his bonnet about being Tarzan to the end of his days, and Los Angeles has suffered badly from his habit of making his Tarzan cries and frightening the children. On these grounds, the Los Angeles court has declared Johnny Weissmuller to be of unsound mind and his sixth wife, Maria Weissmuller, has been appointed his guardian.

How's that for a story?

One of Gitlin's guests showed me a cutting from the "Algemeiner Journal", an obscurantist New York newspaper. It was an announcement by the California Burial Society to the effect that the institution has a specialist in the transport of the deceased to Israel at reasonable cost. In Moscow, such announcements appear in a humorous magazine called "Krokodil". In America, however, they don't laugh for the sake of their health. In America they make money. And if money is to be made by transporting the deceased to Israel, then why not?

19. *Who Is to Blame?*

Since a note of comedy has crept in, let us take a look at a small note published by Jewish writer from Los Angeles, I. A. Ronch. The respected author informs his readers that in his city there are six clubs attached to the Emma Lazarus Women's Movement.

Before discussing this matter, we should explain what is meant by a Jewish club in the United States of America. In the Soviet Union, as is known, a club is a place where people meet to see a show, a concert, a film, hear a lecture, read a newspaper, and play at billiards or chess; the young people dance, the politically-minded argue. . There are various groups — vocal, drama, ballet, and music. In the first decade after the revolution, we had *national* clubs, but Soviet people are now so united that the citizens of all nationalities spend their time together at the factory or on the collective farm. If it is planned to hold an evening dedicated to, say, Sholem Aleichem, and it has already been decided that the participants will be people of various nationalities and that the evening will be conducted in the common language, that is, Russian, then the club is "universally Soviet". But if the audience is going to be exclusively Jewish and the discussion of Sholem Aleichem is to take place in Yiddish, then the club will be "Jewish" for that one occasion. If asked how many Jewish clubs there are in the Soviet Union, anyone will reply that any club is open to Jews and is always ready to hold cultural evenings in Yiddish if they have been planned in advance (this also applies to clubs for the other nationalities). This is the socialist approach, completely unknown to people in the capitalist countries. On the other hand, Soviet people cannot understand what is meant when it is said that there are six Jewish women's clubs in Los Angeles, but that there are no club premises or palaces of culture; such "clubs" are simply groups of women who meet in private apartments and from time to time hire a hall somewhere.

However, that is not what I had in mind when I advised you to try and find something amusing in Ronch's little note. He describes what the women do in the Los Angeles clubs. He reports: "At every meeting, the club management gives a report on the health of this or that member of the club." Further on, the author writes: "The women's clubs have recently begun taking on male members. . ." If Ronch is to be believed, then the meeting of a women's club goes something like this: the chairwoman, in this case a man, reads the latest medical report. "The health of our women club members," he says, "is excellent. . . Mrs Isaacs' cold is better, thank God. . ."

All very amuzing. But I had a serious talk about the life of the Jews in Los Angeles with my old friend Abram Maimudes, who acted as my voluntary guide when I first visited the city fifteen years ago. Once again, he's showing me round the city streets, only as a mark of friendship and not as the representative of the newspaper "Morgen Freiheit".

America, then, is divided into states. Each state has its own capital. And each capital has its own capitol.

"... In Sacramento, the capital of California, the local capitol bears the following inscription: "Bring me men to match my mountains. . ." Such was the vivid and lofty style in which golden California spoke in its romantic period! Men to match mountains. . . Not everyone can shift them for their place or turn them to face a different direction; neither dust nor dirt will stick to them! Men like mountains. . .

The people I managed to meet in Los Angeles were as large-scale and as staunch as the Californian mountains. That is how I see two new friends of mine, Max Gitlin and Edith Bek.

In Moscow, I have often had occasion to read letters sent by Californian old inhabitant Max Gitlin to the editorial office of "Sovietish Heimland". Each letter contains the post-script: "My sight is bad, so I dictate to my friend M. Karelitz, and he writes it all out in his own hand". . . These letters are, in effect, polemical articles written according to all the rules of that genre in succinct style, with "theses" and "antitheses", with "let us have a look at what they say" and "here are our objections and arguments". Gitlin's articles in letter form are published in "Sovietish Heimland" and in the Israeli Communist newspaper "Der Weg". They are serious and courageous attacks on the contemporary revisionism that has become the scourge of the Jewish press. Gitlin reacts with particular decisiveness and promptitude to the anti-Soviet sallies by New York apostates from the progressive movement. As soon as a newspaper containing their attacks arrives in Moscow, we can expect to see a letter from Gitlin in our mail at any moment. There would be nothing surprising about this — friendship with the Soviet Union on the part of the American Jewish masses has become a tradition—were it not for the fact that in recent times there have been increasingly frequent cases of political apostasy and of cowardice among what, until recently, were progressive figures.

Of these people, Sam Lipzin wrote: "I know a man whose 'yes' isn't yes, nor is it no. 'Yes' and 'No', to him, mean exactly the same thing. . . He always shakes his head up and down and from side to side at the same time. Just you try and figure out what his real opinion is. . . As for another friend of mine, his 'Yes' is always 'No', and vice-versa."

In political terms, it may be said of certain figures to be met nowadays in the West that they are friends of the Soviet Union when circumstances permit them to demonstrate their friendship in private, without witnesses. But as soon as anyone else draws near, they get the wind up in case their friendship with the Soviet Union should become generally known, and then their expression changes and their language turns evasive. . .

Max Gitlin and Edith Bek, my new friends in Los Angeles, are people with a well-founded, far-seeing and not under any circumstances selfish outlook on life. They are very much from the people, are simple by nature, and I enjoy their company. We have something in common to talk about — I as a Soviet citizen, and they as Americans. They don't lay down conditions like some others who hold that the Soviet Union deserves their approval if it acts according to their liking. . . My friends believe in principles. They are modest when tendering advice.

Edith Bek, I should remind you, is the uncompromising woman whose protest against the changed political platform of certain public figures was published in the press and was shown to me in New York at a meeting with progressive Jewish circles. When I visited her at her home, an interesting detail came up: we both had a common acquaintance in Moscow, the legendary American young pioneer of the Thirties, Harry Aizman (people of that period remember how in many cities all over the world, and in literally every town and city in the Soviet Union, there were at one time mass demonstrations demanding the release from gaol in America of Young Pioneer Harry, and when world public opinion achieved this, the Young Pioneers of the Soviet capital on the Red Square met the youthful hero who had arrived in our country after being released from gaol in America).

It transpires that Edith Bek is Harry Aizman's sister. . . It pains me deeply to write these lines: on returning from America, I met Harry Aizman and conveyed to him his sister's greetings. Two weeks later, he died of a heart attack. Edith flew to Moscow for his funeral. Her farewell speech at her brother's grave was published in "Komsomolskaya pravda" and "Sovietish Heimland". She said:

"One cold foggy night, our whole family and thousands of friends went to New York harbour to see you off. We watched with tears in our eyes as the steamer took you away to an unknown life. We shouted, we sang, wept, and you too were singing something up on deck; and we listened to your voice until the steamer had gone down behind the horizon.

"The Soviet Union and the Soviet Young Pioneers met you; they gave you living quarters, they gave you an education, they protected you from harm. This is where you found happiness: a wife, a daughter, and grandchildren. And you remained for ever in the ranks of the Young Pioneers. You responded to trust with trust, to love with love. When Hitler in-

R. Balyasnaya of Kiev and M. Lifschitz of Moscow in the current number are also notable for their civic feeling.

We are marking three important dates: the centenary of the birth of M. Litvakov, one of the most eminent Soviet Jewish literary scholars; the 90th anniversary of frontline poet A. Kushnirov; and the 70th anniversary of Israeli poet and Communist, P. Binetsky. The readers are given the opportunity to study little known works by these outstanding literary craftsmen.

Our publicistic section contains an article by N. Slepov, "In the Struggle for Peace, Democracy and Social Progress. For the Sixtieth Anniversary of the Formation of the Israeli Communist Party". Tracing the historic road travelled by this Party and its courageous struggle for the interests of the peoples of Israel, for peace and social justice, against Zionism and reaction, the author of the article writes: "The Israeli Communists are sincere friends of the Land of the Soviets. They actively propagate experience in the building of socialism in the USSR in its peace-loving foreign policy; they set a high value on the position of the CPSU and the Soviet State in the problems of a Middle-East settlement."

Uran Guralnik of Moscow is represented in our critical section with an article "The Tribune of Soviet Literary Scholars", about the journal "Voprosy literatury" ("Problems of Literature"). The author devotes particular attention to this monthly's approach to the problem of the development of the national literatures. Of special interest in the critical section is an article by T. Znamenskaya of Moscow, "Paradoxes in the Work of Saul Bellow" in which she discusses the latest works of this famous American writer and Nobel Prize winner.

Then there are the regular features: "Foreign Literary Events", "The 'Sovietish Heimland' Public Distributor's Section", "Items of Interest", "Material for a Lexicon of Jewish Soviet Literature" and "An Aid to Those Learning Yiddish". The issue ends with "Cradle Song"

We are continuing the travel notes by A. Vergelis of Moscow.

Aron Vergelis

Fifteen Years After

18. Edith Bek. Max Gitlin

America is divided into states. On the map, it consists of forty-eight pieces. The forty-ninth is Alaska on the other side of Canada, and the fiftieth appeared when the inhabitants of the Hawaiian Islands "of their own free will" attached their ocean to the River Potomac. The lines on the map are straight. The hand that drew them was doubtless guided by a ruler and not by the irregularities of the terrain. Just as little girls draw with chalk on the asphalt or with a stick on the soil, their squares so that they can hop from one to another.

Let us carry the simile further. For instance, hopping from one square to another is, for many American citizens, not a game, but the very meaning of life. This is particularly striking, I think, in "Jewish America". Where have you got to, Jewish sweat-shop workers? Where are you, Jewish proletariat Edelstadt, Bovshover, Vinchesky and Reizen—the first Jewish proletarian poets to live in America—wrote about, and the revolutionary proletariat Olgin, a leader of the revolutionary movement of the Twenties and Thirties in the US Jewish population referred to? Have you risen a step higher? But what does "higher" mean? "Higher"— to the petty bourgeoisie? On one leg, and from square to square. . . Have you given up the class struggle? Have you moved to the sunny side in the opposite square?

Yes, such, unfortunately, is the truth about the present life of part of the emigrant generation. The truth must be told! I know that what I've said will unleash a burst of malice from the unscrupulous renegades. But that is of no importance. The fact is that *former proletarians,* in the guise of *proletarians on pension,* are the bourgeoisie of today. The proletarian who has reached a certain age remains a son of his own class. The proletarian does not retire on pension from his mode of life and his mode of thought. Those who think and act in despite of this are not ideological pensioners, but ideological degenerates.

Résumé

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 2, February 1980

Two items in this month's issue of "Sovietish Heimland" are dedicated to a very important date, the 110th anniversary of Vladimir Ilyich Lenin's birth. The magazine opens with reminiscences by A. Liberman of Leningrad, who had the good fortune to hear a speech by the leader of the October Revolution in the Taurida Palace. Liberman was given the task of taking the speech down on the spot. We are also continuing to publish material from the series "Fighters of Lenin's Guard". R. Nemirovskaya of Moscow, in a documentary article, "Party Apprenticeship — 75 Years", talks about Z. Ryvkin, who worked his way from a background in the "pale of settlement" to become a fearless revolutionary and follower of Lenin's Party.

"I remember how, when still a child, I went to earn wages for the first time," recalls Z. O. Ryvkin in the article. "My clothes were literally in rags, and I needed money so that I would have something to wear when I went out of the house. But on the very day when I was paid my first wages, my father died. So I never did manage to buy myself some clothes, otherwise there'd have been no money for my father's funeral."

The author of the article continues: "That was how the thirteen-year-old Zalman began his working life. His education was continued in the prisons. . . At nineteen, Z. O. Ryvkin became a professional revolutionary. Tatyana Fedorovna Lyudvinskaya, a Party member since 1903, writes about him with great warmth. She met Ryvkin in 1905. Even at that time, Ryvkin impressed her with his talent as a conspirator. . ."

The article ends with the following lines: "Z. O. Ryvkin lived a long life. . . His homeland valued his services very highly: he was decorated with three Orders: the Red Star, the Red Banner of Labour, the Badge of Honour, and many medals. But there is yet one more award, and that is the tribute of human memory, the gratitude of the generations to those whom history first named Lenin's Guard of the Bolsheviks."

Items on this outstanding date are supplemented by articles from the magazine's regular contributors: "The Propagandist" by V. Vernik of Kiev, "Always in the Front Line" by P. Kagan and A. Rabinovich of Moscow, "Glints of Sunlight" by L. Pomyansky of Moscow, and "The Soldier" by B. and A. Burstein of Perm. Contemporary in mood is the fiction appearing in the current issue of "Sovietish Heimland": short stories "The Quarrel" by G. Kosoy of Vinnitsa and "The Old Cupboard" by T. Gen of Moscow, and prose miniatures by I. Shulkina of Riga. Our section "New-Found Manuscripts" includes notes by N. Oislender on Osher Shvartsman, a founder of Soviet Jewish poetry. This material recreates the times of heroic achievements when the peoples of the young Soviet Russia were struggling against the whiteguards and the interventionists. Poems by

желеса писали в предисловии, что они «предпринимают попытку издать сборник, в котором, помимо стихов, рассказов, эссе, должны иметь место документальные материалы о жизни евреев в этом городе»... Они надеются, что сборник станет со временем периодическим изданием. Этого, однако, не произошло, и теперь я листаю те подаренные Гиной Мэдэм «Калифорнийские тетради» и перечитываю места в них, которые известная публицистка *тогда* подчеркнула для меня красным карандашом, чтобы мне было легче вникнуть в проблему калифорнийской общины. Вполне актуальным представляется мне сегодня, например, высказывание писателя Якова Ашпиза в его статье «Еврейская жизнь в Лон-Анджелесе вчера и сегодня»:

«В еврейской среде Лос-Анджелеса происходит бурная деятельность лишь во время кампаний Гистадрута (профсоюзного центра *государства Израиль.* — А. В.), Юнайтед Джуиш Апил и Юнайтед Джуис Велфейр фонд (организации по сбору денег *для Израиля.* — А. В.). Еврейская община мобилизуется для участия в этих кампаниях с помощью прессы, радио и телевидения, устройством банкетов и концертов, выступлениями знаменитых особ, импортируемых из Нью-Йорка и из-за границы. Особенно многочисленными являются гости из Израиля. Эти исключительно широкие кампании по сбору миллионов долларов являются наглядным доказательством наличия хорошо организованного аппарата, который планирует психологическое воздействие на евреев Лос-Анджелеса и осуществляет его с единственной целью — обеспечить успех акций... Тот самый аппарат, который ведет различные кампании по сбору средств, до обидного бездеятелен, когда возникает необходимость мобилизовать еврейскую общину перед лицом бурных событий в стране и в мире, затрагивающих жизнь евреев...».

Отлаженный аппарат, о котором со столь сдержанным возмущением говорит Яков Ашпиз, — это *сионистский* аппарат. Статья Ашпиза написана в 1961 году. С тех пор *хорошо организованный сионистский аппарат* во всей Америке добился, с помощью официальных властей страны, конгрессменов-лоббистов, дирижеров холодной войны, невероятного, но вполне реального феномена: самая большая в мире еврейская община (шесть миллионов человек), которая в прошлом, на протяжении многих десятилетий формировалась как своеобразная, социально-неспокойная среда, превратилась в основном, в результате бесстыдного национального шантажа и политических спекуляций, в некую периферию для акций израильского сионизма, в его дойную корову, и в то же время внутри этой большой общины уничтожено прогрессивное еврейское движение, приостановлено культурное и литературное развитие.

Из этой неприглядной картины вытекает и ответ на вопрос, *кто виноват* в том, что еврейская культурная жизнь в Америке находится в таком запустении.

Позиция Маймудеса сложна. Он все еще ищет выхода *для себя.* Будем надеяться, что он его найдет. Наша нынешняя встреча — не для полемики и уж тем более не для принятия совместного коммюнике. Мы просто проведем часок вместе. Пообедали в уютном ресторанчике, а теперь бродим по городу. Проходя мимо большой реформистской синагоги, мы вспоминаем то, что о ней говорят острословы. Такие синагоги по существу нечто иное, как клубы для олрайтников (стало быть, клубы в виде помещений для сбора людей в Америке все же есть, но не для простонародья и не для прелестных последовательниц Эммы Лазарус, не для них...). Олрайтник, захотевший стать членом конгрегации, вносит несколько сот долларов. Обычно еврей посещает синагогу два-три раза в год, во время традиционных праздников. У входа надо купить билет. Но что делать бедняку? Он прибегает к маленькой хитрости — мол, заглянет лишь на минутку, чтобы отыскать там знакомого, который срочно ему нужен... Ну, такого бедняка пропускают в реформистскую синагогу, но его предупреждают, что без входной платы он не должен сметь молиться...

Маймудес проводит меня в «еврейский пентагон», как называют здешний информационный центр сионистских пропагандистских служб. На первом этаже бросается в глаза выставка картин, и, я ахаю от удивления: это же репродукция работ ленинградского художника Танхума Каплана! Пожилая женщина, администратор зала, таинственно шепчет (я ей не представился, и она думает, что я американец): «Картины этого несчастного еврейского живописца вывезены нелегально из России...» Маймудес как бы оправдывается: «Не слушайте ее болтовню... Как-то раз один здешний еврей сказал ей, что именно те репродукции, которые висят у вас в зале, он совершенно легально купил в Ленинграде...».

На память приходит воспоминание моего детства, и я рассказываю об этом Маймудесу. Была у меня родная тетя, около которой вечно шилась одна ее соседка по имени Брайна. Тетя была умная женщина, и она говорила:

— Когда у Брайны куры перестают нестись и она запускает руку под мою курицу, не ждите признаний в воровстве, все равно Брайна скажет: «Твоя курица забралась со своими яйцами в мой курятник...».

свое время вместе. Если намечен в зрительном зале вечер, посвященный, скажем, Шолом-Алейхему, и заранее решено, что участниками будут люди разных национальностей и, естественно, вечер будет вестись на взаимопонятном языке, на русском, — тогда клуб является «общесоветским». Но если в зале слушатели будут по национальности только евреи, и о Шолом-Алейхеме пойдет речь на языке идиш, — тогда клуб будет сегодня «еврейским». На вопрос — сколько еврейских клубов имеется в Советском Союзе, любой человек вам ответит, что у нас любой клуб открыт для евреев, и он всегда готов проводить культурные мероприятия на еврейском языке, если они будут запланированы (то же самое — относительно клубов для других национальностей). Это и есть социалистический подход, совершенно незнакомый людям в капиталистических странах. С другой стороны, советским людям непонятно, когда говорят, что в Лос-Анжелесе имеется шесть еврейских женских клубов, а клубных помещений, дворцов культуры нет; такими «клубами» являются попросту группы женщин, собирающиеся по квартирам и время от времени снимающие вскладчину какой-нибудь зал...

Однако не это я имел в виду, когда советовал поискать забавное в маленькой заметке И.-А. Ронча. Ронч описывает, чем в Лос-Анджелесских клубах занимаются женщины. Он сообщает: «На каждом собрании руководство клуба отчитывается о состоянии здоровья той или иной соклубницы»... Далее автор пишет: «В последнее время женские клубы стали принимать в члены мужчин...» Если следовать за Рончем, то можно себе представить собрание в женском клубе таким образом: председательница — на этот раз мужчина — зачитывает очередную медицинскую сводку. Здоровье у женщин нашего клуба, — говорит он, — отменное... У миссис Исаака прошла уже, слава богу, простуда...

Все это — забавно. А всерьез я поговорил о жизни евреев в Лос-Анджелесе со своим старым другом Абрамом Маймудесом, который пятнадцать лет тому назад, во время моего первого посещения, был моим добровольным гидом, а теперь он также ведет меня по улицам города, но уже, как говорится, «от себя лично» — не как представитель газеты «Морген-Фрайхайт».

В Лос-Анджелесе нагляднее, чем в Нью-Йорке, виден упадок в еврейской культурной жизни. Община растет здесь как на дрожжах. Это романтическая история о том, как в 1842 году в деревушку Лос-Анджелес занесло одного еврея, и спустя сто тридцать семь годков, то есть теперь, этот *один* превратился в *шестьсот тысяч*. И эти 600 тысяч евреев, оказавшиеся жителями одного города, не имеют ни одного даже плохонького театрика, ни одной, пусть даже размером в школьную тетрадь газетенки. От этого невероятного запустения местная еврейская знать отвлекает лос-анджелесцев разговорами о том, что, мол, видите ли, в советском Биробиджане еврейская газета стала ежедневной, но это не что иное, как коммунистическая пропаганда, ибо евреев-то в Биробиджане всего лишь тысяч пятнадцать, так зачем им ежедневная газета? И зачем, скажите, Биробиджану еврейский драматический народный театр? Зачем для такой маленькой общины создали еще один театр — музыкальный, камерный? Зачем? А затем, что все это коммунистическая пропаганда... В конечном счете получается, что «у советов» плохо, когда чего-либо нет, и плохо, когда это есть, плохо, когда есть мало, и плохо, когда есть много...

Давайте на минуту допустим, что благодаря какому-то чуду мы научились понимать язык летучих мышей. Что означают издающиеся ими на пропыленных чердаках звуки, обращенные к летающим в голубом небе птицам? В глазах летучих мышей жизнь птиц — вздор...

Вот что писал о местной общине буржуазный писатель Яков Гладштейн, незадолго до своей кончины: «Тридцать лет назад, то есть в канун второй мировой войны, в Калифорнии жили сто пятьдесят тысяч евреев, и Калифорния тогда похвалялась собственной еврейской газетой, а также еженедельниками. Спустя десять лет, то есть в конце сороковых и в начале пятидесятых годов, Калифорния имела уже полмиллиона евреев, но газет для них совсем не стало, кроме одного английского еженедельника, в котором осталась еврейская страница, как напоминание о прошлом».. В настоящее время еврейского населения Лос-Анджелеса (как сказано, 600 тысяч человек) хватило бы на целый город, гораздо больший, чем Тель-Авив, население которого около четырехсот тысяч человек, и в этом городе, в Лос-Анджелесе, нет уже сегодня и одной-единственной еврейской страницы в единственном еженедельнике для евреев — исчезло даже напоминание о прошлом.

Говоря прямо, в Лос-Анджелесе сегодня нет никакой культурной еврейской жизни в подлинном смысле этого слова. Такой трагический итог складывался на протяжении многих лет. Во время моего первого пребывания в Лос-Анджелесе ныне покойная еврейская публицистка Гина Мэдэм подарила мне сборник под названием «Калифорнийские тетради». Несколько еврейских писателей и журналистов Лос-Анд-

пионера Гарри Айзмана (люди тридцатых годов помнят, как во многих городах мира, а в Советском Союзе буквально в каждом городе, в каждом селе и поселке, происходили одно время массовые демонстрации с требованием освободить из американской тюрьмы юного пионера Гарри, а когда мировая общественность добилась этого, красные галстуки советской столицы встретили на Красной площади юного героя, прибывшего после освобождения из тюрьмы в нашу страну).

Оказывается, Идит Бэк — родная сестра Гарри Айзмана... Когда я пишу эти строки, сердце щемит у меня: вернувшись из Америки, я встретился с Гарри Айзманом и передал ему привет от сестры, а спустя две недели он умер от инфаркта. Идит прилетела в Москву на его похороны. Ее прощальное слово у могилы брата было опубликовано в «Комсомольской правде» и «Советиш геймланд». Она сказала:

— В холодную туманную ночь вся наша семья и тысячи друзей пришли в нью-йоркский порт тебя провожать. Мы смотрели со слезами на глазах, как пароход увозит тебя навстречу незнакомой жизни. Мы кричали, пели, плакали, а ты на палубе также пел что-то, и мы прислушивались к твоему голосу, пока пароход не исчез за горизонтом.

— Советский Союз, советские пионеры тепло тебя встретили, дали жилье, дали образование, защитили от беды. Здесь ты нашел свое счастье: жену, дочь, внуков. И навсегда остался в рядах пионеров. Ты ответил на доверие доверием, на любовь любовью. Когда Гитлер напал на твою новую родину, ты ушел защищать ее. Ты не выпустил из рук винтовку до того дня, когда пробил час победы.

— У тебя было еще одно оружие, пламенное слово коммуниста, журналиста, общественного деятеля...

Идит Бэк — английская поэтесса. Когда я пришел к ней в гости, она подарила мне недавно изданный сборник своих стихов. Хороший вечер я провел в ее прекрасном доме. Вместе со мной и Алексом Колкиным были там еще шестьдесят человек. Целый «митинг», как любят говорить в Америке...

У Макса Гитлина, которого мы посетили через пару дней, были в гостях самые близкие друзья. Кроме его сына Герберта, мы застали за столом Лазаря Карелица с супругой, Галинских и др. Мы выпили в честь дня рождения Гитлина. За те два часа, что мы провели в Хенкок Отеле, было рассказано столько любопытных калифорнийских сюжетов, что я не все успел записать. Вот, например, не знал я, что артист, игравший в девятнадцати кинофильмах роль Тарзана — Джонни Вейсмюлер, — был раньше профессиональным спортсменом, и во время олимпийских игр 1924 и 1928 годов он выиграл медали в плавательных бассейнах. На старости лет ему втемяшилось в голову остаться до конца дней своих Тарзаном, и Лос-Анджелес тяжко страдает от этого, ибо он издает свои знаменитые тарзанские крики, пугая детей. На этом основании лос-анджелесский суд вынес заключение, что Джонни Вейсмюллер потерял рассудок, и к нему представлена в качестве опекуна его шестая по счету жена — Мария Вейсмюллер.

Как вам нравится эта история?

Один из гостей Гитлина показал мне вырезку из нью-йоркской обскурантистской газеты «Алгемейнер журнал». Это — объявление калифорнийского похоронного общества. Сообщается, что в заведении похоронщиков имеются специалисты по транспортировке покойников в Израиль за доступные цены. У нас в Москве такие объявления помещаются в юмористическом журнале «Крокодил». Америка, однако, не любит попусту скалить зубы. В Америке делают деньги. И если деньги можно делать от транспортировки покойников в Эрец-Исроел, так почему бы и нет?

19. Кто виноват?

Коль скоро речь зашла о забавном, то заглянем с вами в одну маленькую заметку, опубликованную еврейским писателем из Лос-Анджелеса И.-А. Ронгчем. Уважаемый автор сообщает своим читателям, что в его городе имеются шесть клубов, примыкающих к женскому движению имени Эммы Лазарус.

Прежде чем коснуться этого вопроса, необходимо разъяснить, что такое еврейский клуб в Соединенных Штатах Америки. В Советском Союзе, как известно, клубом называется помещение, где собираются люди, чтобы посмотреть спектакль, концерт, кинофильм, выслушать лекцию, почитать газету, поиграть в биллиард, в шахматы; молодежь танцует, любители политики спорят... В клубе работают кружки — вокальный, драматический, хореографический, музыкальный... В первое десятилетие после революции существовали у нас *национальные* клубы, теперь советские люди настолько едины, что граждане всех наций на заводе, в колхозе проводят в клубе

ты, еврей-пролетарий Эдельштадта, Бовшовера, Винчевского, Рейзена[1], революционный пролетарий поколения Ольгина?[2] Поднялся на ступеньку выше? Но что значит выше? «Выше» — к мелкому буржуа? На одной ноге — да из класса в класс... Отказался от классовой борьбы, перебрался на теплую сторону к классу противоположному?..

Да, такова, к сожалению, правда о нынешней жизни некоторой части эмигрантского поколения. Необходимо сказать правду! Я знаю, что мои слова вызовут припадок злости у бессовестных ренегатов. Но это не имеет никакого значения. Известно, что под видом *пролетариев на пенсии* выступают *бывшие пролетарии* — нынешние мещане. Пролетарий, достигший пожилого возраста, остается сыном своего класса. Пролетарии не уходят на пенсию от своего образа жизни и от своего образа мышления. Те, которые мыслят и поступают вопреки этому, являются не идейными пенсионерами, а идейными перерожденцами.

Итак, Америка разделена на штаты. Каждый штат имеет свою столицу. В каждой столице есть капитолий.

В Сакраменто, стольном городе Калифорнии, на местном капитолии выбиты слова: «Бринг ми мэн ту мэтч май маунтанс» — принеси мне таких людей, чтобы они были под стать моим горам. Вот в каком образном и возвышенном стиле говорила золотая Калифорния в ее романтический период! Люди под стать горам... Не всякому дано сдвинуть их с места или повернуть в другую сторону, к ним не пристанет ни пыль, ни грязь! Люди, как горы...

Люди, с которыми я уже успел встретиться в Лос-Анджелесе — масштабные и стойкие, как калифорнийские горы. Именно такими я вижу и двух моих новых знакомых — Макса Гитлина и Идит Бэк.

В Москве мне часто приходилось читать письма, которые калифорнийский старожил Макс Гитлин часто посылает в редакцию журнала «Советиш геймланд». В каждом письме постскриптум: «У меня плохо со зрением, и поэтому я диктую моему другу М. Карелицу, а он пишет своей рукой»... Письма эти являются по существу полемическими статьями, написанными по всем правилам этого жанра — в сжатом стиле, с «тезисами» и «антитезисами», с «давайте посмотрим, что говорят они» и «приводим наши возражения и аргументы». Письма-статьи Гитлина печатаются в журнале «Советиш геймланд», в газете израильских коммунистов «Дер вег». Это серьезные и мужественные выступления читателя против современного ревизионизма, захлестнувшего еврейскую прессу. Особенно решительно и быстро реагирует Гитлин на антисоветские выходки нью-йоркских отступников от прогрессивного движения. Когда в Москву приходит газета с их нападками, мы уже ищем в свежей почте письмо Гитлина. Это не вызывало бы ни у кого удивления — дружба к Советскому Союза стала у американских еврейских народных масс традицией, — если бы в последнее время не участились и примеры политического отступничества и трусости в среде недавно еще прогрессивных деятелей.

О такого рода деятелях писал Сэм Липцин: «Я знаю человека, у которого «да» — не да, а «нет» — не нет. «Да» и «Нет» имеют у него одинаковый смысл... Он всегда качает головой вверх-вниз и в обе стороны. Попробуй угадай, какое его суждение... У другого моего знакомого «да» — всегда «нет», и наоборот».

На политическом языке можно сказать о некоторых деятелях, встречающихся ныне на западе: друзьями Советского Союза они являются, когда представляется возможным проявить дружбу с глазу на глаз, без свидетелей. Стоит только кому-либо оказаться поблизости, как они, боясь, что их дружба с Советским Союзом станет достоянием гласности, меняются в лице, и язык у них начинает заплетаться...

Мои новые знакомые в Лос-Анджелесе — Макс Гитлин и Идит Бэк — это люди основательного, дальновидного, ни в коем случае не своекорыстного мироощущения. Они вышли из глубин народа, характер у них простой, и мне хорошо с ними Мне — советскому гражданину, и им — американским гражданам есть о чем потолковать. Они не ставят условий: Советский Союз заслужит нашего одобрения, если он поступит так, как нам нравится... Они верят в принципы. Они скромны, когда дают советы.

Идит Бэк, напомню, это та самая бескомпромиссная женщина, чей напечатанный в газете протест против изменившейся политической платформы некоторых деятелей показали мне в Нью-Йорке на встрече с прогрессивными еврейскими активистами. Теперь, когда я побывал в гостях у нее дома, всплыла одна частность: оба мы имеем в Москве «общего знакомого» — легендарного в тридцатые годы американского

---

[1] Д. Эдельштадт, И. Бовшовер, М. Винчевский, А. Рейзен — первые еврейские пролетарские поэты, жившие в Америке.

[2] М. Ольгин — один из руководителей революционного движения 20—30 гг. в еврейской среде в США.

11*

(Рига). В разделе «Найденные рукописи» публикуются записки Н. Ойслендера о зачинателе советской еврейской поэзии Ошере Шварцмане. В этом материале ощущается дыхание тех же героических свершений, когда народы молодой Советской России боролись против белогвардейщины и интервентов. Гражданским пафосом отличаются и помещенные в номере стихи Р. Балясной (Киев), М. Лифшица (Москва).

Журнал отмечает три знаменательные даты: 100-летие со дня рождения одного из крупнейших советских еврейских литературоведов М. Литвакова, 90-летие поэта-фронтовика А. Кушнирова и 70-летие израильского поэта-коммуниста П. Бинецкого. Читатели ознакомятся с малоизвестными произведениями этих мастеров слова.

В отделе публицистики помещена статья Н. Слепова «В борьбе за мир, демократию и социальный прогресс. К шестидесятилетию образования Коммунистической партии Израиля». Приводя данные об историческом пути КПИ, ее мужественной борьбы за интересы народов Израиля, за мир и социальную справедливость, против сионизма и реакции, автор статьи пишет: «Израильские коммунисты являются искренними друзьями Страны Советов. Они активно пропагандируют опыт социалистического строительства в СССР, его миролюбивую внешнюю политику, дают высокую оценку позиции КПСС, Советского государства в вопросах ближневосточного урегулирования...»

Уран Гуральник (Москва) выступает в критической рубрике этого номера со статьей «Трибуна советских литературоведов» — о журнале «Вопросы литературы». Особое внимание автор уделяет разработке в этом ежемесячнике проблем развития национальных литератур.

В номере помещены традиционные рубрики: «Из литературной жизни зарубежных литератур», «Уголок общественного распространителя «Советиш геймланд», «Это интересно», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш». Завершается номер народной песней «Колыбельная».

Продолжается публикация путевых заметок А. Вергелиса (Москва).

Арон Вергелис

Пятнадцать лет спустя

18. Идит Бэк. Макс Гитлин

Америка разделена на штаты. Ее географическая карта сложена из сорока восьми лоскутиков. Сорок девятый — это Аляска по ту сторону Канады, а пятидесятый появился, когда жители Гавайских островов «по собственному желанию» прирезали свой океан к реке Потомак. Линии на карте — прямые. Рука, их начертившая, следовала, вероятно, за линейкой, а не за неровностями земли. Так маленькие девочки чертят мелом на асфальте, или щепкой по земле, свои «классики», чтобы играть в них — прыгать на одной ноге из «класса» в «класс».

Кстати, если вам угодно, продолжим сравнение — упомянем, например, что перепрыгивание из одного класса в другой для многих граждан Америки не игра, а смысл жизни. Особенно наглядно, кажется мне, можно это наблюдать в «еврейской Америке». Куда вы подевались, евреи-рабочие потогонных мастерских? Где

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская Родина»)
№ 2, февраль, 1980

Приближающейся знаменательной дате — 110-летию со дня рождения Владимира Ильича Ленина — посвящены в этом номере «Советиш геймланд» два материала. Номер открывается воспоминаниями А. Либермана (Ленинград), которому посчастливилось слушать выступление в Таврическом дворце вождя Октябрьской революции, имея поручение сделать живую запись этого выступления. Продолжается также публикация материалов из цикла «Бойцы ленинской гвардии». Р. Немировская (Москва) рассказывает в документальном очерке «Партийный стаж — 75 лет» о З. Рывкине, прошедшем славный путь от сына бедняка в «черте оседлости» до бесстрашного революционера-ленинца.

«Я помню, как впервые, совсем еще ребенком, пошел на заработки, — вспоминал З. О. Рывкин в статье, напечатанной в журнале «Дошкольное воспитание». — У меня буквально истлела одежда, и мне нужны были деньги, чтобы в чем-то выходить из дому. И в этот день, когда я получил свои первые заработанные деньги, умер отец. Одежды я так себе и не купил, иначе не на что было похоронить отца».

Автор очерка продолжает: «Так тринадцатилетнему Залману пришлось начать трудовую жизнь. Дальнейшее образование его продолжалось в тюрьмах... В девятнадцать лет З. О. Рывкин становится профессиональным революционером. Очень тепло рассказывает о нем Татьяна Федоровна Людвинская, член партии с 1903 г. Она познакомилась с Рывкиным в 1905 году. И уже в те годы Рывкин поразил ее талантом конспиратора...»

Очерк кончается следующими строками: «З. О. Рывкин прожил долгую жизнь... Родина высоко оценила его заслуги: он был награжден орденами «Красной звезды», «Трудового Красного Знамени», «Знака Почета», многими медалями. Но есть еще одна награда — это память человеческая, благодарность поколений тем, первым, которых история назвала ленинской гвардией большевиков»...

К материалам о знаменательной дате примыкают в тематическом отношении очерки постоянных авторов журнала: В. Верника (Киев) — «Пропагандист», П. Кагана и А. Рабиновича (Москва) — «Всегда на передовой линии», Л. Помянского (Москва) — «Солнечные блики», Б. и А. Бурштейнов (Пермь) — «Солдат». Современное звучание имеет также художественная проза, помещенная в этом номере «Советиш геймланд»: рассказы К. Косого (Винница) «Ссора», Т. Гена (Москва) «Старый шкаф», прозаические миниатюры И. Шулькиной

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.XI.1979. Подписано к печати 18.I.1980 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,07). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1782.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1980 г.

Цена 50 коп
7082

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 110-летию со дня рождения В. И. Ленина.
А. Либерман. В Таврическом дворце.
Р. Немировская. Боец Ленинской гвардии.
Очерки наших дней. В. Верник. Партийный пропагандист; П. Каган, А. Рабинович. Всегда на передовой линии; Л. Помянский. Солнечные зайчики; Б. и А. Бурштейн. Солдат.
Стихи Р. Балясной, М. Лифшица.
Рассказы Т. Гена, Г. Косого, И. Шулькиной.
Публицистика. Н. Слепов. К 60-летию коммунистической партии Израиля.
А. Вергелис. Пятнадцать лет спустя (путевые заметки, окончание).
Литературная критика. У. Гуральник. Листая журнал «Вопросы литературы».
Х. Бейдер. Экслибрис Шолом-Алейхема.
Найденные рукописи. Н. Ойслендер. Очерк жизни и творчества поэта Ошера Шварцмана.
Почта «Советиш геймланд». Это интересно. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. В помощь изучающим идиш.
Резюме на русском и английском языках.

1980

№ 2